STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04174

PEN PROFILN

Gabriel Waisman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צום פריינד
משה בעסלער

גבריאל וויסמאַן
פען פראָפילן

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פונעם אליעזר פּינעס־פאָנד
און פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין תל־אביב

גבריאל ווייסמאן

פען פראפילן

עסייען

פאַרלאַג „פריינד"

תל-אביב, ישראל, 1978

גבריאל וייסמן / רישומים ודיוקנאות
(מסות על יוצרים ויצירותיהם)

GABRIEL WAISMAN
PEN PROFILES

Printed in Israel, 1978
נדפס בישראל, תשל"ח

הילע געצייכנט: דוד טושינסקי

©
Copyright by G. WAISMAN
2, NAHSHON ST.
RAMAT-GAN 52315, ISRAEL

דפוס „אורלי", עקיבא איגר 8, תל־אביב

גבריאל ווייסמאַן — געצייכנט: מיכאַל מילבערגער

דעם אָנדענק

מיין טאַטן שמשון
מיין מאַמען גיטל-לאה
מיין ברודער יעקל
זיין פרוי גאָלדע
זייער דריי קינדער:
נחהלע, פייגעלע און יאַנקעלע
מיין ברודער שמואל
זיין פרוי שיינדל
זייערע צוויי קינדער:
איטקעלע און מרימל
מיין שוועסטער צירל
מיין שוואָגער פנחס מאַנדעל
מיין שוויגער גיטעלע

אינהאַלט:

א וואָרט פון מחבר 9
יצחק באַשעווים 11
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי 16
יאָסל בירשטיין 21
חיים בעז 25
הערץ בערגנער 28
ש. בערלינסקי 32
מרדכי וו. בערנשטיין 37
י. ד. בערקאָוויטש 40
בערנאַרד גאָלדשטיין 44
משה דוד גיסער 48
א. גלאַנץ-לעיעלעס 53
משה דלוזשנאָווסקי 55
ב. דעמבלין 58
פערל האַלטער 62
אברהם זאַק 65
י. י. טרונק 68
דניאל טשאַרני 74
י. ל. כהן 79
ל. לאַסאַווין 84
מלכה לי 91
מאַני לייב 94
ה. לייוויק 97
איציק מאַנגער 101
יואל מאַסטבוים 106
נ. ב. מינקאָוו 110
ה. ד. נאָמבערג 114
שמואל ניגער 117
פראָפ' דב סדן 122
אברהם סוצקעווער 127
ד״ר שלמה סימאָן 134
יעקב פּאַט 138
יצחק פּאַנער 144
י. פּאַפּיערניקאָוו 146
א. מ. פוקס 151
חיים לייב פוקס 155
י. פינער 157
יעקב פרידמאַן 166
יצחק קאַהאַן 169
ח. ש. קאַזדאַן 172
רבקה קאָפּע 176
משה קנאַפּהייס 179
יעקב קענער 183
מ. צאַנין 186
יעקב צעלעמענסקי 188
א. א. ראָבאַק 193
דוד ראָדין 198
מלך ראַוויטש 200
מנוחה ראַם 203
יוסף רובינשטיין 207
יעקב צבי שאַרגעל 215
ד״ר אליהו שולמאַן 221
בנימין שלעווין 226
ב. שעפנער 230
ישעיהו שפיגל 234
באַשטייערער 238

אַ וואָרט פון מחבר:

לכתחילה האָב איך פּלאַנירט אַרויסצוגעבן איין בוך וועגן שרייבער און איין בוך וועגן מאָלער. אָבער ביים אויסדרן דעם מאַטעריאַל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז אַזוי גרויס, אַז עס פאָדערט זיך — פאַר יעדן פון זיי — נאָך אַ באַנד. אַ סך מניעות און פּראָבלעמען האָבן זיך געשטעלט אין וועג. קודם־כל: וועמען אַריינגעמען אינעם ערשטן באַנד און וועמען איבערלאָזן פאַרן צווייטן, אַז דער איז מיר טייער און יענער איז מיר ליב. האָב איך אויסגעקליבן אַ גרונט־פּרינציפּ: אַריינגעמען די מחברים, וועלכע שפּיגלען־אָפּ אין זייערע ווערק די אַלע עליות און ירידות אינעם יידישן לעבן — דעם גאָלדענעם עבר: לעבנס־שטייגער; געראַנגלען, קאַמפן און דערגרייכונגען; דאָס שעפערישע און גייסטיקע לעבן, וואָס האָט זיך צערוישט — דעם העכסטן באַרג־אַרויף; און ליידער — די שקיעה, אונדזער נאַציאָנאַלן חורבן בימי היטלער; לסוף — דעם אויפקום פון מדינת ישראל.

די צווייטע מניעה: וועמען געבן. פּאָעטן? עסייאיסטן? נאָוועליסטן? — דערפון דער טיטל „פּען־פּראָפילן” וואָס באַרעכטיקט זיי צו הויזן אונטער איין דאַך. אַלע זיי צוזאַמען נעמען־אַרום הן די פריער־דערמאָנטע תקופות והן שאַפן זיי דאָס פאָוועדיקע בילד פון אַלע ליטעראַרישע זשאַנערס.

די מערסטע עסייען אינעם איצטיקן בוך, זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין אַ ריי צייטונגען, זשורנאַלן און זאַמלביכער. דאָס אָוועקגעשטעלטע יאָר ביי יעדער אַרבעט, גיט דעם שליסל צו דערפילן דעם פּולס, די אַטמאָספער און צייט ווען די עסייען זענען געשריבן געוואָרן, ממילא פאַרלייכטערט דאָס בעסער און ריכטיקער צו פאַרשטיין דעם באַהאַנדלטן מחבר. בנוגע די מחברים וועלכע לעבן שוין נישט, צו אונדזער גרויסן צער, האָב איך זיי געגעבן ווי זיי וואָלטן געלעבט. און דאָס איז דאָך לעגיטים, מחמת זיי אַלע וועלן אייביק לעבן אין דער שיינער יידישער ליטעראַטור.

איך נעם אין חשבון צוויי פאַקטן:

אַ סך פון די וואָס קומען אַריין אין איצטיקן באַנד, האָבן במשך די לעצטע יאָרן אַרויסגעגעבן גרויסע ווערק;

וועגן אַ ריי קאָלעגן האָב איך גרייט גרעסערע נאָטיצן, צומאָל פאַרטיקע עסייען, — אַלע זיי וועלן אַריינקומען אין צווייטן באַנד וואָס וועט, לויט מיין בעסטן ווילן, נישט לאָזן אויף זיך וואַרטן אַזוי לאַנג, ווי דער ערשטער באַנד...

ביים שרייבן מיינע עסייען האָב איך זיך אויסגעהיטן פון צופיל סופּערלאַטיוון, אויסגעמיטן השערות און סברות, וואָס זאָלן קאָמפּליצירן, נאָר באַמיט זיך, ווי ווייט מעגלעך, צו שרייבן קלאָר און דירעקט. נאָר אויב בין איך פאַרט, דאָ און דאָרט, אַוועק אויף אַ זייטיקן וועג, איז עס נאָר כדי עפּעס אויסצוקלאָרן, כדי דער לייענער זאָל פאַרשטיין דעם מחבר און זיין ווערק.

מיט דעם־אַ געפיל גיב איך איבער מיין בוך אין די הענט פונעם לייענער — דעם שופט עליון, אויף וועמען מען קאָן זיך סומך זיין.

דאָס אַרויסגעבן מיין בוך איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק די אַלע דערמאָנטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי אויך אַ דאַנק די אַלע באַשטייערער.

זיי אַלע זענען מיינע בעסטע פריינד. דערפון דער נאָמען פון פאַרלאַג.

יצחק באַשעוויס

„מיין טאַטנס בית־דין־שטוב" — 1956

מיט בערך 30 יאָר צוריק האָט די יידישע ליטעראַטור צובאַקומען אַ קערנדיקן פּראָזאַיקער — יצחק באַשעוויס. דער עיקר האָט ער זיך דעמאָלט לעגיטימירט מיט זיינס אַ דערציילונג „איינּיקלעך", וואָס איז געווען — ווי עס באַמבלט זיך מיר עד היום אין זכרון — דאָס שיינדל פון די „וואַרשעווער שריפטן".

היינט קען אים דער יידישער לייענער פון זיינע עטלעכע וואָגיקע ביכער. צווישן זיי — „דער שטן פון גאָריי" און „פאַמיליע מושקאַט".

יצחק באַשעוויס איז געבוירן ביי טיף־רעליגיעזע עלטערן. סיי זיין פאָטער און סיי זיין מוטער האָבן געצויגן זייער יחוס־קייט פון סאַמע רבנים, לומדים און גוטע־יידן.

זיין פאָטער איז געווען אַ מורה־הוראה, ריכטיקער: אַ ווינקל־מורה־הוראה אויף קראָכמאַלנע גאַס — וואַרשעס אָרעמסטע גאַס.

אַמאָל האָט די בית־דין־שטוב געשפּילט ביי יידן אַ גרעסערע ראָלע ווי דאָס געריכט, מחמת אין בית־דין־שטוב האָט מען געקאָנט סיי אַרויסרעדן זיך פריי — און טאַקע אויף מאַמע־לשון — און סיי דער פּסק־דין איז אָפט אויסגעפאַלן אַ מער יושרדיקער. דעם שרייבער פון די שורות זענען באַקאַנט פאַלן ווי גויים מיט יידן — אַפילו גויים מיט גויים — זענען ליבער געקומען זיך לאַדענען צום רב, ווי צו גיין אין געריכט.

בכן איז קיין חידוש נישט וואָס די בית־דין־שטוב אויף קראָכמאַלנע האָט תמיד געווימלט מיט מענטשן. ווער מיט אַ דין־תורה, ווער פרעגן אַ שאלה, שטעלן אַ חופה, גטן זיך, אָפּלאָזן אַ שידוך, שרייבן אַ צוואה און ווער סתם זיך אָראָפּרעדן פון האַרצן. נישט איינער האָט דאָ אויסגעטאָן דאָס שעם־היטל און אַראָפּדערציילט פונעם האַרצן זאַכן, וואָס האָבן יאָרנלאַנג שווער געדריקט און געקוועלט. אָט קומט אַ יידענע זיך מתוודה זיין אויף אירע זינד: מיט יאָרן צוריק האָט זי אונטערגעוואָרפן אַ ממזר. עמעץ האָט זי פאַרפירט. זי איז געווען אַן אָרעמע מויד, אַ יתומה. איצט איז זי שוין אַ באָבע. זי האָט אַלע יאָרן שווער געהאָרעוועט און זיך יאַקאָש געמאַכט פאַרגעסן איר מאַלעיער, אָבער וואָס עלטער זי ווערט, אַלץ מער מאַטערט איר דער געדאַנק, אַז זי איז אַ מאַמע פון אַ גוי. אַי — רופט

זי אויס צו דער רביצין — ווען עמעץ קאָן טאָן אַ לעק צו מיין האָרץ, וואָלט ער זיך אָפגעסמ׳ט. („דער סוד״). איז צו וועמען זאָל זי קומען מיט איר צעבראָכן געמיט? ווער וועט איר אַראָפּנעמען דעם שטיין פון האַרצן? דאָס געריכט? — ניין. בלייבט פאַר איר — ווי פאַר אַ סך פאַרשטויסענע, אומגליקלעכע און באַעוולטע — די בית־דין שטוב.

אין דער־אָ שטוב האָט זיך אַרומגעדרייט אַ קליין ייִנגל מיט אַ סאַמעטענעם היטל און מיט רויטע פּיאות און אַלץ צוגעזען, אַלץ אונטערגעהערט. שעהנלאַנג האָט ער געקאָנט אַזוי שטיין הינטער דער טיר מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און זיך צוהערן צו די פאַרשידענע לאַדעניש, צו די שטילע סודות און שעפּטשערייען, וואָס זענען אָפט איבערגעגאַנגען צו געשרייען און קללות; צו די חניפה־רייד און צו די זידלערייען און שנידלערייען פון די צדדים, און צום פאָטערס ערלעכע מוסר־רייד, וואָס האָבן נישט איינמאָל פאַרטריבן מענטשלעכע קליינלעכקייטן, פוסטע אַמביציעס און גרויסהאַלטעריי.

דאָס דאָזיקע ייִנגל האָט זיך גוט צוגעקוקט צו די אַלע פאַרשוינען און גיך דערפילט, אַז ביי זיי איז איין טריט פון גראָבקייט ביז איידלקייט, פון קריכן אין די ביינער ביז קוצעניו־מוצעניו, פון קושן זיך ביז פאַטשן זיך — מען רעדט וואָס מען מיינט נישט. דאָס אַלץ איז אים פאָרגעקומען מאָדנע אויסטערליש. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט ספקות, רעיונות און פראַגעס. פראַגעס, וואָס האָבן אים געמאַטערט און אַנגעפילט מיט פיינלעכן אומרו, אָבער פרעגן איז נישט געווען ביי וועמען, ווייל די עלטערע האָבן איין ענטפער: „ס׳איז נישט פאַר קיין ייִנגל. וועסט עלטער ווערן, וועסטו אַליין פאַרשטיין״.

אַ דאַנק דעם צוקוקן זיך און אונטערהערן זיך פונעם דאָזיקן ייִנגל — וואָס פון אים איז אויסגעוואַקסן דער מחבר יצחק באַשעוויס — האָבן מיר איצט אַ מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין אַ סך אומבאַקאַנטע ווינקלען פון דער מענטשלעכער נשמה.

באַשעוויס באַקענט אונדז מיט די אַלע מענטשן, וואָס זענען אַדורך זייער שטוב. צוערשט מאָלט ער אויס זייער אויסזען, הלבשה, כאַראַקטער און דאַן ערשט לאָזט ער זיי רעדן. אַ טייל פון זיי דערציילן פּשוט, זאַכלעך, שטיל און מיט אַ טאַלק; אַנדערע טומלען, רעשן, פּלאָנטערן מיטן צונג, זאָגן ליגנט, שווערן זיך; נאָך אַנדערע זידלען, שעלטן, רעדן אָרדינערע גראָבע רייד, פון וועלכע אַ קאָזאַק קאָן רויט ווערן. און זיין פאָטער, וואָס איז כל ימיו אַריינגעטאָן אין די הייליקע ספרים מוז דאָס אַלץ אויסהערן און נאָך איינשטילן זייערע צעהיצטע געמיטער מיט זיינע עטישע רייד, וואָס האָבן אָפט געמאַכט אויס קאָנפליקט, אויס דין־תורה.

אין ס׳רוב פאַלן מישט זיך דער מחבר נישט אַריין אין די רייד פון זיינע העלדן. ער גיט אויך נישט צו זיינע אויסטייטשונגען און קאָמענטאַרן, נאָר ער לאָזט זיי רעדן, ווי זיי רעדן — אָן פליטערלעך, און דערציילן, ווי זיי דערציילן — דעם אמת. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז דאָס איז דער זעלבער

אמת, צו וועלכן טשעכאָווס טשינאָווניק האָט זיך דערטראַכט: אַז זומער איז וואַרעם און ווינטער — קאַלט. נייך, באַשעוויסעס העלדן רעדן זיך אַראָפּ ביזן דעק פונעם האַרצן. מיר האָבן דאָ, אַזוי אַרום, מערער אינעווייניקסטע איבערלעבענישן, ווי דרויסנדיקע געשעענישן.

די דאָזיקע פּרייקייט, וואָס באַשעוויס גיט זיינע פּאַרשוינען, פּאַרשאַפט דעם לייענער אַ צווייאיקע הנאה: ערשטנס, ווייל ער באַקומט דעם מאַטעריאַל אוממיטלבאַר, ד. ה. — דירעקט פונעם העלדס מויל; און צווייטנס, צווינגט דאָס אים צו צעוויקלען דעם כוח־הדימיון, די פאַנטאַזיע. די־אַ פרייקייט בינדט־צו דעם לייענער צום מחברס אימאַגינאַרער וועלט.

כדי אַנטקעגנצושטעלן דאָס שלעכטע מיטן גוטן, די צביעות מיט דער ערלעכקייט, בויט באַשעוויס זיינע דערציילונגען אויף קאָנטראַסטן. אויב ער ווייזט אונדז — פון איין זייט — צוויי געזונטע יונגע מענטשן, וועלכע ווילן בשום אופן נישט אַרבעטן, נישט טאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער, נאָר רק זיך פאַרלייגט אויף יענעמען, בלויז אין זכות פון דעם, וואָס זיי זענען דעם קלעמעניצער רבינס אור־אור אייניקלעך („אייניקלעך"); שטעלט ער אונדז — פון דער צווייטער זייט — אַוועק אַ מיזערנע, דאַר גויעלע, אַ וועשין, וואָס האָט נאָענט ביז די אַכציקער אָפּגעאַרבעט אַ שווער, ביטער, אָבער ערלעך לעבן („די וועשין"). באַשעוויס מאַכט דאָ אומגעריכט אַ כאַראַקטעריסטישן אויספיר: „איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן דעם גן־עדן אָן דער דאָזיקער וועשין". אגב, האָט באַשעוויס געירשנט דעם דאָזיקן יושר־שטריך פון זיין פאָטער, וועלכער גיט פלוצלינג אַ זאָג: „איין צעבראָכן האַרץ איז ביים אויבערשטן מער ווערט ווי דרייסיק זיידענע זשופּיצעס..." (זייט 86).

אין אַן אַנדערער דערציילונג גייען פאַרביי בוררים, רבנים, וואָס כלומרשט זענען זייערע אויגן פאַרגלאָצט צום הימל, אָבער אין דער אמתן זענען זיי אַריינגעטאָן אין אַלע פאַרגעניגנס פון עולם הזה... און באַרלי זיי ווייסן דוויל ווער עס איז גערעכט, קאָנען זיי אָבער מיט זייערע גלאַטע ריידעלעך און כיטרע געניג מאַכן פון יענעמען אַש און פאַרעך... („אַ גרויסע דין־תורה"); להיפך צו זיי שטעלט אונדז דער מחבר אַנטקעגן אַ ר' אשר, אַ ייד אַ האָרעפּאַשניק, וואָס האָט קוים געקענט לערנען אַ פּרק משניות, אָבער אָט דער ייד איז גרייט געווען צו שטרעקן זיין לעבן פאַר יענעמען און געפירט אַ הויך עטיש לעבן („ר' אשר פון מילך־געוועלב").

אין די מערסטע דערציילונגען שילדערט באַשעוויס די דאגות און די ביטערע נויט פון די אָרעמעלייט, אביונים, קבצנים — די איינוווינער פון קראָכמאַלנע גאַס. אָבער דעם העכסטן אויסדרוק פון ווייטאָג און פּראָטעסט דריקט ער אויס אין „אַן אומהיימלעכער שאלה", וואָס איז געשריבן מיט אַזאַ עפּישער רואיקייט, מיט אַזאַ קינסטלערישער באַהערשטקייט און אַזוי פּאַדריבנע, אַז עס ווערט אומהיימלעך אויף דער נשמה. דאָס קליינע חסידל, וואָס האָט דאָס

אַלץ צוגעזען, זאָגט װעגן דעם: „עפּעס אין מיר האָט געװײנט און געפּרעגט: קאָן גאָט צוזען אַזאַ זאַך״?!!

אויף אַ צװייט אָרט פּירט באַשעװיס אַרײַן — דורך דער בית־דין טיר — אַ װיסטע קאַליקע, אַ מײדל מיט אײן פוס און אײן קוליע. די דאָזיקע קײלעכדיקע יתומה האָט אַלע אירע יאָרן אָפּגעדינט אין פרעמדע הײַזער, געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן — אַ נדן. האָט זיך געיאַװעט אַן אײדעלער יונגערמאַן, װאָס האָט געװיליקט חתונה צו האָבן מיט איר. אַ טײל מענטשן האָבן זיך געװוּנדערט. אַנדערע האָבן געזאָגט: מאַלע װאָס עס טרעפט? שוין געזען אַזעלכע זאַכן — ליבע! יאָ ליבע, נישט ליבע — דאָ איז עס נישט אַזױ. װײַל װער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז דער דאָזיקער אײדעלער יונגערמאַן, װאָס האָט זיך צוגעשאַרט צו איר מיט גלאַטע רײדעלעך, מיט זיסע צוזאָגן, אַז ער האָט זי ליב, אַז ער װעט זי אױף די הענט טראָגן, װעט גאָר עטלעכע טעג נאָך דער חופה אַנטלױפן קײן אַמעריקע און זי איבערלאָזן נאַקעט און בלױז!... מילא, די אַלע קללות, װאָס זי האָט אים נאָכגעשיקט — און דערמיט כאָטש אַביסל געקילט איר צעבראָכן האַרץ — האָבן געמעגט פאַלן אין טיפן ים אַרײַן (און אפשר טאַקע דעם שאַרלאַטאַן?!), אָבער דער „גרױסער יידישער װערטערבוך״ װעט האָבן — װי פון אַלע באַשעװיסעס העלדנס מײלער — אַ קװאַל פון װאַנען צו שעפּן.

דורך אַ סך קאַפּיטלען גײט פאַרבײַ די שטוב זײערע, װאָס איז געװען פול מיט גלײבונגען און מעשיות. גלײבונגען אין משיח, למד־װאָװ און להבדיל — אין שדים, רוחות, נישט־גוטע; און מעשיות — סאַמע נסים ונפלאות. אָט דאָס אָנהערן זיך מיט די אַלע מעשיות האָט באַפליגלט דעם מחברס פאַנטאַזיע, זײ האָבן פאַרזײט די קערנדלעך פון פילן און טראַכטן. אויך דאָס צוקוקן זיך צו די מענטשן, װאָס זענען אַדורך זײער שטוב — צו די רבײם, גוטע־יידן, לומדים, חסידים, ערלעכע לײט, האַרעפּאַשניקעס פון אײן זײט; און פון דער צװײטער: צו די צביעקעס, מאַכליאַזשעס, שװינדלער, װעקסל־פעלשער, גנבים, פאַסערס, אַלפאַנסן און זונות — אָט דער געמיש, דער צונױפטרעף פון קדושה און טומאה אין אײן שטוב, האָבן געלאָזן אין זײַן נשמה טיפע שפּורן, װעלכע געפינען דאָ און דאָרט אַן אָפּשפּיגלונג אין זײַנע װערק. אַמבולטסטן ברענגט דאָס אַרױס באַשעװיס זעלבסט, בעת ער שילדערט די אַטעליע פון אומגעקומענעם סקולפּטאָר אַסטשעגאַ, װו ער האָט צום ערשטן מאָל — נאָך דער בית־דין־שטוב — געזען לײמענע און גיפּסענע פיגורן פון נאַקעטע פרױען, און אױך מאָדעלקעס, װאָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרײט װי ס'װאָלט נאָך געװען פאַר אדמ'ס און חוה'ס עסן פון עץ הדעת: „װאָס פאַרא פלוצלינגדיקער איבערגאַנג פון מײַן טאַטנס בית־דין־שטוב צו דער דאָזיקער אַטעליע! מיר דוכט זיך טײלמאָל, אַז דער דאָזיקער איבערשפּרונג איז אין אײנקלאַנג מיט מײַן כאַראַקטער, מיט מײַן גורל, מיט מײַן שאַפן. אין מײַנע דערצײלונגען איז אױך אײן טריט פון בית־דין־שטוב

ביז נאַקעטקייט און פון נאַקעטקייט צו דער בית־דין־שטוב. איך בין געבליבן אינטערעסירט מיט לייב און לעבן אין דיביידע פאַזן פון מענטשלעכקייט״.

נאָכן באַקענען זיך מיט דער־אָ שטוב, דורך וועלכער עס גייט אויך פאַרביי באַשעוויסעס ברודער י. י. זינגער ז״ל, ווערט קלאָר, אַז נאָר אין אַזאַ אַטמאָספער האָט געקאָנט גערייען און אויפקומען אַ „יאָשע קאַלב״, און נאָר פון אַזאַ שטוב האָט געקאָנט אַרויסוואַקסן דער מחבר פון „שטן פון גאָריי״, „דער הויף״ און „מיין טאַטנס בית־דין־שטוב״.

אין „מיין טאַטנס בית־דין־שטוב״ האָבן מיר, בכן, אַ געלונגענעם סינטעז פון זכרונות מיט בעלעטריסטיק. דאָ גייען — דירעקט און אומדירעקט — פאַרביי דעם מחברס קינדער־יאָרן. באַשעוויסעס ביאָגראַף וועט אין דעם בוך געפינען גענוג מאַטעריאַל אויף צו אַנטפּלעקן באַשעוויסעס ליטעראַרישן אָנהייב, וואָס וועט אויך געבן אַ שליסל צו זיינע שפּעטערדיקע ווערק.

באַשעוויס שילדערט, ווי געזאָגט, דאָס סאַמע אים באַקאַנטסטע און נאָענטסטע. ער קען, אַזוי אַרום, גוט זיינע פאַרשוינען, זייער שפּראַך און זייער סביבה. דערפאַר אַז ער שילדערט אַ מענטשן, זעט איר אַ לעבעדיקן מענטשן; אַז ער שילדערט אַ געשעעניש, איז עס אַזוי פּריש־צאַפּלדיק, אַזוי קאָכעדיק, אַז איר נעמט דאָס אויף נישט ווי אַ דערציילונג, נייערט — ווי איר וואָלט אַליין געווען אין מיטן פון דעם אַלעם. חוץ דעם האָבן זיינע דערציילונגען אַ באַזונדערע מעלה, וואָס זיי זענען לגמרי נישט ענלעך צו זיך, נאָר יעדע פון זיי שאַפט אַ באַזונדערע, אייגנאַרטיקע וועלט. אָבער זיי אַלע צוזאַמען זענען פּראָדוקטן פון אַ באַשטימטער מיליע — די מיליע פון וואַרשעס ענגע, אָרעמע געסלעך, פון די קליינע יידישע שטעטלעך אין פּוילן.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

„חלום אין וואָר" — 1956

אין דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך ביאַלאָסטאָצקי קונה־שם געווען סיי ווי אַן ערנסטער דיכטער און סיי ווי אַ טיפער עסייאיסט. ביאַלאָסטאָצקי איז אויך באַקאַנט פון זיינע ווונדערלעכע קינדער־לידער און מעשהלעך. דערהויפּט פון זיין דערציילונג „בינעלע" — אַ מעשה מיט אַן אָרעם יינגל, וואָס לאָזט שטיין „דאָס לאַנד פון דער וואַך" און לאָזט זיך אין וועג־אַריין זוכן „דאָס לאַנד פון אייביקן יום־טוב". בינעלעס חלום פון אייביקן יום־טוב — דעם דיכטערס טיפער גלויבן אין די אַלמענטשלעכע און יידישע פריהייטס־אידעאַלן — וועבט ביאַלאָסטאָצקי אַריין אין כמעט אַלע זיינע שאַפונגען.

„חלום אין וואָר" איז געטיילט אויף פינף טיילן: 1) „די געשטאַלט פון אָרעמאַן אין יידישן ליד"; 2) „דריי טראַגיקער" (משה לייב האַלפּערן, אברהם ליעסין, י. ל. פּרץ); 3) „אין פרייד און אין טרויער" (יוסף ראָלניק, דוד איגנאַטאָוו, מנחם באָריישאָ, ב. לאַפּין, י. מאַנגער, צוויי פּראָזאַיקער פון דעם פּרץ־דור: ה. ד. נאָמבערג און י. מ. וויסענבערג; 4) „געשטאַלטן אויף איסט־בראָדוויי" (אייזיק הורוויטש, ד"ר נחמן סירקין, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, אב. קאַהאַן, ז. ליבין, ב. באָראַכאָוו, א. ליטווין, ברוך־טשאַרני־וולאַדעק; 5) „אין די טעג פון בראשית" (מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער, שמעון פרוג).

פונעם אינהאַלט איז צו זען, אַז ביאַלאָסטאָצקיס אַרבעטן האָבן דער עיקר צו טאָן מיט דער יידישער פּאָעזיע. און הגם דער מחבר רעדט דאָ צום מייִנסטן אַרום וועגן די יידישע פּאָעטן אין צפון־אַמעריקע, „טשעפּעט" ער אָבער צו צום לאַנגן צוג פון דער צעבליטער פּאָעזיע אין צפון־אַמעריקע, אויך די שאַפונגען פון אַלע יידישע ישובים. דער לייענער האָט פאַר זיך, אַזוי אַרום, דאָס גרויסע בילד פון כמעט דער גאַנצער יידישער פּאָעזיע.

אין פלוג זעען אויס די פינף אָפּטיילן צו זיין באַזונדערע, אָפּגעשלאָסענע עסייען, אין דער אמתן אָבער ציט זיך איבערן גאַנצן בוך אַ פאָדעם, וואָס

פאַרבינדט זיי אַלעמען. דער פאָדעם: יידיש. יידיש פאָלק, יידישע עטיק, יידישע בענקשאַפט, אינטעגראַלקייט פון יידישן שאַפן — רוף צו המשך!

זיין ערשטע עסיי — „די געשטאַלט פון אָרעמאַן אין יידישן ליד״ — איז אַ קווערשניט דורך דער יידישער פּאָעזיע פון די טעג פון ווינטשעווסקי־ראָזנפעלד־עדעלשטאַט־פרוג ביז צו די היינטיקע טעג.

אין זיינע קינדער־יאָרן — שרייבט דער מחבר — האָט ער געהאַט אַ טבע שטאַרק נאָכצוקוקן די אָרעמעלייט. ער האָט זיך צוגעקוקט צו זייער הילוך, צו זייערע גענג, צו זייערע פּירעכצער, וויל... זיין באָבע חנה האָט אים דערציילט, אַז אליהו הנביא, וואָס קומט מיט הילף צו אָרעמע אלמנות און יתומים, קען זיך אַליין גאָר פאַרשטעלן פאַר אַן אָרעמאַן. נו, איז ער, אַ קליין־יינגעלע, געשטאַנען און נאָכגעקוקט יעדן אָרעמאַן: אפשר?...

ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן ווען ער האָט דעם זעלבן אָרעמאַן דערנאָך דערזען אין דעם ביכל אויף מאַמע־לשון, וואָס זיין מומע דבורה, די זאָקנשטריקערין, האָט גענומען ביי אַ מוכר־ספרים. ער האָט אים דערזען אין מענדעלעס „פישקע דער קרומער״, אין שלום עליכמ׳ס „ראַבטשיק״, אין אברהם רייזינס „העמערל, העמערל קלאַפּ״, אין מאָריס ווינטשעווסקיס „דאָס העמד״ און — דאָס האָט אים דערפירט צו דער דאָזיקער שטודיע. כלומרשט: אַ שטודיע וועגן אָרעמאַן אין יידישן ליד, אָבער אין דער אמתן איז די געשטאַלט פון אָרעמאַן נאָר אַן אָנשפּאַר, ריכטיקער: די קאַנווע אויף צו מאָלן דעם אָרום, דעם גאַנג צום אָרעמאַן. און דער גאַנג צום אָרעמאַן מיינט: העלפן אים. העלפן דעם הונגעריקן, ליידנדיקן און באַוועלהטן מענטשן. אין ברייטערן זין מיינט דאָס — שטעלן זיך אויף דער זייט פון געקריוודעטן, במילא טראָגט דאָס אין זיך דעם רוף צו סאָציאַלן יושר, צו גערעכטיקייט.

ס׳איז, בכן, קיין חידוש נישט, וואָס דער אָרעמאַן־מאָטיוו, געבונדן מיט סאָציאַלן יושר, און צומאָל — לויטן פאָלקס־דמיון — מיט גאולה־בענקשאַפט, באַווייזט זיך אַזוי אָפט אין די שאַפונגען פון אונדזערע גרויסע דיכטער. ווער קען דען נישט מאַני לייב׳ס וווּנדערלעכע באַלאַדע „דער פרעמדער״, וואָס שאַרט זיך ביי די ווענט אין אַ קאַלטער און פינצטערער נאַכט און קלאַפּט־אָן אין די טיר פון רייכן פּאַלאַץ, אָבער דאָרטן לאָזט מען דעם פרעמדן נישט אַריין, אָבער דער אָרעמאַן פון קליינעם שטיבעלע עפנט ברייט די טיר פאַרן מידן וואַנדערער און זאָגט מיט ליבשאַפט:

— פרעמדער, פרעמדער קום אַריין,
וועסט מיין גוטער אורח זיין.

און דאָ געשעט אַ וווּנדער: דער רייכער געגרייטער טיש פון דעם פּאַלאַץ, ווערט כהרף־עין אַריבערגעטראָגן גלייך אין אָרעמען שטיבל:

— און עס ווערט אַליין דער טיש,
פול מיט טעלער, פלייש און פיש,

און מיט חלות און מיט ברויט,
ווי אויף יום־טוב צוגעגרייט.

דער זעלבער „פרעמדער״ באַווייזט זיך אויך אין דער וויזיע ביי אונדזער גרויסן מאָדערנעם ליריקער־באַלאַדיסט איציק מאַנגער. מאַנגער זעט אים אין פאַרשידענע געשטאַלטן. אַמאָל אין געשטאַלט פון אַ צעזונגען שניידערל, וואָס זינגט אַזוי האַרציק, אַזוי שיין, אַז דורך דער שיינקייט שפּאַרט אַדורך אויך די האַרבקייט פון לעבן, די טראַגיק פון ברויט. אָט קומט דער פרעמדער אויסלייזן פון לאָמבאַרד דער מאַמעס סאַמעטן קלייד. אַן אַנדערש מאָל פאַרשלייערט ער אים ווי אַ פידל־שפּילער, וואָס גייט אַזוי מיטן פידל איבער דער וועלט און שפּילט ווי מען דאַרף:

נאָר דעם שענסטן ניגון שפּילט ער,
פאַר דעם סאַמע אָרעמסטן הויז,

ווי געזאָגט טרעפן מיר ביי אַ סך פון אונדזערע גרויסע דיכטער ענלעכע שפּירונגען און וויזיעס, וואָס אין תוך געטומען טראָגן זיי אַלע אין זיך איין זעונג, איין געזאַנג, איין ציל: אויסלייזן די אָרעמשאַפט פון איר אָרעמקייט. אַ טריט ווייטער — ווי י. ל. פּרץ האָט דאָס פאָרמולירט: „אויסגעלייזט זאָל ווערן די וועלט!״

אויב אַזוי: נישט סתם אָרעמאַן, נאָר וויזיע פון אָרעמאַן, וואָס טראָגט מיט זיך סימבאָלישע אויסשטראַלונגען. ס׳איז חלום אין וואָר. (פון דעם — דער טיטל פונעם בוך).

נאָכדעם ווי ביאַלאָסטאָצקי שטעלט זיך ברייטער אָפּ אויפן אָרעמאַן־מאָטיוו אינעם תנ״ך, אין דער ניי־העברעישער ליטעראַטור און אין דער משכּילישער ראָמאַנטישער פּאָעזיע, קומט ער צו צו מאַמע־יידיש, וואָס טראָגט אויפן פּלייצע אַ קלומעק מיט אַלטע פּסוקים, אַלטע מעשׂיות איינגעבונדענע אין דער צאינה־וראינה. און וואָס האָט זי נישט, מאַמע־יידיש, אין איר קלומעק? יידן דערציילן נסים — נעמט עס אַריין יידיש; יידן זינגען — זינגט מאַמע־יידיש מיט מיט זיי; דעם דובנער מגידס מעשׂיות, פאַרפלאָכטן אין בגדי־משל; די בדחנים בערל בראָדער און וועלוול זבאַרזשער — אין יידיש; בענקשאַפט נאָך ציון — נעמט עס אַריין יידיש. און דאָ — נייע צייטן: נייע אידייען, נייע לאָזונגען — שוין נישט סתם אָרעמאַן, וואָס מען דאַרף אים העלפן, נאָר שקלאַף, וואָס מען דאַרף אים באַפרייען; נישט סתם יושר, נאָר קאַמף. בכן: צוויי שטראָמען — אַ נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער. און אין מיטן זיי — די ליבע פאָלקסטימלעכקייט. און יידיש, מאַמע־לשון, נעמט זיי אַלע אַריין צו זיך, טוליעט זיי, וואַרעמט זיי און — ס׳ווערט געבוירן די נייע יידישע ליטעראַטור.

און דאָ פירט אונדז ביאַלאָסטאָצקי — פונקט ווי דער וווּנדערמאַן פירט זיין „בינעלען״ צום לאַנד פון אייביקן יום־טוב — אַרויף אויף דעם כּישופדיקן

וועג פון דער יידישער פּאָעזיע אין צפון־אַמעריקע. צפון־אַמעריקע? די ראַם, דער פּלאַן איז טאַקע אַזוי, אָבער ס'איז מער. ווייל אָפּט כאַפּט ער אַ בליק אַריבער דער גרענעץ.

אָט איז נס־אַמעריקע! — די גרויסע אויסוואַנדערונג צום גאָלדענעם לאַנד. פריער יחידים, דערנאָך הונדערטער, טויזנטער. פריער שטיל, דערנאָך האָט עס זיך צערוישט ווי אַ מעכטיקער שטראָם. און געשטראָמט האָבן יידן מארבע פינות העולם; יידן פון בראַזיל, אַמסטערדאַם, מאַינץ, קאַרפּאַטן, לאָנדאָן, פּוילן רוסלאַנד. ווער — מיט שמע ישראל אויף די ליפּן, און ווער געיאָגט פון נויט, און ווער צוליב פּאָליטישע סיבות. און אָט אין דעם געווימל פון אַלערליי שבטים, פון אַלערליי לשונות, האָט זיך מעכטיק צעקלונגען מאַמע־יידיש, וואָס האָט אַלעמען פאַרבונדן — אַלעמען געגעבן מוט און בטחון! ביאַלאָסטאָצקי רופט דאָס נס־אַמעריקע צוליב צוויי טעמים. ראשית: „אָן אַמעריקע — וואָס וואָלט געוואָרן פון אונדזער אומה נאָך די בלוטיקע היטלער־אויסראָטונגען? אויך דער נס מדינת־ישראל איז דאָך אין תוך אַריינגעוועבט אין נס־אַמעריקע"; ושנית: צוזאַמען מיט די ניי־געשאַפענע שווערע באַדינגונגען אין אַמעריקע, איז אויך, בימים ההם, אויפגעקומען אַ יידישע ליטעראַטור. אַ ליטעראַטור, וואָס האָט זיך צעבליט, געגאַנגען פאָרויס און אַרויף אויפן ברייטן שליאַך פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אָט אַ צווייט קאַפּיטל: „דער לעצטער שאָטן און די געבויגענע מאַמע".

בלויז די לאַנגע רשימה פון דיכטער, וואָס האָבן געשריבן לידער וועגן דער יידישער מאַמע — אָפּגערעדט פון ביאַלאָסטאָצקיס פּשט צו זיי — באַווייזט ווי טיף און ווי גרינטלעך דער מחבר האָט שטודירט דעם גאַנג פון יידישן ליד. פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָט דער מחבר צונויפגענומען אַלע יידישע מאַמע־לידער און פון זיי אויסגעפלאָכטן, ריכטיקער: אויסגעשמידט אַ גינגאָלדענע קרוין, געפּאַסט מיט די טייערסטע איידל־שטיינער — מיט די בריליאַנטענע לידער פון אונדזערע פּאָעטן. אַ קרוין אויפן קאָפּ פון אונדזער מאַמע.

און אַזוי איבערן גאַנצן בוך נעמט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי צונויף מאָטיוו מיט מאָטיוו, ליד מיט ליד, ניגון מיט ניגון, און אַז איר האָט שוין אַדורכגעמאַכט דעם לאַנגן באַרג־אַרויף־וועג פון דער יידישער פּאָעזיע און איר קוקט זיך אַרום — אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך אַ וווּנדערלעך בילד פון דער יידישער ליטעראַטור, און איר קומט צום אויספיר, אַז קיין ליטעראַטור פאַרמאָגט נישט אַזוי פיל מאָראַל און עטיק, איז נישט אַזוי גרויס, נישט אַזוי שיין — ווי די יידישע.

ווי ווויל ביאַלאָסטאָצקי קאָן זיך פאַרשליסן אין דער מלוכה פון ליטעראַטור — זיין וועלט, קאָן מען אויך זען פון זיינע אַנדערע עסייען אינעם בוך. וואָס קאָן מען שוין צוגעבן צו די פּאָרטרעטן פון משה לייב האַלפּערן, אַברהם ליעסין, י. ל. פּרץ, איציק מאַנגער, אָדער צו ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד, עדעלשטאַט,

באַוואָווער און אַנדערע געשטאַלטיקער פון דער יידישער ליטעראַטור? דאַכט זיך, אַז אַלץ וואָס מ׳האָט געקאָנט זאָגן וועגן זיי, איז שוין געזאָגט געוואָרן. פון דעסטוועגן, אַז איר לייענט איבער ביאַלאָסטאָצקיס עסייען וועגן זיי — אַנטפּלעקן זיך פאַר אייך אַלץ נייע און נייע ווינקלען. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס נישט נאָר טייטשט ער אַריין אין זייערע שאַפונגען, נאָר ער צעפּעדעמט זיי ביז אַ דרים און ווייזט־אָן אויף די דרויסנדיקע השפעות. זיינע אַמפּליטודע מוסטערן און פאַרגלייכונגען זאָגן עדות אויף דעם, אַז ביאַלאָסטאָצקי איז אויסגעעבונדן און שפּאַצירט פריי אַרום איבער די וועגן פון אַ סך פרעמדע ליטעראַטורן.

נאָך עפּעס: אַז ביאַלאָסטאָצקי פאַרענדיקט אַן עסיי, מיינט עס נישט שטענדיק, אַז ס׳איז טאַקע פאַרענדיקט. ווייל אויב ווייזט זיך אַרויס, אַז ערגעץ־ווו בויטיקט זיך אַ צוגאָב־דערקלערונג, וואָס זאָל דערגאַנצן, אויסקלאָרן די פריערבאַהאַנדלטע טעמע, אַזוי קערט ער זיך אום צו דעם אין אַ צווייטער, און אַז מען דאַרף — אין אַ דריטער עסיי.

און וואָס ביז גאָר וויכטיק: אין זיינע אַלע עסייען פילט איר נישט אַרויס די אַפּאָלאָגעטיק פאַר איינעם, און ביטול פאַרן צווייטן. דערפאַר איז „חלום אין וואָר" אַ גוט און ערלעך בוך.

יאָסל בירשטיין

„אַ מאַנטל פון אַ פרינץ" — 1969

לויטן נאָמען פון זיין ערשטן ליהער־בוך „אונטער פרעמדע הימלען" — דערשינען אין אויסטראַליע אין יאָר 1949 — איז געווען צו פאַרשטיין, אַז דער דיכטער פילט זיך דאָרט פרעמד. והראיה: ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און ער האָט אויסגעטוישט די פרעמדע הימלען אויף אייגענע בלויע הימלען.

אָבער דאָ אין ישראל, האָט ער געוואָנדן זיינע בליקן שוין נישט צו די הימלען, נאָר צו דער ערד, צו די קיבוץ־מענטשן, וועלכע גייען נישט אויף קיין אויסגעטראָטענע ברייטע וועגן, נאָר שאַפן נייע פאָרמען פון אַן אייגענעם לעבן — גייענדיק „אויף שמאָלע טראָטואַרן". אַזוי הייסט זיין ערשט פראָזע־בוך, וואָס אין דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין ישראל.

„אַ מאַנטל פון אַ פרינץ" נעמט־אַריין אַ מגין דערציילונגען. אויסטערלישע טיפן פירט יאָסל בירשטיין אַריין אין זיינע הערציילונגען. אויסטערליש אין זייערע מעשים — אַפילו אין זייערע רייד.

דאָס מיינט אָבער נישט, אַז די וועלט, די מענטשן וואָס ער באַשרייבט זענען אויסגעטראַכטע. חלילה. דאָס איז בירשטיינס קינסטלערישער חוש אויסצוגעפינען דאָס פאַרבאָרגענע, צומאָל, לעכערלעכע אינעם מענטשן, וואָס זעט נאָר אויס צו זיין אויסטערליש, אָבער פאַקטיש איז פאַראַן אין דעם ממשות — אַ געזונטער רעאַליזם.

און דאָס איז אויך די סיבה וואָס זיינע העלדן רעדן נישט בלשון סגי נהור, נישט רמזים, נאָר אָפן, אַזוי אָפן, אַז אין אָנהייב פאַרמאַטערן זייערע האַמעטנע רויע רייד, אָבער אַז מ׳הערט זיך צו מיט אויער, אַז מען פילט זיך אַריין אין זייערע רייד, דערזעט מען אַ שרייבער מיט אַן אייגענעם שפּראַך־אויסדרוק, מיט אַן אייגענעם סטיל, אַ סטיל וואָס וואַקסט־אַרויס פון דער אייגנאַרטיקער טעמאַטיק און סביבה.

זיין ערשטע דערציילונג וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם בוך, קאָן אין פלוג רייצן די פאַנטאַזיע און שאַפן דעם איינדרוק פון מי יודע וועגן וואָס פאַראַ רייכטימער דאָ ווערט דערציילט. אַ קליינקייט: אַ מאַנטל פון אַ פרינץ! איז

עס אָבער פּונקט פאַרקערט: וועגן הונגער, נויט, דלות — וועגן דעם ווערט דאָ דערציילט.

דער סוזשעט איז בקיצור אַזאַ:

דעם מחברס זיידע — איך זאָג דעם מחברס, מחמת דאָס שרייבן אין דער ערשטער פּערזאָן טראָגט אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער — האָט ליב געהאַט צו דערציילן גוזמאַדיקע פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך מיט אים געטראָפן און געהאַט מאָדנע פּירעכצער: איינמאָל איז ער אַרויס פאַרמאַכן די לאָדנס און אַוועק קיין לאָנדאָן, אַן אַנדערש מאָל — קיין אַמעריקע. זייענדיק אין לאָנדאָן האָט ער אין אַן אויטאָבוס זיך געטראָפן מיט אַן ענגלישן פּרינץ. איז געווען אַ קוק, דער זיידע זאָל נאָכמאַכן דעם מאַנטל מיט אַלע פּיטשעווקעס. אַזוי האָט ער פאַראַדירט איבער די גאַסן פון ביאַליע־פּאָדלאַסק (דעם מחברס געבוירנ־שטאָט) און די מענטשן דאָרט זענען אים נאָכגעגאַנגען כדי אָנצורירן כאָטש אַ שליפע, אַ קנאָפּ. איז דען אַ וווּנדער וואָס מ'האָט דעם מאַנטל צוגעגנבעט? אַזוי האָט געגלייבט דער זיידע, אָבער דער אמת איז געווען, אַז די באָבע האָט זיך קוים איינגעבעטן ביי אַ פרעמדן גייער, ער זאָל צונעמען דעם מאַנטל.

אויף די עלטערע יאָרן האָט ער גענומען די באָבע און אַוועק מיט איר קיין אויסטראַליע. און ווען ער איז שוין געווען גאָר אַלט, האָט ער געוואָלט אויספּרובירן צי ער געדענקט נאָך דעם שניט פון יענעם מאַנטל און ער האָט אים נאָכאַמאָל אויפגענייט. דער מאַנטל מאַכט אַדורך אַן „אָדיסייע" פון אויס־טראַליע קיין פּוילן — אַן זיידנס וויסן — פון פּוילן, צוזאַמען מיטן מחבר, צוריק קיין אויסטראַליע, און לסוף ווידער קיין פּוילן, ווו די גאַנצע משפחה, וואָס גייט אַרום קרוע־בלוע קומט זיך צונויף, יעדער מעסט אים אָן, יעדער קוואַפּעט זיך אויף דעם אוצר — דעם מאַנטל, וואָס זאָל אים ווינטער־צייט אָנוואַרעמען די גלידער.

יאָסל בירשטיינס געשטאַלטן זענען ס'רוב מענטשן, וואָס פון זיי שרייט־אַרויס דער הונגער. צומאָל טרעט דער הונגער אַרויס אַזוי שאַרף, אַזוי געדיכט — כאָטש וואַרף אַ הענטשקע דער געזעלשאַפט, וואָס האָט דערלאָזט אַ נאַקעט שוסטער, וועלכער האָט פאַרלוירן אַן אויג, זאָל אַזוי הונגערן מיט ווייב און קינדער. אָט ווי בירשטיין באַשרייבט עס:

„...ווינטער פלעגט ער אַרומוויקלען די פיס מיט שמאַטעס, דאָס פּנים מיט אַלטע דערהעס און שאַלן און אַרויסגיין שאַרן דעם שניי אויף די גאַסן, כדי צו פאַרדינען אויף ברויט, און זומער פלעגט ער, אין די פרייטיק־צונאַכטסן, גיין איבער די הייף זאַמלען חלות פאַר דער חברה „לחם־עוני". ער האָט געשלעפּט דעם זאַק אויף אַלע גאַרנס און תמיד אויסגענוצט אַ געלעגנהייט אויף אַראָפּ־צונעמען עטלעכע חלות. יעדן פרייטיק־צונאַכטס פלעגט נאַכקע שרייען „לעכעמויניע" און אַרויפלויפן אויף די טרעפּ צו אונדז אין שטוב אַריין. דער טאַטע פלעגט שוין זיין ביים דאַווענען און אויך די מאַמע פלעגט אַוועק, כדי איך זאָל בלייבן אַליין אין שטוב און קיינער זאָל נישט וויסן, אַז איך העלף נאַכקען גנבענען

חלות, כדי ער און זיין ווייב און זיינע קינדער זאָלן נישט אויסגיין דורך דער וואָך פון הונגער" (זייט 21)

זיין שילדערן די־אָ מענטשן אַזוי אָפּן, אַזוי אכזריותדיק ברוטאַל, דערגייט צו אַ דראַמאַטיש־עמאָציאָנעלן נאַטוראַליזם.

דאָס איז דער צעמענט וואָס האַלט די דערציילונג, אַרום וועלכער עס פלעכט זיך אַ מעשה אין אַ מעשה, איין עפּיזאָד אין אַ צווייטן, אָבער אָט די אַלע מעשיות אין איין מעשה פאַרמאָגן גאַנצקייט און צוזאַמענהאַנג. וואָס נאָך — זיי דינען דער עקספּאָזיציע פונעם סוזשעט. אגב, ניצט די־אָ סטרוקטור דעם מחבר ווי אַ קאַנווע אויף אַרויסצוברענגען אין אַן אָביעקטיוון ליכט די שטוב־ און משפחה־פּאַנאָראַמע. אַ טריט ווייטער — די מיליע פון שטעטל. און יאָסל בירשטיין קען גוט די מיליע וועלכע ער שילדערט, אַנדערש וואָלט די בילדלעכקייט פון דער דערציילונג געליטן.

קליינע זאַכן וואַקסן־אויס ביי בירשטיינען צו גרויסע דימענסיעס. אַ שטייגער: די ביזאַרע דערציילונג „וועגער". וועגער איז אַ יעקע, וואָס ווייסט נישט — ווי יעדער יעקע — פון קיין חכמות. אייַנמאָל האָט ער דערזען ביי אַ פויער היטלערס בוך, האָט ער אים אויפגעוויזן, אַז אויף דער זייט איז פאַראַן אַ ליגנט. דער פויער האָט אים אַרייַנגעטריבן אין אַמביציע, ער זאָל אָנשרייבן וועגן דעם אַ בריוו. געזאָגט און — געטאָן. נו, האָט מען אים פאַרשיקט קיין דאַכאַו. פון דאָרט איז ער געקומען קיין אויסטראַליע, וווּ מען האָט אים גענומען אין דער אַרמיי.

אויך דאָ דערציילט אונדז דער מחבר, וועלכער האָט געדינט צוזאַמען מיט וועגערן, וועגן דעם יעקעס אַ געוועט מיט מיכאַילאָוויטשן, דעם יוגאָסלאַוו — צו שווימען אַ גאַנצן טאָג אין וואַסער. ביידע האָבן אָנגעהויבן גיין צום טייך זיך לערנען אויסהאַלטן אַ גאַנצן טאָג אין וואַסער. אייַנמאָל איז דער יוגאָסלאַוו אַוועק צום טייך און מער נישט צוריקגעקומען. דערטרונקען. אָבער וועגער איז נאָך אַלץ געגאַנגען צום טייך — ער מוז אויסהאַלטן.

און דאָ ערשט נעמען די געשעענישן זיך וויקלען ווי אַ קנויל — און ווידער אַ מעשה אין אַ מעשה. אַ שטייגער: דאָס שלאָגן זיך שעהנלאַנג מיט פּאַטעלניעס איבער די קעפּ; די דרשה פונעם אַרמיי־ראַביי פאַר די יידישע זעלנער וועגן די מלחמות צווישן יידן און גריכן און שוין שטייען צוויי מחנות — יידן און גריכן — קעגן זיך גרייט אויף געשלעג. בלויז וועגער איז געשטאַנען אין אַ זייט. פּאַפּאַ־דימיטראָו, דער מאַקעדאָנער האָט אים צוגעפירט צום אָרט, וווּ די יידן זענען געשטאַנען.

דאָס אָנווייַזן אים זיין אָרט, האָט וועגערן דערפירט, נאָך דער מלחמה, קיין ישראל, וווּ ער טרעפט זיך צונויף מיט זיין חבר פון דער אויסטראַלישער אַרמיי — דעם מחבר פון איצטיקן בוך.

יאָסל בירשטיין האָט די געבענטשטע פעיקייט אַרויסצוגראַבלען די דינסטע

געפילן פון זיינע העלדן, און אַרויסצוברענגען זיי אויף דער ליכטיקער שיין, בולט קענטיק זיך דאָס אין דער דערציילונג „באַגינען״:

גייענדיק פאַרטאָג צו זיינע שעפּסן כאַפּט זיך שמעון, אַז ער טראַכט פון רחלען. ער חידושט זיך: וואָס עפּעס? ער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט וועגן איר צו טראַכטן. צעגאַנגען זיך און אויס! אַזוי מיינט ער. אָבער טיף אין האַרצן שפּאַרט עפּעס. אויך רחל האָט, ווייזט אויס, געטראָגן אין זיך אומרו, אַ גריזשענ־דיקע בענקשאַפט, וואָס האָט אויפגעריסן ביים צונויפטרעפן זיך באַגינען אין קיך מיט שמעונען — זי האָט פּלוצים אַנגעהויבן זיך זאָרגן וועגן אים, און אים צוגעגרייט ווייס ברויט פאַר זיין קראַנקן מאָגן.

דער סוזשעט גופא זעט דאָ אויס צו זיין נישט איבעריק רייך. אָבער גראָד דאָ פאַרכאַפּט דיך אומגעריכט דער געשריי, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון ביידנס הערצער און — קוקסט אַריין אין זייער לעבן, אין זייערע נשמות.

אין אַ ריי דערציילונגען — „דער בריוו״, „אַ מאַנטל פון אַ פּרינץ״, „דובין און זיין ברודער״ — ניצט דער מחבר דעם בריוו־עלעמענט. דער דאָזיקער עפּיס־טאָלאַרישער מעדיום דינט, ווייזט אויס, סיי אויסצוקלאָרן עפּעס, און סיי אויס־צודריקן זיך דירעקט.

אַ סך קינסטלערישער אָטעם איז פאַראַן אויך אין זיינע איבעריקע דערציילונגען, וועלכע זענען אָנגעפּראַפּט מיט געשעענישן און האַנדלונגען. מיר האָבן זיך ביי זיי נישט פאַרהאַלטן, מחמת צו דערשפּירן די קראַפט פון אַ גוטן פּראָזאַיקער איז נישט נייטיק צו ברענגען אַלע דערציילונגען פון אַ בוך — איין דערציילונג, אַ מאָל אַ בלעטל געענוגנט.

דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ סובטעלער צייכענונג פונעם קינסטלער יאָסל בערגנער.

חיים בעז

„אונדזער דור מוז אַנטשיידן" — 1963

דאָס יאָר 1921:

אין דער לופטן וויברירט נאָך דער אָפּהילך פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס איז געווען פול מיט אָנזאָג און צוזאָג — אויפן האָריזאָנט האָבן זיך געצייכנט ליכטיקע פּערספּעקטיוון.

אויך די יידישע גאַס אין ווילנע איז באַרוישט, צעשטורעמט — דורשט נאָך אַן אייגענעם, אַ בעסערן לעבנס־סדר. שפּיגלט מען זיך אין קולבאַק, האָפּשטיין, קוויטקאָ; מ׳טראָגט זיך אַרום מיט די ווערק וואָס קומען אָן פון אַמעריקע: דוד איגנאַטאָוו און משה נאַדיר, שלום אַש און יוסף אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק און מאַני לייב; מ׳ליגט־צו אַן אויער צו די רייד פון די גרויסע געסט: דניאל טשאַרני, שמואל ניגער, נחום אויסלענדער און ש. אַנסקי — רייד וואָס האָבן געוואַרעמט און געצונדן.

אין דער־אַ קאָכיקער צייט קומט זיך צונויף דאָס שיינדל פון דער יידישער פּעדאַגאָגיק און — ס׳ווערט געבוירן דער ערשטער יידישער לערער־סעמינאַר אין ווילנע, אַ סעמינאַר, וואָס האָט שפּעטער אַרויסגעלאָזן אַ פּאַלאַנגע וווּנדערלעכע יידישע לערער, צווישן זיי — חיים בעז.

שוין אַ ריי יאָרן ווי חיים בעזס פּאַרטיפטע עסייען איבער ליטעראַרישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען ציען דעם אויפמערק פונעם בעסערן יידישן לייענער. אָפט האָבן זיינע אַרבעטן צעשפּאַרט די ראַם, איך וואָלט געזאָגט: דאָס סדום־בעטל פון אַ צייטונג אָדער זשורנאַל. איז גוט, וואָס אַ ריי פון זיי, פּלוס די פריש־אָנגעשריבענע עסייען, האָבן באַקומען אַ פּאַסיק אָרט אין די געראַמע בלעטער פון אַ בוך אונטערן רעגנדיקן נאָמען „אונדזער דור מוז אַנטשיידן".

דאָס בוך פּאַרמאָגט ביי אַ דרייסיק עסייען, וועלכע נעמען־אַרום די תקופה — אפשר די וויכטיקסטע תקופה אין יידישן לעבן — פון סוף 19־טן און פּאַרגאַנגענעם האַלבן יאָרהונדערט. נישט צופעליק, אויב אַזוי, וואָס דער ספר עפנט־זיך מיט אַן עסיי וועגן שמעון דובנאָוו, דעם היסטאָריקער פון דער

אוניווערסאַלער יידישער געשיכטע. ווייסן מיר דאָך, אַז עס זענען געווען נאָך גרויסע יידישע היסטאָריקער: היינריך גרעץ, פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן, ד״ר יצחק שיפּער און דער קדוש ד״ר עמנואל רינגעלבלום, וועלכע האָבן געווירקט אין יידישן לעבן און באַרייכערט די יידישע היסטאָריאָגראַפיע. חיים בעז מיידט זיי טאַקע נישט אויס און מינערט נישט זייערע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער געשיכטע. שמעון דובנאָוו איז אָבער געווען דער, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַ ניי ליכט, נייע אמתן — שיער נישט רעוואָלוציאָנערע — אין באַוווסטזיין פון אונדזער פאָלק.

מיט אַ זעלטענער התמדה ווייזט־אָן חיים בעז אויף די אַלע מעטאָדן און אופנים פון פאָרשן און שרייבן געשיכטע, דערביי פאָרמולירט ער אויף אַ קלאָרן אופן די גרונט־עלעמענטן וואָס שמעון דובנאָוו האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער געשיכטע. און עס איז גאָרנישט קיין גרינגע עובדא אַרויסצובריינגען אויף קנאַפּע צוועלף זייטלעך דובנאָווס גאַנג און געשטאַלט אין זיין פולן ליכט. איז אָבער חיים בעז אַ מאַדים צו שרייבן קאָנדענסירט און אַרויסצוהייבן דאָס סאַמע תוכיקע, דעם תמצית פון דער זאַך אַזוי, אַז דער לייענער באַקומט אַ קלאָר בילד פון דעם גרויסן היסטאָריקער, שריפטשטעלער און קעמפער פאַרן נאַציאָנאַלן קיום.

און דאָ קומען מיר צו צום וווּנדערלעכן קאַפּיטל וואָס הייסט: „די פּרץ טראַדיציע און די יידישע שול״, וואָס האָט געמאַכט אַן איבערברוך אין די מוחות פון אַ דור יידן; אַ שול, וואָס האָט באַוויזן צו שאַפן אַ סינטעז פון יידישער קולטור און מאָדערנער וועלט־קולטור. דער נייער יידישער לערער האָט, אַ חוץ די וועלטלעכע בילדונג, אויך געלערנט נישט נאָר ווי צו לעבן, נאָר אויך ווי צו קעמפן. נישט טראַציקייט, נאָר רעבעל, קאַמף פאַר דער חשיבות פון מענטש. די אויפשטאַנדן אין די געטאָס און אין די לאַגערן, די פאַרטיזאַנישע קאַמפן האָבן עס דערוויזן.

אינעם דאָזיקן קאַפּיטל האָבן מיר פאַראייניקטע אַ קווער־שניט איבער פּרצעס גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור, זיינע צענטראַל־מאָטיוון, און דער עיקר וועגן זיין סינטעז, וואָס האָט פאַרבונדן די אידייע פון פאָלקס־דערלייזונג צוזאַמען מיט וועלט־באַפרייאונג. פּרץ האָט „געשלאָסן די תקופה פון פאַרנייענונג און געבראַכט די גרויסע באַיאַאונג אין דער ליטעראַטור, ווי אין לעבן״. די יידישע שול איז געגאַנגען אין פּרצעס וועגן. די דאָזיקע באַפרייאונגס־מאָטיוון און די באַיאַאונג פּרצעס שנירלט זיך איבער אַ סך ווייטערדיקע עסייען.

חיים בעז באַהאַנדלט אין זיין בוך אידייען און פּראָבלעמען, וועלכע האָבן נישט בלויז געוואָרצלט אין די טיפענישן, נאָר געווירקט און באַווירקט דאָס יידישע לעבן, למשל: דער ערשטער באַזעלער ציוניסטישער קאָנגרעס, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט דעם פּאָליטישן ציוניזם ווי אַ וועלט־באַוועגונג; די גרינדונג פון „בונד״, וואָס איז געוואָרן אַ קעמפנדיקער כוח נישט נאָר פאַר פּאָליטישער

רעכט, נאָר אויך פֿאַר דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, און — די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס האָט געקרוינט און דערהויבן יידיש צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק. דריי געשעענישן, וועלכע האָבן אָפּגעצייכנט אַ נייע תקופה אין יידישן לעבן.

אין פלוג — גוט־באַקאַנטע טעמעס, וועלכע זענען שוין באַהאַנדלט געוואָרן פון אַלע מעגלעכע אַספּעקטן און קוקווינקלען אַזוי, אַז ס׳איז שוין, דוכט זיך, גאָרנישט פאַרבליבן צוצוגעבן. איז עס אָבער ווייט נישט אַזוי, מחמת דער מחבר גייט נאָך פוסטריט די אַלע דורך אים באַריירטע פּראָבלעמען און שטעלט זיך אָפּ פּרטימדיק ביי זיי — דערביי מיט ער זיך צו זיין אָביקטיוו ווי מעגלעך — אַזוי אַז ער פלאָנטערט־אויף אַ סך פאַקטן, וועלכע זענען געווען אַביסל פאַרגעסן. און דער עיקר: ער דערפירט זיינע געדאַנקען צו אַ תוך — צו אַ קלימאַקס.

ווי געזאָגט פירט אונדז חיים בעז, אין ס׳רוב עסייען זיינע, צוריק צו יענע יאָרן, ווען ס׳האָט פולסירט אַ זאַפטיק יידיש לעבן, וואָס איז געפלאָסן אָן אָפּשטעל. בנשימה אחת רעדט זיך נאָר אַזוי: געפלאָסן אָן אָפּשטעל, אינדערצאמתן איז דער דרויסן אָפּט געווען צו אונדז פרעמד און קאַלט צומאָל — פיינטלעך. און מ׳האָט געדאַרפט האָבן גענוג מאָראַלישע און גייסטיקע כוחות, כדי אויסצוטאָן זיך פון דעם אומגיינציקן אַרום, מיט וועלכן מען האָט גייסטיק נישט געהאַט קיין מגע ומשא, און שאַפן אַן אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער, אַ יידיש־גייסטיקע און מאָראַלישע ספערע — נוסח אשכנז.

אין זיין עסיי „די גייסטיקע ירושה פון טויזנט יאָר יידיש לעבן אין פוילן" הייבט דער מחבר אַרויס די אַלע פּאָטענצן און ווערטן אינעם יידישן לעבן — די גייסטיקע עשירות פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. אַז מען לייענט גוט אַדורך די דאָזיקע אַרבעט, דערזעט מען דעם העכסטן באַרג־אַרויף, די העכסטע אויסשטראַלונג פון יידישן לעבן, אָבער אויך — דעם בין־השמשות, די שקיעה.

בעזס עסייען פון דעם־אָ שניט רופן אַרויס רעפלעקסן און אַ טיפע נאָסטאַלגיע נאָך יענעם פולן זאַפטיקן יידישן לעבן. אָבער צוזאַמען מיט דער בענקשאַפט גייט־אויף, ריכטיקער: לייכט־אויף דעם מחברס אָפּטימיזם, זיין טיפע אמונה אין דער צוקונפט; ער גלייבט, אַז דער מאָרגן וועט זיין בעסער ווי דער נעכטן און דער היינט. דער דאָזיקער גלויבן איז, קודם־כל, געבויט אויף די עטישע פרינציפּן פון בין אדם לחברו, אָבער די הויפט־פאָנאַצעע זעט דער מחבר אין דער דערציאונג פונעם נייעם דור: „די מאָדערנע יידישע דערציאונג מוז צוריק געפינען דעם געהיימען כוח, וואָס האָט געווירקט במשך פון הונדערטער יאָרן אינעם לעבן פון פאָלק" און דאָס איז נישט קיין סתם־אין־דער וועלט־אַריין לאָזונג, אוודאי נישט קיין סתם־רעטאָרישע פראַזע, נאָר — אחריות, מאָראַלישער אימפעראַטיוו. חיים בעז ברענגט אין זיין בוך אַ פּראָגראַם, וואָס קאָן זיי די באַזע פאַר אַזאַ דערציאונג, אָבער — אונדזער דור מוז אַנטשיידן.

הערץ בערגנער

„דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס" — 1955

הערץ בערגנער געהער צו דער פּאַלאַנגע קרעפטיקע פּראָזאַיקער, וואָס דאָס יידישע פּוילן האָט אַרויסגעגעבן אין צייט־אָפּשניט צווישן ביידע וועלט־מלחמות — אַליצקי, באַשעוויס, בערלינסקי, האַראַנטשיק, וואַרשאַווסקי, שלעווין, זאַראַמבאַ, מיצמאַכער, פלאַקסער און אַנדערע. געווען איז עס אין דער צעווירבלטער און צעבראָסטעטער פיבער־צייט, ווען מען האָט דעם ראָמאַנטיזם אַנטקעגנגעשטעלט: רעאַליזם, נאַטוראַליזם, עקספּרעסיאָניזם. ס'האָט אַן אָטעם געטאָן מיט ברען, אימפּעט, פּאַרמעסט — צוזאַג. צווישן דער־אַ פּלעיאַדע קאַלירפולע פּראָזאַיקער האָט הערץ בערגנער שוין דעמאָלט פאַרנומען אַ חשובן און אייגנאַרטיקן אָרט, מיט זיין ערשטלינג־בוך „שטובן און גאַסן" וואָס איז דערשינען אין יאָר 1935.

פון זינט 1938 געפינט זיך הערץ בערגנער אין דער וויטער אויסטראַליע, ווו ער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן דריי וואָגיקע ביכער: „דאָס נייע הויז", „צווישן הימל און וואַסער" (דערשינען אויך אין ענגלישער איבערזעצונג), „אַ שטאָט אין פּוילן" (דערשינען אין העברעאישער איבערזעצונג).

דאָס נייע בוך זיינס „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס" נעמט אַרום צען דערציילונגען, וואָס כמעט אַלע זיי טראָגן דעם אויסטראַליש־יידישן קאָלאָריט און הויך: אייגנשאַפט, כאַראַקטער, טיפּאַזש, לעבנס־שטייגער, אייגנאַרט — די הויפּט־שטריכן פונעם ישוב.

הערץ בערגנער ברענגט אַרויס אין זיינע דערציילונגען דעם מענטשלעכן געראַנגל און מענטשלעכע איבערלעבונגען: דאגות, שפּירונגען, בענקשאַפטן סאָציאַלע קעגנזאַצן און קאָנפליקטן.

מיט אַ פעסטער און געניטער האַנט שילדערט אונדז בערגנער פון איין זייט די רייכע און אויפגעקומענע גבירים, די האַלבע און גאַנץ אַסימילירטע יידן, וועלכע זענען כמעט ווי אָפּגעריסן פון זייער יידישן שטאַם, און פון דער אַנדערער זייט: פּשוטע פאָלקס־מענטשן, וועלכע טראָגן מיט שטאָלץ און מיט חשיבות דעם נאָמען ייד און פירן אַן עקשנותדיקן קאַמף מיט די, וואָס האָבן זיך געלאָזן אויפן לייכטסטן ווידערשטאַנד — אַסימילאַציע. די דאָזיקע קאָנפליקטן,

צוזאַמענשטויסן ציען זיך ווי אַ רויטער פאָדעם איבער די מערסטע נאָוועלן זיינע און זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן ישוב אין אויסטראַליע.

אין זיין לאַנג־אָטעמדיקער דערציילונג „אַ טאַטע פון טעכטער" קומט פאָר אַ שאַרפער קאָנפליקט צווישן די דריי שוועסטער און דעם פאָטער זייערן, ווען זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט קיין אויסטראַליע פון זאַבאַרנע. אים, וואָלפן ווערט קלאָר, אַז די טעכטער האָבן אים געדאַרפט צוליב די רייכע שידוכים, וואָס זיי ווילן טאָן. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די רייכע מחותנים און — די טעכטער זיינע, ווען עס פאַסט נישט צו האָבן אַ טאַטן אַ בעל־מלאכה. וואָלף העלפט אָרגאַניזירן די יידישע ביבליאָטעק און דאָס יידישע טעאַטער. די טעכטער שעמען זיך מיט דעם און זיי רוקן אַרויס טענות: צוליב דעם האָט מען דיך געדאַרפט אַראָפּברענגען קיין אויסטראַליע, זאָלסט זיך אַרומטראָגן מיט יידישע בוקס... יידישע פּעיפּערס... דזשואיש טעאַטער... וואָלסט זיך בעסער אָנגעהויבן לערנען ענגליש. וואָלף ענטפערט דערויף: וואָס איז „טיש" מיאוסער ווי „טעיבל"... ביי מיר איז נאָך „טיש" שענער ווי „טעיבל", ווייל ס'איז מיין לשון, ווייל ס'איז יידיש. ער זוכט זיך אויס אַ „דזשאָב", חברט זיך מיט בעלי־מלאכות און פּראָסטע, פּשוטע יידן. זיי אַלעמען פאַרבעט ער אויף זיין טאָכטערס תנאים, ווו עס געפינען זיך לויטער גבירים און הויכע געסט, וואָס האַלטן זיך אין איין טיטולירן: הער דאָקטאָר!... הער פּראָפעסאָר!... אויף דער דאַזיקער שמחה נעמען דזשאָס חברים אויפזינגען פאַרן חתן: פאָר הי איז אַ דזשאָלי גוד פעלאָ... אָבער באַלד האָבן זיך דערהערט שטימען פון דער אַנדערער זייט: „לאָמיר אַלע, אַלע אינאיינעם חתן־כלה מקבל־פּנים זיין..." די ענגלישע און יידישע ווערטער האָבן זיך אויסגעמישט, זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ קנויל, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז סיי די ווערטער, סיי די ניגונים האָבן זיך פאַרמאָסטן אין אַ געראַנגל, אין אַ קאַמף...

אין דער דאַזיקער פיין־געבויטער דערציילונג גייט אויך פאַרביי דער גרויסער און שטאַרקער אייבי. אייבי פון פאַך אַ רימער, איז אַ פאַרגרעבטער יונג — איז אָבער גרייט זיך מקריב צו זיין פאַרן יידישן כבוד: אַז שקצים רייסן זיך אַריין אין יידישן טעאַטער און וואַרפן זיך שלאָגן יידן, לאָזט זיך אייבי איינער אַליין קעגן זיי. און אַז די שיקסע זיינע זאָגט אים איינמאָל „דזשו", האָט ער גאָרנישט געענטפערט, נאָר שווייגנדיק פאַרהאַקט די טיר און — אַוועק.

בערגנערס העלדן זענען ס'רוב פּשוטע יידן, וואָס באַווייזן נישט קיין אויסערגעוויינלעכע זאַכן — זיי באַווייזן אָבער מאָראַלישע גבורות. אַלע זיי זענען מסוגל צו גוטס און אַפילו צו דערהויבנס. אַ שטייגער: דער שוואַרצער דאַוויד, וועלכער לאָזט זיך געבן שמיץ פאַר דער זינד, וואָס זיין לאַגער־חבר, בראַון איז באַגאַנגען; אָדער: דער יונגער מיסטער רייז, וועלכער רופט־אויס צו איוון: איך האָב דיך ליב! (נאָכדעם ווי זי פאַרטרויט פאַר אים, אַז זי פילט אין זיך צאַפּלען אַ לעבעדיק וועזן פון איינעמען אַן אויסוואָרף, אַ שאַרלאַטאַן); צי גאָר: די הויכע רייזל, וואָס אַליין האָט זי אין דער היטלער־שחיטה פאַרלוירן

דעם מאַן אירן מיט די קינדער, אָבער ווי נאָר זי קומט קיין אויסטראַליע, אַזוי נוצט זי נישט אויס דאָס ברויט מיטן מעסער, וואָס די לאַנדסלייט האָבן איר געגעבן, פאַר זיך, נאָר פאַר יענעמען... אָדער גאָר: דער דאָרער און שוואַכער פּיוול, וועלכער לאָזט זיך פייניקן פונעם דייטש מיט די גרעסטע פּיינען אין דער וועלט און גיט נישט אויס דאָס אָרט, וווּ עס ליגן אויסבאַהאַלטן אַ גרופּע יידן. נשתומם צו ווערן: דער דאַזיקער פּיוול, וואָס האָט אַ פּאָר מאָל געחלשט און געלעגן אָן אייגנקאָרטשעטער אין אַ קאַלוזשע בלוט, דערלאַנגט אומגעריכט הינטן אַרומעט מיט אַ דראַנג איבערן דייטשס קאָפּ... פון וואַנען ס'האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ גבורה? — פון דער מורא, אַז דעם דייטש זאָל פּאָרט געלונגען אַרויסצופּרעסן פון אים דעם סוד פון די יידנס באַהעלטעניש. דאָס איז מאָראַלישע גבורה!

אין זיין ערשטער דערציילונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם בוך, ווערט דערציילט וועגן אַ הייסער ליבע צווישן דעם יידישן מיידל, איוו און איר נישט־יידישן שכן, דזשאָן. דאָ שפּילט זיך אָפּ אַ גרויסער קאָנפליקט צווישן איר און דעם פאָטער אירן. ווי קען ער אַזוינס דערלאָזן, אַז ער, מיסטער אייזיקס איז דאָ דער איינציקער ייד, וואָס היט־אָפּ מיט שטאָלץ דאָס יידישקייט אינעם ווייטן אויסטראַלישן שטעטל, הילענד. איוו באַשליסט צו אַנטלויפן פון דער היים. אָבער גייענדיק אַזוי מיט איר געליבטן צו דער באַן־סטאַציע באַהערשט איר פּלוצים אַן אומזיכערקייט. עס איז איר פאַרגעקומען, אַז דזשאָנען גייט נישט אַזוי ווייט אין זיין ליבע צו איר, ווי ער איז אויסן אָפּצוטאָן איר טאַטן אויף צו להכעיס און אַליין אַרויסקומען דער זיגער... איוו פאַרטרייבט דעם דאַזיקן געפיל און וואַרט אויפן אָנקומען פון צוג. אין דער לעצטער מינוט האָט זיך דער פאָטער אירער באַוויזן אויפן פּעראָן. אין איוון קומט פאָר אַ געראַנגל. זי האָט געפילט, אַז די איצטיקע מינוטן אַנטשיידן איר לעבן. זי האָט געפילט ווי דער פאָטער שטעלט זיך איר אין וועג צום גליק. אָבער ווען דער פאָטער האָט איר אָנגענומען פאַרן האַנט, האָט זי זיך מיטאַמאָל דערפילט זיכער און באַשיצט. יאָרן זענען אַוועק און מיסטער אייזיקס האָט גוט געזען ווי זיין טאָכטער גייט אײַן. נישט איינמאָל איז אים איינגעפאַלן צו אַנטלויפן פון הילענד. ווי קען ער אָבער איבערלאָזן אויף הפקר די סינאַגאָגע, וואָס זיין גאָטזעליקער פאָטער האָט געבויט. אַמאָל איז די סינאַגאָגע געווען פול מיט מתפללים. אָבער אַלעמאָל איז ווינציקער און ווינציקער געוואָרן. די יידן זענען אַוועק פון שטאָט. בלויז ער אַליין איז געבליבן. ער האָט נאָך אַלץ געגלייבט, אַז דאָ וועט אויסוואַקסן אַ יידישער ישוב. ער האָט געהאָפט, אַז עס וועט אַראָפּקומען אַ לייטישער יונגערמאַן קיין הילענד, חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער און ממשיך זיין אַ יידישע היים.

די־אָ דערציילונג, וואָס אַנטוויקלט זיך אויף גאַנצע 41 זייטן, איז אַ פאַנאַנדערגעוויקלטע פּאַנאָראַמע אויפן פאָן פון דער נייער יידישער ווירקלעכקייט.

די דערציילונג דערמאָנט אין משה דלוזשנאָווסקיס „דער נסיון". אויך דלוזשנאָווס־קיס העלד, ברוך וואָרגאָס איז דער איינציקער ייד אינעם פּראָווינציעלן שטעטל,

קאַרמאַנט, וואָס היט־אָפּ די סינאַגאָגע און האָפּט ממשיך צו זיין אַ יידיש לעבן. איז עס השפּעה? — ניין, אַזעלכע מיסטער אייזיקס און ברוך וואַרגאַסעס קאָן מען היינט טרעפן אין אַ סך אַנדערע שטעט און שטעטלעך. מיר טרעפן זיי טאַקע ביי הערץ בערגנערן אין זיין פּסיכאָלאָגישער דערציילונג „צען חברים". אמת, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט פולשטענדיק אַסימילירטע יידן, וואָס האָבן מיט יידישקייט אַ קנאַפּן שייכות געהאַט, אָבער אין אַנבליק פון בלוטיקן הוראַגאַן, וואָס איז אַדורך איבער די יידנס קעפּ, טוליען זיי זיך אין דער פאַרלאָזענער סינאַגאָגע צו דאַווידן, וועלכער האָט קוים געדענקט די יידישע אותיות...

דאָס דאַזיקע טוליען זיך פון בערגנערס העלדן צו יידישע אותיות, זייער קלאַמערן זיך אין פּיצלעך, ברעקלעך יידישקייט, אויך דאָס אַריינבייסן זיך פון די יידישע לידער צווישן דער אַסימילירטער יוגנט — איז געראַנגל און קאַמף פאַר יידישן המשך, פאַר קיום האומה.

צו אַן אַנדער מין געהער זיין דערציילונג „די לעצטע" וואָס איז געוועבט פונעם טראַגיש נייעם לעבנס־שטאָף. דאָ גייט פאַרביי אַ בלוטיק היטלער־קאַפּיטל איבערן יידישן האַלדז אין פוילן, וואָס מאַכט אונדז אויפשוידערן ביז די סאַמע טיפענישן פון אונדזער נשמה. אָבער אויך דאָ, פונקט ווי אין אַלע בערגנערס דערציילונגען, שפּאַרט פון דער געדיכטער פינצטערניש אַרויס דאָס מאָראַלישע ליכט פונעם יידן. דאָס מאָל — פונעם אַלטן ר׳ ירחמיאלן. ער, ירחמיאל לאָזט זיך באַדיי קאָפּען אין בויך אַריין; אויסרייסן אַ שטיק באָרד צוזאַמען מיט אַ שטיק באַק; אַרויפפאָרן אַן אויטאָ אויף זיך — און וויל נישט קושן די שטיוול פונעם דייטשן אָפיציר. ער לאָזט נישט דערנידעריקן דעם מין מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. און אויך שפּעטער, ווען ר׳ ירחמיאל האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען דעם ביטערן כוס ביזן דנאָ און ער ווערט ערנסט קראַנק ביי גורסקין, זיין גויאישן פריינט, ווו ער איז אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט זיין אייניקל — באַשווערט ער גורסקין, אַז ער זאָל אים נישט קויפן קיין שום רפואה. זאָל ער בעסער אויסטוישן זיינע, ר׳ ירחמיאלס, לעצטע בגדים אויף עסן. מיין אייניקל — זאָגט ר׳ ירחמיאל איז הונגעריק... ער דאַרף עסן! ער מוז דאָס אַלץ איבערלעבן! כ׳וואָלט נאָר וועלן, ער זאָל געדענקען, ווער עס איז געווען זיין טאַטע, זיין זיידע!... ער איז דער לעצטער פון אַ גאַנצער משפּחה! פון אַ גאַנצער קהילה!...

הערץ בערגנערס העלדן וואַרפן־אָפּ די אַלע טענות — אַריינגערעכנט מלך ראַוויטשעס — אַז אין דער יידישער ליטעראַטור פילט זיך אַ מאַנגל פון העלדן. אַזעלכע פּיוולס און נאָך אַנדערע בערגנערס איינצל־געשטאַלטן קריצן זיך גוט איין אין זכרון. זיי וועלן אויך באַשעפטיקן דעם פּסיכאָלאָג.

ש. בערלינסקי

„ירושה" — 1956

אַז איר וועט אָנכאַפּן דעם ערשטן בעסטן מענטשן און אים אַ פרעג־טאָן וועגן אַ זאַך פון נעכטן, וועט ער נישט זיין ביכולת גלייך צו ענטפערן. ער דאַרף נאָכקלערן... אָבער אַז איר וועט אים פרעגן אויף זיינע קינדער־יאָרן, וועט ער אויפן אָרט נעמען שיטן מיט עפּיזאָדן, געשעענישן און סיטואַציעס אַזוי לעבעדיק, ווי דאָס וואָלט איצט פּאַסירט. ווייזט אויס, אַז די קינדהייט קריצט זיך טיף איין אינעם מענטשן און גייט אים נאָך זיין גאַנץ לעבן.

באַזונדערס שאַרף און שניידיק האָבן זיך איינגעקריצט די קינדער־און יוגנט־יאָרן ביים שרייבער ש. בערלינסקי. און נישט קיין חידוש: ווער עס באַקענט זיך מיט בערלינסקיס קינדער־יאָרן, פאַרשטייט אַז זיי האָבן געלאָזן טיפע שפּורן, ריכטיקער — ראַנצן אין זיין נשמה. אָט די דאָזיקע נשמה־ראַנצן האָט בערלינסקי אַרויסגעבראַכט אין זיין אויטאָביאָגראַפישן בוך: „אַ לעבן גייט אויף", וואָס האָט אין זיינער צייט — אין יאָר 1927 — געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט. און הגם דאָס איז שוין געווען זיין דריטער בוך, איז אָבער „אַ לעבן גייט אויף" פאַקטיש געווען בערלינסקיס ערשטע קלאָרע מאַניפעסטאַציע פון דרייסטע, פעסטע און נייע טריט אין דער מאָדערנער דערציילן־קונסט.

אָפן און דרייסט שילדערט אונדז דער קינסטלער — אינעם דערמאָנטן בוך — זיין שטוב, זיין סביבה, זיינע „אוניווערסיטעטן". ער פאַרהוילט דאָרט גאָרנישט און שוינט קיינעמען נישט — נישט יענעם, נישט זיך און אפילו נישט דעם טאַטער זיינעם. און דער לייענער פילט ווייל, אַז דער מחבר טוט דאָס אָן בייז, אָן ברוגזן און אָן סאַטירישע נעדעלעך, ווייל אויב נאָדלען — שטעכן זיי זיין אייגן געמיט, זיין אייגן האַרץ. ער קאָן אָבער נישט אַנדערש, ער מוז אַרויס־ברענגען דעם גאַנצן קנויל פון איבערלעבונגען, געפילן און געראַנגלען, מחמת דאָס אַלץ דריקט אויף זיין געמיט, און ער וויל זיך באַפרייען פון אָט דער לאַסט; ער וויל עפּעס אויסקלאָרן, אויפברעכן — ער וויל ס'זאָל זיין אַנדערש.

אין דער גאַנצער שאַרף ברענגט בערלינסקי אַרויס דעם דאָזיקן פלאָנטער אין דער טיטל־דערציילונג פון זיין איצטיקן בוך „ירושה". דאָ קומט אָבער שוין

איך די אויפלייזונג — דאָס אַנטלויפן פון דער היים. ער אַנטלויפט, ווייל ער קאָן מער נישט פאַרטראָגן יענע סביבה און דער עיקר זיין פאָטערס אונטערטעניק שמייכלען פאַר די שטאַרקערע פון אים, און זיין גרויסן צאָרן און אכזריות קעגן אַ שוואַכערן פון אים. אַ שטרענגער, בייזער טאַטע. די קינדער כאַפּט־אָן אַ שרעק ווען זיי הערן: דער טאַטע קומט. אָבער: אַז אַ קינד איז קראַנק געוואָרן האָט ער פאַר די לעצטע גראָשנס געשיקט נאָך אַ רופא. און אויב ס׳איז גאָר שלעכט געוואָרן, פלעגט ער אָן אויפהער בייסן די שפּיצן פון זיין באָרד.

די זעלבע נטיות פון הערשן איבער אַ שוואַכערן און קריכן אונטער די טריט פון אַ שטאַרקערן, זענען אָבער אַריבער בירושה צו זיין זון. אַזוי דערציילט אונדז דער מחבר אין דער־אַ דערציילונג און מיר זענען קאַפּאַבל דאָס אָנצונעמען, מחמת דאָס קענטיקט זיך אַרויס שוין פון זיין אומברחמנותדיק פייניקן דעם לעבעדיקן יתום, פערעצל, וואָס איז געווען אונטער זיין האַנט אַ לערן־ייִנגל; און פון דער צווייטער זייט — זיין פאַרליב־בעמען און שטיל אַריבערטראָגן די גרעסטע עוולות פונעם עלטסטן אַרבעטער. אויך אין זיין שפּעטערדיקער דער־ציילונג „גורל״ חזרט זיך איבער דער דאָזיקער שטריך: „און איך, איך האָב געביסן מיינע פינגער פאַר שאַנד״ (פאַרגלייך דעם פאָטערס בייסן די שפּיצן פון זיין באָרד).

אין יעדן קער־און־ווענד, אין יעדער האַנדלונג זיינער — אַפילו אינעם קוש, וואָס ער גיט דעם מיידל — דערזעט ער דעם טאַטן אין זיך. ער וויל דאָס אַרויסרייסן פון זיך און אַנטלויפט פון דער היים — אַנטלויפט פון דער ירושה.

דאָס איצטיקע בוך דאַרף, בכן, באַטראַכט ווערן ווי אַ המשך פון „אַ לעבן גייט אויף״. אַ המשך, מחמת דאָס רוב דערציילונגען אינעם איצטיקן בוך פאַר־מאָגן אויטאָביאָגראַפישע שטריכן, רעטושן, אָדער אין בעסטן פאַל — עכאָס פון זיין היים, פון זיין שטעטל. דאָס זענען עכאָס, וואָס וועלן שוין, ווייזט אויס, דעם גאַנצן לעבן נאָכגיין. די דאָזיקע דערציילונגען זענען אָבער נישט קיין סתם אין־דער־וועלט־אַריין דערציילטע זאַכן — זיי האָבן אַ זין, האָבן אַ ציל: אַ ציל צו פאַרפיקסירן קינסטלעריש די מיליע פונעם אַמאָליקן ייִדישן שטעטל, יענער אונטערגעגאַנגענער צייט, יענעם דור.

על פּי רוב שילדערט אונדז בערלינסקי קרעפּטיקע, ערדישע און ערלעכע פּאָלקס־ייִדן, וועלכע זענען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאַרן אמת — שיער נישט מוסטערן פונעם פאַרגאַנגענעם דור. אפילו ווען בערלינסקי באַשרייבט דאָס אָרעמסטע לעבן, גייט אויך אויף עפּעס אָן אינעווייניקסטע ליכטיקייט, וואָס שפּאַרט פון די סאַמע טיפענישן. דווקא די־אַ דערציילונגען זענען לייריש אָנגעהויכט מיט האַרציקייט און ליבשאַפט פאַר דעם אָרעמען מענטשן. דאַקעגן שטעלט אונדז דער מחבר אַנטקעגן — להיפך צו זיי — אַ גאַלעריע בעגאַטיווע טיפּן, וועלכע זענען איבערגעזעטיקט פון רייכקייט און לחלוטין אויסגעהוילט פון יעדער מין מענטשלעכקייט. דאָס קומט בולט צום אויסדרוק אין זיין גוט־געבויטער און טיף־פּסיכאָלאָגישער דערציילונג „מיידלעך״, ווו פון איין זייט

שילדערט אונדז בערלינסקי די דאָרפישע ביילקע, פון וועלכע ס'שפּראָצט אַ נאַטירלעכע געזונטקייט און לויטערע ערלעכקייט; און פון דער צווייטער זייט — די רייכע פאַמיליע ברייטשטיין, וועלכע איז דורכאויס צעפוילט און דעגענערירט פון שקר, פאַראַט און אויסגעלאַסנקייט.

ש. בערלינסקיס העלדן זענען נישט קיין מטושטשדיקע, נאָר רעאַלע, פול־בלוטיקע געשטאַלטן. אַפילו די נעבן־פּאַרשוינען ווערן ביי אים געמאָלן מיט די זעלבע שטאַרקע פאַרבן — בולט און שאַרף. אמת, פאַראַן ביי אים דערציילונגען, וואָס זענען אפשר צו סוביעקטיוו, צו פּערזענלעך, אָבער גראָד דורך זיי מאַניפעסטירט דער מחבר זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס צו געוויסע פּראָבלעמען און דערשיינונגען — זיין צוגאַנג און באַציאונג צו מענטש און וועלט.

ליבע און עראָטיק שפּילן אין בערלינסקיס שאַפונגען אַ גרויסע ראָלע. דער דאָזיקער ער־און־זי מאָטיוו ציט זיך איבער אַ סך זיינע דערציילונגען. דער מחבר ברענגט דאָס אַרויס אויף אַ רעאַליסטישן, אָבער — סובטעלן אופן.

די דאָזיקע מעלה בערלינסקיס באַקומט דעם בולטסטן אויסדרוק אין זיין קלאַסישער דערציילונג „אַ געשריי". ס'איז אַ געשריי פון אַ קו, וואָס רייסט זיך צום ביק. אין פלוג קען זיך דער לייענער פון די שורות ווונדערן: זע נאָר פון וואָס מ'מאַכט אַ וועזן — פון אַ קו. ס'איז דאָך אַן אייגנאַכע און נאַטירלעכע זאַך. אָדער ווי זאָגט דאָרט דער בוכהאַלטער: „נאַטור, איר פאַרשטייט, נאַטור". אין דער אמתן איז עס אָבער נישט אַזוי פשוט. ערשטנס, וויל דער אייגנטימער פון ביק 300 רובל און זוכראַ, די באַלעבאָסטע פון דער קו פאַרמאָגט נישט מער ווי 75 רובל. צווייטנס, איז עס מלחמה־צייט, די מענער געפינען זיך אויפן פראָנט, און סיי די עוואַקואירטע פרויען און סיי די דאָרטיקע אוזבעקישע פרויען „וואַלגערן זיך אַרום אין זייערע היימען ווי צויטן, איבעריקע אוועקגעפאַלענע צויטן". זיי ליגן אויף זייערע איינזאַמע געלעגערס אין גליאיקע היץ־חלומות פון סעקסועלע באַגערן און גלוסטענישן. אָבער זיי האָבן דאָס פאַרטריבן, דערשטיקט. ערשט דער קוס געשריי האָט אויפגעריסן און אויפגעוועקט דעם פאַרקוועטשטן לוסט און באַגער, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט אין זיי. דורך דער קוס געשריי טרעט דער סעקסועלער הונגער ביי זיי אַרויס אַזוי שאַרף, אַז ער רוקט־אָפּ אין אַ זייט דעם הונגער נאָך ברויט, נאָך אַ מלבוש און אַלע אַנדערע מלחמה־קוועלן. די קו האָט, בכן, אַרויסגעשריגן אַ שותפות־געשריי. אָט, דאָס שותפותדיקע דערזעט מען באַשיימפּערלעך ערשט פאַרטאָג, ווען די קו האָט אַ רעזיגנירטע אויפגעהערט שרייען: „אַ ווייטיק האָט זיך איר געשניטן אַרום די נאָזלעכער, אַ שטומער צער. און טרערן, ריטשקעלעך טרערן האָבן איר גערונען פון די פאַרמאַכטע אויגן. זי האָט אין דעם מאָמענט עפּעס פאַרלוירן פון איר בהמהשן אויסזען, נענטער געוואָרן צום מענטש, וואָס טראָגט זיין פאַרלאַנג שטילערהייט און וויינט אים אויס מיט טרערן".

די דאָזיקע קרעפטיקע דערציילונג האָט ש. בערלינסקי איינגערעמט אין אַ קינסטלערישער ראַם פון ווונדערלעכע שילדערונגען פון אוזבעקישן שטייגער:

מנהגים, הלבשה, פֿאָלקלאָר און פּייזאַזש. אַז לייענסט דאָס איבער, פֿאַלסטו ראַפּטעם אַריין אינעם הייס־צעגליטן אוזבעקיסטאַן, ווו יעדע קליניקייט שאַפֿט שטימונג און פֿאַרוועבט דיך אין אַ געוועב פֿון פֿאַנטאַסטישע בילדער.

פֿול מיט שטימונגען און אימאַזשן זענען אויך זיינע סובטעלע נאַטור־שילדערונגען — אָפּגערעדט פֿונעם סיפּור־המעשה, וואָס איז געשפּאַנט אין זיי. צו זיי געהערן: „אַנטוישונג", „געראַנגל", „פֿאַרטאָג אין פּאַרק" און „די לבנה אין שטאָט". די נאַטור לעבט דאָ ביי בערלינסקין אַ מענטשלעך לעבן. מען פֿילט ווי דער מחבר האַלט אָפֿן אויג און אויער און האָרכט זיך צו צום קוים־קוים באַוועגלעכן שמער, צום שטילסטן שאָרך. אים פֿאַרקלעמט פֿאַר דער עוולה וואָס דער ערד איז געשען אין שטאָט („אַנטוישונג") — די ערד איז פֿאַרגאָסן מיט אַספֿאַלט און „מען האָט פֿאַרשטאָפּט איר טראַכט, צוגענומען ביי איר די פֿרוכבאַרקייט". קומט ער אָבער אין וואַלד — איז ער פֿול מיט התפּעלות פֿאַר דער יצירה: „איז וווּנדערלעך צו זען ווי די ביימער מיט די סקאַלעס האָבן זיך דאָ באַין ברירה צוזאַמענגעלעבט. אויב ס'איז ענג געוואָרן אַ בוים צו צעשפּאַרן זיינע וואָרצלען, מחמת אַ שטיין איז אים געלעגן ביי דער זייט, האָט ער מיט דעם טייל וואָרצלען אַריבערגעשפּרייזט איבערן שטיין, ווי מיט פֿינגער פֿון אַ פֿוס, און אַריינגעשטעקט אויפֿסניי אים אין דער ערד. האַלדזן זיי זיך אַזוי, די ביימער מיט די שטיינער..." (זייט 50).

עטוואָס בלאַסער איז גראָד די דערציילונג „גורל". מיר זאָגן „גראָד", ווייל ערשטנס איז עס אַן אויטאָביאָגראַפֿישע דערציילונג און צווייטנס — וועגן גורל. און ווער נאָך ווי דער מחבר פֿון דער־אָ דערציילונג קען אַזוי גוט דעם ביטערן גורל, וואָס פֿאַר איינעם איז ער „צאַרט, ווייך, אויסבעטנדיק אים אַ לעבן אויף פֿייגל־פּוך, און פֿאַר אַ צווייטן — אַ ביטערע אכזריותדיקע האַנט, וואָס דערלאַנגט פּעטש אויף רעכטס און לינקס". שוין די דאָזיקע קאַנווע האָט געגעבן אַ גרונט צו ריכטן זיך אויף אַ טיף־פֿאַרטראַכטע און קינסטלערישע דערציילונג. האָט אָבער דער גורל — ווי די טבע פֿון גורל — אונטערגעשטעלט דעם מחבר אַ פּיסל...

למען האמת מוז מען אָבער צוגעבן, אַז דאָס איז די איינציקע שוואַכע פֿון אַלע איבעריקע 23 קרעפּטיקע און קינסטלערישע דערציילונגען. אויף איינע פֿון זיי איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן — „גדלות": ס'איז אַ דערציילונג וועגן אַ מלחמה־אינוואַליד, וואָס קריכט ווי אַ זשאַבע אויף צוויי צוגעפּאַסעוועטע נידעריקע ביז פֿאַר די קני הילצערנע קלעצלעך, און אַ ליידיקער אַרבל אויף דער רעכטער זייט האָט זיך אים נאָכגעבאָמבלט. אָט דאָס פּיצל מענטשל האָט זיך געשאַרט אין לונאַ־פּאַרק צו אַ מעכאַניש־פֿליענדיקער הושטאַווקע. ער האָט אַרומגעכאַפּט מיט דער איינער האַנט זיינער אַ קייט און נישט געוואָלט נאָכלאָזן — דווקא מען זאָל אים אַרויפֿזעצן אויף דער הושטאַווקע. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפֿן, מען האָט אים געמוזט אַרויפֿזעצן אויף אַ זיץ־פּלאַץ. דער עולם אַרום האָט פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם. און ער? זיין גאַנץ פּנים האָט געלויכטן, עפּעס אַ חיות

באַקומען. ער, דער מלחמה־העלד, וועלכער איז שטענדיק געגאַנגען אויף דער ערשטער פייער־ליניע: אויפגעריסן אין רוקן פון שונא אַ סקלאַד פון אַמוניציע — פון וועלכן ער איז אַרויס אַזוי צעמזיקט — האָט דערפילט איצט, אויף דער הושטאַוקע, אַז מיט דעם לעצטן שטיקל קערפּער האַנדלט ער נאָך מיט גבורה. ער וויל אַזוי אָן אויפהער פליען און לאָזט זיך בשום אופן נישט אַראָפּנעמען. און ווען צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אים מיט כוח באַזייטיקט, האָט ער געשטויסן מיטן קאָפּ, געוואָרפן מיט די הילצערנע פיסלעך און געשריגן: „דאָס איז מיין רעכט, דאָס איז מיין רעכט צו לעבן און שטאַרבן אַזוי ווי איך וויל".

„גדלות" איז אַן עכט־ליטעראַרישער פּערל. ס'איז אַ קלאַסישע דערציילונג, וואָס פאַרכאַפּט דעם לייענער פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה.

ש. בערלינסקי איז אַן אויסגעצייכנטער אַרכיטעקט, וואָס קאָן גוט אָרגאַניזירן אַ דערציילונג. ער הייבט אָן פון באַזונדערע טיילן — נאַטור־שילדערונגען, פּייזאַזשן, שטימונגען און דאַן ערשט — געראַנגלען, קאָנפליקטן. די אַלע עלעמענטן — אָדער באַשטאַנדטיילן — ווערן ביי אים שטרענג דיסציפּלינירט, צונויפגעגאָסן איינע מיט די אַנדערע אויף אַ נאַטירלעכן און אָרגאַנישן אופן. איבער דעם אַלעם שפּרייט ער אויס זיין קינסטלערישן ליכט — זיי ווערן קינסטלעריש סובלימירט דורך זיינע באַטראַכטונגען און מעדיטאַציעס.

לשבח דאַרף אויך דערמאָנט ווערן בערלינסקיס פיינער סטיל און רייכע שפּראַך. דער עיקר — זיינע באַחנטע אידיאָמען, וועלכע נח פּרילוצקי ז"ל איז נישט מיד געוואָרן צו לייענען זיי פאַר לעאָ פינקלשטיינען, יהושע פערלען, אלי לערמאַנען און דעם שרייבער פון די שורות, און דערביי טייטלען מיטן פינגער: „איר הערט? איר הערט?".

מרדכי וו. בערנשטיין

„אין לאַבירינטן פון תקופות" — 1955

צווישן די יידישע אַרבעטער־קרייזן אין פּוילן, איז מרדכי בערנשטיין געווען גוט באַקאַנט אונטערן נאָמען: חבר מאַטוויי. באַקאַנט געווען ווי אַ בונדישער טוער און נאָך מערער — ווי אַן ערנסטער זאַמלער און אַרכיוויסט. אָבער דעם יידישן לייענער איז דער נאָמען מרדכי בערנשטיין כמעט ווי אומבאַקאַנט געווען. ערשט מיט אַ צייט צוריק זענען דערשינען זיינע צוויי אַרבעטן: „תקנות ביי יידן קעגן לוקסוס און אויסבערענגעריי" און „דער יידיש־גלאָסאַר פון חיי־אדם". אין ביידע די־אַ אַרבעטן קענטיקט זיך שוין אַרויס די עמבריאָ פון אַן ערנסטן פאָרשער און וויסנשאַפטלער.

„אין לאַבירינטן פון תקופות" איז דאָס ערשטע בוך זיינס, וואָס מיט אים האָט ער געמאַכט זיין אויפטריט אויף דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אַרענע.

אין משך פון דריי יאָר האָט מרדכי בערנשטיין דורכגעגנישטערט העכער 800 ישובים אויף דער דייטשער ערד, וווּ עס איז אַמאָל געווען יידיש לעבן. אומעטום האָט ער געגנישטערט און געזוכט די שפּורן פון אונדזערע פאַרשוווּנדענע דורות. געזוכט אין פאַרגעלבטע פּאַרמעטן, מוזעאומס, פאַרשטויבטע אַלטערטום־קאָלעקציעס, הפקרדיקע בית־עלמינס, צעשטערטע סינאַגאָגעס, דענקמעלער, קעלערן, נישעס און קאַטאַקאָמבעס. געווען אין ערטער, וווּ קיין יידישער פוס האָט ביז אים נישט באַטרעטן און אומעטום זיך אָנגעשטויסן אויף דעם ויהי — אויף די קידוש־השם־שפּורן, וואָס זענען געבליבן ווי אַ זכר לחורבן. דאָס זענען די בלוטיקע שפּורן פון קאָנסטאַנצער וועגט... די „בלוטסקאַפּעללע" אין לאַודאַ... „יודענזאַו" אין קעלהיים... דער דענקמאָל פון רשעות אין כאַם... דער רעגנסבורגער „יודענשטיין"... דער „יודענטאָר" אין וויל־דער־שטאָט... דער קעלנער קדושים־פּאַנטעאָן... דער... דער... און דער...

טראָט נאָך טראָט גייען מיר מיט מיטן מחבר איבער די לאַבירינטן פון תקופות און עס נעמט זיך אויפוויקלען פאַר אונדז די בלוטיקע מגילה פון אונדזער געפּייניקט פאָלק. אַ שווידער גייט אַדורך איבערן לייב ווען מיר באַקענען זיך מיט די אַלע ראַפינירטע אופנים פון ברענען און בראָטן אונדזערע אָבות אבותינו. דאָס איז אַ לאַנגע טויזנט־יאָריקע קייט פון יידישעליידן און מיטל

אַלטערלעכע בלבולים, וואָס נאָך יעדן בלבול איז געקומען אַ פרישע כוואַליע פון עקסצעסן און רויבערייען, שריפות און פאַרוויסטונגען, עפנטלעכע פאַר־ברענונגען און שוידערלעכע גזירות, אַרעסטן און גירושים.

דער מחבר שטעלט זיך באריכות אָפּ ביי יעדן קאַפּיטל באַזונדער און גיט־צו זיינע צאָלרייכע הערות, פאַרגלייכונגען און אויסטייטשונגען. די דאָזיקע קאַפּיטלען ווייזן קליפּ־און־קלאָר, אַז היטלערס מעשים־תעתועים זענען נישט קיין נייעס אין דער דייטשער געשיכטע. געטאָס, געלע לאַטעס, געשענדעטע בית־עלמינס, עלילת־דם־בלבולים, קרעמאַטאָריעס און אפילו די „ווידערגוט־מאַכונג" — אַלע זיי האָבן זייער בראשית נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק אויף דער דייטשער ערד. היטלערס אויפלאַגע איז, בכן, נישט קיין צופעליקע, קיין אָפּגעריסענע, נאָר איז אַ „העכערע" מדרגה פון דורות־לאַנגער יידן־פייניקונג. עס איז דאָ אַ צוזאַמענהאַנג פון די דייטשן מיט טויזנט יאָר צוריק מיט די ברוינע היטלער־יונגען פון דער נאַכט פון לאַנגן מעסער. אַלע זייערע „מעשים" בינדן זיך און קייטלען זיך איינע מיט די אַנדערע און שאַפן אַזוי אַרום אַ בריק צווישן נעכטן מיטן היינט. און הלוואי נישט — די שעה זאָל נישט באַשעה'ען! — מיטן מאָרגן.

און נישט אינגאַנצן אָן גרונט שטעלן מיר אַוועק דעם געשפּענסטיקן „הלוואי", מחמת נאָך איצט, קוים צען יאָר ווי די קרעמאַטאָריעס האָבן אויפגעהערט רויכערן, קומען זיך יאָר־יערלעך, בעתן היילקן „בלוטוואָך" צוזאַמען די גלויביקע דייטשן פון גאַנצן אַרום קיין לאודא אין דער „בלוטסקאַפּעללע", ווו עס ווערט אָפּגעריכט אַ ספּעציעלע מעסע און עס ווערט פאַרגעלייענט די געשיכטע פונעם טאָפּל וועגן דער האָסטיע־שענדונג. דאָס־אַ האָט דערציילט דער אַלטער גלח פון דער „בלוטסקאַפּעללע" פאַר מרדכי וו. בערנשטיינען, נישט אַנענדיק, אַז פאַר אים שטייט אַ ייד.

און דאָס איז נישט דער איינציקער העק־טאָפּל אויף דער דייטשער ערד. אַ סך, אַ סך אַזעלכע געשפּענסטיקע העק־פּלאַקאַטן און בלבול־דענקמעלער שטייען נאָך היינט אין דייטשלאַנד און טריפן טראָפּ נאָך טראָפּ דעם ראַסיסטישן זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם אינעם דייטשן בלוט.

נאָך מערער שרעקיקער ווערט דער „הלוואי" פונעם אויפשווידערנדיקן פאַקט, וואָס מערב־דייטשלאַנד אָרגאַניזירט אויפסניי די רייכסווער מיט אַלטע נאַציסטישע אָפיצירן און גענעראַלן פאַרן דריטן וועלט־קריג.

ס'קאָן אויך באַאומרואיקן אַזאַ „קליינער" פאַל פון אויסמאָלן אויף דער שיף „עריק" אַ האַקנקרייץ. דורך וועמען? — דורך אַ דייטשן מאַטראָז! ווו? — אין חיפהער פּאָרט! ווען? אין נאָוועמבער 1955!

אַזוי ווערט דער דייטשער ראַסן־סם עקספּאָרטירט, אויסגעברייטערט. אָט קאָכט איצט מיטן עסטרייכישן דערפל רין, ווו עס געפינט זיך ביזן היינטיקן טאָג אַ שטיין מיט אַן אויפשריפט, אַז דאָ איז באַגראָבן אַ קריסטלעך קינד, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן פון יידן פאַר די ריטועלע צוועקן פון זייער רעליגיע,

אין יאָר 1454. ווינציק דאָס, האָט זיך איצט געיאָוועט אַ קאַטוילישער „דיכטער”, וואָס האָט רעגאָווירט דעם גאַנצן בלוט־בלבול פון מיט 500 יאָר צוריק אין אַ „טעאַטער־פּיעסע”.

מען דאַרף וואָרענען! מען דאַרף קעגנווירקן! ווי אַזוי? — מיט דאָקומענטן אין האַנט.

מרדכי בערנשטיין האָט זיך טאַקע אַראָפּגעלאָזן אינעם עמק־הבכא — איבער די לאַבירינטן פון תקופות און פון דאָרטן, פון די סאַמע טיפענישן אַנגעהויבן אַרויסציען דאָקומענט נאָך דאָקומענט. אַ סך פון זיי זענען שוין טאַקע געווען היפּש אָפּגעריבן, פאַרשטויבט און פאַרוואַקסן מיט מאָך און פּראָך, אָבער בערנשטיין האָט זיי זאָרגפעלטיק אָפּגעשטויבט, אָפּגערייניקט און אַרויסגעטראָגן זיי פאַר דער ליכטיקער שיין, פאַר דער וועלט. ער האָט באַוויזן, אַז נישט צייט און נישט רשעות זענען געווען בכוח אָפּצווישן און אָפּצומעקן די שפּורן פון די טויזנט יאָר יידיש לעבן אויף דער דייטשער ערד. און זאָל זי, די וועלט — אַפילו די דעגענערירטע וועלט, וואָס האָט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צום אויסראָט פון זעקס מיליאָן יידן — זיך באַקענען מיטן גרויזאַמען באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס פון איין זייט באַווייזט ער די מאַרטירער־קדושה פון יידישן פאָלק, און פון דער אַנדערער זייט — אַנטבלויזט ער אין דער גאַנצער נאַקעטקייט די גרויסע שאַנד פונעם דייטשן פאָלק.

נשתומם צו ווערן ווי אַזוי איין מענטש האָט געקאָנט צונויפזאַמלען און באַהערשן אַזאַ ריזיקן מאַטעריאַל, וואָס וואָלט געקלעקט פאַר אַ גאַנצער עקספּע־דיציע זאַמלער און פאָרשער. מיט אַ זעלטענע התמדה און בקיאות האָט ער געניסטערט, געפאָרשט, פאָטאָגראַפירט און אויפגעקליבן די פּיצלעך, רעשטלעך שיריים פון אונדזער עבר.

אין זיין סוף־וואָרט צו די „לאַבירינטן פון תקופות” זאָגט דער מחבר, אַז ער האָט געפּרוווט קפיצת־הדרכדיק אַרויסכאַפּן אַ ניצוץ, נישט מער ווי אַ פונק, פון דעם נעכטן...

לכתחילה, קאָן זיין, האָט ער זיך טאַקע געשטעלט אַזאַ באַשיידענעם ציל, אָבער אין פּראָצעס פון זוכן און פאָרשן האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אַזויפיל לעבעדיקע צייכנס און שיריים, אַז די טעמע זיינע האָט זיך פון זיך אַליין אַנטוויקלט, אויסגעברייטערט און אויסגעוואַקסן צו אַ וויכטיק, וואָגיק בוך אויפן געביט פון יידישער געשיכטע־פאָרשונג. און הגם דער מחבר איז כמעט אומעטום טריי דעם טעקסט און פּינקטלעך אין דער שילדערונג, פילן מיר נישט די שטרענג־וויסנ־שאַפטלעכקייט, וואָס ביי אַ טייל וויסנשאַפטלער דערגייט עס ביז טרוקענע פּאָטאָ־גראַפיע. דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די פאַרשידענע עלעמענטן אינעם בוך: וויסנשאַפט, פּובליציסטיק, רעפּאָרטאַזש און עסיי. דער־אַ געמיש פון פאָרמען גיט דעם מחבר די ברייטע מעגלעכקייט נישט נאָר איבערצוגעבן די אַלע פּרקים דורך סטאַטיש־פאַרפיקסירטע פאַקטן, נייערט צו שילדערן די סביבה, באַדינגונגען, אָרט און צייט — די אַטמאָספער אין וועלכער די פאַקטן זענען אַנטשטאַנען.

י. ד. בערקאָוויטש

„קינדער־יאָרן" — 1970

קינדער־יאָרן, זיסע קינדער־יאָרן,
אייביק בלייבט איר וואַך אין מיין זכרון ;

ס'איז נישט קיין סוד, אַז די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן פון אונדזער דור האָבן געלעבט אין ביטערער נויט, אין דחקות.

דאָך — זיסע קינדער־יאָרן, ווי אין מרדכי געבירטיגס אויבן־אָוועקגעשטעלטע צוויי שורות. און דאָס זענען נישט קיין מליצה־שורות, נאָר האָבן אַ באַזע, אַן אָנשפּאַר, ווייל וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון די קינדער־יאָרן, אַלץ טייערער, אַלץ ליבער ווערן זיי אונדז. שטענדיק אַזוי. אין רעטראָספּעקטיוו קומען זיי אונדז פאָר ווי אַ חלום, ווי אַ שיינער בלויער חלום, וואָס האָט זיך דערווייטערט, פאַרפלויגן — „ווי אַ חלום איז דאָס אַלץ פאַרפלויגן". אָט דעם בלויען חלום האָט אונדז י. ד. בערקאָוויטש צוריקגעבראַכט מיט זיין בוך „קינדער־יאָרן".

י. ד. בערקאָוויטש, וועלכער איז געשטאָרבן מיט דריי יאָר צוריק אין ישראל, פאַרנעמט אַ חשוב און אייגנאַרטיק אָרט אין דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור. געווען אַ רעאַליסט, וואָס האָט געשריבן מיט אַ געליטערטער קלוגשאַפט און שטראַלנדיקן הומאָר. דער היכף פון זיין שרייבן: דערציילונגען, דראַמעס און איבערזעצונגען.

„קינדער־יאָרן" איז דעם מחברס אויטאָביאָגראַפיע, געשריבן פון דער ערשטער האַנט, אין דער ערשטער פּערזאָן. שוין דאָס אַליין איז אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג, מחמת אַזאַ בוך בויטיקט זיך נישט אין קיין פרעמדער עקזעגעטיק, וואָס גאַנץ אָפט זענען די אויסטייטשונגען און אַריינטייטשונגען, אָדער איבער־געטריבן, אָדער מינימיזירט — ווייט פון געטרייקייט.

ווייזט אויס, אַז פּונקט ווי שלום־עליכם האָט זיך נישט פאַרלאָזן אויף פרעמדע הענט, נאָר אַליין אָנגעשריבן זיין גרויס אויטאָביאָגראַפיש ווערק „פונעם יאַריד", אַזוי האָט אויך דער איידעם זיינער, י. ד. בערקאָוויטש אָוועקגעזעצט זיך אַליין אָנשרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס גיט סיי דעם געטרייען פּאָרטרעט

פונעם מחברס קינדער־יאָרן, און סיי האָבן מיר דאָ אַ בילד פון דער צייט, מיליע און סביבה זיינער. אַ טריט ווייטער: פונעם יידישן לעבן דעמאָלט.

די פּאָרעם פון שרייבן וועגן זיך אַליין אין דער ערשטער פּערזאָן, האָט אים דאָ גוט צוגעדינט, מחמת דאָס האָט אים געגעבן ברייטערע מעגלעכקייטן צו דערציילן דירעקט און אָפן וועגן זיין היים, וועגן זיך, און וועגן אַלץ און אַלעמען מיט וועמען ער איז געקומען אין באַרירונג. בכן: קאָנקרעטער שטאָף. מיט אָט דעם אופן פון דערציילן ווערט ער אויך פאַרשטענדלעכער און נענטער צום לייענער, וועלכער לעבט־מיט מיטן לעבן, וואָס דער מחבר באַשרייבט.

די היים און דאָס חדר זענען די הויפּט־אַקסן, אַרום וועלכע אַלץ דרייט זיך, אַלץ באַוועגט זיך אינעם בוך. ווי אויף אַ פילם־טאַשמע גייען דאָ פאַרביי דעם מחברס עלטערן, פעטערס, מומעס, זיידעס, באָבעס, ישובניקעס פון די אַרומיקע דערפער — פּערסאָנאַזשן וואָס בילדן די יחוס־קייט, די גענעאַלאָגיע פונעם מחבר. און וואָס גאָר וויכטיק: זיי אַלע זענען געשילדערט אַזוי לעבעדיק, אַזוי וואַכיק, אַז מיר זעען זייערע האַנדלונגען, אויסזען, כאַראַקטערן; מיר הערן אויך זייער לשון, זייער אופן פון רעדן. עקזאַקטע בילדער, געמאָלן מיט אַ קינסטלערישן אָטעם.

אויך דער שטייגערישער הינטערגרונט פונעם בוך פאַרכאַפּט ממש דעם לייענער מיט דער עשירות און דינאַמיק פון בילדער, ווי: חתונות, כלי־זמר, בדחנים, דרשה־געשאַנק, מצווה־טענצל, בריתן, קימפּעטאָרינס. איצט: יידישע ימים־טובים מיט זייערע באַזונדערע מנהגים, טראַדיציאָנעלער הלבשה, מאכלים, לעגענדעס, זאַבאַבאָנעס. אויך דרויסנדיקע דערשיינונגען, ווי: קלימאַט און פּייזאַזש, וואָס האָבן באַגלייט יעדן יום־טוב באַזונדער — קלאַנגען און בילדער פון אַמאָל. און יעדעס בילד ברענגט־אַרויס נייע זעאונגען, אימאַזשן — אַ ווונדערלעכע פּאַנאָראַמע.

און דאָ קומען מיר צו צום מחברס קינדער־יאָרן, וועלכע ער האָט פּאַנאָ־דערגעוויקלט ווי שמעקעדיקע בלומען. מיר באַקענען זיך דאָ מיט זיין רבין הירשל־בערל כאַשקעס (דווקא אַ גוטער רבי — כאָטש מיט אַ קאַנטשיק), מיט דער רביצין כאַשקע הירשל־בערלס (אַ גוטע שטילע נשמה) און דער עיקר: מיט דער גאַלעריע קינדער־טיפּן, זיינע חדר־חברים, וואָס האָבן געהאַט, ווי אַלע קינדער, אַן אייגענע קאָנסטעלאַציע פון פירעכצער. פאַראַן דאָ רירנדע און טיף־פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן, וואָס פירן צוריק דעם לייענער צו זיין אייגענער קינדהייט.

אין זיינע זכרונות דערשיינט פאַר אונדז דער מחבר אין עלטער פון צוויי און אַ האַלב יאָר. פון דעמאָלט אָן לאָזן מיר אים שוין נישט אַרויס פון אויג. מיר קוקן זיך צו צו זיינע גענג, הערן זיך צו צו זיינע רייד, צו זיינע באַגעגענישן, טראַכטונגען און אָבסערוואַציעס. אָט קומט אַ גוי מיט זיין קליין שייגעצל, הרישקאָ בויען ביי זיי אַ נייע שטוב. פאַר בערעלען עפנט זיך אַ נייע וועלט.

ער טרעט נישט אָפּ פון זיי און קוקט זיך צו צו זייער אַרבעט, צו זייער עסן. אָבער דאָ באַווייזט זיך זיין מאַמע און טרייבט אים אַוועק מיט אַ געבייזער:

— אַ יידיש יינגעלע ווי דו טאָר נישט שטיין און קוקן, ווי גויים עסן חזיר.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן הערט ער, אַז ער איז אַ יידיש יינגעלע, און אַז גויים עסן חזיר.

אויף אַט דעם פאַרבאָט פון די דערוואַקסענע: ניטע, מ׳טאָר נישט! טרעפט זיך בערעלע שפּעטער אָן אויף טריט און שריט. צו וואָס ער רירט זיך צו — ניטע! וויל ער אָנרירן דעם זייגער — ניטע! שפּילן זיך מיט אַ בלעטל פון אַ ספר — ניטע! קוקן אויפן ווייסן צלם מיטן נאַקעטן מענטשל — ניטע, גאָט וועט שמייסן מיט אייזערנע ריטער! נישט דאָס ערשטע מאָל ווי מען סטראַשעט אים מיט גאָט.

שפּעטער באַגלייטן מיר אים אין חדר אַריין. דאָ הייבט דער מחבר אויף דעם פאַרהאַנג פון אַ ניי לעבן פאַר בערעלען, אַ לעבן פול מיט פרייד און צער. נייע חברים, נייע איבערלעבונגען: דער רבי ווייזט אים אָן אלף און דער מלאך וואַרפט־אַראָפּ פון הימל אַ נייע קאָפּיקע, קינדער לערנען אים אויס נייע שפּילן; אַ טייל קינדער ווילן זיך נישט שפּילן מיט אים צוליב זיין אָפן קעפּל צום לערנען, אַנדערע פאַרקערט: ווילן זיין נאָענט מיט אים. אַ טייל קינדער זענען אים מקנא פאַר מיטברענגען יעדן אין דער פרי אַ בייגל מיט פוטער, און טשעפּען זיך צו אים. דאָס ערגסטע איז פאַר אים ווען בעגזע, דעם רבינס, רייצט זיך מיט אים: „בערעלע, שמערעלע, מעט דיך צעשניידן אויף שטיקלעך און אַריינוואַרפן אין ים!‟ וואָס אַ ים איז ווייסט ער נישט, אָבער זיין צעשניטן מיט אַ מעסער אויף שטיקלעך — ווילט זיך אים נישט.

פון דעם בייגל מיט פוטער קאָן מען משער זיין, אַז בערעלע האָט נישט געהאַט קיין שווערע קינדער־יאָרן. פון קיין הונגער האָט ער טאַקע נישט געוווּסט, אָבער אין זייער שטוב זענען געווען געענוג וואָכעדיקע טעג מיט גריזשעגישן און זאָרג ווי אַרויסצוקריכן פון די חובות, וואָס זיי זענען פאַרשולדיקט געווען צום וואָכערניק, די פּיאַווקע, וואָס איז יעדן פרייטיק געקומען צו זיי איינמאָנען דעם חוב.

וועגן אמתן הונגער האָט זיך בערעלע דערוווּסט פון זיין חבר כאָניע־בערל, וועלכער האָט ביי אים, אין ערשטן טאָג פסח, אויסגעטאָצט אין אַ שפּיל — גיכער אויסגענאַרט — עטלעכע ניס. ווייניק דאָס, קומט ער אויף צו מאָרגנס צו בערעלען מיט אַ פראַגע:

— איר האָט ביי אייך אין שטוב מצות?

— יע, — זאָג איך ברוגזלעך. — וואָסי?

— אַ פולע מצות?

— מיר האָבן אַ גאַנצע פאַס, — פאַרבייג איך מיין ברוגז און זאָג אים, ווי דער אמת איז.

— ווייסט גאָר וואָס? מאַכט צו מיר כאָניע־בערל און טוט זיך אַ וויש

די נאָז מיטן אַרבל. — נעם שלעפּ אַרויס פון פּאַס אַ גאַנצע מצה און גיב מיר.

— וואָס דאַרפסטו אַ גאַנצע מצה? אויף שפּילן?

— אָט אַ נאַר! אויף עסן! ביי אונדז איז געבליבן נאָכן סדר אַ האַרעלע מצות, מיר עסן נאָר קאַרטאָפל, בין איך הונגעריק.

בערעלען איז שווער צו פאַרשטיין אַזאַ זאַך. און ער ווערט פון אַזעלכע אָפענע טרויעריקע ווערטער צעטומלט.

וויפל תמימות ליגט אין זיין צעטומלטקייט, אין זיין טיפן אויפריכטיקן צער.

שפּעטער־צו, ווען בערעלע האָט אָנגעהויבן לערנען חומש, איז ער שטאַרק פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אויסטערלישע מעשיות, וואָס ווערן דאָרט דערציילט. ער האָט זיך מיט זיי אַזוי איבערגענומען, אַז ער האָט געוויינט אויף יעדער צרה, אויף יעדער עוולה. ער האָט געוויינט אויף דער ביטערער דאָליע פון אדם און חוה, וועלכע זענען פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן צוליב אַן עפּעלע, וואָס מען טאָר נישט עסן (ווידער: מען טאָר נישט!) געקלאָגט אויף חנהן מיט אירע זיבן זין; ס'האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן אויף משה רבינו, וואָס איז געשטאָרבן פאַר דער צייט; געגאָסן הייסע טרערן אויפן חורבן בית־המקדש; ער איז צעריסן געוואָרן פון צער אויף דעם יויזל, וועלכער הענגט אויפן צלם אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער.

אויף קריוודעס, אויף אומיושר איז ער זייער סענסיטיוו און — ער וויינט. אויך נאַטירלעך, ווייל זיין געמיט־צושטאַנד לייזט זיך אויף אין די טרערן. דאָס איז אויך זיין פּראָטעסט. סיי ווי — געלייטערטע קינדערשע טרערן. אַ סך פון די־אָ מעשיות האָט ער שפּעטער איבערדערציילט פאַר זיין שוועסטערל, דערביי אויסגעברייטערט זיי און פאַרווירצט מיט אייגענער פאַנטאַזיע. דאָס זענען, ווייזט אויס, געווען די ערשטע טריט צום דערציילערישן און עפּישן דורך פונעם שפּעטערדיקן שרייבער י. ד. בערקאָוויטש.

ווי מיר זעען זענען אַלע עפּיזאָדן און געשעענישן קאָנצענטרירט אַרום דעם הויפּט־העלד יצחק־בער, אָדער פּשוט: בערעלע. און דאָס איז פאַרשטענדלעך, און ריכטיק, ווייל — אויטאָביאָגראַפיע. עס איז אָבער מער ווי דאָס, מחמת מיטן דעשיפרירן זיינע אייגענע קינדער־יאָרן, ווערן אויך אַנטפּלעקט זיינע חברימס — און דעם לייענערס — קינדער־יאָרן, וועלכע האָבן געדרימלט ערגעץ טיף אין אַ פאַרמאַכט קעסטעלע. אָט דאָס פאַרמאַכטע קעסטעלע פון — און צו דער קינדערשער נשמה, האָט י. ד. בערקאָוויטש אויפגעמאַכט.

מיר האָבן נאָר אַרויסגענומען עטלעכע פּעדימלעך פונעם דינעם זיידענעם געוועב — קינדער־יאָרן. דערביי דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די זכרונות זענען געשריבן אָן אַ שמץ פון אויספּיינערן זיך, פון רימען זיך — אָביעקטיוו. „קינדער־יאָרן" איז, בכן, אַ קינסטלעריש און ערלעך בוך.

לשבח דאַרף דערמאָנט ווערן אברהם ליס' הקדמה, וואָס גיט סיי אַ קורצע אָפּשאַצונג וועגן מחבר פון „קינדער־יאָרן", און סיי איז עס אַן אַריינפיר אינעם תוך פונעם בוך.

בערנאַרד גאָלדשטיין

20 יאָר אין וואַרשעווער „בונד" — 1960

קיעוו אין 1918:

אַ צייט — אַן אימפּולסיוועּ, אַ שטורמישע. יעדער טאָג ברענגט מיט זיך טיפע ענדערונגען. די פּאָליטישע סיטואַציע — אַן אומקלאָרע. פּעטליוראַ האָט איבערגענומען די רעגירונג מיט דער הילף פון „איספּאָלקאָם"[1], וואָס האָט דערפּאָלגרייך אַדורכגעפירט די רעוואָלוציע קעגן דער פּראָ־דייטשער סקאָראָפּאַדסקי־רעגירונג. יעדע פּאַרטיי האָט געשאַפן איר באַוואָפנטע קאַמף־דרוזשינע. אויך דער „בונד" האָט געשאַפן אַזאַ דרוזשינע, אונטער דער אָנפירונג פון בערנאַרד גאָלדשטיין, וועלכע האָט געקעמפט אין צענטער שטאָט און פאַרנומען אַ וויכטיקן קוואַרטאַל. די פריידיקע שטימונג ביי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, מחמת די פּעטליורישע רעגירונג האָט גאָר גיך זיך אָפּגעקערט פון די אַרבעטער־פּאַרטייען און אָנגעהויבן באַווייזן איר אמתן פּרצוף. מיטן דערנענטערן זיך פון די באָלשעוויקעס צו קיעוו, האָבן זיך אַ טייל חברים פון בונד — פּונקט ווי אַ סך עפּיגאָנען פון אַנדערע פּאַרטייען — אונטערגעגעבן די פּראָ־באָלשעוויסטישע שטימונגען. נישט בלויז האָבן זיי געביטן די מיינונג, נאָר זיי האָבן זיך איבער נאַכט געענדערט נישט צום דערקענען: פּאַררעט, אָפּנאַרעריי, קעגנזייטיקער אומצוטרוי און חשד. ביי אַזאַ אַטמאָספער איז אַראָפּגעקומען קיין קיעוו דער באַקאַנטער בונדישער טוער עמנואל נאָוואָגרודסקי — היינט אין אַמעריקע — וועלכער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער אויפגעלעבטער און פאַנאַנדערגעוואַקסענער בונדישער טעטיקייט אין נייעם אומאָפּהענגיקן פּוילן. דאָס בילד וואָס נאָוואָגרודסקי האָט געמאָלן פאַרכאַפּט און רייסט־מיט בערנאַרד גאָלדשטיינען און ער באַשליסט זיך אומצוקערן אַ היים. באַשלאָסן און — אָנגעטאָן זיין אַלטן מיליטערישן מונדיר, אַ שינעל, אַ הויכע פּאַפּאַכע און אַ פּאָר שטיוול. זיין באַגאַזש: אַ טשייניק, אַ ביסל צוקער, טיי, אַ לעפל, אַ שטיקל זייף —

---

1. „איספּאָלקאָם" — אויספיר־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען און פון די אומלעגאַלע פּאַרטייאישע גרופּעס אין מיליטער.

אַט ביי אַזאַ אַטמאָספער און אין אַזאַ מעמד איז דער מחבר פון איצטיקן בוך געקומען קיין וואַרשע.

קומענדיק מיט אַ באַגאַזש פון פּראַקטישע אַרבעטן און דערפאַרונגען, וואַרפט ער זיך גלייך אין דער קאָכיקער פּאָליטישער און פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט פון „בונד". דאָ, אין וואַרשע האָט ער געפונען דאָס וואָס האָט אים באַפליגלט און אָנגעפילט מיט טיפן גלויבן.

אין זיין איצטיקן בוך — זיין ערשט בוך א.ג. „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ" איז דערשינען נאָכן גרויסן פעלקס־אומגליק — שילדערט דער מחבר דעם העכסטן באַרג־אַרויף־גאַנג פון „בונד" אין וואַרשע: פעסטע אָרגאַניזאַציעס, גוט־אָרגאַניזירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציעס און פיל אַנדערע קערפּערשאַפטן. דער עיקר אָבער נעמט דאָס בוך אַרום די געביטן, מיט וועלכע דער מחבר איז געקומען אין דירעקטער באַרירונג. און דאָס איז — פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און זעלבסטשוץ.

מיר זעען דאָ די יידישע אַרבעטער־גאַס אַן אויפגערודערטע, אַ צעכוואַליעטע: שטרייקן, קאָלעקטיווע אַרויסטריטן, דעמאָנסטראַציעס און נצחונות. אַ סך פון די־אַ קאַפּיטלען זענען אָבער פאַרוועבט מיט טראַגישע קאָליזיעס: דראַמאַטישע געשלעגן און ווילקירלעכע אָנפאַלן אויף פּראָפעסיאָנעלע טוער — און אויף בונדישע פירער (ווי דער „אָנעגרישער"[2] פרווו צו דערמאָרדן הענריק ערליכן). און דאָס — סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס. פון איין זייט — די כל־מיני פוילישע פּראָ־היטלעריסטישע פּאַרטייען, און אויך די „פּראַקעס" (אַן אָפּגעשפּאָלטענע רעכטע פראַקציע פון פּ.פּ.ס.), וועלכע האָבן מיט דער הילף פון טעראָר־אַקטן און פּאָליציי־אישע שיקאַנעס געצוווּנגען מיטגלידער פון די בונדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיך אָנצושליסן אין די פּראַקישע פאַראיינען; און פון דער צווייטער זייט — די יידישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן פאַר יעדן פּרייז — דורך מעסער־געשלעגן ביז מאָרד — זיך פאַרמאָסטן צו צעברעכן די סאָציאַליסטישע פאַראיינען.

און דאָ קומען מיר צו צום גרעסטן קאַפּיטל אינעם בוך: „זעלבסטשוץ" אין וועמענס שפּיץ ס'איז געשטאַנען בערנאַרד גאָלדשטיין, דער מחבר פונעם בוך.

אין פלוג קאָן מען טראַכטן: וועלכע פּאַרטיי האָט דאָס נישט פאַרמאָגט איר פּאַרטיי־מיליץ, אָדער אָרדנער־גרופּע, צי גאָר — „באָיוּווקע". נישט אַזוי די בונדישע פּאַרטיי־מיליץ. דאָ האָט געהערשט אַ גאַנץ אַנדערער גייסט, ווייל וויכטיקערע צילן: קאַמף פאַר דער זיכערקייט און פאַרטיידיקונג פון יידישן לעבן. גייען טאַקע פאַרביי אינעם בוך מוטיקע און העראָישע קאַמפן קעגן די כלערליי אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס פון נאַצישן שניט. צי דאָס איז געווען אין די שטאָטישע פּאַרקן, ווו די „פאַלאַנגאַ"־לייט און אַנדערע כוליגאַנעס פלעגן באַפאַלן און שלאָגן יידן; צי דאָס איז געווען קאַמף קעגן בויקאָטירטע יידישע געשעפטן;

---

2. „אָ.נ.ר." — „אָבוז נאַראָדאָווא־ראַדיקאַלני" (נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער לאַגער).

צי גאַר קאַמף אַרום די „געטאָ־בענק" אין די אוניווערסיטעטן — אַט דאָס איז געווען די הויפט־אויפגאַבע פון דער בונדישער מיליץ.

דער מחבר שטעלט זיך דאָ גענוי אָפּ אויף דער אָרגאַניזאַציע — בוי און כאַראַקטער — פון דער דאָזיקער קערפערשאַפט. דאַן — דער צוזאַמענשטעל. און דאָ ווערן אַרויסגעבראַכט מענטשן, געשטאַלטן, פאָרטרעטן און טיפן אַזוי בולט, אַז יעדער איינער פון זיי איז אַן אַרבעט פאַרן פסיכאָלאָג.

אַט איז כאַסקעלע בעקער — אַ „פערטע האַנט" וועלכער פלעגט יעדן טאָג קויפן די „פאָלקס־צייטונג" און גיין צו באַקאַנטע, זיי זאָלן אים פאַרלייענען די צייטונג. זיין פרוי איז געווען אַ קעכין, מען האָט זי גענומען צו קאָכן אויף רייכע חתונות און אויף גרויסע שמחות. כאַסקעלעס באַליבטע אַרבעט איז געווען — ווערבירן קינדער פאַרן „סקיף". „אַז כאַסקעלע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן פון באַרימטן „פלעצל" אויף קראָכמאַלנע, האָט אַריינגעלייגט צוויי פינגער אין מויל אַריין און האָט געטאָן עטלעכע מאָל אַ שאַרפן פייף, האָבן שוין די קינדער געוווסט, אַז דאָס רופט זיי כאַסקעלע. אין געציילטע מינוטן איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה קינדער, טייל מאָל אַ 100—150. ער האָט זיי אַלע אויסגעשטעלט אין רייען, זיך געשטעלט אין שפיץ און — ספעציעל זומער־צייט — אַוועקמאַרשירט מיט זיי אויף אַן אויספלוג הינטער דער שטאָט, אין וואַלד. „די קראָכמאַלנער מאַמעס האָבן אים פאַרווינטשט דערפאַר דאָס אייביקע לעבן. ער האָט צוגענומען די „ממזרים" זייערע אויף אַ גאַנצן זומערדיקן טאָג (טייל מאָל אויך אין די וואָכן־טעג), זיי זאָלן זיך נישט דאַרפן וואַלגערן אין די קראָכמאַלנער רינשטאָקן און אַרום די פולע מיסט־קאַסטנס, און זיי זאָלן נישט „מאַרדעווען" די מאַמעס. פאַרנאַכט פלעגט כאַסקעלע צוריקברענגען די קינדער אַ ביסל אָפגעברענט פון דער זון און גליקלעכע — האָבן די מאַמעס זיך געקאָנט ווינטשן עפעס בעסערס? כאַסקעלע איז געווען אַן אמתער מלאך אין דער פאַרחושכטער קינדער־וועלט פון קראָכמאַלנע גאַס.

כאַסקעלעס גורל? ווען ער איז געלעגן אין געטאָ־שפיטאָל אַ קראַנקער אויף טיפוס, אין גרויסער היץ, אומבאַוווסטזיניק שוין, האָט ער פון היץ כסדר געזונגען אַרבעטער־לידער, די בונדישע שבועה א.א. מיט די לידער אויף די ליפן איז ער געשטאָרבן.

אַ צווייטער טיפ: „יוקעלע גנב פון שעכט־הויז" (בלשון סגי־נהור — אַן אויסטויגער, אַ פלינקער, אַ געריבענער יונג). זיין גענעאַלאָגיע: געבוירן ביי טויב־שטומע טאַטע־מאַמע. דער פאָטער איז געווען אַ פורמאַן פון פלייש ביים פאַוואָנזקער שעכט־הויז. צו 5 יאָר זענען טאַטע־מאַמע געשטאָרבן אין איין טאָג פון אַ טיפוס. זיין שול איז געווען די גאַס. נישט קיין ווונדער וואָס ער איז אויסגעוואַקסן אַ ווילדער הפקר־יונג, וואָס האָט פאַר קיינעם נישט קיין מורא געהאַט.

נישט לייכט איז געווען צו האַמעווען אַזאַ ס׳גאַל מענטש ביי וועמען „אַריינזעצן עמעצן אַ מעסער אין דער זייט בעת אַ קריגערייַ — איז געווען אַ קלייניקייט", קעגן רעוואַנזש־אַקציעס, אָבער — דיסציפלין. אַט דער יוקעלע

איז איינמאָל געקומען צום חבר בערנאַרד אויסגיסן זיין האַרץ — ער האָט ליב אַ מיידל. („אוי, חבר בערנאַרד, זי איז דאָך אַזוי שיין ווי די וועלט"). אָבער אַזוי ווי ער האָט נישט קיין טאַטע־מאַמע איז ער געקומען צום „בונד", צום חבר בערנאַרד פרעגן צי ער מעג מיט איר חתונה האָבן, צי וועלן זיינע קינדער נישט זיין קיין שטומע. און אַז יוקעלע האָט חתונה געהאַט און דאָס קינד האָט צו ניין חדשים אָנגעהויבן רעדן, איז קיין גלייכן נישט געווען צו אים.

אינעם בוך גייען פאַרביי אַ סך אַזעלכע טיפּן, וועלכע האָבן זיך געפונען ביים ראַנד פון דער יידישער געזעלשאַפט, אָבער דער „בונד" האָט זיי אַרויסגעצויגן פון די טיפענישן, פונעם אָפּגרונט, און דערהויבן זיי צו דער מדרגה פון קעמפער און אידעאַליסטן — צו אַ העכערן סאָציאַל־קולטורעלן מצב.

אָט די כאַסקעלעך, יוקעלעך, מאַלעמאַטקעס און פיל אַנדערע זענען מיט אַלע פעדים פון זייערע נשמות געווען צוגעבונדן צו דער פאַרטיי און האָבן זיך מוסר־נפש געווען פאַר דער אַרבעטער־זאַך.

אַוודאי גיט דאָס בוך נישט קיין אויסשעפּיק בילד פון „בונד" אין די יאָרן 1919—1939, אָבער דער יונגערער לייענער, וואָס איז נישט באַהאַוונט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און קען ווייניק די געשיכטע פון „בונד" אין יענע יאָרן, וועט דאָ געפינען אַ סך אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל.

משה דוד גיסער

צו זיין 25־טער יאָרצייט

25 יאָר זינט ס׳איז איבערגעריסן געוואָרן דאָס ליטעראַרישע געזאַנג פונעם דיכטער משה דוד גיסער.

און געשען איז עס דעמאָלט אַזוי ראַפּטעם, אַזוי פּלוצטהאַלבן, אַז קיינעמען האָט זיך נישט געקאָנט — און נישט געוואָלט — צוגלייבן. איך — אַוודאי און אַוודאי נישט, מחמת איז דאָך נאָך געלעגן אויף מיין שרייב־טיש זיין בריוו אין וועלכן ער דערציילט וועגן זיין לעצטער נסיעה איבער די פּאַראייניקטע שטאַטן, זיינע ביטערע אַנטוישונגען דאָרט און זיינע יסורים, וואָס זיין ישראל־אַדיסייע איז דערוויל צעשטערט געוואָרן. ער איז אָבער גליקלעך — שרייבט ער, — וואָס זיין טאָכטער, רבקה מיט איר מאַן, און זיין בכור, אורי פאָרן אַפּ קיין ישראל. נאָך עפּעס: אַז ער האָט גרייט צום דרוק צוויי בענדער קינדער־לידער, און אַז זיין נאָך־מלחמהדיקע אַרבעט איבער אַ זאַמלבוך וועגן לעבן און אומקום פון פּוילישן יידנטום, איז דערוויל צונישט געוואָרן. זיגמונט טורקאָוו — שרייבט ער — וועט דיר שוין אַלץ דערציילן...

און דאָ — אַזאַ פינצטערע ידיעה.

געבוירן אין ראַדעם, פּוילן — אין סאַמע מיט פון קוואַליקן, זאַפטיקן יידישן לעבן. זיין יחוס־קייט: פון דור־דורות מעש־גיסער (פון דאַנען דער פאַמיליע־נאָמען גיסער). אין זייער שטוב האָט גאַנץ אָפט געקיניגט אַ גרויע, זלידנע נויט. ביי דעם אַלעם פלעכט זיך דאָרט זאָרג מיט פרייד; וואָכעדיקער עול מיט שבת־יום־טובדיקייט. גאָר יונג גייט משה דוד אין וואַרשאַט כדי צוצוהעלפן דעם פאָטער זיינעם אין דער אַרבעט. דאָס שטערט אים נישט אין דער „פרייער" צייט ביים עסן, ביים שפּאַצירן — צו לייענען יידישע, העברעישע, דייטשישע און פּוילישע ביכער. געווען איז עס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, די צייט ווען פון די וואַרשטאַטן רייסן זיך צאָרן־און וועק־לידער; שטורעם־און דראַנג־מאָטיוון מישן זיך מיט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פריהייטס־לידער; פּאַראַלעל צו דעם האָט זיך זילבערדיק צעקלונגען דאָס יידישע פאָלקס־ליד, וואָס האָט געשפּאָרט דורך טיר און פענצטער; פאָלקסטימלעכקייט, פאָלקלאָר האָט זיך פאַרוועבט — ס׳האָט זיך צערוישט דער יידישער לעבנסשטייגער.

אין יענער צייט זע איך משה דודן אין אַ ברוין־סאַמעטענער מאַריגאַרקע, אַ בלייכער, מיט אַ פּאַטאָסדיק־פּאַעטישן אויסזען, לייענען זיינע ערשטע לידער פאַר אַן ענגן קרייז: לייב מלאך, לעאָ פינקלשטיין, דוד איינהאָרן, יהושע פערלע, מאיר הערץ, י. ב. שטריימאַן און מיין ווייניקייט — דער ייִנגסטער פון זיי. (גאַנץ אָפט פלעגט זיך אויך אַראָפּכאַפּן צו אונדז פישל בימקאָ פון קיעלץ).

פון דער נאַטור אַ טיפער ליריקער מיט נטיות צום פאָלקס־טאָן, האָט ער זיך באַגייסטערט פון אַלץ וואָס איז שיין, איידל און אמת. זיין גרונט־מאָטיוו: ליבע צום פאָלק, דער עיקר — צום האָרעפּאַשנעם מענטשן, וועמען ער האָט ליב געהאַט מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה. די אויסשטראַלונג פון דעם — אַלגעמיין־מענטשלעכע און יידיש־נאַציאָנאַלע מאָטיוון.

שפּעטער־צו הערן זיך טענער פון אומרו און רעבעל אין זיינע לידער, ווו דער דיכטער טרעט־אַרויס מיט אָפענעם סאָציאַלן פּראָטעסט, מיט רעוואָלט קעגן אומגערעכטיקייט:

...די שפייכלערס זענען פול מיט עסנוואַרג און ברויטן,
און קיינער שטייט נישט אויף, וואָס זאָל די רייכע נויטן
די שפייכלערס עפענען — די ברויטן צו צעטיילן
פאַר די וואָס הונגערן — אין די טויזנטער צו ציילן.
(„טאַטע הונגער")

נייטן טרעט דאָ אַרויס ווי אַ דראָענדיקער אַרויסרוף! ס'איז געוואָרפן אַ הענטשקע אין פּנים פון די רייכע. ביי דעם אַ תּנאי: באַפרייען זיך פון קרעאַטיוון געפיל. נישט שווייגן, נאָר שרייען! מחמת:

...נישטאָ זיך וואָס צו שעמען, זאָל ווייזן זיך די שאַנד
מיט אייטערדיקע וווּנדן — די האַרן פון דעם לאַנד.
(„געבוג אין רו געשוויגן")

פון מאָדנע זאַכן זינגען זיי, די דיכטער: פון בלומען און פון פייגל, נאָר אַז מען דאַרף — קאָנען „זיי שטעכן מיט די ווערטער, נאָך ערגער ווי מיט מעסערס". זיי זינגען אויך „פון וועלדער, גרינס און גראָזן", אָבער אַז מ'דאַרף: „ווי אַ פונק פון צאָרן — אַ פייער זיי צעבלאָזן" („דיכטער"). טאָ ווער זאָל אויפברויזן די מאַסן, ווער זאָל צעבלאָזן דעם פונק פון צאָרן, אויב נישט דער דיכטער?

יושר־מאָטיוון און עטישער באַנעם, זענען צעוואָרפן איבער כמעט אַלע לידער זיינע. זעלטן אַז אַ דיכטער זאָל אַזוי רעדן צום לייענערס חושים. ס'איז, בכן, קיין חידוש נישט וואָס דער לייענער האָט גלייך דערפילט אַ התקרבות צום דיכטער. דער לייענער האָט זיך דערפילט אין גיסערס לידער.

אַליין אַ שטיק נאַטור, פאַרנעמט דער פייזאַזש ביי אים אַ גאַר וויכטיק אָרט. אָנגעזאַפּט מיטן פוילישן לאַנדשאַפט, מיט די פוילישע מערק און טיפן,

איז ער בכוח געווען צו מאָלן אַזאַ פּאַוועדיק — און אַזאַ קינסטלעריש! — בילד, ווי „דער יאַריד", וואָס איז אַ שטיק מאָזאַיק, אַ שטיק אורבאַניזם — אַן עסטעטישער גענוס פאַרן אויג און אויער. „דער יאַריד" איז, בשעתו, געווען די גראַוויטאַציע פאַר אַ סך לייענער, שרייבער און קריטיקער.

ביי גיסערן איז אָבער די נאַטור אַ שפּרונג־ברעט צו מענטש און וועלט, מחמת די נאַטור לעבט ביי אים אַ מענטשלעך לעבן. דער דיכטער פאַרשטייט אויך דעם דומם, אַפּגעשמועסט — די שטומע באַשעפענישן, צו וועמען ער טראָגט איבער זיין וואַרעמען געפיל און צער:

...עס איז אַזאַ ווייטיק אויף עלנטע הינט,
וואָס בלאָנקען אין גאַסן דורך רעגן און ווינט,

געטריבן פון הונגער, אין קעלט און אין נויט,
צו זוכן אויף מיסטן דאָס אָפּפאַל פון ברויט.

(„עלנטע הינט")

משה דוד גיסערס לידער פאַרמאָגן אין זיך אַ ברויזנדיקע דינאַמישקייט: אָט־אַ דממה־דקה׳דיקע שטימונגען, און אָט גיט אַ שפּאַר אַן אויפגעשטורעמטע סטיכיע:

...איך בין די פרייד, איך בין דאָס גליק און כ׳בין דער שקלאַף פון זיך אַליין
און כ׳בין דער הערשער איבער זיך, און כ׳בין פון טויזנטער ס׳געוויין.
און כ׳בין דער שטורעם־גלאָק, וואָס וועקט פון פינצטערניש די מידע קנעכט".

דער, וואָס האָט געקענט משה דוד גיסערן נענטער, חידושט זיך: אין וועלכע אוניווערסיטעטן האָט גיסער געלערנט מעסטן — און אַזוי פּינקטלעך! — די פאַרשידענע פערזן־מאָסן: כאָריי, אַמפיבראַך, אַנאַפּעסט, דאַקטיל, יאַמב? דער ענטפער איז אַ פּשוטער: די ביטערע נויט איז זיין אוניווערסיטעט געווען, און דעם קאַמערטאָן פאַר זיינע ריטמען האָט ער אָנגעשטעלט לויטן קלאַנג און ריטעם פון דער דריי־באַנק, ביים שלייף־שטיין און פייער־טיגל, ביים שלייפן מנורות און שליסן רינגען, פּלוס — לויטן טאַקט און ריטעם פון זיין איידל און צעברויזט האַרץ.

געציילטע יאָרן אַוועק און גיסער דערפילט, אַז עפּעס איז אים ענג אין די ד׳ אמות פונעם היימישן שטעטל. נייע קוואַלן, פרישע זאַפטן האָט ער געגומען זוכן. ער האָט פון ווייטנס געזען אַ נייע, אַ שיינע וועלט. אָט די נייע וועלט האָט אים געלאָקט, געצויגן און ער האָט אָנגעהויבן חלומען ווי זיך אַרויסצורייסן אין דער גרויסער, ברייטער, שיינער וועלט. ערשט אין יאָר 1924 ווערט

זיין חלום מקויים: ער פּאָרט קיין אַרגענטינע, וווּ ער אַנטוויקלט אַ ברייט־צעצווייגטע ליטעראַרישע טעטיקייט און פּאַרעפּנטלעכט עטלעכע וואָגיקע ביכער.

אין אָנהייב, וואָס אַן אמת, אַ סך אַנטוישונגען: די דאָרטיקע יידישע שרייבערס — ס'זאָל זיי צו גנאי נישט זיין — לייגן פּאַר זיינע פיס דערנער און שטיינער, צומאָל אַ חוכא־וטלולא־באַציִונג. ווי זינגט דער דיכטער וועגן דעם:

...פּאַראַן אַזאַ איינער ביי אונדז אינעם לאַנד,
מאַכט מען זיין נאָמען צו שפּאָט און צו שאַנד.

...און ער איז דער איינציקער דאָ אויף דער שטעל,
וואָס צאָלט פּאַר דעם אמת מיט בלוט פון זיין פעל.

ביי דעם אַלעם איז אַרגענטינע אַ וויכטיקער קערפּונקט אין דער פאָרמירונג און געשטאַלטיקונג פון זיין שאַפן. אָבער נאָכן אָפּזיין עטלעכע יאָר אין בוענאָס־איירעס, נעמט אים אויפסניי אַרום דער אומרו, דער דורשט נאָך פרישע איינדרוקן, בילדער, נייע מענטשן, נייע האָריזאָנטן. אין יאָר 1933 פאָרט ער אַריבער די אַנדן, קיין טשילע, און דאָרט איז ער כמעט די ערשטע שוואַלב, דער ערשטער סאָלאָווײ, וואָס נעמט זינגען זיין יידיש ליד. אין אַ ליד „צו לייוויקן" רעדט גיסער וועגן יידישן ליד ווי וועגן אַ שליחות:

...אויף מיר איז אַ מיטלייד ביז גאָר,
איך לעב אין אַן איינזאַמען אָרט.
היט איך שוין ס'צוועלפטע יאָר,
ווי אַ שומר דאָס יידישע וואָרט.

הגם געאָגראַפיש האָט זיך דער דיכטער געפונען ווייט פון זיין היימלאַנד, איז ער אָבער אַלע זיינע יאָרן געווען מיט טויזנטער פעדים פאַרבונדן מיט די יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, דערהויפּט מיט זיין געבוירנשטאָט, ראָדעם. פון ווייטנס, פון פּערספּעקטיוו האָט ער בעסער און קלאָרער געזען די דאָזיקע שטאָט, ווען ער האָט אויסגעשפּיגלט אַ טיפע נאָסטאַלגיע.

אין אַ ריי לידער זיינע פילן זיך טאַקע טענער פון בענקשאַפט צו די יידן, טראַדיציעס און סביבה פון דיכטערס אַמאָליקער היים. ווי איינגעבירגערט גיסער איז נישט געווען אין דער טשילענער סביבה, האָט ער אַלץ געלעבט מיט דעם יידיש־פּוילישן לעבן.

טיפע שפּורן האָט אויך ביים דיכטער געלאָזן זיין יוגנט־פּאַד. צו טיף איז דער קלאַנג פון מעטאַל אַריין אים אין בלוט, אַז ער זאָל קענען פועלן ביי זיך איבערצורייסן דעם פאָדעם פון דור־דורותדיקן פּאַד. אַ שטאַרק שולדגעפיל פּייניקט דעם פּאָעט צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַרראַטן זיין טאַטנס אַרבעט:

„גלי און פּיין אויף מיינע ווונדן,
וואָס איך בין צו אים געבונדן
ערגעץ האָב איך נאָך אַ טאַטן,
און זיין אַרבעט כ׳האָב פאַרראַטן.

ער איז נאָך אַ רינגען־שליסער
אין דער קייט פון לאַנגע דורות.
טאַטע, פּסח, מעשנגיסער,
כישוף־פּיילער פון מנורות.

מיך האָט ס׳לעבן האַרט פאַרשאָלטן,
איז אַ בושה מיר פאַר מענטשן.
ווענען זאָל איך לייכטער גיסן,
אַז מען וויל קיין ליכט נישט בענטשן.

טראָג איך מיך אַרום מיט לידער,
ווי מיט לוחות — ס׳האַרץ אין קלעמען.
זוך איך שוועסטער, זוך איך ברידער,
ווער עס זאָל די לוחות נעמען.
(„צו מיין טאַטן״).

אַ סך לידער האָט גיסער אָנגעשריבן וועגן בליי, אַרץ, טיגל, האַמער, שטאַנג, אייזן, שטאָל און מעש. די דאָזיקע שווערע־אינדוסטריע־לידער פאַרמאָגן אָבער אַ ווונדערבאַרע לירישע צאַרטקייט, וואָס פאַרכישופט אונדז מיט די ריינע גיב־גאָלדענע קלאַנגען און ווידערקלאַנגען.

דורך דער רעלאַטיוו קורצער צייט פון זיין לעבן, איז גיסער געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער יידישער דיכטונג. און דאָ, אינמיטן זיין באַרג־אַרויף־גאַנג, האָט זיך אַריינגעמישט אַ ביטערע קרענק, וואָס האָט צעשטערט זיין ישראל־אָדיסייע (ער האָט געהאַלטן ביים קומען קיין ישראל) און איבערגעריסן דאָס לויטערע געזאַנג פון פאַרחלומטן פּאָעט משה דוד גיסער.

א. גלאַנץ־לעיעלעס

צו זיין באַזוך אין ישראל אין יאָר 1965

געווען איז עס אין יענע הייסע טעג, ווען מ'האָט נאָך רעכט נישט געהאַט אָפּגעדעכעט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט אירע נאָכוויייענישן, און שוין — אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די צייט פון יוירונג און אויפברויז. אויך אין יידישן לעבן. אין די־אָ בטחונדיקע טעג האָט אין דער יידישער ליטעראַטור זיך באַוויזן, ריכטיקער: אַריינגעריסן זיך אַ פורץ־גדרדיקע גרופע דיכטער, וועלכע האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון קאַמף קעגן סטערעאָטיפּיש־איינגעשטעלטן נוסח. אין דער יידישער דיכטונג האָט מיטאַמאָל אויפגעציטערט אַ נייער טאָן, אַ נייער אַקאָרד, אַ נייער אינהאַלט, און ס'האָט אַ מיניע געטאָן אַ פרישער ווערטער־געוועב — פאָרעם־נייקייט. אַ כוחותדיקע מאַניפעסטאַציע. נישט צופעליק און נישט איינצלוויז זענען זיי געקומען, נאָר בציבור: א. לעיעלעס, יעקב גלאַטשטיין, נ. ב. מינקאָוו און ב. אַלקוויט. טאַקע בציבור, אָבער יעדער מיט זיין געמיט, מיט זיין אייגענעם ניגון — יעדער לפי כוחו.

פאַרגליבט אין זיך און אין דער וועלט, האָט די גרופע פאָרמולירט און פּראָקלאַמירט די אינטראָספּעקטיווע פּאָעזיע, וואָס האָט געמיינט: גאַנג צו וועלטלעכקייט, צו אוניווערסאַליזם. אָט די גרופע האָט עס געלייגט דעם גרונטשטיין פון דער „אינזיך"־ריכטונג, וואָס איז אין גיכן געוואָרן אַ שיטה אין דער יידישער דיכטונג. זיי, די „אינזיכיסטן" האָבן, זייער צייט, געלייגט זייער שטעמפּל אויף זייער עפּאָכע, אין אַ גרויסער מאָס אויך אויף דער הייַנטיקער.

א. לעיעלעס, איינער פון די „אינזיך"־אַפּאָסטאָלן, איז געקומען פול מיט רעבעל און גערעגל — אויך מיט זיך אַליין. אין דער שטילער אַליינקייט האָט ער גענומען אויספּרובירן, עקספּערימענטירן און זוכן אַלץ נייע און נייע אויסדרוקפאָרמען, וואָס דאָס אַליין האָט געמיינט: גערעגל מיטן דרך־המלך אין יידישן ליד.

פון אָנהייב איז אַ ביסל שווער געווען צו פאַרדייען זיין נייעם בוי־און־בינדזאַך, זיין שפּיל פון נייע ריטמען, כלומר: רוי, כאַאָטיש — ס'עפּעס נישט דאָס. צו דעם איז נאָך צוגעקומען אויפוואַרף פון פרעמדע איינפלוסן. אָבער לעיעלעס איז עקשנותדיק באַשטאַנען אויף זיינס און כסדר אונטערגעטראָגן לופטיק־דופּ־

טיקע לידער און פּאָעמעס פול מיט פּאַטעטישער עקספּרעסיע; כסדר מאַניפעס־טירט זיין עשירות אין בילד, טאָן, פאַרב און שווונג — דער סימן־מובהק פון לעיעלעס שאַפן ביזן היינטיקן טאָג. בכן: נישט טריק, נישט פּאָזע, נאָר באַוויז, אַרויסשטעל. און — לעיעלעס אייגנאַרטיקער ניגון האָט זיך, מיט דער צייט, אַנגענומען. דער האַריזאָנט פון יידישן ליד האָט זיך אויסגעברייטערט. ס'האָט געלוינט די מי.

קלעטערנדיק אַזוי צום סאַמע אַלימפּ פון ליד און דראַמע און פאַרקוקט אין די בלויע הויכקייטן, פאַרזעט אָבער נישט א. לעיעלעס דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, ער גייט נישט פאַזע דעם לעבן, פאַרקערט; ער באַגלייט עס, צומאָל העלפט ער עס פורעמען, פונקט ווי ער האָט אַ סך געהאָלפן צו דער אויספורעמונג פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע. און דאָ, קומען מיר צו צום צווייטן איך אין אים — צו א. גלאַנץ, דעם פּובליציסט, לעקטאָר, זשורנאַליסט און עסייאיסט. אין פלוג גענומען — צוויי בייסנדיקע זיך זשאַנערס, וואָס פאַרטראָגן זיך נישט. אָבער ווער עס קען גוט סיי די לידער, פּאָעמעס און דראַמעס פון א. לעיעלעס, און די פּובליציסטישע און עסייאיסטישע אַרבעטן זיינע אונטערן צווייטן נאָמען א. גלאַנץ, דערזעט אַז ביידע זיי נויטיקן זיך, דערגאַנצן זיך — נישט אָפּצוטיילן. און דאָס איז אויך די סיבה, וואָס ער האָט געגומען אויספּרובירן אַלע פאָרמען פון שאַפן, אַלע קונסט־זשאַנערס. דאָס גיט אים ברייטע מעגלעכקייטן נאָכצושפּירן און אָפּצורופן זיך אויף כמעט אַלע וויכטיקע פּראָבלעמען און דערשיינונגען אין אונדזער לעבן.

כדאי אויך אָנצוווייזן אויף אַ זייער כאַראַקטעריסטישן שטריך ביי לעיעלעסן: פון איין זייט פאַרכאַפּט פון גאולה־חלומות, משיח־אידייען — „אשר לעמלען" און „שלמה מולכו", און פון דער צווייטער זייט — מיטגאַנג מיט דער רוסישער רעוואָלוציע. אויבנאויפיק: סתירה, עקסטרעם, אָבער אין תוך גענומען, אין איר באַשטימטקייט — און נישט וואָס מ'האָט געמאַכט דערפון — פאַרמאָגן די ביידע ווידעראַנאַנדן איין בשותפותדיקן ציל: אויסלייזונג. דער־אַ אויסלייז־מאָטיוו איז דער קוואַל, און אפשר דער תמצית, פון אַ סך ווערק לעיעלעסעס.

ביים סוף ווילט זיך פאַרצייכענען, אַז א. לעיעלעס האָט איבערגעזעצט און אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור די שאַפונגען פון ווערלען, בייראָן, באָדלער, געטהע, הייגע, ווײַלד, וויהיטמאַן, פּושקין, לערמאָנטאָוו, פּאָו און פיל אַנדערע וועלט־קלאַסיקער.

משה דלוזשנאָווסקי

„אַ ברונעםביים וועג" — 1953

דער נאָמען משה דלוזשנאָווסקי איז ביזן יאָר 1940 ווייניק באַקאַנט געווען דעם יידישן לייענער. ערשט מיטן אַרויסגעבן זיין בוך דערציילונגען אונטערן אָריגינעלן נאָמען „דאָס ראָד פון מזל", איז דער נאָמען זיינער שנעל באַקאַנט געוואָרן און — דאָס ראָד פון מזל האָט זיך אַ דריי־געטאָן טאַקע צו אים, צום מחבר גופא.

דאָס איצטיקע בוך זיינס, טראָגט דעם נאָמען „אַ ברונעם ביים וועג" ס'איז אַ בוך דערציילונגען מיט אַ פאַרשידנפאַרביקער און אַ פון אַלע עקן וועלטיקער טעמאַטיק, וואָס איז געוועבט פון אַ פאַרשידנאַרטיקן לעבנס־שטאָף.

אין דער דאָזיקער ברייט־לאַווירנדיקער טעמאַטיק דלוזשנאָווסקיס, פולסירט אַ קערנדיקער דערצייל־שטאָף און אַ טיף־מענטשלעכע לעבנס־קענטניש. דאָס גיט דעם לייענער אַ ברייטע מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין פאַרשידענע ווינקלען פון די געשילדערטע העלדן מיט אַלע זייערע כאַראַקטערן און גורלות.

שוין פון דער ערשטער דערציילונג „דער נסיון" גיט אַ וויי אויף אונדז דעם מחברס קינסטלערישער אָטעם, וואָס הויכט איבער אַלע זיינע דערציילונגען און האַלט אונדז אין טיפער שפּאַנונג ביזן סאַמע סוף פונעם בוך.

אין „נסיון" ווייזט אונדז דער מחבר אַ פּשוטן פאָלקס־ייד ברוך וואַרגאַס, וואָס איז פון אַ קליין שטעטעלע אין פּוילן פאַרוואָגלט געוואָרן אינעם פּראָווינציעלן שטעטל קאַרמאַנט. צוזאַמען מיט נאָך געיאָגטע און געפּלאָגטע יידן האָט מען דאָ פאַרפּלאָנצט און געשפּינען דעם אַלטן, היימישן יידישן שטייגער. האָט זיך אָבער דאָס מזל אָפּגעטאָן פון דעם אָרט — נויט, עפּידעמיעס, מלחמה, אַזוי, אַז ברוך איז געבליבן דער איינציקער ייד אינעם שטעטל. איינמאָל האָט ברוך באַקומען צוויי בריוו: אין איינעם, פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וווּ ברוך ווערט טיטולירט ווי דער פאָרשטייער פון דער יידישער געמיינדע, איז מען אים מודיע, אַז זי האָט באַשלאָסן איינצוּוואַרפן די סינאַגאָגע און צונעמען דעם פּלאַץ פאַר נייע שטאָט־געביידעס. זיי ווילן, בכן, די דערלויבעניש פון אים, ברוך וואַרגאַסן. דער באַשלוס — שרייבן זיי אים — קאָן ווערן צוריקגעצויגן, אויב עס וועלן זיך דאָ באַזעצן עטלעכע יידישע משפחות; דער צווייטער בריוו — פון יידישן

קאָמיטעט אין אַוויניאָן. דאָרט טיטולירט מען אים, ווי דער ראש פון דער ק״ק קאַרמאַנט. ברוך ווערט איינגעלאַדן אויף אַן אסיפה וועגן איינהאַלטן די יידן אויף די ערטער. אין ברוך׳ס נשמה קומט פאָר אַ געראַנגל: פון איין זייט לאָקט אים די מאַדאַם קלאַדין, די באַלעבאָסטע זיינע, וועלכע הייסט אים באַלע־באַטעווען מיט אירע וויין־פעלדער, איילבירט־ביימער, פי, הייזער און — ער זאָל מיט איר חתונה האָבן. איי, ער איז אַ ייד און זי קלאַדין נישט, דאָס איז דאָך גאָרנישט; פון דער צווייטער זייט: ווי קאָן ער לאָזן איינוואָרפן די סינאַגאָגע, דעם זכר פון אַ קהילה, פון אַ יידישן קיבוץ, וואָס האָט דאָ געוואָרצלט? אַ שווערער נסיון. אָבער נאָך לאַנגע ספקות, ראַנגלענישן, זיגט ביי אים דער געזונטער פאָלקס־חוש: ער פאָרט קיין אַוויניאָן, באַשליסט אָראָפּצוברענגען עטלעכע יידישע משפחות קיין קאַרמאַנט, חתונה האָבן מיט אַ יידישע טאָכטער און אויפשטעלן אַ דור.

להיפך צום פולבלוטיקן ברוך וואַרגאַס, שטעלט אונדז דער מחבר אַוועק אַ קרענקלעכן טיפּ, לעאָפּאָלד נעלקען („זיין לעצטער גלגול״). נעלקען, אַ שוישפּילער פון אַ צוויט־ראַנגיקן טעאַטער פאַרלייקנט שוין זיין יידישן נאָמען, זיין שטאַם צוליב אַ נעפּלדיקער קאַריערע און פראָוועט אַ חתונה־צערעמאָניע אין דער ווינער קירך מיט דער אַקטריסע גערטרודע. ווען די היטלער־האַק האָט זיך געשטרעקט אַלץ נענטער און נענטער, האָט גערטרודע אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס דעם מאַן אירן, וואָס האָט געשפּילט אַ פרעמדע ראָל, אויף אַ פרעמדן פּאַס. זי, גערטרודע, האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן פאַר די דייטשן. זי איז אַ זייעריקע. נעלקען האָט אין יענע טעג, אינאיינעם מיט טויזנטער יידן, זיך געשלעפּט מיילן־ווייט איבער וועגן און שטעגן, ביז ס׳איז אים געלונגען — מיט דער הילף פון יידישן מאַלער פינקעל — צו דערשלאָגן זיך קיין אַמעריקע. אָבער ווי נאָר ער פאַרדינט — אין יידישן טעאַטער — די ערשטע פאַר סענט, אַזוי קלערט ער פון אַראָפּברענגען קיין אַמעריקע — מיט דער הילף פון די רייכע אַמעריקאַנער יידן — זיין דייטשקע, גערטרודע.

— מיר האָבן דאָ, בכן, צו טאָן מיט צוויי קעגנזעצלעכע כאַראַקטערן — צוויי באַזונדערע וועלטן: ברוך וואַרגאַס, ביי וועמען דער קיום־האומה שטייט העכער ווי אַלע עולם־הזה׳דיקע פאַרגעניגנס און רייכטימער פון איין זייט, און באַלד דערנאָך: לעאָפּאָלד נעלקען, וועלכער פאַרלייקנט זיין שטאַם צוליב זעלבסט־נאַרעריי, צוליב אַ מנוולדיקע דייטשקע ביז... ער דערקייקלט זיך און געפינט אַ תיקון ביי די מיסיאָנערן — זיין לעצטער גלגול.

אויף אַזעלכע קאָנטראַסטן זענען געבויט אַ סך דלוזשנאָווסקיס דערציילונגען. דאָס באַווייזט, אַז דער מחבר אַנקערט טיף אין דער מענטשלעכער פּסיכיק און קען גוט און אַלזייטיק דאָס לעבן.

משה דלוזשנאָווסקי קען שיין און מיט אַ טאַלק דערציילן. ער ווייס, ווי אַ געניטער אַרכיטעקט, ווי אַזוי אָנצוהויבן בויען אַ דערציילונג, און ווי אַזוי פירן איר פאָראויס. און גייענדיק אַזוי פאָראויס אַנטוויקלט ער די האַנדלונגען

און פאַסירונגען אַזוי, אַז מיר האָבן פאַר זיך די אַטמאָספער און דאָס געמיט פון די געשילדערטע טיפּן.

דלוזשנאָווסקיס טיפּן און סיטואַציעס זענען עכט און נאַטירלעך. מיר באַגעגענען די העלדן זיינע אויף דער וואָר, אינעם רעאַלן,ווירקלעכן לעבן. דאָך, קומט אויס נאָך יעדער דערציילונג עפּעס נאָכצוטראַכטן; קומט אויס צו צעוויקלען די פאַנטאַזיע, אַריינטייטשן, אויסטייטשן און עפּעס אַרויסציען דערפון. פון דעם איז געדרונגען, אַז דלוזשנאָווסקי רירט־אָן תוכיקע זאַכן פונעם לעבן; באַרירט פּראָבלעמען, וואָס נורטעווען טיף אין דער מענטשלעכער נשמה.

דער פאַטום־און גורל־מאָמענט פאַרנעמט ביי דלוזשנאָווסקין אַ גרויסן אָרט, אַ סך העלדן זיינע זענען פאַרוועבט מיט עפּעס אַ געמיינזאַמען, אומפאַר־מיידלעכן קיסמעט; איבער אַלע זיי הענגט די פינצטערע באַשערטקייט — דער גורל. („אין אַ קלעם", „דער געשלאָגענער", „קנאה", „גורל").

צו די טיף־פּסיכאָלאָגישסטע דערציילונגען געהער „פּריינטשאַפט":

ס'איז אַ געשיכטע מיט אַ מאָלער, שאַרל מולען, וואָס האָט בעת אַ געשלעג מיט זיין פריינד קאַמיל, באַגאַסן יענעמען מיט אַ כעמישער פליסיקייט. שאַרלען פרעסט דער געוויסן און ער שליסט זיך אָן אין פראַנצויזישן פרעמדן־לעגיאָן. ער שלאָגט זיך מיט ווילד־פרעמדע מענטשן, ביז ער ווערט אַ האַלב־פּאַראַליזירטער — פון אַ טראָפּישער קראַנקהייט — אָפּגעשיקט אַהיים. שאַרל טראָגט לייכטער אַריבער זיינע ליידן, ווייל אויך זיין בעסטן שלאַכט־חבר, זשאַק בערזשער האָט געכאַפּט די זעלבע קראַנקהייט. אַזוי גלייבט ער, ווייל אַזוי האָט אים אַ זעלנער — מסתמא כדי צו טרייסטן אים — געזאָגט. זשאַק ווייסט דאָס און שרייבט פון פאַריז טרייסט־בריוו צו שאַרלען. זאָל ער, שאַרל האָבן די אילוזיע, אַז ערגעץ געפינט זיך ווער, וואָס טראָגט אַ טייל פון זיינע יסורים...

דאָ שפּיגלט זיך אָפּ דער צרת רבים חצי נחמה־מאָמענט אין דער סובסטעל־סטער און טיפסטער פאָרעם.

צו קינסטלערישער שלימות דערגרייכט דלוזשנאָווסקי אין זיין דערציילונג „זינד". אין דער־אָ דערציילונג טויכן־אויף די טרויעריק־באַקאַנטע בלבולים, וואָס האָבן זיך שוין נישט איינמאָל געשיט אויף די יידישע קעפּ.

אַ ריי שאַפונגען זיינע, זענען דורכגעדרונגען מיט ליידנשאַפטלעכן עראָטישן אָטעם. דאָס איז אָבער בשום אופן נישט די מגושמ'דיקע, וווּלגאַרע עראָטיק, נאָר אַן איידעלע, צאַרטע, נאַטירלעכע און אָן רמז'דיקע פינטעלעך.

דלוזשנאָווסקי באַגלייט זיינע דערציילונגען מיט אייגנאַרטיקע מאָלערייען פון דער לאַנדשאַפט. ער פאַרבינדט געמיטלעך די נאַטור מיטן מענטש. און פּונקט ווי היימיש דער מחבר פילט זיך אין דער מאָלעריי, אַזוי ווייזט ער אַרויס אַ סך באַהאַוונטקייט אין מוזיק („די אומבאַקאַנטע זינגערין", „צעפאַלענער קוואַרטעט").ביידע די־אָ געניטשאַפטן זענען אַ ברכה פאַר אַ שרייבער.

ב. דעמבלין

„אויף אייגענעם באַראַט" — 1961

„אויף אייגענעם באַראַט" איז דאָס צווייטע בוך פון מחברס געפּלאַנטער טרילאָגיע. דער לייענער וועט דאָ גלייך דערקענען דעם המשך פון „ערב־נאַכט" — די זעלבע העלדן, מקומות און האַנדלונגען. די אַקס דרייט זיך איבער דריי שטעט: מאַדזשיץ, וואַרשע און ראַדעם.

דער הויפּט־העלד איז דאָס 12־יאָריקע מאַדזשיצער ייִנגל נתן חיים, וועמען מיר געדענקען נאָך גוט מיט אַלע זיינע שטריכן, געפילן און כאַראַקטער — זיין טריצן מיט פרעמדע און אייגענע, זיין קידער־ווידער מיטן טאַטן זיינעם, זיין נישט קאָנען פאַרטראָגן קיין עוולות, און דאָס נישט קאָנען פאַרענטפערן זיך — באַרלי ער איז גערעכט.

דעם ערשטן מאָל טרעפן מיר דאָ נתן חיימען אונטער אַ באַנק אין אַ פּראַכט־וואַגאָן אַ צונויפגעקאַרטשעטן, פול מיט פּחד — דער קאָנדוקטאָר זאָל אים נישט באַמערקן.

שטיל, אַז קיינער זאָל אים נישט זען האָט ער זיך, אין אַ שבת־פאַרנאַכט, אַרויסגעשאַרט פון טאַטע־מאַמעס שטוב, גענומען מיט זיך אַ פּאָר וועש, דעם טאַטנס תפילין און 20 גראַשן, וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פון דער מאַמעס וואַכעדיקער ספּודניצע. מיט אָט דעם באַגאַזש — די צוויי קופּערנע צענערס האָט ער שפּעטער געמוזט געבן אין לאַפּע אַריין דעם בייזן קאָנדוקטאָר — לאָזט ער זיך קיין ראַדעם אויף אייגענעם באַראַט.

די ערשטע נאַכט אין דער פרעמד האָט ער געקאָנט איבערשלאָפן ביים קוזין זיינעם, אָבער צוליב שיינדעלעס, דעם קוזינס ווייב אַ זאָגעלע, האָט ער באַשלאָסן ליבערשט איבערצוליגן די נאַכט ערגעץ אין אַ רינשטאָק, איידער אָנרירן איר שמייליקע פּאַדלאָגע. דאָס 12־יאָריקע ייִנגל האָט פיינט, ווי דער טאַטע זיינער, צו רייבן זיך אין יחוס און נישט צו ליב צו שטיין כענוי בפתח. ווי דער טאַטע זיינער האָט ער פיינט צו פאַרבייגן זיין האָנאָר.

ווייטער שילדערט אונדז דער מחבר נתן חיימס נע־ונד־זיין, זיין צונויפ־טרעפן זיך מיט די צוויי ברידער זיינע, דאָס אָנדינגען זיך צו אַ היטל־מאַכער, און דאָ: מיינסטערס, מיינסטעראָווּעס, די קליינע וואַרשטאַטלעך אויף די פּאַציאַטן

און אין די קעלערס, איצט: לערנייינגלעך, גנזעלן, פּלעצער, הייזער, הייף — אַ נייע וועלט פֿאַר אים. שפּעטער נתן חיימס פֿאָרן קיין וואַרשע — אַלץ אויף אייגענעם באַראַט. אַ בר־מצווה־ייִנגל שטייט אין דער פּרעמד פּנים־אל־פּנים מיט זיין שיקזאַל. דאָ אין וואַרשע פֿאַלט ער אַריין צו אַ מייַנסטער אַ פּראָסטער גוט־שבת, אַלייַן אַ זולל וסובהניק, אָבער פֿאַר נתן חיימען — אַ סקנער, אַ גנידאַל, וואָס קאַרגט אַפילו צו קויפן פֿאַרן ייִנגל אַ שעניק. אַ סומנע, מאַרנע לעבן. און דאָ: נייע טיפּן, נייע איבערלעבונגען און פרישע אַנטוישונגען. דאָ ווערט ער געפאַנגען און פֿאַרשטריקט אין אַ נעץ פון נייע אַנונגען און געפילן — סאָציאַלע און עראָטישע. דאַן — ווידער אין ראָדעם, אָבער שוין אַלס פֿאָלנער קאַוואַליר, וועלכער פֿאַרליבט זיך אין עלקעלען, שיינדעלעס טאָכטער. זי, עלקעלע איז נישט — טראַכט ביי זיך נתן חיים — ווי די מאָדזשיצער נעכעלע יאַנטשעס, וואָס האָט אים פֿאַרטשעפּעט אין האַלב־טונקעלן פּעדער־הויז ער זאָל מאַכן מיט איר אַ ראַנדקע; נישט ווי דעם וואַרשעווער מייַנסטערס טעכטערל, די אָרדינערע קאָקע, וואָס האָט זיך אין די נעכט צוגעשאַרט צו זיין געלעגער אויפן באַרג שמאַטעס, און אַוודאי נישט ווי איר שוועסטער די עדזשעלע, וואָס האָט זיך געקוואַפּעט צו ווערן זיינס אַ כלה און רק געשלעפּט זיין האַנט הינטער איר קליידל. נישט אַזוי עלקעלע. זי איז אַ גאַנץ אַנדערע — אין זיין גוסט, זיין סגאַל. זי האָט ער ליב.

עד כאן — אויסערלעכע דימענסיעס פונעם און אַרומען הויפּט־העלד. דעמבלין געהער אָבער צו די אמתע קינסטלער, וואָס פֿאַרמאָגן די געבענטשטע גאָב נישט בלויז צו שילדערן דעם קוים־מערקבאַרן שטריך פונעם העלדס אויסערלעכן אויסזען, נאָר אויך אויפכאַפּן דעם דינסטן אינערלעכן אויפציטער פונעם מענטשן אַזוי, אַז ער אַנטפּלעקט אונדז די פֿאַרבאָרגנסטע קנייטשן און פּעלבעלעך פונעם העלדס נשמה.

אָט חלומט נתן חיים וועגן אַ פּאָר נייע שיך — זיינע אַלע יאָרן טראָגט ער, ווי מיר געדענקען, צו־גרויסע שטיוול — אָבער אַז ער קומט אַהיים אויף יום־טוב קיין מאָדזשיץ אין אַ פּאָר געמזענע שטיוולעטן און דערזעט באַלעקן, זיין נאָענטסטן חבר נאָך אַלץ אַ באָרוועסן, גייט אין אים אויף אַ בושה, אַ פֿאַרשעמטקייט דריקט זיין קינדערשע נשמה און ער טוט צוריק אָן די זעלנערשע שטיוול.

אַ סך אַזעלכע איידלקייטן, מאָראַלישע שיינקייטן און דערהויבנקייטן אינעם מענטשן — און אין יענעם לעבן — הייבט אַרויס ב. דעמבלין. ס׳איז, בכן, נישט קיין חידוש די סנאָפּעס ליכט אויף אַ סך העלדן זיינע.

ביז־איצט האָבן מיר בלויז גערעדט וועגן הויפּט־העלד. אינדעראמתן גייט דאָ, אינעם איצטיקן בוך, פֿאַרביי אַ רייכע גאַלעריע כאַראַקטערן און טיפּן, וואָס יעדער פון זיי איז געשילדערט אַזוי רעליעף און שאַרף, אַז ער קאָן זיין אַ באַזונדערער העלד פֿאַר אַ בוך. איצט: מאַסן־סצענעס! וואָס פֿאַראַ וווּנדערלעך בילד ווי אַזוי דער פּאָלק גייט אַוועק פון ראָדעם: פֿאָראויס רייט דער פּאָלקאָווניק, הינטער אים מאַרשירט דער פּאָלק זעלנער. די גאַס יובלט: הוראַ! פון די

אָפּענע פּענצטער אַ געפּלי פון קאָנפּעטי און קאָלירטע סטענגעס, פּאַראויס פּאַרן אָרקעסטער דער משוגענער אהרלע* אַ געפּאַך פון טיכלעך, לופט־קושן, בלומען, פּאַרווײנטע אויגן. טייל שיקסעס שטייען דאָ פּאַרשעמטע, אַנטוישטע מיט סודות אונטער זייערע הערצער... אויך יידישע סוחרים זיפצן. זיי האָבן טאַקע געלעבט פונעם פּאָלק, אָבער ס׳איז זיי אויסגעגאַנגען באַקעם. אויך די אַלטע דראַגנע ווײנט. איר האָבן די זעלבער טאַקע נישט געלאָזן קיין „לעצטגעלט״ אונטערן פּאַרטעך, אָבער דאָס ביסל אויסגעהאָרעוועטע פּראַצע, דאָס ביסל נדן, וואָס זי האָט געקליבן פאַר דער יינגסטער טאָכטער איז אַוועק, פּאַרפּאַלן.

אַ פּאַרכאַפּנדיק קאַפּיטל איז וועגן טרויעריק־באַרימטן — גוט באַקאַנט אין דער יידישער און פּוילישער מעמואַרן־ליטעראַטור — קאָנפידענט־שפּיצעל יעקב הערשעלע מיט זיין ליובאָוויניצע, די לעקעך־בעקערינס טאָכטער פון וואָעל. אמת, ס׳זענען דאָ אַדורכגעלאָזן געוואָרן געוויסע פּרטים, אַ שטייגער יעקב הערשעלעס אַרויסראַטעווען פון קאַשטשיאַל אַ יידיש מיידל פון אונטערן שמד־אַפּיר, אָבער אַזוי ווי „אויף אייגענעם באַראַט״ פּרעטענדירט נישט צו זיין קיין היסטאָריש בוך, זענען די דאָזיקע פּרטים נישט אַזוי וויכטיק.

ווי מיר זעען האָט דעמבלין געגומען דעם שטאָף פאַר זיין בוך פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן — כאָטש אַ וועלט אַ גאַנצע ליגט פון דעמאָלט ביז היינט. און וואָס גאָר וויכטיק: ער קאָן ווייל באַהערשן דעם קאָנקרעטן ציל, וועלכן ער האָט זיך געשטעלט. דערפאַר אַזעלכע וואָכע בילדער. דאָס איז ב. דעמבלינס קינסטלערישע מאַניפעסטאַציע.

אַ ריי ווערק, דעמבלינס, מאַכן דעם איינדרוק פון אַ כסדרדיקן המשך. און דער איינדרוק איז נישט קיין פּאַרפּירערישער, מחמת מיר דערקענען אין זיי די פּריערדיקע העלדן — אויך אין זיין נייעם בוך „אויף דריי קאָנטינענטן״ (דער־הויפּט אינעם ברייט־פּאַרמאָסטענעם ערשטן טייל „אַ רעפּיודזשי אין ניי־ענגלאַנד״). למראית־עין האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַן אויסגעמענטשלעכטער געזעלשאַפט, מיט גווידערדיקע פּרויען, וועלכע רעדן זייער אינטעליגענטיש: „יעס״, „פּליז״, „שור״ און „אָלרייט״. ס׳איז אָבער גענוג אַז דער מחבר זאָל אַ קראַץ־אַראָפּ טאָן פון זיי דעם רעטוש; אַ ציי־אַראָפּ טאָן זייערע אויסערלעכע בגדים און מיר דערזען הוילע, נאַקעטע נשמות. קלאָרער: גענוג, אַז דער מחבר זאָל אונדז שילדערן אויף זיין, דעמבלישן אופן, זייערע ווייבערישע געגלעך — דאָס קוצעניר־מוצעניו אין די אויגן, און דאָס גרייט זיין צו דערטרינקען דער צווייטער אין אַ לעפל וואַסער הינטער די אויגן, אַז מיר זאָלן דערקענען די זעלבע יידענעס פון שול־געסל אין „אויף אייגענעם באַראַט״ — אין אַן ערגערער אויפלאַגע. אַן ערגערער, ווייל דאָ, אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אין היי־היל האָבן זיי פּאַרלוירן דעם

* נישט אַהרעלע, נאָר מרדכי האָקע — באַקאַנט ווייט און ברייט אַריבער דעם גדר פון ראַדעם פון די באַלאַדעס, פּאָעמעס, דערציילונגען פון יהושע פּערעלע, משה דוד גיסער, מאיר הערץ און דעם שרייבער פון די שורות — ג. וו.

אַלטן איינגעפונדעוועטן יידישן לעבנס־שטייגער — די וויטאַמינישע יידישקייט. אמת, אין זיין נייעם בוך „אויף דריי קאָנטינענטן" האָבן מיר אויך אַ ריי פּאָזיטיווע טיפּן (אַ שטייגער: ד"ר העלענאַ זיידנער), אָבער ווי אַן עכטער קינסטלער מוז ער אויך פאַרפיקסירן די נעגאַטיווע פאַרשוינען — אַ מר"ס גרינבוים און אַ מר"ס אייכנבוים, וועמען ער שילדערט אַזוי, אַז מיר האָבן זיי פיינט, אַז מיר האַסן זיי — ער ברענגט זיי אום פיגוראַטיוו. און דאָס איז טאָקע די אויפגאַבע פונעם קינסטלער: וועקן ביים לייענער דעם חוש פאַרן שיינעם, דערהויבענעם און פאַרקערט: טייטלען אויפן נעגאַטיוון, נעגירן און אָראָפּרייסן דאָס מיאוסע, דאָס העסלעכע. ב. דעמבלין פאַרמאָגט טאָקע דעם גרויסן כוח צו סובלימירן און פאַרטיפן דעם לייענערס געפילן.

ב. דעמבלין פאַרמאָגט אַ שאַרף אויג און אַ פּלאַסטישע — און דראַמאַטישע — שילדערונגס־קראַפט. לדוגמא וואָלט איך אַוועקגעשטעלט דאָס שוסטער־מייסטערל, בערעלע יאָסקעס, מיט זיין רויע נאַטור און אָפענע ליידנשאַפטן, וואָס וואָלט גריילעך געקאָנט שטיין אין איין ריי מיט מאַקסים גאָרקיס בעקער־געזעלן, וועלכער שיקט־אַרויס דאָס לערניינגל אויף אַ ווײַלע... און — נעמט זיך וואַלגערן מיטן קיילעכדיקן קורצן מיידל אויף די זעק מעל. („מיינע אוניווערסיטעטן"). און נישט בלויז בערעלע יאָסקעס, נאָר אַלע זיינע טיפּן — סיי פּאָזיטיווע און סיי נעגאַטיווע — זענען געשילדערט מיט אַזעלכע רעליעפע, שאַרפע ליניעס, אַז זיי רודערן־אויף דעם לייענערס געמיט און קריצן זיך איין אין זיין זכרון. דאָס איז דער בעסטער באַראָמעטער פון דעמבלינס קינסטלערישע קראַפט און האָפט.

ב. דעמבלין איז אַ גרויסער עפּיקער, וועלכער שילדערט און שטעלט זיך אָפּ אויפן קלענסטן פּרט און אויפן מינדסטן עפּיזאָד. אָבער אָט די כלומרשטע קליינע און זייטיקע עפּיזאָדן — דאָס זעלבע דער פּייזאַזש — דינען דעם מחבר ווי אַ מיטל עפּעס אויפצודעקן, עפּעס אויסצוקלאָרן. אַנדערש ווען ער דאַרף איבערגעבן דעם העלדס אַ אידיאָמאַטיש וואָרט, וועד שמועסט, אַז זיינס אַ פאַרשוין עפנט־אויף אַ יאַפּע און טוט אַ שיט־אַרויס אַ הויכגאָרנדיקע רויע קללה, צי אַזוי אַ טערפקע האַרב וואָרט — דאָ הערט ער אויף צו זיין עפּיקער און גיט־איבער דאָס וואָרט דירעקט, האַסטיק און מיט דער גאַנצער רויקייט. די סיטואַציע איז, אַזוי אַרום, אַ נאַטירלעכע, אַן עכטע — עכט ווי אַ געשריי. דעמבלינס וויסן די קראַפט פון וואָרט.

פערל האַלטער

„אויף יענער זייט באַרג" — 1968

אַ מאָדנע שטימונג נעמט־אַרום נאָכן איבערלייענען אַ ריי לידער אירע. דאָס זענען לידער וועגן עפּעס ווייטע חלומות, נעפּלדיקע בענקשאַפטן — אומעטיקע לידער. די דאָמינירנדיקע פאַרב — גרוי. פאַר אַ נאַווינע מישט זי צו אַ ביסל בלוי:

...קומט דער אָוונט צו צום פענצטער
אומעטיק און גרוי,
וויינען שויבן און זיי בענקען
צו דעם הימלבלוי.

(זייט 23)

בענקען צום הימלבלוי איז שיין, איז פּאָעטיש, איז נאַטירלעך. עכט און בילדעריש איז, ווען די „ג ר ו י ־גערדיכטע רעגן־טראָפּנס פענטען די טריט פונעם האַרבסטטאָג"; נישט דאָס ערשטע מאָל אויך וואָס אַ „ג ר ו י ע ר מענטש ווערט אַנטרינען אין וואַסער פון דער סען" — אַ ג ר ו י ע וואָר! אָבער אַז די נאַכט איז אַוועק און דער טאָג איז געקומען — צי דערפרייט דאָס דער דיכטערינס האַרץ? צי זעטיקט זיך דאָס אויג אירס מיטן הימלבלוי, צו וועלכן זי האָט אַזוי געבענקט? — קיין סימן נישט דערפון. פאַרוואָס? ווייל זי פילאָזאָפירט, ווייל זי טראַכט, אַז איידער וואָס, איידער ווען —

...נאָך אַ טאָג איז שוין פאַרפלויגן
צו דער אייביקייט".

ערגעץ זאָגט פערל האַלטער: „דער אומעט — ער איז אומעטום". פילן מיר מיט מיט דער דיכטערין דעם טיפן אומעט. די גרויסע שרעק פאַר דער אַליינקייט:

„נישט דאָס איז דער עיקר,
נישט יענץ איז דער עיקר,

דער עיקר איז דאָס לעבן
זאָל מאַכן דיך שיכור,
און וויסן: ס׳איז עמעצער דאָ,
וואָס וויל וויסן
דיין טאָג און דיין נאַכט
(זייט 53)

איך האָב נאָר אַרויסגענומען עטלעכע שורות פון דעם ליד, וואָס גיבן דעם שליסל צו איר געמיט.

צום גליק איז די דאָזיקע געפּרעסטע שטימונג ביי איר נישט איינגעגעסן, נישט סטאַטיש. און הגם די טעג אירע זענען אַ געמיש פון חלום מיט וואָר, פילן מיר די צאַרט־באַהאַרצטע רו אין די־אָ חלום־לידער:

...שפּאַן איין דעם חלום
אין ליכטיקע רייד;
אַריבער דעם פאָדעם
פון אומעטום און פרייד.
(זייט 25)

אין פּערל האַלטערס לידער דאַרף מען זיך אַריינלייענען **אַריינלעבן** זיך — אַפילו אין איר אומעטיקער וועלט. און אַז מען לעבט זיך אַריין אין דער דיכטערינס וועלט, פאַרשטייט מען בעסער, פאַרשטייט מען טיפער די כלומרשט שטילע אידיליעס, וואָס אין דער אמתן פאַרמאָגן זיי דעם אינערלעכן גלי פון איר נשמה — דעם אינערלעכן האַרץ־צאַפּל.

פון דעם ווערט ניכר, אַז אירע לידער זענען על־פּי־רוב, דורכגענומען מיט יחידיש־פּערזענלעכע מאָטיוון. זיי זענען אָבער אַזוי אינטערפּרעטירט און אַרומגענומען מיט אַזאַ ליכט, אַז עס איז פאַראַן אין זיי עפּעס אייביק־מענטש־לעכס. אַ סך פון זיי זענען אויך אָנגעלאָדן מיט אַ טיפן גלויבן. זי איז פאַרגלייבט אין מענטש און אין וועלט. פאַרגלייבט, אַז אויב וועלן יאָרן אַלץ פאַרמעקן און צעשטערן —

...וועט אַלץ נאָך בלייבן
דער גלאַנץ פון ווערן.
(„נעם אַרום די וייטן")

דאָ און דאָרט ציטערט־אויף אַ רעליגיעזע נאָטקע: „אַ תפילה", „ס׳קומען פאַרכטיקע טעג", „זאַמלט איין מיינע טרערן", „כ׳וועל קומען צו דיר" און נאָך אַנדערע. אָבער אויך אין זיי לויפט דורך אַ סאָציאַלער רמז.

פּערל האַלטערס גראַמען זענען נישט קיין צופעליק־פאַרבלאָנדזשעטע, נישט

קיין אויסגעזוכטע אינעם וואָרט־לעקסיקאָן, נאָר שייכותדיקע, ענג געבונדן מיט זיך. דערפאַר: קלאָרקייט און זין און שפּירן. זי איז טאַקע אַ פּאָעטעסע פון אומרו, זוכענישן און שטימונגען, דערפאַר אַזאַ שפע פון טענער און פאַרבן אין אירע לידער — איינס ביי איינס פּערל.

אַ באַזונדער קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר דאָס ציקל חורבן־לידער, וועלכע זענען איין שטיק געשריי. אָבער אויך דאָ לויכט־אויף אַ שטראַל פון אָפּטימיזם, פון גלייבן אין דער אייביקייט, ווען זי זאָגט אין אַ פאַרנאַכטיקער שעה:

„זע איך בין דאָ!"

„אויף יענער זייט באַרג", וואָס איז דער דיכטערינס דריט בוך, איז אילוסטרירט מיט אָריגינעלע, דינע צייכענונגען פון איר זון, דעם באַקאַנטן מאָלער מאַרעק האַלטער.

אברהם זאַק

„אין אומרו פון יאָרן" — 1954

אין דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך אברהם זאַק דערוואָרבן אַ גליכן נאָמען סיי אין דער פּאָעזיע און סיי אין דער פּראָזע. דאָך אַז מען רעדט וועגן זאַקס שאַפונגען, שווימט דאָס ערשטע — פון זיינע העכער צוואַנציק ביכער — אַרויס זיין מלחמה־בוך: „אונטער די פליגל פון טויט".

אין די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער פאַרנעמען, כידוע, די מלחמה־ביכער אַ גרויסן אָרט. ביי יידן, דאַקעגן, האָט מען ביזן היטלער־חורבן די דאָזיקע ביכער געקאָנט ציילן אויף די פינגער. צווישן זיי האָט אברהם זאַקס דערמאָנט בוך פאַרנומען אַן אויבן־אָן אָרט. און דאָס מחמת דעם וואָס זאַק, וועלכער האָט די ערשטע וועלט־מלחמה אָפּגעפילט אויף דער אייגענער הויט, האָט געזען די מלחמה־גרוילן — מיט יידישע אויגן, מיט די אויגן פון אַ יידישן קינסטלער.

ביז איצט האָט זאַק אַרויסגעגעבן עטלעכע ערנסטע ביכער וועגן לעצטן חורבן: „אין אומרו פון יאָרן", „פון אַלע נע־ונדן", „מיט אַש אויפן קאָפּ", „יאָרן און וואַנדער" און „צווישן שאָטנס", וואָס זענען בלויטיקע נאָכווייען פונעם גרויסן פאָלקס־אומגליק.

די פריער אויסגערעכנטע ביכער האָבן מיר נישט אָוועקגעשטעלט לויט די יאָרן פון זייער דערשיינען, נייערט — לויט די אַנטוויקלונגען פון געשעענישן. דאַ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ביי איינעם פון זיי — „אין אומרו פון יאָרן".

אברהם זאַק הייבט אָן זיינע זכרונות פון סוף אויגוסט, 1939, בעת וואַרשע האָט זיך געפונען אין אַנהויב מלחמה־פיבער, וואָס האָט שוין אין זיין ערב געבראַכט פאַרוויסטונג און טויט. שפּעטער שילדערט דער מחבר וואַרשעס קאַפּיטולאַציע און די נאַצישע אָקופּאַציע, וואָס הייבט זיך אָן — ווי אומעטום — לויט אַ פאָראויס־באַשטימטן סדר; אין די ערשטע טעג איז דער דייטש „הומאַניטאַר" — טיילט זופּן פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג, וואַרפט ברויטלעך אין לופטן און... דער פילם־אָפּעראַטאָר „פאַראייביקט" די הומאַניטאַרע טאַט פון די דייטשן...

אין אַנהויב האָבן טאַקע פיל מענטשן געוואָלט זיך איינרעדן, אַז „דער טייוול

איז נישט אַזוי שוואַרץ ווי מען מאָלט אים". מען האָט זיך געפּרוווט טרייסטן, אַז מען וועט יאַקאַש אַדורכקומען, איבערהאַלטן. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום, נאָכדעם ווי די דייטשע חיה־רעה האָט אָנגעהויבן ווייזן אירע ציין און נעגל, האָט מען דערזען, אַז מען האָט זיך גענאַרט, מען האָט געלעבט אין אַ מיראַזש. און דאָ וויקלט אַברהם זאַק אויף די מגילה פון נאַצישע רציחות און באַרבאַרישע אַקטן איבער די יידישע קעפּ — ס'איז דער אָנהויב פון אונטערגאַנג פון פּוילישן יידנטום. דער עיקר שילדערט אונדז דער מחבר דאָס יידישע וואַרשע, דערהויפּט — די אינטעליגענץ, די יידישע פּען־מענטשן אין קלעם פון דער נאַצישער אָקופּאַציע. עס גייען דאָ פאַרביי באַקאַנטע געשטאַלטן און פּערזענלעכקייטן מיט אַלע זייערע איבערלעבונגען און פיבערן. מיט אַ שטאַרקן האַרץ־קלאַפּן — און נאָך גרעסערן האַרץ־ווייטאָג — הערן מיר זיך צו צו די פיבערדיקע דיסקוסיעס, וואָס זענען אין יענע גורלדיקע טעג צומייסט אָנגעגאַנגען: יאָ גיין — נישט גיין אויף „יענער" זייט. מען האָט געפיבערט צווישן „יאָ" און „ניין". פאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז פונעם „דאָ" איז קיין גוטס נישט צו דערוואַרטן, אָבער פון דער צווייטער זייט, האָט דער אומ־באַקאַנטער „דאָרט" געשראָקן. פאַרשידן זענען געווען די מיינונגען און אויס־פירן. די, וועלכע האָבן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון זיין אַ „בעזשעניעץ" האָבן מער נישט געהאַט קיין חשק זיך צו לאָזן אין דער פרעמד. זיי האָבן געוואָלט שטאַרבן אויף זייער אייגענעם בעט (דער אַרטיסט אייזיק סאַמבערג ז"ל); אַנדערע זענען סתם נישט געווען בכוח צו לאָזן זיך אינעם בעג־ונד (הער קדוש הלל צייטלין ז"ל); געווען אויך אַ טייל, וואָס האָבן געהאַלטן אַז פון גורל קען מען נישט אַנטלויפן (דער דיכטער־קדוש ישראל שטערן ז"ל). דאָס אַלץ האָט דעם מענטשן דערפירט צו דעפּרעסיע, יאוש, אַפּהענטיקייט. אַ גרויסער טייל איז אָבער מיטגעריסן געוואָרן מיטן מאַסן־פּסיכאָז און אַריבער אויף יענער זייט. צווישן זיי — אַברהם זאַק צוזאַמען מיט זיין פרויס צוויי קוזינס, די ברידער שוואַרצבערג פון ראַדעם.

נאָכן איבערהיפּן די פּרשה ראַטנפאַרבאַנד, באַגעגנען מיר דעם מחבר — באַלד נאָך דער בלוטיקער זאַווערוכע — ביים „אהל פּרץ". ס'איז אַפּריל, 1946 — פרילינג אויף דער וועלט. אָבער... די וואַרשעווער גאַסן ליגן אינגאַנצן צעשאָטן און צעדרויבלט צווישן חורבות.

זאַקס אויסטענהן זיך מיט פּרצן איז מערער אין דער מחשבה ווי מיט ווערטער, אָבער אָט די געציילטע ווערטער דערשיטערן מיטן טיפן ווייטאָג, וואָס איז פאַרבאָרגן אין יעדן וואָרט. די דאָזיקע ווערטער זענען פון אַזאַ אויפ־רייסנדיקער שטילקייט, אַז זיי קענען הימלען שפּאַלטן. מיט נאָך אַ שאַרפערער אָנגעלאָדענער שטומקייט, שטייט שפּעטער זאַק פאַר דער קרעמאַטאָריע אין מאַידאַנעק און — צוזאַמען מיט אים קוקן מיר „אין פינצטערן חלל פון די אויוונס און פאַר די אויגן ווייזן זיך שאָטנס... שאָטנס, שאָטנס פון היימישע; פון נאָענטע..."

אין פלוג קען זיך אויסדוכטן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט געשיכטלעכער כראָניק, וואָס דערציילט בלויז פאַקטן, בילדער און געשעענישן אויפגעקומענע פון דער צייט. ס'איז אָבער ווייט נישט אַזוי — ס'איז פיל מער: זאַק הייבט אַרויס דעם צאַפּל־און־ציטער — דעם אָטעם פון יענער צייט. מען פילט דעם דופק פון יענעם לעבן. נאָך מער: דער מחבר פאַרמאָגט די געבענטשטע פעיקייט אויפצוקלערן די סיבות פון כלערליי שטימונגען, געפילן און אַטמאָספער. אברהם זאַק דערציילט די ברוטאַלסטע זאַכן מיט אַן עפּישער רואיקייט. מען פילט, אַז ער האַלט זיך איין אייך באַהערשן; אַז דאָס אַלץ איז אַדורכגעלעבט און אַדורכגעוויטיקט. אַזוי צוימען און באַהערשן געפילן קאָן נאָר אַ גרויסער קינסטלער, וואָס האָט אין דעם־אַ קלעם נישט פאַרלוירן דעם קינסטלערישן גלייכגעוויכט.

אין יאָר 1950 קומט אברהם זאַק — צוזאַמען מיט משה גראָסמאַנען און דעם טראַגיש־אומגעקומענעם שמערקע קאַטשערגינסקי — אויף אַ באַזוך קיין ישראל און אַט געפינען מיר אינעם בוך אַ קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש: „איבער די וועגן פון תנ"ך".

צו שטוינען ווי דער מחבר האָט באַוויזן אויפצוכאַפּן אין די דינסטע ביוּאָנסן דעם בלענדיקן ישראל־פּייזאַזש און די וווּנדערלעכע פרייהייט־ און בוי־מוזיק פונעם לאַנד. ער האָט אָבער אויך באַוויזן אויפצוכאַפּן די אַלע ווידעראַנאַנדן אין ישוב — סיי די קאָלאָסאַלע און פּאָזיטיווע דערגרייכונגען, און סיי די אַלע סאָציאַלע קעגנזאַצן, דיסאָנאַנסן און פּראָבלעמען, וואָס זענען מיטאַמאָל אויפגעשווומען דווקא מיט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

אברהם זאַק איז אַ יידישער שרייבער. מיט דער יידישער שפּראַך איז ער פאַרבונדן זיין גאַנץ לעבן. און דערפאַר וויטיקט ער איבער דער שלעכטער מערכה פון יידיש דאָ, וואָס איז געקומען בולט און אָפן צום אויסדרוק אויף דער „היסטאָרי־שער" מסיבה ביי יואל מאַסטבוימען אין שטוב. „איבער די וועגן פון תנ"ך" — ווי די פריערדיקע קאַפּיטלען — זענען באַפּאַרבט מיטן מחברס הייסן געפיל און וואַרעם יידיש האַרץ.

דאָס לעצטע ציקל אינעם בוך נעמט אַרום דריי דערציילונגען, וואָס דער סוזשעט זייערער איז אַ נאָך־מלחמהדיקער — מלחמה־נאָכווייען, און צוויי דער־ציילונגען, וואָס טראָגן אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער.

די ערשטע פיר דערציילונגען פון דעם־אַ ציקל זענען פון אַ הויך־דערציי־לערישן און קינסטלערישן שווונג מיט אַ פּאַטעטישן אָנהויך. אין זיי זענען אַריינגעוועבט זאַקס טיף־לירישע באַטראַכטונגען און מעדיטאַציעס, וואָס פירן אַריין אין דער אינטימער געפיל־וועלט פונעם מחבר. אין די דאַזיקע סענסיטיווע און סובטעלע דערציילונגען דעמאָנסטרירט זאַק אַ דורכגעלייטערטן סטיל און אַ טיפע לעבנס־חכמה.

י. י. טרונק

„כעלעמער חכמים" — 1951

וועגן כוח פון הומאָר, געלעכטער און סאַטירע האָבן געשריבן אַריסטאָטעלעס, העגעל, דיקענס, רוסאָ, גאָגאָל, דאָסטאָיעווסקי, גאָרקי און אַ סך אַנדערע קלאַסיקער. אַלע זיי האָבן געהאַלטן, אַז שרייבן הומאָר, סאַטירע — געלעכטער דורך טרערן — איז פיל שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער ווי שרייבן וועגן טראַגעדיעס און דראַמעס. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער האָט דאָס דעפינירט אויף זיין באַזונדערן אופן, אָבער אַלע זיי זענען געקומען צום זעלבן אויספיר. פאַרוואָס? ווייל וויינען קען מען נאָכמאַכן, מ׳קען וויינען פאַלש. ווי גייט דאָס ווערטל: „צוליב די פאַלשע טרערן, קען מען די אמתע נישט דערהערן". אָבער אויפריכטיק געלעכטער איז שוין נישט לייכט נאָכצומאַכן. דערפאַר קען מען דעם מענטשן צו בעסטן דערקענען דורך זיין געלעכטער. נישט צופעליק האָט אונדזער גרויסער קלאַסיקער שלום עליכם אָוועקגעשטעלט דעם האַפערדיקן מאָטאָ: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן".

ביי יידן פאַרנעמט דער הומאָר אַן אייגנאַרטיקן — אפשר אייזציקאַרטיקן — אָרט אויף דעם געביט. לאָמיר, אַ שטייגער, נעמען די טראַגי־קאָמישע פיגור שלימזל, וואָס איר טרעפט אים אויף טריט און שריט — אַזוי אין פאָלקס־מויל און אַזוי אין דער ליטעראַטור. מיר האָבן פאַר זיך אַ סך מוסטערן, אָבער מיר וועלן זיך באַגנוגענען בלויז מיט איין ביישפיל.

שלימזל איז איינמאָל געגאַנגען מיט אַ כעלעמער. האָט שלימזל זיך באַרימט: די וועלט זאָגט, אַז ברויט פאַלט שטענדיק מיט דער פוטער אַראָפּ. צום סוף איז געכטן ביי מיר, כאָטש איך בין אַ שלימזל, אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד אַ שטיקל ברויט מיט פוטער און עס איז, גאָט צו דאַנקען געפאַלן מיט דער פוטער אַרויף.

האָט דער כעלעמער געענטפערט: וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט? מסתמא האָסטו דאָס מאָל אָנגעשמירט די פוטער אויף דער פאַרקערטער זייט. אָרעמער שלימזל. אַז ער דאַרף זיך שוין דערגרונטעווען צו עפּעס — דאַרף לעבן אים שטיין אַ כעלעמער.

אַנדערש, גאַנץ אַנדערש הערשעלע אָסטראָפּאָליער, אפרים גריידיגער, מאָטקע

כּאַבּאַד, שייקע פּייפער און אַנדערע וויצלער, וועלכע האָבן תּמיד געהאַט גרייט אויף די ליפּן אַ חריפותדיק ווערטל, וואָס האָט יענעמען געטראָפן אין דער זיבעטער ריפּ. אָבער זאָגן מוז מען זאָגן, אַז דאָס זענען נישט געווען קיין סתּם־לאַכערייקעס, נאָר האָבן געצילט ערגעץ. דאָס איז געווען אַ צעהעלטער הומאָר, וואָס האָט אַ סך געלינדערט די דערשלאָגנקייט און אָרעמקייט אין די יידישע שטעטלעך — וואָס האָט צעוואָרעמט דאָס אומעטיקע יידישע לעבן.

אָבער איבער זיי אַלעמען קוקט אַריבער די קלוגע שבקלוגסטע שטאָט כעלם, וואָס איז געווען דער בעסטער מעדיום, דער דאַנקבאַרסטער שטאָף פאַר אַ ריי שרייבער, ווי: יאַנקל לערער, המכונה מאַרגענשטערן פון לאָדזש, ד״ר שלמה סיימאַן, יעקב גלאַטשטיין, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, איציק מאַנגער, יעקב באָטאָשאַנסקי, מאַני לייב, דעם שרייבער פון די שורות, ועל כּולם — פאַר י. י. טרונק. ווען עס וואָלט געווען אַ פעסטיוואַל פאַר הומאָר, וואָלט כעלם גענומען דעם ערשטן פּרייז.

ווו, אייגנטלעך, ליגט טרונקס אַנדערשקייט? אויף דעם איז פאַראַן אַ קלאָרער ענטפער: נישט אַזוי אין די מעשׂיות גופא, ווי אין זיינע אומגעריכטע פּירושים און פילאָזאָפישע אויספירן. נאָך עפּעס: טרונקס נטיה אַדורכצופלעכטן די אַלע מעשׂיות מיט זיין ספּעציפישן גראַטעסק־שאַרזשירטן נוסח, גיט אויך צו אַ באַזונדערן פאָלקס־חן.

— בינט איר אַ חכם!

אַזוי ענטפערט — לויט אַ פאַרשפּרייטן וויץ — אַ כעלעמער אויף דער פראַגע: פון וועלכער שטאָט ער איז. ווי זאָגט אַ ווערטל: ווער ס׳פילט זיך, דער מיינט זיך.

יאָ אַ ווערטל, נישט אַ ווערטל — מיט כעלם איז נישט אַזוי. ווייל כעלעמער האַלטן זיך פאַר די גרעסטע חכמים אין דער וועלט (און זענען עס טאַקע!). איי מען רופט זיי כעלעמער נאַראָנים — האָט דערויף י. י. טרונק אַ פּירוש: לעולם איז כעלם דאָס קלוגסטע שטעטל אין גאָר דער גרויסער וועלט. כעלעמער יידן זענען מקטן ועד גדול אָנגעשטאָפּט מיט חכמה. אלא וואָס? — מחמת מורא פאַר אַן עין־הרע, רעדט מען דערפון בלשון סגי־נהור: כעלמער נאַראָנים.

אמת ויציב — גאָלדענע רייד.

ווערט איר פרעגן: היתכן? אויב כעלם איז יאָ אַזאַ קלוגע שטאָט — טאָ ווי קומט עס אויסצוטראַכטן אַזעלכע, איך בעט איבער אייער כּבוד, נאַרישע מעשׂיות אויף כעלם? אַ שטייגער: ווי יוסף לאָקש, דער כעלעמער פּרנס־חודש האָט נישט געטראָפן צו זיינע שטיוול (מחמת גרויס איילעניש צו סידור־קידושין) און אויף געשווינד דערטאַפּט זיין ווייבס כשר־געמאַכטע גענדז, וואָס זענען געלעגן אויף אַ זאַלצברעט לעבן דער קאַנאַפּע און האָט בכבוד גדול אין זייערע אויס־געליידיקטע אינגעווייִדן אַריינגעשטעקט זיינע ביידע פיס. און געדענקט האָט ער גוט (פאַרט אַ כעלעמער!), אַז מען דאַרף האָבן אַ פּאַטשיילע, כּדי צו האָבן אונטער דער חופּה מיט וואָס צו געבן מקבל־קנין צו זיין, אָבער אין גרויס

אײלעניש האָט ער אַ כאַפּ־געטאָן אין דער קעשענע אַרײַן אַן אויסגעוואַלגערט בלאַט לאַקשן (פֿון דאַנען דער נאָמען יוסף לאַקש). דער סוף איז, נעבעך, געווען אַ טרויעריקער: אַהיימגייענדיק פֿון דער חופּה באַפֿאַלן אים דרײַ כלבים און עסן־אויף זײַנע גענדזענע שיך...

אַזעלכע היתכנס וואָלט מען געקענט פֿרעגן און פֿרעגן. האָט אָבער אויך דערויף י. י. טרונק אַ גרייטן — און טאַקע אַ ריכטיקן! — ענטפֿער: ראשית כל האָט יוסף לאַקש געמאַכט בײַדע טעות'ן מחמת דערימעך, וואָס זײַן שאַרפֿער מוח איז נאָך אַלץ געווען פֿאַרנומען מיטן גרויסן חשבון וועגן די גאָלדענע רענדלעך, וואָס ער האָט געזען אין חלום (פֿון וואָס דען זאָל אַ פּרנס־חודש חלומען?); והשנית (און דאָ שטעלט י.י. טרונק דעם טראָפּ) — כעלם איז דאָס משל פֿון דער וועלט.

כדי צו קריגן אַ שטיקל השגה אין די כעלעמער נאַרישקייטן דערציילט אונדז י. י. טרונק זיבעצן מעשׂיות, וואָס זענען פֿאַרלאָפֿן אין און אַרום כעלם. איז וועלכעס קאַפּיטל איר זאָלט נישט אויפֿמישן, טוט אַ פֿינקל אַ בריליאַנט. און נישט נאָר דערפֿאַר, וואָס טרונק באַווײַזט זיך מיט זײַן קערנדיקן הומאָר, אײַנפֿאַלערישקייט און שפּראַכלעכן געוועב פֿון דער מעשׂה, נייערט: צוליב די „טאַכטער דיך שטראָף איך, שנור דיך מיין איך־אַנצוהערעניש ן". ווי זאָגט מען: „נישט אַזוי די רייד, ווי דער מיין", ווײַל אַז מען וויל, קאָן מען געפֿינען אין כמעט יעדן טרונקס קאַפּיטל עפּעס אַזעלכעס ווי אַ משל אויף דער וועלט. אַפֿילו די סתם־אין־דער־וועלט־אַרײַן־מעשׂה'לעך, וואָס כלומרשט האָבן זיי נישט קיין אַנדערן ציל ווי צו פֿאַרווײַלן, אַמוזירן דעם לייענער, האָבן אויך — און אפֿשר גראַד! — אַ באַשטימטן מיין. לאָמיר אַ שטייגער, נעמען דאָס וויציק־געשליפֿן מעשׂה'לע ווי אַזוי קהל קרוינט מאַטשעקן דעם באָד־גוי, דעם איינציקן גוי אין שטעטל פֿאַר כעלעמער מלך (צוליב קנאה, פֿאַרשטייט זיך, וואָס וואַרשע פֿאַרמאָגט אַ מלך): ווען קהל מעלדעט זײַן מאַיעסטעט, מאַטשעקן, אַז מען גייט אים מאַכן פֿאַר כעלעמער מלך, איז זײַן ערשטע פֿראַגע: צי מען וועט אים געבן אַ גלעזל בראָנפֿן?

— מיט אַ שטיק שבת'דיקע חלה, האָט ר' מנשה (דער בית־דין־שמש) אים צוגעגעבן חשק. ווען מען האָט אָבער מאַטשעקן אָנגעטאָן די גאָלדענע קרוין אויפֿן קאָפּ, האָט ער געשריגן אַז זי קוועטשט אים און אַז מען זאָל אים אָפּגילטן וועט ער נישט ווערן כעלעמער מלך. איז קהל געפֿאַלן אויף אַ קלוגע עצה (פֿאַרט כעלם!): מאַטשעק וויל די קרוין נישט טראָגן אויפֿן קאָפּ, טאָ זאָל מען זי צובינדן מיט אַ שטריקל און ער וועט זי טראָגן אויף דער פּלייצע. וכך היה. הכלל עס איז אַלצדינג אגיל ואשמח. איי עס איז דער באָד־גוי מאַטשעק? — איז וועמען ווייסט וואָסער מאַטשעק וואַרשע האָט זיצן אויף דער כסא־מלוכה?

מחמת אַ סך אַזעלכע קאַפּוליער אָנצוהערעניש ן, האָט י. י. טרונק אויסגעקליבן דעם קאָמיש־סאַטירישן זשאַנער, וואָס איז דער בעסטער וועג — דורך קאָמיזם, הומאָר, איראָניע — צו סאַטירע, צו קריטיק. דערפֿאַר האָט דער מחבר גענומען

יוסף לאָקשן פאַרן פּאַסאַד, וואָס ער רוקט אַרויס אויפן פּראָנט פון כעלם. ווייל דורך אים, דעם פּרנס־חודש איז בעסער צו טרעפן אין די פאַרשידענע רעדל־פירער פון אונדזער עולם התחתון. אַט דער פאַרבאַרגענער, אָבער אַרויספּילנדיקער ציל, וואָס י. י. טרונק האָט זיך געשטעלט, היט אָפּ די מעשה׳לעך, אַז זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין טריוויאַלן שפּאַס.

עטלעכע געבראַכטע דערציילונגען זענען, אייגנטלעך, שוין פון לאַנג געדרוקט דאָ און דאָרט אין פאַרשידענע נוסחאות אַזוי, אַז עס איז נישט שווער אויפצווייזן זייער שטאַפּלעכן אָפּשטאַם — דאָך זענען זיי פאַר אונדז אַ שפּאָגל־נייע אַנטפּלעקונג.

אַ וועלט גייט פאַרביי דורך כעלם: ראשי הקהל׳ס, פּרנסים, רביים, שיינע יידן, סוחרים, נגידים, שווינדלער, אַפּנאַרער, פּאַסקודניאַקעס, עקשנים, נישט־פאַרגינערס, פּראָסטע יידן, בעלי־מלאכות, אָרעמע לייט, קאַטערינאַזשעס, פּאַנ־טאַזיאָרן, בעלי־חלומות, בטלנים — דער גאַנצער קלאַפּערגעצייג קליינע מענטשע־לעך, וואָס מיר באַגעגענען זיי אויף אונדזער זינדיקער ערד. וואָס דאַרף מען מער: אַפילו די אייגענע היימישע משפּחה — די שרייבער־משפּחה, כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד — שפּיגלט זיך אָפּ (נאָך ווי!...) אין די כעלעמער פּען־יידן, וואָס האָבן זיך גענומען צו שרייבן דעם כעלעמער פּנקס...

כעלם איז, בכן, אַ שפּיגל, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ די וועלט.

אם כן וועט זיך דער לייענער מער נישט חידושן ווען ער וועט טרעפן צום סוף פון טרונקס בוך אַ וועלט־אסיפה, ווו מיר באַגעגענען אונדזערע גרעסטע וועלט־חכמים: הערשעלע אָסטראָפּאָליער, שייקע פייפער, מרדכי ראַקאָווער, אפרים גריידיגער און ר׳ פּייוקע ליטוואַק. צו וואָס לאַנג ברייען: אַפילו אַלבערט איינשטיין (דער וואָס האָלט, אַז די וואָס זאָגן אַז צוויי און צוויי איז פיר ווייסן נישט ווער עס האָט זיי געשלייערט און רעדן סתם פון די היינערפּלעט) איז אויך געקומען אויפן חכמים־קאָנגרעס אָנקוקן די לייט, וועמען עס איז געראָטן אַריינצוכאַפּן די לבנה אין אַ פאַס.

היינט־זשע זעט איר וואָסער קלוגע שטאָט ס׳איז כעלם?

„דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט" — 1953

פון אַ בערך ענלעכן שטאָף איז געוועבט טרונקס צווייטער בוך „דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט" (הערשעלע אָסטראָפּאָליער). עטלעכע קאַפּיטלען — למשל, דאָס קאַפּיטל צוויי און דרייסיק: די חוקרים זיצן אין מרחץ און טראַכטן אַריין וואָסערע שיך עס טראָגט דער רוסישער קייסער — ווערן פון כמה יאָרן צוגעשריבן דער קליגסטער שטאָט כעלם. אויך פון אַ ריי האַנדלונגען,

פּאַסירונגען און געשעענישן וואָס פּאַרלויפן זיך אין אָסטראָפּאָליע זעען מיר באַשיימפּערלעך, אַז אָסטראָפּאָליע און כעלם זענען ענלעך צו זיך ווי צוויי טראָפּן וואַסער. אומעטום איין וועלט. בכן זענען מיר קאַפּאַבל אָנצונעמען, אַז „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" איז אַ המשך פון „כעלעמער חכמים". אלא וואָס דען? — ראשית זענען דאָך יידן אַ קלוג פאָלק, און אַ קיומ׳דיק פאָלק און אַ בטחון׳דיק פאָלק — האָבן זיי גענומען דאָס ביטערע עצבות פון זייערע דערפאַרונגען מיט משיח׳ן און מיט די למד־וואָוו — און האָבן גאָר אַרויסגעשיקט אויף דער שפּיל־בינע פון זייער פאַנטאַזיע אַ ייד אַ קאַטאָוועס־טרייבער, אַ שקאָץ און אַ ווערטל־זאָגער, אַ הערשעלע אָסטראָפּאָליער. קוקט מען גוט אַרונטער אונטער דער פּאַיאַצישער קאַפּאָטע פון דעם דאָזיקן ייד זעט מען, אַז דאָ גייט דאָס געשטאַלט פון דער יידישער אַנטוישונג. שנית, וועלכער ייד האָט זיך דאָס נישט ליב צו קוויקן מיט אַ ווערטל וואָס איז קיילעכדיק און שפּיציק און טרעפט אין סאַמע פּינטל (געמיינט: אין דער זיבעטער ריפּ). נאָך דערצו: מיט אַ ווערטל פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער. (און גראָד דעמאָלט ווען עס איז אים גוט אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה); והשלישית — און דער עיקר! — דורכן מויל פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז באַקוועמער אַרונטערצורייסן די מאַסקעס פון די כלערליי קאָכלעפל, בעלי־טאַקסעס, גראָבע יונגען און אַנדערע כלל־טוער, וואָס האָבן געהאַלטן אין קלעם דאָס יידישע לעבן.

אויסרעכענען הערשעלעס עזות־פּנים׳דיקע שפּיצלעך, ווערטלעך, קאַטאָוועסן און אַריינזאָגעכצער — וואָלט מען זיך באַדאַרפט אַוועקזעצן אויף אַ צען ווינטער־דיקע אויפדערנאַכטן אין אָסטראָפּאָליער בית־המדרש ביים געהייצטן אויוון און דערציילן (און עס וואָלט כדאי געווען צו הערן!). איז אָבער די זאַך: ווי איז מען דאָס אַזוי פיל מטריח דעם עולם לייענער? על כן ווילן מיר זיך באַגנוגענען מיטן איבערדערציילן איין און איינציק אַריינזאָגעכץ הערשעלעס. וועמען? — זאָל זיין דעם בעל־טאַקסע, ר׳ זיינוועלע פּופּיק.

די מעשה איז אַזוי: צומאָרגנס נאָך הערשעלעס חתונה. האָט זיין ווייב געזאָגט צו אים אַזוי צו זאָגן:

— האָסט אַ ווייב, שמענדריק? טאָ שלאָג זיך קאָפּ אין וואַנט און שפּאַלט דעם ים. וואָס אויף ווייבעריש לשון מיינט דאָס: פּרנסה (כידוע האָט נאָך סימכע פלאַכטע געהערט דעם דאָזיקן פּזמון פון זיין ווייב פּעשע, וועלכע הייסט אים נעמען די שאָנדעס און טראָגן וואַסער פאַר די נאַרקאָווער נגידים. אַזיסט — טענהעט פּעשע — בלייבן זיי מיט לײדיקע בייכער און מוזן אַוועקלייגן די ציין אויף די פּאָליצעס. שיינדעלעס האַרבער זאָג צו הערשעלע, איז בכן אַן איבערדוף מיט פּעשעס טענה צו סימכע פלאַכטע), נו, האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַ תכלית פאַר הערשעלען ביז מ׳איז געקומען אויף שחיטות. איז ווער האָט די דעה מכוח שוחטים אין אָסטראָפּאָליע? פאַרשטייט זיך, אַז דער בעל־טאַקסע. וויל אָבער ר׳ זיינוועלע נישט געבן קיין הסכמה, ביז הערשעלע וועט אים נישט פריער טרעפן אַ רעטעניש. פאַרפאַלן. גייט הערשעלע צום בעל־טאַקסע און יענער פרעגט:

— פאַרוואָס, הערשעלע, איז אין אַסטראָפּאַליע תמיד אַ בלאָטע?

— ר' זיינוועלע — ענטפערט הערשעלע מיט אַ פראַגע: איר האָט שוין געהערט אַמאָל פון אַזאַ ייד ווי אָדם־הראשון?

— ער איז אַן אַסטראָפּאַליער?

— חלילה!

— פונוואַנען־זשע ווייסט ער פון די היגע בלאָטעס?

— אָט וועל איך אייך דערציילן: אדם־הראשון איז דער ערשטער ייד. אים האָט דאָס גאָט אָנגעבאָטן צו קויפן די וועלט. אדם האָט זיך אָבער נישט געאיילט און אַזוי געטראַכט: איך האָב צייט. איך בין דערוויל איין ייד אויפן יאַריד. ווער וועט מיר אויסכאַפּן די מציאה? לאָמיך בעסער אַ קוק טון אויף דער וועלט. קוקט ער אַזוי אַראָפּ אויף אונדזער וועלט און אַלע שטעט געפעלן אים וויל. אָבער ווי נאָר ער כאַפּט אַ בליק אויף אַסטראָפּאַליע און ער דערזעט דאָרטן דעם בעל־טאַקסע, נעמט ער, אדם־הראשון, און טוט אַ גרויסן שפּיי אויפן שטעטל. פון יענעם שפּיי, ר' זיינוועלשי, נעמען זיך די היגע בלאָטעס...

קיין שוחט איז הערשל, פאַרשטייט זיך, נישט געוואָרן אָבער טיף אַריינגעזאָגט האָט ער יאָ דעם בעל־טאַקסע, דעם תקיף און עם־הארץ, וואָס קען נישט קיין המוציא מאַכן איבער אַ רעטעך. עס האָט געלוינט!

שייך צו זאָגן: הערשעלע האָט אַריינגעזאָגט. און וועמען האָט ער יאָ געשווינט דער שקאָץ, וואָס גייט — מיט זיין אָפּלעצעווען און אַריינזאָגן יענעמען — איינפירן די גוטע פאַראַנדקעס אויף דער וועלט. אָט האָבן מיר אַ התנצלות המחבר: (און טאַקע וועגן אַ געוויסער קאַטעגאָריע מחברים, ס'זאָל נישט הייסן באַרעדט): קיין בעסער אָרט ווי אַנצורעדן אַ מענטש צו אַלדאָס בייז, צו קנאה, שנאה, תאווה און כבוד, האָט זיך דער יצר־הרע גאָרנישט געקאָנט ווינטשעווען. וואָרום אַ מחבר בעתן שרייבן — דאָס איז אַ וואָרער חוזק, כלומרשט שרייבט ער תוך־זאַכן, — אָבער אין אמתן טוט דער מחבר נישט מער נאָר האַלט אָפּן די אויערן פאַר אַלע יצר־הרע'שע ריידעלעך און ער וויל נעבעך כבוד.

טרונקס אַריבערגיין פון זיין ערודיציאָנעלער שטרענג־אַקאַדעמישער פאָרעם און פון זיין פעדאַנטיש־געוויגענער און געמאָסטענער שפּראַך — צום קאָמיש־סאַטירישן זשאַנער איז אַ גרויסע אַנטפּלעקונג. דאָ האָט זיך ביי טרונקן געעפנט אַ פרישער, לעבעדיקער קוואַל, וואָס שפּרודלט מיט אינעוויניקסטער פאָלקס־חכמה. כמעט אין אַלע זיינע מעשה'לעך איז פאַראַן בילד, איינפאַל, וויץ, וואָרטשפּיל — קערנדיקער פאָלקס־הומאָר. אין אַ טייל מעשה'לעך טרונקס פליסט אַ בורלעסקער שטראָם, וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך דעם פאָלקסטימלעך־פאָלקלאָרישן שטייגער. פאַראַן עטלעכע העלדן ביי טרונקן — דער כעלעמער מלמד ישוב'ט זיך: צי זאָל ער ווערן אַ פרינץ, אָדער אַ גזלן — וואָס פאַרמאָגן דעם הויך פון דאָן־קיכאָט. די־אַ מעשה'לעך האָט טרונק דערהויבן צו אַזאַ קינסטלערישער שלימות, אַז זיי קאָנען דרייסט דינען ווי קלאַסישע מוסטערן פון פאָלקס־מעשה'לעך־קונסט.

דניאל טשאַרני

„אַ ליטוואַק אין פוילן" — 1955

עד היום באַמבלען אין מיין זכרון שטיקער פראַגמענטן פון דניאל טשאַרניס „משפחה־כראָניק", דערהויפּט — פונעם ערשטן טייל „קינדער־יאָרן". זעלטן, אַז אַ בוך זאָל אַרויסרופן אַזאַ שטאַרקן רעזאָנאַנס ביי קינדער־פּסיכאָלאָגן, פּאַרשער, לערער און קריטיקער. אַלע זיי האָבן, אין יענער צייט, שטאַרק געלויבט און רעקאָמענדירט „קינדער־יאָרן", ווי אַ בוך וואָס האָט אויפגעריגלט די פורטקע צום קינדס נשמה.

דניאל טשאַרני האָט אַדורכגעמאַכט אַ פאַרשידנאַרטיק און פאַרשידנפאַרביק לעבן. דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער זיך געטומלט אין די ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס פון ווין און בערלין, פון בערן און זשענעווע, פון פּראָג און פּאַריז, פון מאָסקווע און פּעטראָגראַד, פון מינסק און ווילנע, פון קאָוונע און ריגע, אָבער נישט פון וואַרשע. בכן האָט אים אין אָנהייב 1935 „שטאַרק אַ צי געטאָן צום פּוילישן יידנטום, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן פּרצן און אשן, נאָמבערגן און ווייסנבערגן, און באַלד נאָך זיי — הונדערטער ניי־אויפגעקומענע יידישע שרייבער".

זיין וועג קיין וואַרשע איז אָבער געלעגן דורך ווילנע, מחמת נאָר דער ווילנער „ייווא" האָט געקאָנט אויספּועלן פאַר אים, ווי אַ נישט־פּוילישן בירגער, אַ לענגערן וווין־רעכט אין פּוילן.

ווי אַן אַריינפיר צו וואַרשע ברענגט אונדז דער מחבר אויסצוגן פון זיין טאָג־בוך וועגן זיין באַזוך אין ווילנע. אין פלוג — קורצע אויסצוגן, אָבער אינדערמתן גייט דאָ פאַרביי אַ וועלט אַ גאַנצע! און נישט קיין חידוש: אין ווילנע האָט זיך טשאַרני געטראָפן מיט די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן — שרייבער, מאָלער, אַרטיסטן, סאָציאַליסטישע פירער, געזעלשאַפטלעכע עסקנים און קולטור־טוער. ווער גייט דאָ נישט פאַרביי: ווירגילי כהן, חייקל לונסקי, יוסף טשערניכאָוו, זלמן רייזין, משה שאַליט, לאַצקי־בערטאָלדי, יעקב לעשטשינסקי, א. י. גראָדזשענסקי, אברהם מאָרעווסקי, די „יונג־ווילניאַנער" און פיל אַנדערע געשטאַלטן, וואָס האָבן באַשיינט און באַקריינט דאָס יידישע לעבן. דער גרעסטער טייל פון די אַלע געפינען זיך מער נישט, צו אונדזער גרויסן פאַלקס־צער, צווישן

די לעבעדיקע. בלויז אַ קלײנער טײל איז געבליבן. װעגן יעדן אײנעם פֿון זײ — סײ װעגן די פֿון עולם האמת און סײ װעגן די לעבעדיקע — װײס דניאל טשאַרני צו דערצײלן אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן און פּרטים. און נישט נאָר עפּיזאָדן און סיטואַציעס שילדערט אונדז דער מחבר, נײערט — דעם אַרום און דעם גורם דערצו. טשאַרני דרינגט אַרײן פּסיכאָלאָגיש אין דער געשעעניש. ס'איז, בכן, פֿיל מער װי דערצײלט בלויז פֿאַקטן „װי די זאַך איז געװען".

דניאל טשאַרני איז סענסיטיװ צו זאַכן, װאָס אַנדערע אַנען נישט אַפֿילו װעגן זײ. אין זײַנע דינסטע בלוט־װיבראַציעס פֿילט ער אָפּ געשעענישן, װאָס הענגען נאָך קוים ערגעץ אין לופֿטן. מיר זעען דאָס באַשײמפּערלעך אין זײַן באַגײסטערטער שילדערונג װעגן ייִדישן װיסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. ס'איז װילנעס גרעסטע דערגרײכונג. אָבער גראָד אין זײַן העכסטן באַרג־אַרויף טוט טשאַרני, אומגעריכט תּפֿילה־טאָן צו גאָט, „אַז אונדזער נײַער ייִװאָ־טעמפּל זאָל, חלילה, נישט פֿאַרװאַנדלט װערן אין אַ צװײטן „כּותל־מערבֿי". װײַזט אויס, אַז פֿאַר די אויגן פֿונעם שרײַבער האָט זיך שוין דעמאָלט געשטעלט אַ געשפּענסטיקע װיזיע. אַ זעאונג װאָס איז, מיט יאָרן שפּעטער, לײדער, געװאָרן װאָר...

װי אַנדערע שטעט האָט אויך װילנע פֿאַרמאָגט אַ היפּשע אונטערװעלט: גנבֿים, פֿאַסערס, פּראָסטיטוטקעס, אַלפֿאָנסן און אַנדערע קרימינאַליקעס. מיט אַ צולאָג — קינדער־פֿאַרברעכער. װילנע איז אָבער — װילנע! נעמט זי צונויף די ייִדישע זשוליקלעך אין אַ „געזעלשאַפֿט פֿאַר ספּעציעלער דערציאונג" און דערציט זײ איבער. דניאל טשאַרני, װעלכער איז באַקאַנט מיט זײַן אײדעלן צוגאַנג צום קינד, װערט אויסגעקליבן װי דער ערן־פּרעזידענט פֿון דער־אָ אײגנאַרטיקער „קינדער־רעפּובליק". דאָס איז טשאַרניס דערהױבנסטער מאָמענט אין װילנע. מחמת דאָס עפּנט פֿאַר אים דעם טויער צו די נעכטיקע קינדער־פֿאַרברעכער, און דאָ קאָן ער אַרויסציען די פּערל װאָס ליגן פֿאַרבאָרגן אויפֿן סאָמע דנאָ פֿון זײערע נשמות. טשאַרני דערצײלט אונדז — אויף זײַן שטײגער — װעגן אַ דרײַ־אַקטיקער פּיעסע, װאָס די געװעזענע קעשענע־גנבֿים האָבן אַלײן פֿאַרפֿאַסט, אַלײן רעזשיסירט און אַלײן אויסגעפֿירט. מיר גײען מיט מיטן מחבר אויפֿן דאָזיקן אינטערעסאַנטן ספּעקטאַקל און מיר װערן מיטגעריסן פֿונעם שפּיל. דערהויפּט פֿונעם דריטן אַקט, בעת „אַ ייִנגל, װאָס האָט געשפּילט אַ װיכטיקע ראָל, באַמערקט פֿון דער סצענע, װי ס'איז אַרײַנגעקומען אין דעם פֿול־געפּאַקטן זאַל זײַן טאַטע, דער פֿערד־גנבֿ. (אַ סך אַזעלכע טאַטעס און מאַמעס זענען געקומען קלײַבן נחת פֿון זײערע לײַטיש־געװאָרענע קינדער) — איז ער געװאָרן פּלוצלינג בלאַס װי די װאַנט, ר'איז אַרויס פֿון זײַן ראָל. װי נאָר דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אַרונטערגעלאָזט, איז ער צוגעלאָפֿן צו זײַן לערערקע טילטשע און איר אָנגעזאָגט, אַז מען דאַרף היטן די קעשענעס, װײַל זײַן טאַטע איז דאָ!".

קאָן דען זײַן עפּעס מער רירנדיקס? װאָס װילנע האָט געקאָנט!

װאַרשע מאַכט אויף דניאל טשאַרנין אַן אומגעהויערן רושם. ער דערזעט

דאָרט זאַכן, וואָס אַנדערע באַמערקן דאָס נישט. זיין צוגאַנג צו געשעענישן און דערשיינונגען מיט ברייטע האָריזאָנטן דיקטירט אים וואָס צו זען. אַזוי, למשל, קומענדיק דעם ערשטן אָוונט פון זיין זיין אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע 13 — די הויפּט־קוואַרטיר פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן, דערזעט ער אַ זאַך, וואָס מאַכט אויף אים אַ שרעקלעכן איינדרוק, דהיינו: אין פאַדערהויז פון ליטעראַטן־פאַראיין פאַרקויפט ווער ווייסנבערגס זשורנאַל „קריטיק". וואָלט דאָס געווען גאַנץ נאָרמאַל. איז אָבער דער פאַרקויפער, צום גרויסן ווייטאָג, דער רעדאַקטאָר אַליין — אונדזער קלאַסיקער א. מ. ווייסנבערג.

טשאַרני איז דערפון געפּלעפט און דערשלאָגן. „שוין צוליב דעם אַליין — זאָגט טשאַרני — דאַרף דאָך מיר ווייסנבערג פיינט קריגן, פאַרוואָס קומט עס מיר, דעם ליטוואַק, איך זאָל איינשטיין אין דעם לוקסוס־האָטעל „בריטאַניאַ" און טרינקען מיט דאַמען טעפּעלעך קאַווע אין ליטעראַטן־פאַראיין, בעת ער — איטשע מאיר ווייסנבערג פון זשעליכאָוו — דער פאַרפאַסער פון די קלאַסיש־געוואָרענע ווערק: „דער טאַטע מיט די בנים", „דאָס שטעטל" און פיל אַנדערע ווערק — זאָל שטיין „כעני בפתח", ווי אַ בעטלער ביי דער טיר פון ליטעראַטן־פאַראיין און אויסקוקן די אויגן אויף די 20 גראָשן פאַר אַ נייעם נומער פון זיין זשורנאַל ?".

דאָס דעמאָלטיקע פּוילן איז געווען, ווי באַקאַנט, באַהערשט פון אַ שטאַרק־צעבושעוועטן אַנטיסעמיטיזם און פינצטערע יידן־פאַרפאָלגונגען, אָבער גראָד אין דעם־אַ קלעם — ווי להכעיס די שונאים — האָט געשפּרודלט אַ קאַכיק, בונט יידיש לעבן. טשאַרני באַנעמט גלייך ביידע זייטן: סיי די גאַנצע טראַגיק פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם, און סיי די העכסטע אויסשטראַלונג פון דער יידישער וויטאַליטעט. דער מחבר איז פול מיט התפעלות פאַר די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס אין פּוילן. ער באַוואונדערט די ענערגיע און די מסירת־נפש פון די טוערס און אָנפירער זייערע. ער קומט צום אויספיר, אַז דאָס איז מעגלעך געוואָרן נאָר אַ דאַנק דעם פּרץ־גייסט: „זיי זענען אַלע געווען אָנגעשטעקט מיט דעם גרויסן פּרץ־גייסט און מיט דעם שטאַרקן פּרץ־אימפּעט צו בויען און צו שאַפן. די אַלע געטרייע פּרץ־חסידים פּלעגן מיר טאָקע דערמאָנען אין די „טויטע חסידים" פון דעם בראַסלאַווער".

און דאָ קומט אַ פאַרכאַפּנדיק קאַפּיטל „טויטע חסידים", שבת־וואָכיקע יידן פון די אָרעמע קרעמלעך און וואַרשטאַטן, וואָס האָבן פריטיק פאַרנאַכט געוואָרפן האַק־און־פּאַק און זיך געלאָזן אין זייער שול אַריין באַגעגענען די מלכה שבת.

אַ קליינער פראַגמענט:

„שוין ביי ,לכו נרננה' האָבן די ,טויטע חסידים' אָנגעהויבן אונטערצוטאַנצלען און פּאַכען מיט די ביינערדיקע הענט, ווי זיי וואָלטן עמעצן געגריפן צו זיך. שפּעטער, ביי דער מעריבדיקער שמונה־עשרה זענען אַלע שטיין געבליבן, ווי צוגעשמידטע צו די ערטער; אָבער די הענט, די ביינערדיקע הענט, האָבן נישט

אויפגעהערט צו פּאַכען אין דער לופטן און צו פּאַטשן „בראַוואָ", ווי זיי וואָלטן אַפּלאָדירט דעם רבונו־של־עולם, וואָס ער האָט אין איינע זעקס טעג באַשאַפן אַזאַ פיינע, וווּנדערלעכע וועלט!" (זייט 64).

תיכף נאָך „עלינו" האָבן די בראַסלאַווער זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ, וואָס האָט מיטגעריסן די זייטיקע, די פרעמדע, די צוקוקערס און אויך — דניאל טשאַרני, דעם טרוקענעם ליטוואַק, וואָס „קאָן ביז היינט נישט קלוג ווערן, ווי האָבן די אַלע „קבצנים אין זיבן פּאַלעס" גענומען אַזויפיל התפּעלות און התלהבות צו דינען דעם רבונו־של־עולם, ווען דער רבש"ע אַליין האָט זיי אויף ד ע ר וועלט לחלוטין מיט גאָרנישט אָפּגעדינט?...

ווער ווייסט, ווי לאַנג נאָך זיי וואָלטן אַזוי אַריינגעטאַנצט, ווען איינער פון די „טויטע חסידים" גיט נישט פּלוצלינג אַ געשריי־אויס:

— יידן, זייט אייך נישט מיאש!

דער דאָזיקער אָפּטימיסטישער אויסרוף איז, אין יאָרן אַרום, געוואָרן אַ לאָזונג, שיער נישט אַ פּאַראָל פאַר די געיאָגטע און געפּלאָגטע יידן בימי היטלער.

שיין און טרויעריק איז דאָס קאַפּיטל „מעדעם־סאַנאַטאָריע".

שיין, ווייל די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז פּאַקטיש געווען דער ליכטיקער פּונקט אינעם יידן־פיינטלעכן פּוילן. אין דער דאָזיקער וווּנדערלעכער קינדער־אינסטי־טוציע האָבן הונדערטער פאַרוואָרלאָזטע און דערשלאָגענע יידישע קינדער געפונען אַ זאַטע, וואַרעמע היים. דאָ פלעגן זיי באַקומען „אַ צווייטע נשמה — אַ נשמה יתירה, וואָס פלעגט זיי דערהויבן און באַגייסטערן". נישט צו דערציילן די וווּנדער איבער וווּנדער פון דעם דאָזיקן „גן־עדן התחתון". מען האָט געדאַרפט דעם דאָזיקן אַזיס זען מיט אייגענע אויגן. דניאל טשאַרני איז געווען — ווי קאָן דען אַנדערש זיין — דער „ערן־גאַסט" פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. געוועזן, געזען, געהערט און — דאָס אַלץ פאַרפיקסירט אין זיין איצטיקן בוך, ווו יעדע שורה איז באַפאַרבט מיט זיין הייסן געפיל און וואַרעם יידיש האַרץ.

אויך דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט די זכיה איינגעלאַדן צו ווערן, דורכן באַקאַנטן פּעדאַגאָג שלמה גילינסקי, ווי דער גאַסט פון דער מעדעם סאַנאַטאָריע *. און עס דערמאָנט זיך, אַז ווי נאָר מען האָט באַטרעטן די טעריטאָריע פון דער דאָזיקער קינדער־רעפּובליק מיטן אייגענעם קינדער־פּאַרלאַמענט, איז גלייך געקומען אויפן רעיון מאָריס ווינטשעווסקיס קינדער־ליד:

זיין וואָלט איך אַ קינדער־קעניג
אין אַ קינדער־לאַנד;
מיט אַ קינדער־מיניסטעריום
און צופיל פאַרשטאַנד...

---

* נאָכן דאָזיקן באַזוך האָב איך — אין 1938 — פאַרעפנטלעכט אין „נאַשאַ טריבונאַ" און אין „ראַדאַמער קעלצער לעבן" אַ מאָנאָגראַפיע פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע — ג. וו.

ווינטשעווסקיס וויזיע איז דאָ מקויים געוואָרן. נאָר אָן אַ קינדער־קעניג און מיט פיל פאַרשטאַנד. מחמת אַ סך בירגער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָבן שפּעטער אָנגעהויבן פאַרנעמען קענטיקע פּאָזיציעס אין פאַרשידענע געביטן. אַ שטייגער: חוהלע וואָלפאָוויטש און גוטע קורביטש אין „יונג־טעאַטער". זיי זענען אָבער, צו אונדזער גרויסן אומגליק, ביים ערשטן בלי פאַרשניטן געוואָרן דורך מערדערישע דייטשע הענט.

און דאָ קומען מיר צו צום טרויעריקן טייל פון דעם קאַפּיטל: דניאל טשאַרני וויקלט דאָ פאַנאַנדער די טרויעריקע פּרשה פונעם זעקס־יאָריקן שמואליקל מינקאָווסקי פון פּשיטיק, ווו עס גייען־אויף פאַר אונדזערע אויגן יענע שווי־דער־טעג מיט אַלע זייערע שרעקן און גרויל־איבערלעבונגען. אַן אַנגסט־שווייס באַגיסט ווען מיר לייענען ווי ביינאַכט פלעגט שמואליקל אָפט שרייען פון שלאָף און האַלטן די הענטעלעך פאַרלייגט איבערן קעפּל. אַפילו אין שלאָף שיצט זיך שמואליקל קעגן די צעיושעטע פּוילישע כוליגאַנעס, וואָס האָבן דערהרגעט זיין טאַטע־מאַמע און איבערגעלאָזן בולטע שפּורן אויף זיין קעפּל.

דער פאַראַל פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען „חברשאַפט". אינעם דאָזיקן צויבער־וואָרט האָט געשטעקט ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט פון קינד צו קינד. אויף שמואליקל מינקאָווסקי ווירקט דאָס נישט. זיינע שוואַרצע אומרו־איקע אויגן זענען שטענדיק אָנגעגאָסן מיט שרעק און — ער שווייגט. ער שווייגט און מיט אים אינאיינעם זענען אין עטלעכע יאָר אַרום אַנטשוויגן געוואָרן די אַלע קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און מיט זיי אַלעמען איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן דאָס גאַנצע פּוילישע יידנטום...

„וולאַדעקס קומען קיין פּוילן" איז דאָס אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטל אינעם בוך. די גאַנצע סקאַלע פון מענטשלעכע געפילן, איבערלעבונגען האָבן דאָ געפונען זייער וווּנדערבאַרן פולן אויסדרוק (בשעת טשאַרני האָט זיך פלוצלינג פאַנאַנדער־געווינט פאַר וולאַדעקן). דער מחבר דעקט דאָ אויף זיך אַליין, דאָס אייגענע האַרץ. ס'איז באַקאַנט, אַז ווען מען שרייבט וועגן נאָענטע — נאָך דערצו וועגן אַ ברודער — דיקטירט נישט תמיד דער טרוקענער שכל, נייערט: דער געפיל. פון דעסטוועגן האָבן מיר דאָ, טראָץ זיין וואַרעם האַרץ, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין דעם קאַפּיטל, ווייט נישט קיין אַפּאָלאָגעטישע אַרבעט. וולאַדעקס געשטאַלט האָט טשאַרני אויסגעמאָלן אויף אַ ברייטן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן הינטער־גרונט. דער מחבר פירט אונדז אַריין אין דעם קרייז פון דער דעמאָלטיקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווו וולאַדעק האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל.

אַ סך פאַקטן און עפּיזאָדן וואָס טשאַרני ברענגט־אַרויס, זענען מער־ווייניק באַקאַנט. מען האָט זיי אָבער שוין כמעט ווי פאַרגעסן. ערשט מיט זיין אַרויס־ברענגען זיי אויפסניי אויף דער ליכטיקער שיין, זענען זיי אויפגעשטאַנען זייער תחית־המתים. און וואָס נאָך וויכטיק: זיי ווערן אַנדערש, חידושדיק, אונטערן זילבערנעם שיין פון מחברס טיפן בליק אויף דעם.

י. ל. כהן

„שטודיעס וועגן יידישער פאָלקס־שאַפונג״ — 1952

יהודה לייב כהן איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין יאָר 1881. במשך פון גוטע 25 יאָר האָט ער געפירט אַ הייליקע פּרוכטבאַרע אַרבעט פון אויפזאַמלען און אָפּהיטן די יידישע קולטור־ווערטן — דעם יידישן פאָלקלאָר. אַליין אַן אַרבעטער, אַ זייגערמאַכער האָט ער אַ דאַנק זיין אייגענער אינטואיציע פאַרשטאַנען, אַז בלויז זאַמלען איז ווייניק. ער נעמט פלייסיק שטודירן די פאָלקלאָריסטישע ליטעראַטור אין אַ סך שפּראַכן און ווערט, שפּעטער דער גרעסטער רעפּרעזענטאַנט פון דער יידישער פאָלקלאָר־וויסנשאַפט.

געשטאָרבן איז י. ל. כהן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1937. נאָכן טויט זיינעם האָט די אלמנה פונעם נפטר, פרוי מרים כהן, אַוועקגעשאָנקען דעם ייוואָ כהנס רייכע ביבליאָטעק, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי טויזנט פאָלקלאָריסטישע ביכער. ליידער איז די גאַנצע ביבליאָטעק פאַרפאַלן געוואָרן אין ווילנע בעתן היטלער־חורבן.

אויסערלעך מאַכן די גרויע טאָוולען — ווי אַלע ייוואָ־אויסגאַבעס — אַ באַשיידענעם איינדרוק, אָבער איבעוויייניק — אויך ווי אַלע ייוואָ־אויסגאַבעס — אַן אוצר! געהעכט איז געווען רבי מאיר: אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו.

עס איז געווען אַ גרויסע אחריות צו נעמען אויף זיך דאָס צונויפנעמען און צוגרייטן צום דרוק כמעט אַלע כהנס אַרבעטן פון אַ טעאָרעטישן כאַראַקטער. ד״ר ווינרייך, וויזט זיך אַרויס, האָט וויל געוווסט די גרויסע אחריות און טאַקע דערפאַר זיך גענומען צו דער דאָזיקער עבודה.

דער איטשיקער באַנד שטעלט זיך צונויף פון כהנס אַרטיקלען, וואָס זענען שוין געווען געדרוקט, פון פראַגמענטן און אָנוואַרפן וואָס זענען איבערגעבליבן און פון בריוו מיט אַ פאָלקלאָריסטישן אינהאַלט.

י. ל. כהן האָט אין משך פון זיין אינטענסיווער זאַמל־אַרבעט צונויפגעקליבן אַן אומגעהויערע עשירות פון פאָלקס־לידער און פאָלקס־מעשיות. דאָך שרייבט ער אין זיין ערשטן קאַפּיטל א״ב: „דאָס יידישע פאָלקסליד״, אַז אים איז דורך פיל מי — אָבער גענוספולער אַרבעט און אין משך פון פיל יאָרן געלונגען

צוזאַמענצוקלייבן נאָר אַ גאַנץ קליינעם טייל פֿון דעם רייכן יידישן לידער־אוצר, וואָס ליגט נאָך פֿאַרבאָרגן אינעם פֿאָלקסמויל.

פֿון דעם קען מען משער זיין וויפֿל נישט־אויסגעשעפּטע מאַטעריאַלן ס׳זענען אַוועק צוזאַמען מיטן איראָפּעאישן יידנטום — דער הויפּט־קוואַל פֿון די דאָזיקע אוצרות.

אין דער דאָזיקער אַרבעט ווייזט כּהן אָן אויף דעם גרויסן כּוח פֿונעם פֿאָלקס־ליד, וואָס לאָזט זיך נישט אַרויסשטופּן דורך קיין שום אומשטענדן. כּהן שרייבט דאָך, אַז אַפילו נאָך הײַנט, בעת די גרויסע צאָל קונסטמעסיקע, טעאַטראַלע, רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַלע לידער האָבן שוין כּמעט אין גאַנצן פֿאַרטריבן פֿון פֿעלד די פֿאָלקסטימלעכע לידער פֿון אונדזערע באַקאַנטע פֿאָלקס־דיכטער, ווי בערל בראָדער, וועלוול זבאַרזשער, מ. גאָרדאָן, ש. בערנשטיין, א. גאָלדפֿאַדן, א. צונזער און אַנדערע; אַפילו נאָך הײַנט געפֿינען זיך נאָך פֿון דעסטוועגן אַזעלכע ווינקעלעך, פֿאַרוואָרפֿענע שטעטלעך אין דעם יידישן תּחום, ווו דאָס עכטע פֿאָלקסליד שפּילט נאָך אַ היפּשע ראָלע.

בנוגע דער פֿאַרשפּרייטקייט פֿון לידער קומט דאָ כּהן צום אויספֿיר, אַז דער הויפּטפֿאַקטאָר, וואָס מאַכט פּאָפּולער אַלע מינים לידער און פֿאַרשפּרייט זיי צווישן פֿאָלק, איז די מעלאָדיע. דער מחבר ברענגט דאָ ראיות פֿון עדעלשטאַטס און ווינטשעווסקיס לידער פֿון איין זייט און פֿון דער אַנדער זייט — רייזענס לידער.

אַוודאי איז כּהן גערעכט. אָבער... איך האַלט אַז די דאָזיקע צייט־לידלעך, מעגן זיי זיין ווי שיין און ווי פּאָפּולער, האָבן זיי אַ נעגאַטיווע זייט: אַזוי שנעל ווי זיי קומען־אויף ווערן זיי נאָך גיכער פֿאַרגעסן. לאָמיר, אַ שטייגער, נעמען פֿאַר אַ דוגמא דאָס לידל „צענאַ, צענאַ״, וואָס איז אין אַ גאָר קורצער צייט אַזוי פּאָפּולער געוואָרן, אַז קינד־און־קייט האָט עס געזונגען. ווו מען איז געקומען, אומעטום האָט מען געהערט „צענאַ, צענאַ״. אַפילו קינדער אין די וויגן — טענאַ, טענאַ... קלאָר, אַז דאָ האָט שטאַרק צוגעשפּילט די לייכטקייט און מעלאָדישקייט פֿונעם לידל. ס׳איז אָבער אַוועק אַ קורצע צייט און — אויס! פֿאַרגעסן! דאָס נעמט זיך צוליב אַ פּשוטן טעם: די מעלאָדיע פֿון די־אַ לידלעך זענען נישט צוזאַמענגעוואַקסן מיט קיין ווערטער. וואָס שפּיגלען־אָפּ די פֿאַרבאָרגענע ווינקלעך פֿון דער קאָלעקטיווער פֿאָלקס־נשמה.

מיט גרויס בקיאות קלערט דאָ כּהן אויף אַ ריי סיבות, געלעגנהייט, סיטואַציעס, וואָס זענען גורם צום אויפֿקום פֿון אַ טייל לידער. אַמאָל איז עס אַ טיפֿע טראַגעדיע, אָדער אַן אַנדערע פּאַסירונג, וואָס רודערט־אויף דאָס שטעטל. אין פֿלוג זענען עס לאָקאַלע לידער, אָבער פֿון דעסטוועגן האָבן אַזעלכע לידער אַ טבע אַרומצוּוואַנדערן פֿון אָרט צו אָרט, פֿון לאַנד צו לאַנד, און וואַנדערנדיק אַזוי קומט־צו אַ וואָרט, אַ שורה — וואַריאַנטן. צומאָל בילדן די דאָזיקע וואַריאַנטן גאַנץ באַזונדערע לידער, וואָס גיבן אונדז טייל מאָל די מעגלעכקייט נישט נאָר טיפֿער אַרײַנצודרינגען אין די פֿאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פֿון דער פֿאָלקס־

נשמה, נאָר זיי ווייזן אונדז אויך דעם גייסטיקן און שטייגערישן אונטערשיד צווישן די איינוווינער פון פאַרשידענע געגנטן.

י. ל. כהן ברענגט דאָ מוסטערן פון אַ ריי פאָלקסלידער, וואָס ווערן אַנדערש געזונגען אין פאַרשידענע לענדער און געגנטן. לשם אילוסטראַציע וועלן מיר דאָ ברענגען אַ באַקאַנט מוסר־לידל.

אין ליטע זינגט זיך דאָס ליד אַזוי:

כ׳האָב דיר געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט:
אַ שניידער זאָלסטו ניט נעמען,
אַ שניידער איז אַ גראָבער יונג —
דער שוואַרץ־יאָר זאָל אים קענען!

גאַנץ אַנדערש קלינגט דאָס זעלבע ליד אין פּוילן:

כ׳האָב דיר געזאָגט און געזאָגט, און געזאָגט,
און זאָג דיר נאָך עד הנה:
אַז דו וועסט נעמען אַ שניידער פאַר אַ מאַן
וועסטו האָבן צו קלאָגן און צו וויינען.
וואָס פאַרמאָגט אַ שניידעריונג?
אַ נאָדל מיט אַ פינגערהיט;
און אַזוי ווי דו גייסט פון אונטער דער חופה אָפּער
שרייט דאָס ווייב: כ׳בין הונגעריק!

אָדער, לאָמיר, למשל, נעמען דעם רעטעניש געביט, וואָס איז זייער פאַר־שפּרייט כמעט ביי אַלע פעלקער און דינט ווי אַ מיטל צו פּרוּוון דעם שאַרפזין.

ווער קען דען נישט דאָס רעטעניש־ליד (אין פאַרשידענע וואַריאַנטן):

דו מיידעלע דו פיינס, דו מיידעלע דו שיינס,
איך וועל דיך עפּעס פרעגן אַ רעטעניש אַ קליינס:
וווּ איז דאָ וואַסער אָן זאַמד?
וווּ איז דאָ אַ מלך אָן אַ לאַנד?

און דאָס מיידל ענטפערט:

— דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער כלאָפּ,
ווי האָסטו ניט קיין שכל אין דיינעם קאָפּ!
דאָס וואַסער פון אויג איז אָן זאַמד,
דער מלך אין קאָרטן איז אָן אַ לאַנד.

כהן ברענגט אונדז וואַריאַנטן פון דעם ליד אין פאַרשידענע שפּראַכן. אין אַ סערביש ליד, למשל, זיצט אַ מיידל ביים ברעג ים און פרעגט ענלעכע רעטע־נישן און — אַ פיש שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון וואַסער און ענטפערט.

אין די ווייטערדיקע אָפּהאַנדלונגען און באַמערקונגען וועגן יידישן פאָלקסליד, ברענגט כהן אַ שלל מיט ראיות, פאַקטן, פּאַראַלעלן און פאַרגלייכיקן מאַטעריאַל. ווי אַ געניטער גאָלדשמיד, וואָס ווייס ווי אַזוי צו פּרוּוון צי עס איז אַ גאָלדענע קייט, אָדער אַ באַגילדעטע דיוויסקע, אַזוי פּרוּווט דאָ י. ל. כהן כמעט יעדעס ליד באַזונדער. פון אַ ריי לידער ברענגט ער די מעטריקע.

אַ גרונטיקע אַרבעט האָבן מיר אינעם באַלערנדיקן קאַפּיטל: „צום אויפקום פון יידישן טאַנצליד". כהן ווייזט אָן אויף דער השפעה און מקור פונעם טאַנצליד און ברענגט דערביי זייער אינטערעסאַנטע מוסטערן פון אַזעלכע לידער. פון כהנס פאַרעפנטלעכטע לידער איז קלאָר, אַז דאָס יידישע טאַנצליד האָט אַ גאַנץ אַנדערע געשיכטע ווי די טאַנצלידער ביי אַנדערע פעלקער. ווייל אויב ביי די אומות העולם האָט זיך דער טאַנץ אָנגעהויבן פון די סאַלאָנען — פון די אייבערש־טע קלאַסן, איז דער יידישער טאַנץ אַרויסגעקומען פון די קעלערשטובן — פון די אונטערשטע שיכטן. ווי אַ ראיה דערצו וועלן מיר ברענגען דאָס ווייטערדיקע ליד, וואָס דער טאַנצפירער האָט אימפּראָוויזירט בעת דער טאַנץ איז נישט אַוועק ווי עס באַדאַרף צו זיין:

דאַמען און הערן,
אַ קלאָג צו אייך!
וואָס גייט איר ניט גיכער,
וואָס איז דאָ מיט אייך?!

נאָר די „דאַמען" און „הערן" באַליידיקן זיך נישט, פאַרלירן זיך נישט — זיי ענטפערן ספּאָנטאַן:

האָט ניט קיין פאַראיבל,
וואָס מיר גייען ניט גיך:
מיר גייען דאַך נעבעך
אין צעריסענע שיך!

צו די ביז גאָר אינטערעסאַנטע קאַפּיטלען דאַרף פאַררעכנט ווערן כהנס אַרבעט (ריכטיקער: בריוו) א"נ „י.ל. פרץ, דער זאַמלער פון יידישע פאָלקסלידער".

ווי באַקאַנט האָט י. ל. פרץ אַרויסגעוויזן אַ סך אינטערעס צום יידישן פאָלקלאָר, דער עיקר צו פאָלקסלידער, פאָלקסטימלעכע לעגענדעס און פאָלקס־מסורות, וואָס אַ געוויסן טייל דערפון האָט פרץ שפּעטער קינסטלעריש איבער־געשאַפן אין זיינע באַרימט־געוואָרענע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". אין דינעזאָן־אַרכיוו פון ייוואָ האָט זיך געפונען אַ כתב־יד פאָלקסלידער, וואָס פרץ האָט געהאָט געזאַמלט און צוגעגרייט צום דרוק. כהן רעדט דאָ ברייט אַרום וועגן פּרצן ווי אַ זאַמלער פון יידישע פאָלקסלידער און ברענגט דערביי אָן אונטערגעהערטן דיאַלאָג צווישן צוויי בחורים, וואָס זענען געזעסן ביי אַ טישל אין אַ קאַוויאַרניע אויף דזשיקע גאַס:

— ווי קומט עס, וואָס אַזאַ גרויסער שרייבער ווי פּרץ זאָל זיך אינטערעסירן מיט אַזעלכע נאַרישע לידלעך? צו וואָס דאַרף ער דאָס?

— מן הסתם דאַרף ער... אפשר וויל ער דאָס דריקן אין די בלעטער.

— אָבער איך פאַרשטיין נישט, ווי אַזוי קריגט ער די לידער? ווי אַזוי קומט ער צום פּראָסטן פאָלק, צו די אַלע בחורים און מיידלעך, וואָס זינגען אַזעלכע פאָלקסלידער? ער איז דאָך נישט אַבי ווער?

גאָר פּשוט. דאָרט, וווּ ער וווינט אויף צעגלאַנע גאַס, איז אַ גרויסער הויף. ס׳וווינען דאָרט אַ סך בעל־הבתישע מענטשן, דייטשן, חסידים, מתנגדים, און כמעט אַלע האָבן זיי יידישע דינסטמיידלעך, וואָס זינגען ווי געוויינטלעך ביי דער אַרבעט, אין קיך, ווען זיי וואַלגערן לאָקשן אָדער ווען זיי וואַשן ס׳געפעס, און אַז פּרץ דערהערט דאָס געזאַנג דורכן פענצטער, ווערט ער אַ פאַרציטערטער, וויל ער דאָס פאַרשרייבן. הייסט ער זיך אַרויפרופן אַ פּאָר פון די מיידלעך, זיי זאָלן פאַר אים זינגען זייערע לידער.

— און זיי שעמען זיך גאָרנישט?

— וואָס הייסט שעמען זיך? ער באַצאָלט זיי דאָך דערפאַר. ער באַצאָלט במזומן פאַר יעדן ליד וואָס זיי זינגען, צו האַלבע רובלס און אַפילו צו רובל אַ שטיק. יאָ, יאָ!

מיר האָבן אומישנע געבראַכט דעם אונטערגעהערטן דיאַלאָג, כדי אַריינצופירן דעם לייענער אין דער אַטמאָספער פון יענער צייט; כדי צו דערפילן די ווינטעלעך וואָס האָבן אָנגעזאָגט דעם פרילינג פונעם יידישן פאָלקלאָר.

ווי אַלע ווײַנרײַכס אַרבעטן, וואָס האָבן זיך קונה שם געווען אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט, איז אויך דאָס בוך צונויפגעשטעלט מיט דער גרעסטער וויסנשאַפטלעכער ערודיציע. דורך זיינע קורצע אַריינפירן צו יעדן אַרטיקל באַזונדער, דערזעט מען די גרויסע מי און פּיעטעט, וואָס ער האָט דאָ אַריינגעלייגט. מ. ווײַנרײַך האָט צונויפגענומען די צעשיטע פּערל, כהנס, און צעלייגט זיי איבער די בלעטער פונעם בוך.

אַזאַ בוך דערהייבט אונדזער קולטור־אַנזען ביי אייגענע און פרעמדע.

ל. לאַסאַווין

„אויסגעוואָרצלטע מענטשן" — 1965

אין מאַי, 1933, האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט לאַסאַווינען אין ניו־יאָרקער „קינדער־זשורנאַל", אונטער דער רעדאַקציע פון שמואל ניגער ז"ל. לאַסאַווין מיט אַ דערציילונג „אַ פּיקניק" און איך — „אַ משפט פאַרן קלוגן מלך שלמה".

דער דאָזיקער „פּיקניק", וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ וואַלד פאַר אַ גרויסן המון, לכבוד אַ מאָרד איבער אַן אומשולדיקן נעגער, איז פאַר מיר מיטאַמאָל אויפגעשווומען, ווען איך האָב איבערגעלייענט לאַסאַווינס דערציילונג "ווען די ,יונגפרוי' האָט דערוואַכט" אין זיין נייעם בוך „אויסגעוואָרצלטע מענטשן". דאָרט אַ נעגער אין אַמעריקע, דאָ — אַ ייד אין צייט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. ס'איז אַן איבערררוף — די ליידנס־בריק פון ברודער־מאָרד.

היינט, ווען מיר ווענדן אונדזערע בליקן אויף צוריק — צום „פּיקניק" און צו דער „יונגפרוי" — דערזעען מיר, אַז שוין דעמאָלט שטייט אַ וועלט פון שרעקלעכער שנאה פון מענטש צו מענטש. אָט דער שגעון, וואָס איז שוין געוואָרן פּסיכאָז, האָט אין משך פון יאָרן אויסגעשמידט אַזאַ מיזאַנטראָפּיע, אַזאַ ראַסן־האַס, אַז דער באָדן פאַר היטלערן איז געווען אַ צוגעגרייטער, אַ רייפער.

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן — דערהויפּט מיט יידן — אין דער פינצטערער היטלער־נאַכט, וואָס האָט געהילט אייראָפּע גאַנצע זעקס יאָר, איז שוין טרויעריק־באַקאַנט, און נאָך דער דאָזיקער וואַלפּורגיס־נאַכט? נאָכן מבול, ווען ס'געוויטער איז שוין כלומרשט פאַרביי? — אַ וועלט אַ צעטרייסלטע, אַ נערוועזע, לויער פון אַלע זייטן, הימלען ברוגזע, פאַרדעכטיקע, אויגן בייזע, אַרום און אַרום — חשד. אַזאַ איז די וועלט וואָס איז אויפגעשטאַנען נאָך היטלערן. די־אָ צעשויבערטע און פּחדימדיקע וועלט, ברענגט ל. לאַסאַווין אַרויס אויף אַ קינסטלערישן און פּסיכאָלאָגישן אופן אין זיין ערשטן טייל „פּליטים".

שוין דער נאָמען פון דער ערשטער דערציילונג — „פאַרדאַכטן" — פירט־אַריין דעם לייענער אין אַ געפּרעסטער שטימונג. דער תמצית איז אַזאַ: צו דער יידישער פאַמיליע קעס, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם שטעטל אין קאַנאַדע, יאַוועט זיך אַ יונגערמאַן, ישראל לעווי, אַ נישט־לאַנג אַריבערגעקומענער פון די

דייטשע לאַגערן. ער וויל ווווינען נאָר ביי יידן. אַ מאָדנער פּאַרשוין דער לעווי: אַ שווייגער, אַ נערוועזער, קוקט מיט חשדים אויף די שטוב־מענטשן. מיטאַמאָל האָט קעס דערהאַלטן אַ בריוו פון זיינס אַ לעבנגעבליבענעם קרוב אין דייטשלאַנד. שרייבט ער ווי איינער, אַ דייטש, יאָהאַן פּילטש האָט פאַרפּייניקט קעסעס גאַנצע משפּחה. וואַרשיינלעך איז דער דאָזיקער פאַרברעכער אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד אויף אַ פרעמדן נאָמען. דערביי שילדערט ער גענוי ווי דער רוצח האָט אויסגעזען. אין אַ געוויסן טאָג זענען צו קעסן אַריין צוויי פּאָליציי־אַגענטן און זיך נאָכ־געפרעגט אויפן פרעמדן. קעס האָט געגומען זוכן דעם קרובס בריוו און נישט געפונען. נאָך אַ לאַנגן צוקוקן זיך צום פּליטס פּירונגען און אויסזען, איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז ישראל לעווי איז יאָהאַן פּילטש. איבערגעבן אים אין פּאָליצייאישע הענט, ווייסט ער, האָט קיין זין נישט, ווייל זיי וועלן אים צוריקשיקן קיין דייטשלאַנד און דאָרטן וועט ער זיך אַרויסדרייען מיט אַ קליינער שטראָף. קעס האָט אָפּגעשמועסט מיט זיין שוואָגער אויסצוגראָבן אין געהיים אַ גרוב און פאַרענדיקן מיטן פאַרברעכער. ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָבן זיי זיך אַ וואָרף־געטאָן אויפן יונג און נאָך אַ לאַנגן געראַנגל אים בייגעקומען. אָבער ווען ער איז שוין געלעגן אַ געבונדענער מיט אַ פאַרשטאָפּט מויל, האָט דער ראַדיאָ פּלוצים איבערגעריסן די מוזיק און געמאָלדן, אַז דער לאַנג־געזוכטער קריגס־פאַרברעכער יאָהאַן פּילטש איז ענדלעך געכאַפּט געוואָרן.ביידע שוואָגערס זענען האַסטיק אויפגעשפּרונגען און בליץ־שנעל גענומען אויפבינדן די שטריק. טרערן האָבן זיך זיי געגאָסן פון די אויגן. זיי האָבן זיך געיאַדעט פאַר זייערע פּוסטע פאַרדאַכטן. מיטאַמאָל האָבן זיי באַמערקט אַ ברעג פון קרובס בריוו אַרויס־שטעקן ביי יענעם פון אַ זייטיקער קעשענע.

דאָס איז בקיצור דער אינהאַלט פון דער 18 זייטיקער דערציילונג. האָט לאַסאַווין דערפירט די דערציילונג צו אַ קלימאַקס? האָט ער אויסגעקלאָרט, אויפגעפלאָנטערט די פאַרדאַכטן? — ניין, פאַרקערט:ביים סאַמע סוף זענען זיי פאַרבליבן נאָך מער פאַרקניפּט, נאָך מער געדיכט. איי די מעלדונג אין ראַדיאָ? — וויפל מאָל האָט מען שוין אין ראַדיאָ געכאַפּט ד״ר מענגעלען? סיי ווי — דער חשד איז געבליבן הענגען אין לופטן. און דאָס קאָן זיין, איז די כוונה פונעם מחבר — ווייזן דעם אויסזען פון דער הייגטיקער צעפּאַסעוועטער, צעשונדענער וועלט, וואָס איז פול מיט חשדים. און דאָ דאַרף געזאָגט ווערן, אַז נישט בלויז דער עצם־סוזשעט גייט אונדז דאָ אָן, נאָר אפשר מער נאָך לאַסאַווינס אופן פון דערציילן די גאַנצע געשיכטע, פון זיין אַריינדרינגען אין די טיפסטע נשמה־ווינקלען פון זיינע העלדן. וועגן דעם איז די רייד, דאָס גייט אונדז אָן.

אויך אין די ווייטערדיקע דערציילונגען פונעם ערשטן קאַפּיטל האָט זיך לאַסאַווין געשטעלט פאַר אַ ציל צו געבן אַ ברייט בילד פון די אָפּגעזונקטע האַלאָוועשקעס — די על־פּי־רוב אָפּגעראַטעוועטע יידן, וועלכע זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַמעריקאַנער קעסל. דער מחבר דעקט דאָ אויף אַ סך אייטערדיקע ווונדן פון די־אָ אַריבערגעקומענע, וועלכע טראָגן זיך כסדר אַרום מיט דעם

נעכטן אין האַרצן. און מערקווערדיק: דעמאָלט, אין די פינצטערע היטלער־יאָרן, ווען דאָס לעבן פון זיינע העלדן איז געהאָנגען אויף אַ האָר; ווען זיי זענען טויזנט מאָל אין טאָג געשטאַנען ביים ראַנד פון קבר און דער מלאך־המוות איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ באַפרייער, אַן אויסלייזער — אָט דעמאָלט האָט מען געזוכט אַלע פאַרטלען, אַלע תחבולתן כדי צו דערהאַלטן דאָס בידנע פיצל לעבן. אַלע חושים האָבן געאַרבעט אויף דעם געביט. און ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין דאָס אַלץ הינטער זיך, ווען זיי געפינען זיך שוין אינעם זאַטן, רייכן אַמעריקע — ערשט דאָ פאַלט מען אַריין אין אַ הין־הער־פּלעט, מ׳דרייט זיך אַרום ווי דערופענע און מ׳וויל דאָס קוים אָפּגעראַטעוועטע לעבן לייכט פּטרן (דער פידלער, דוקלער; דעם חזנס טאָכטער, ציטאַ און אַליאַ קערטש). עפּעס טריבט דאָס לעבן אַן איביקן להכעיס. דער מחבר ברענגט אונדז אויך אַרויס אַ צווייטן טיפּ, עליע לאַפּידוס, וואָס נאָך זייענדיק אין לאַגער האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרט, אויב ער וועט איבערהאַלטן, וועט ער אָניאָגן די פאַרלוירענע תענוגי־העולם־הזה. אָבער לאַפּידוס איז איינער אַזאַ. אַלע איבעריקע העלדן לאַסאָווינס זענען צעריסענע, טראַגישע פיגורן, פול מיט נאָיענדיקער גריזאָטע און אומרו — איבער אַלע זיי הויערט די צעפּלאָטערטע שרעק פון „דאָרטן", וואָס גייט זיי כסדר נאָך ווי אַ געשפּענסט. נישט קיין חידוש, בכן, וואָס דאָס נייע לעבן גייט זיי נישט איין, איז זיי נישט ביחא.

ממש צו שטוינען מיט וואָס פאַראַ סטאָישער רואיקייט דער מחבר דערציילט וועגן די אַלע איבערלעבונגען פון די אויסגעוואָרצלטע מענטשן. צומאָל ווערט עפּעס נישט הימלעך, טוט וויי, אָבער אַזוי איז דער אמת. נישטאָ וואָס צו פאַר־הוילן. גענוג אין דערציילונג, לאָמיר זאָגן: „די טראַגישע געשיכטע פון אַליאַ קערטש", וואָס זאָל צעטרייסלען די עפּישע רו פונעם לייענער, מחמת יעדעס וואָרט ווירקט דאָ ווי אַ טיפער שניט.

פון אַ גאַנץ אַנדערן געוועב זענען לאַסאָווינס איבעריקע דערציילונגען, ווו עס פילט זיך שוין די געמיטלעכקייט פון דער עפּיש־דערציילערישער פאָרעם. אויך דאָ זעט מען לעבעדיקע מענטשן מיט זייערע כאַראַקטערן, גורלות, שוואַכ־קייטן און דערהויבנקייט; אויך דאָ פירט דער מחבר די העלדן זיינע דורך ספּיראַלע וועגן צו זייערע פאַרויס־באַשטימטע האַנדלונגען — צו זייער קולמיניר־פּונקט.

„אין שטענדיקן געראַנגל" — 1970

ל. לאַסאָווין האָט אַ פאַרביקע פאַרגאַנגענהייט. עטלעכע קורצע ביאָגראַפישע נאָטיצן איז כדאי צו פאַרצייכענען: געבוירן אין אָדעס. אַלס קינד געקומען מיט זיינע עלטערן קיין סיריע; דאָרט געלערנט אין חדר, אין די „אַליאַנס"־שולן און

געענדיקט אַ הויכשול אין ביירוט. אין יאָר 1926 עמיגרירט קיין אַמעריקע, ווו געלערנט אין יידישן לערער־סעמינאַר און אין סיטי־קאָלעדזש.

פון דעם ווערט ניכר, אַז דאָס לעבן און די וועלט וואָס לאַסאָווין באַשרייבט איז אים גוט באַקאַנט — ס'איז זיין וועלט, זיין סביבה, מחמת ער איז כל ימיו אַ לערער. בכן: אַליין צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק צום אויפקום און אויפבלי פון די יידישע שולן אין אַמעריקע. און ווייל נישט קיין זייטיקער, האָבן מיר פאַסצינירטע בילדער געמאָלן אויף אַ ברייטער קאַנווע.

קוקט זיך איין אינעם לערער אליעזר גרינוואַלד — די צענטראַלע פיגור אינעם בוך — און איר וועט דערקענען דעם מחבר ל. לאַסאָווין. און נישט ווייל ער קאַרגט נישט קיין פאַרב אויף אויסצומאָלן זיין פולן פּאָרטרעט — אויך דאָס! — נאָר ווייל ער איז ערלעך אין זיין אַרויסברענגען סיי די ליכטיקע און סיי די שאָטן־זייטן פונעם העלד — זיך אַליין קען מען דאָך אַמבעסטן. דעם זעלבן צוגאַנג, מוז מען מודה זיין, האָט לאַסאָווין צו די איבעריקע העלדן, וועלכע זענען דורך אים געמאָלן מיט קלאָרע שטאַרקע פאַרבן — בולט און שאַרף. דערפאַר זעט מען לעבעדיקע מענטשן און רעאַלע שילדערונגען אַזוי, אַז מען פילט דעם פּולס פון דעם לעבן, וואָס ער באַשרייבט. אויך זייערע האַנדלונגען זענען נישט קיין אימאַגינאַרע, נאָר קאָנקרעטע, אמתע, פאַרבונדן מיט יענעם לעבן. בכן: עפּעמערישע עלעמענטן געבויט אויף אויטענטישקייט, דערביי אָבער קינסטלעריש איבערגעוועלטיקט.

אמת, פאַראַן ביי אים קאַפּיטלען וואָס זענען אפשר צו סוביעקטיוו, צו פּערזענלעך, אָבער גראָד אין זיי מאַניפעסטירט דער מחבר זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס צו געוויסע מענטשן, פּראָבלעמען און דערשיינונגען. אַ פּאָזיטיווער שטריך אין אַ בוך פון אַ האַלב־אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער.

מיט אַ געניטער האַנט און מיט אַ סך וואַרעמקייט שילדערט אונדז לאַסאָווין די אידעאַלע שול־טוער: פּאַרוואַלטער, לערער־ראַטן, פּעדאַגאָגישע קאָמיסיעס, די יידישע אַרבעטער־אינטעליגענץ און פשוטע פאָלקס־מענטשן, וועלכע זענען בלב ונפש געווען איבערגעגעבן דער יידישער שול, ווען זיי האָבן אָוועקגעגעבן אַ סך מי און אָפט זייערע שווער־פאַרהאַרעוועטע פאַרדינסטן.

מיר באַקענען זיך דאָ מיט אַ פלעיאַדע יידישע לערער, וועלכע זענען געווען באַפליגלט און אָנגעפילט מיט טיפן גלויבן אין דער זאַך; אַ לערערשאַפט, וואָס האָט אָוועקגעגעבן זייער צייט, כוחות, זייער לעבן. אַליין איז מען אָפּגעקומען מיט שה"י־פה"י און געהאָלפן טראָגן די מאַטעריעלע זאָרג פאַר דער שול.

די דאָזיקע שולן זענען, כידוע, געשאַפן, געפירט און אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך געמישטע געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן. די מערסטע מיט אַ באַשטימטן אידייאישן כאַראַקטער. נישט קיין חידוש, וואָס דער אָדער יענער צד האָט זיך באַמיט, אַז די שול זאָל זיין אָנגעפילט מיט אַזאַ אינהאַלט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זיין אידעאָלאָגיע.

אין די ערשטע יאָרן איז מען איינגעגאַנגען אויף פשרות, קאָמפּראָמיסן, מען

האָט געזוכט וועגן און פאַרמען ווי אַזוי אויסצופורעמען דאָס נייע יידישע לעבן. אָבער אין לויף פון יאָרן זענען אויפגעשוווּמען אידעאָלאָגישע שטרייטיקייטן, קעגנזאַצן אָנגעלאָדענע מיט דראַמאַטישע געראַנגלען. מען האָט געזען אין אויפקום פון ביראָ־בידזשאַן אַ היסטאָרישן אויפטו, אָפּקלאַנגען פון מאַלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך, שמועות וועגן די היטלער־מעשים, שפּעטער־צו רייסן זיך אַריין די גרילציקע טענער פון אַריבערשפּרינגען די תנ״כישע תקופות (ז. 297), די פינצטערע נביאות וועגן יידיש (ז׳ 300).

צוערשט: וויכוחים, פאַרשלאָגן. שפּעטער: קאָליזיעס, רייבונגען — מ׳האָט צעשפּליטערט די כוחות און יעדער האָט גענומען מאַכן שבת פאַר זיך. אַ סך געבויט און נישט ווינציק צעשטערט.

ל. לאַסאָווין רופט נישט אָן די אַלע קערפּערשאַפטן ביי די ריכטיקע נעמען, אָבער זיי זענען געשילדערט אַזוי רעאַל און אַזוי פּרעציז, אַז ס׳איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן וועמען ער מיינט. וואָס גאָר וויכטיק: ער שטעלט אַוועק די אַלע אַרויסגעהויבענע פּראָבלעמען קליפּ און קלאָר און רעגולירט די געשעענישן לויט אַ סדר. דאָ און דאָרט טרעפט מען זיך אָן אויף דיגרעסיעס, אָבער גראָד זיי העלפן־צו דערפילן דעם טעמפּאָ, דעם אָטעם פון דער צייט — צו דער גאַנצקייט פונעם בילד.

נישט דאָס סטאַטישע, גלייכגילטיקע כאַפּט־אויף לאַסאָווין, נאָר דווקא דאָס דינאַמישע, באַוועגלעכע. דערפאַר זעען מיר זיינע העלדן אין כסדרדיקע קאָנ־פליקטן — אין שטענדיקן געראַנגל. מחמת דעם איז זיין בוך געבויט אויף אַ ספּיראַלן אופן — אַן אופן וואָס גיט אַ טיף־פּסיכאָלאָגישע אָפּשפּיגלונג פון די אַלע עליות און ירידות, פון אַלע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע געשטאַלטן. אַפילו זייטיקע, סכעמאַטישע פיגורן זענען ביי אים נישט קיין צופעליקע, אָפּגעריסענע, נאָר פלעכטן זיך ערגעץ־ווו — זיי זענען השלמהדיק געקייטלט און געבונדן.

אויב דער מחבר ברענגט אַרויס, פון איין זייט, די אידעאַלע שול־טוער און לערער, וועלכע האָבן אויף אַן אמת געזוכט צו געפינען אַ לייזונג אויף די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און ספקות, וואָס דאָס לעבן, די צייט, האָט אַרויס־גערוקט, שטעלט ער אונדז אַנטקעגן דעם אַנטיפּאָד — די פּאַרטייאישע „משגיחים״, וועלכע דערלאָזן נישט די מינדסטע רעוויזיע אָדער ענדערונג. פאַר זיי איז דאָס אָפּנייג, קראַמאָלע.

אין דעם־אַ קאַפּיטל גייען אויך פאַרביי די פאַרשידענע תקיפים און סתם דעה־זאָגערס, וועלכע פאַרנעמען הויכע ערטער אין דער אָליגאַרכיע פון די „אָרדנס״ און „צווייגן״ — כאַטש פּרעג זיי בחרם מיט וואָס מען עסט דאָס. אָבער שניידן די לוינען פון די לערער, אָדער „פאַרגעסן״ צו דערפּאַנירן אין באַנק דעם שכר לימוד — דאָס קאָנען זיי ווויל, די זאַלצמאַנס (ז׳ 105).

מיר זעען אויך דאָ אַ ריי רעדל־פירער און קאָכלעפל, ווי אַ סעם דראַפּקין, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט אינסינואַציעס קעגן די בעסטע — אַנדערש־דענקענדיקע — לערער (187), אָדער אַ צבי פייגין, וועלכער האָט באַקומען

די דירעקטאָר־שטעל נישט צוליב זיינע פּעדאַגאָגישע קוואַליפיקאַציעס, נאָר דורך זיין חניפה צו די אָנפירער פון דער באַוועגונג (259) — אַלע זיי דערפירן צו אַ כסדרדיקע פלוקטואירונג פון די לערער. געטריבן פון שנאה־קנאה און אַנטאַגאָניזמען מוזן זיי אָפּט וואַנדערן פון איין שולע אין דער צווייטער.

און גרינוואַלד, דער סאַמע איבערגעגעבנסטער און בעסטער לערער, איז תמיד דער שעיר לעזאזל. ערשטנס, האָט ער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיין קיין נעשה־ונשמע שקלאַף, נישט געוואָלט סינכראָניזירן מיט דעם אַרום; צווייטנס, צוליב זיינע ראָמאַנטישע פאַרפלאָנטערנישן — אָפּט קעגן זיין ווילן — וואָס זענען בייזוויליק אויסגענוצט געוואָרן קעגן אים. גרינוואַלד מוז כסדר נע־ונדעווען — כאָטש ס׳איז שווער צו פאַרוואָרצלען זיך גייסטיק אין פרישע מקומות. אָבער זיין גרויסע ליבע צום קינד, דער ווילן צו פּעדאַגאָגישער שעפע־רישקייט — דער געבענטשטער ביגאַטיזם פון די יידישע לערער — האָט אַלץ גובר געווען.

דער טיפּאַזש, האַנדלונגען און פּאַסירונגען טראָגן זיך, אַזוי אַרום, אַריבער פון איין אָרט אויפן צווייטן. און דאָ האָבן מיר פרישע פּראָפיל־צייכענונגען און שילדערונגען פון מענטשן, סביבות און בילדער: און יעדעס בילד ברענגט־אַרויס אַ נייעם צופלוס פון זעאונגען און אימאַזשן.

גרינוואַלד וואַרפט זיך אומעטום מיט פרישן ברען אין דער שול־אַרבעט. זיינע טעג זענען אויסגעפילט מיט פּראָיעקטן, פּלענער, אָבער דאָס ביסל רו מוז, ווייזט אויס, ביי אים תמיד זיין באַגלייט מיט אומרו, גערעאַנגל און פאַר־פלאָנטערנישן, — מישט זיך אַריין אַ פרוי. ווען מיר זאָגן פאַרפלאָנטערנישן, איז דאָס נישט קיין פראַזע, נאָר האָט אַן אָנשפּאַר, דעקונג:

ערשטנס, האָט סאָניע, זיין אייגענע פרוי, איינגעגעסן זיך אין אים ביזן ביין מיט אירע אומזיסטע חשדים, יאַדעגישן, טענות ביז אָפּפרעמדן פון אים זיין קינד. דאָס אַלץ האָט דערפירט צו פאַרדראָסן, ריסן — צו איזאָלאַציע.

צווייטנס, איז די פרוי — דערהויפּט אין אַמעריקע — די באַשטימערין פון קינדס דערציאונג אַזוי, אַז דער לערער קומט צומייסט אין קאָנטאַקט מיט פרויען. איז ווי שיקט זיך עס אַן דעם „ער״ און „זי״־געוועב? ס׳איז אָבער ווייט נישט אַזוי. נאָך דעם ריס מיט זיין פרוי און טעכטערל, האָט פון אַלע ווינקלען זיך געטראָגן אין אים די איינזאַמקייט. און ער האָט געזוכט, ווי טייל עלנטע מענטשן, זיך צו פאַרגעסן אין נייע באַקאַנטשאַפטן — ס׳רוב אַזעלכע צעשפּאָלטענע, צעריסענע נשמות ווי ער — ווי די מרס, וואשבורירן, וועלכע זאָגט צו אים: „לאָמיר טרינקען פאַר אונדזער עלנט! פאַר אונדזער איינזאַמקייט! פאַר אונדזערע פאַרלוירענע לעבנס!״ (זייט 161). די אַלע באַקאַנטשאַפטן האָבן אָבער גורם געווען צו פרישע פאַרפלאָנטערנישן, צו נייע יסורים. דערפאַר זענען אַלע זיינע ליבעס געווען מער דראַמאַטישע ווי אידילישע. דראַמאַטישע, ווייל ס׳איז געגנוג די מינדסטע אומפאַרשטייעניש, ווי למשל, די געשיכטע מיט בערטאַ שטאָק, אַז ער זאָל דערפון ליידן מאָראַלישע עינוים.

אין גרינוואַלדס לעבן פילט זיך אַרויס אַ פאַרבאָרגענער דעטערמינירונגס־כוח, וואָס לאָזט אים נישט אַרויסגיין פון זיך, פון דער אימאַנענטער באַשטימונג, פון דער אייגענער באַשערטקייט.

ל. לאַסאָווין איז אַ מאָדים אויפצוכאַפּן דאָס ווידעראַנאַנדיקע — קאָליזיעס צווישן נישט גלייכע פאַרפעלקער (דעם־אָ שטריך האָבן מיר נאָך באַמערקט אין זיין פריערדיקן בוך „אויסגעוואַרצלטע מענטשן" ביים שילדערן די טראַגישע געשיכטע פון אַליאַ קערטש) און געמישטע חתונות וואָס ווערן טיילמאָל פאַרוואַנדלט אין ערנסטע פּראָבלעמען.

אַ באַזונדער אָרט אינעם בוך פאַרנעמען זיינע ווונדערלעכע פּייזאַזשן, וועלכע פליסן־אַרויס פון אַ שייכות — פון דעם באַשריבענעם. לאַסאָווין פאַרמאָגט רייכע און אַדעקוואַטע אויסדרוק־מיטלען פאַר דער נאַטור.

אין בוך „אין שטענדיקן געראַנגל" געפינען מיר אַ רייכן שלל פון פאַרביקע געשעענישן און פּראָבלעמען, פלוס דעם מחברס אַריינבליק אין זיי. אָן ספק זענען לאַסאָווינס קאָנטעמפּלאַציעס און דעפיניציעס באַזירט אויף פאַקטן און ראיות, און וואָס וויכטיק; ער איז אויפריכטיק מיט זיך און מיטן לייענער. דער לייענער פילט דעם מחברס געמיט, זיין אָרגאַנישע באַדערפעניש אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן. ס'איז ניכר, אַז די טעמע איז אים געלעגן טיף אין די ביינער — אַז אינעם בוך איז אַריינגעוועבט לאַסאָווינס שטיקער אייגן האַרץ.

דאָס בוך איז אויסגעהאַלטן אין קאָנסטרוקציע, איז שפּראַכלעך רייך, און האַלט געשפּאַנט דעם לייענער פון אָנהויב ביזן סוף

מלכה לי

„אונטערן נוסנבוים" — 1969

מיט מלכה לי האָב איך געלערנט אין איין חדר — אין „קינדער־זשורנאַל", וווּ אונדזער רבי איז געווען שמואל ניגער ז״ל.

וויגט זיך אין זכרון אירס אַ קינדער־ליד וועגן אַ דין סאָסנעלע, וואָס האָט זיך געצויגן הויך, צו דער זון — זענען געקומען העקער און עס אונטערגעהאַקט. מעגלעך אַז שוין דאָרט וויברירט דיכטערישע אַנונג וועגן די דייטשע היטלער־העקער, ווענמענס העק ס׳האָבן זיך מיט יאָרן שפּעטער אַראָפּגעלאָזן אויפן יידישן פאָלק.

די מערכה פון מלכה לי אין דער יידישער פּאָעזיע — אויף אַ סך דיכטער געזאָגט. און דאָס נישט על־פּי טראַף, צופעליק, נאָר האָט אַ שליסל, אַ מקור אין אירע ערשטע צוויי לידער־ביכער: „לידער" (1932) און „געזאַנגען" (1940) וועלכע האָבן פאַרכאַפּט מיט זייער אויפריכטיקן טאָן און זאַפטיקן לשון.

צווישן אירע ערשטע צוויי ביכער און דעם דריטן, ליגט אַ מהלך — נישט אויסצומעסטן. די ערשטע צוויי האָבן פאַרמאָגט אַ ברייטע און רייכע גאַמע פון לירישע מאָטיוון — איכישע און כללישע — וועלכע זענען געווען אַן אויסגוס פון געפילן און וויזיעס, אַ געזאַנג פאַר אַלץ וואָס רינגלט אונדז אַרום — כאָטש נעם די גאַנצע וועלט אַרום. אָבער אַז ס׳האָבן אָנגעהויבן בלאָזן בייזע ווינטן, די בלוטיקע היטלער־זאַוויערוכע — האָבן זיי אַריינגעבלאָזן גלייך אינעם האַרצן פון דער דיכטערין, וועלכע זעצט זיך אַוועק זאָגן „קינות פון אונדזער צייט" (אַזוי הייסט איר דריט בוך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1945). זענען דאָס נישט בלויז קינות, נאָר אַ זש׳אַקיז קעגן די דייטשע נאַציס — קעגן אַלע דייטשן.

זינט יענער צייט האָט מלכה לי אַרויסגעגעבן נאָך פינף ביכער, צווישן זיי „אונטערן נוסנבוים" — אַ פרישער קוואַל פאַר איר ליד, פאַר איר ניגון:

> ניגון, מיין ניגון, דו הייבסט מיך אויף ווידער
> דו שטראַלסט איצט אַדורך אויף דאָס ניי מיינע לידער. (ז׳ 9).

נישט בלויז ניגון האָבן מיר דאָ — שוין דאָס אַליין איז דער סימן־היקר פון אַ פּאָעטישן געמיט — נאָר טיף־רירנדיקע לידער, וואָס צייכענען זיך אויס

סיי מיט דער קלאָרקייט פון זען און שפּירן, און סיי מיט דעם אויסגעאיידלטן פערז. דאָס זענען מעלאָדיש־לירישע לידער, געבויט אויף אַן אינערלעכער מוזיק, וואָס וויברירט איבער אַלע אירע שורות:

דורך אַלע פייגל זינגט מיין קול —
און מיין געזאַנג — אין אַלע לידער! (ז׳ 78)

אין דער היינטיקער נישט־ראָמאַנטישער צייט, דאַרף אַ דיכטער זיך אָנטאָן אַ כּוח אַנצושרייבן ליריש־צעבליטע לידער. מלכּה לי פאַרמאָגט דעם דאָזיקן פּאָעטישן כּוח — אַפילו אין אירע אינטימע לידער: „ערב־שבת", „האַלט איין דיין דונער" און „אין דיין גן־עדן", וואָס אַלע זיי זענען געהילט מיט אַ שטראַליקן טרויער. גראָד אין די־אָ לידער דעמאָנסטרירט די דיכטערין עסטעטישן געשמאַק, און פראַפּאַרץ פונעם וואָרט־לבוש.

שיין און טרויעריק איז דאָס ליד וועגן איר געבוירן־שטעטעלע מאָנאַסטריטש, וואָס ליגט אין גאַליציע. ש י י ן, ווייל עס דערמאָנט אין די גוטע שטעטל־און פאַסטאָראַלע לידער, און ט ר ו י ע ר י ק, ווייל מאָנאַסטריטש האָט געטיילט דעם זעלבן גורל, וואָס אַלע יידישע שטעטלעך אין פּוילן: „נישטאָ אין מיין שטאָט מער קיין איינציקער ייד" (ז׳ 59).

זעלטן, אַז אַ דיכטער זאָל זיין אַזוי צונויפגעגאָסן מיט דער צייט, ווי מלכּה לי. דאָס מיינט נישט אַז זי זוכט סינכראָניזירטע טעמעס — דאָס לעבן גופא, די צייט האָט שוין געזאָרגט וועגן דעם. מיר מיינען דאָ די דראַמאַטיש־צעריסע לידער: „אַ מענטש", „ספרים פאַרלאָזטע", „פּאַר וואָס" ועל כּולם — „געשפּענסט". דער געשפּענסט פון אַטאָם, וואָס איז פאַרגרייט אויף צו צעשטערן גאָטס באַשאַף. די דיכטערין באַזינגט די וועלט אין די וווּנדערלעכסטע פאַרבן: דער טאָג איז ב ל ו י, די נאַכט — ש וו אַ ר ץ די זון איז לויטער ג אָ ל ד, דער שניי — ו ו י י ס, דאָס פעלד — ג ר י ן. אַ שיינע וועלט. און דאָך זאָגט זי, אַז:

מיר וועלן אַלע שטאַרבן צוזאַמען —
ווייל מיר קאָנען נישט לעבן צוזאַמען. (ז׳ 41)

דאָס איז אָבער נישט, צו אונדזער פרייד, דער דיכטערינס פּתרון. פאַרקערט, די תּשוקה — וואָס איז אויך אונדזער רצון — געפינט זי אין איר תּפילה:

אַ פינטל זון, אַ טראָפּן שיין —
זאָל יעדער טאָג אַ יום־טוב זיין! (ז׳ 79)

אַמאָל ווירקט אירס אַ ליד — „געשפּענסט" — שטורמיש, צאָרנדיק, און אַמאָל — „ניגון מיין ניגון" — ווי אַן עכאָ פון אַ פליטס פאַרגיין. דער עיקר־שטריך: דאָס אייביק־שיינע דאָס אייביק־מענטשלעכע איז דער לייט־מאָטיוו אין אַלע אירע לידער.

עד כּאן — מלכּה לי די דיכטערין. דאָס וואָלט אָבער נישט געגעבן דעם פולן פּאָרטרעט פון אירע שאַפונגען, ווען מיר זאָלן נישט דערמאָנען איר געניטשאַפט אין דער ברייטער שורה — פּראָזע. איך מיין דאָ, דער עיקר, איר פּראָזע־בוך „דורך קינדערשע אויגן" — אַ פרישער און געלייטערטער קוואַל פאַר אירע געפילן און וויזיעס, מיט אַנדערע ווערטער: האַרץ־אויסגוסן פון אירע קינדער־יאָרן, וואָס רופן־אַרויס ביי איר פריקרע רעמיניסצענצן. קיין חידוש נישט, מחמת דורך אירע קינדערשע אויגן שפּיגלט זיך אָפּ די טראַגיש־צעשוינדענע תקופה פון די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון הייַנטיקן יאָרהונדערט: פּעטליורע, פּאָגראָמען און אַנדערע דראַמאַטישע געשעענישן בעת און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — די אַוואַנטורע צו אונדזער שפּעטערדיקן פאָלקס־אומגליק.

גאָר פרי האָט מלכּה לי דערזען און דערפילט זאַכן, וואָס נישט אַלע זענען זוכה, גיכער געשטראָפט, צו זען און פילן און — דאָס אַלץ געגומען אויף איר שטייגער באַשרייבן. אין אַנבליק פון דער פריער דערמאָנטער תקופה, האָט די מאַמע אירע געצאַפּלט איבער איר טעכטערל און געהייסן זי פאָרן קיין אַמעריקע. זי האָט געפילט, אַז איר קינד איז באַרופן צו גרויסע זאַכן — אַז זי איז באַשאַנקען מיט גאָטס מתנה צו זיין אַ דיכטערין (האָבן מיר דאָ אַן איבעררוף מיט ד"ר שלמה סיימאָנס מוטער. זע: זייט 135).

איך בין דאָ פאַרלאָפן דעם וועג און דורכגעלאָזן אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פון דעם קליינעם מיידעלע, וועלכע האָט אָנגעהויבן לערנען אין אַ פּוילישער שול. זי איז געווען אַ פעיקע שילערין און געקענט דעקלאַמירן גאַנצע „ווערשעס" פון די פּוילישע קלאַסיקער, צווישן אַנדערע „אָרשולאַ קאָכאַנאָווסקאַ" פון יאַן קאָכאַנאָווסקי — 1530 — 1584 — וועלכער האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע פּאָעמע פאַר זיין געליבט טעכטערל אָרשולאַ, וואָס איז צו דריי יאָר געשטאָרבן.

איינמאָל האָט די מאַמע געשיקט איר קינד אויף וואַקאַציעס מיט דער באַן צו באָבע־זיידע. האָט זי אויך אין באַן־וואַגאָן דעקלאַמירט „אָרשולאַ קאָכאַנאָווסקאַ" וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די פּאַסאַזשירן, דער עיקר ביים גלח, וועלכער איז אַזוי אַנטציקט געווען, אַז ער האָט איר דערלאַנגט אַ — אַ צלמל. די קליינע האָט נישט געוואָלט אָננעמען די מתנה מיטן פּשוטן מאָטיוו: „איך בין אַ יידיש קינד".

אין פלוג — אַ קליינער עפּיזאָד. אָבער דאָ זעט זיך שוין אַרויס דער כאַראַקטער פון דער טיף־פילנדיקער דיכטערין און פּראָזאַיקערין. אין דער־אָ אַטמאָספער האָט זיך געוואָרעמט, געררייפט און געשטאַלטיקט דער טאַלאַנט פון מלכּה לי.

מאַני לייב

צו זיין צענטן יאָרצייט

פרילינגדיק־צעשטראַלט און צעזונגען, פול מיט יוגנטלעכן אימפעט און עקסטאַז, איז ער געקומען אַ ביסל טראַציק מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און גלייך פאַרנומען אַן אויבנאַן־אָרט אין דער יידישער ליריק.

ס׳איז געווען די צייט, ווען ס׳האָט גענומען אויפגיין דער רענעסאַנס פון דער נייער, יונגער יידישער ליריק.

ביז מאַני לייבן, און נאָך מאַני לייבן, זענען שוין געווען, זענען נאָכגעקומען, אַ סך יונגע, קערנדיקע פּאָעטן, אָבער אַז מען רעדט וועגן דער יונגער יידישער פּאָעזיע, שווימט־אויף דער נאָמען מאַני לייב.

פאַרוואָס? — ווייל מאַני לייב האָט אויפגעהויבן די פאָן פון מרידה. די פאָן אונטער וועלכער ס׳האָבן זיך געשטעלט אַ סך דיכטער פון זיין דור — די גרופּע „יונגע": יוסף ראָלניק, ראובן אייזלאַנד, זישא לאַנדוי, א. מ. דילאָן אויך משה נאַדיר. דאָס איז געווען אַ רעוואָלט קעגן יעדן מין קאָנפאָרמיזם — פון רעכטס און לינקס. דער עיקר: קעגן דער געקינצלטער פּאָעזיע, ד. ה. — קעגן דער פּסעוודאָ־פּאָעזיע אויף הויך־גאָרנדיקע טעמעס... זייער לאָזונג: אמתע פּאָעזיע קומט דורך קלוגער פּשטות. זיי, די „יונגע" האָבן דעמאָלט פּראָקלאַמירט — און טאַקע דערגרייכט! די זעלבשטענדיקייט פון דער פּאָעזיע. דאָס איז געווען צו יענער צייט אַבסאָלוט נויטיק.

מאַני לייב איז, ווי מיר זעען, נישט געקומען מיט קיין נייע פּאָעטישע תורות; ער איז אויך נישט געקומען ווי אַ באַנייער, נאָר ווי אַן אָנהייבער. ער האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן און באַלעבן דאָס יידישע ליד. ער האָט אויך געוועקט ליבע און גלויבן אין ליד —יהי אור.

שוין זיינע לאַבאָראַטאָרישע אַרבעטן: די מעטרישע און ריטמישע עקספּע־רימענטן אין אַלע פּאָעטישע זשאַנערן — מאַני לייב האָט באַהערשט די גאַנצע קלאַוויאַטור פון דיכטונג — באַווייזן, אַז ער האָט נישט ליב געהאַט דעם אויס־געטראָטענעם וועג, נאָר אַליין געשניטן אַ נייעם וועג. אַ וועג, וואָס האָט געפירט צו לייטערונג און פאַרטיפונג.

דער אור־קוואַל פאַר מאַני לייבס אינספּיראַציע איז דאָס יידישע פאָלקסליד

און די פֿאָלקס־מעשה. ערגעץ דערציילט מאַני לייב, אַז זיין מאַמעס מויל האָט געפּערלט מיט גלייכווערטלעך. אויך דער מייסטער זיינער האָט געשאָטן מיט גראַמען. דעם פֿאָלקס־ריטעם האָט ער, בכן, איינגעזויגן נאָך מיט דער מאַמעס מילך. דעם יינגלס קינדעריש געמיט האָט דעמאָלט אונטערגעהערט די אַלע ווערטלעך און זיי גוט פּרעזערווירט אין זיין זכרון. די נטיה אונטערצושטעלן אַן אויער בעת מען דערציילט אַ מעשה „אַמאָל איז געווען", געהער נישט בלויז צו קינדער, נאָר אויך דערוואַקסענע האָבן ליב צו הערן פֿונעם „אַמאָל, אַמאָל". די דאַזיקע נייגונג וואַרצלט ביי אַלעמען — אויך ביי אַנדערע פֿעלקער.

אָט דער דאָזיקער פֿאָלקס־פּערז איז געווען מאַני לייבס וועגווייזער, זיין שולע. און דאָס, ווייזט אויס, האָט אויך באַשטימט זיין פּאָעטישן גאַנג. אלא וואָס ? — מאַני לייב האָט אינעם פֿאָלקס־פּערז אַריינגעוועבט זיין אייגענעם ניגון, און אין דער פֿאָלקס־מעשה אַריינגעבלאָזן זיין קינסטלערישן אָטעם — דעם מאַני לייבישן עלעמענט.

אַז דאָס פֿאָלקס־ליד האָט גענערט מאַני לייבס מוזע, איז לייכט צו דערקענען אין אַ סך לידער און באַלאַדעס זיינע: „כעלעמער מעשיות", „דער קאַרגער", „אליהו הנביא ציקל", „ר' שלמה דער וואַסערטרעגער" און פֿיל אַנדערע. פֿאַר אַ שילד וועלן מיר אַרויסשטעלן די וווּנדערלעכע באַלאַדע „דער פּרעמדער", וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה — סיי מיטן געבוי און סיי מיט דער ריטמיק — אויף אַ סך באַלאַדעס פֿון אַנדערע פּאָעטן.

„דער פּרעמדער" איז פֿול מיט רעבעל קעגן שלעכטן גביר, און פֿול מיט ליבשאַפֿט צום אָרעמאַן. מיר זעען דאָ אַ פּרעמדן, וואָס שאַרט זיך ביי די ווענט. ס'איז אַ קאַלטע פֿינצטערע נאַכט. יעדער שלאָפֿט זיך אין זיין בעט. נאָר דער פּרעמדער מיט אַ טאַרבע אויף די הענט, שאַרט זיך ביי די ווענט. זעט ער אַ פּאַלאַץ, קלאַפּט ער אָן: גוטע מענטשן עפֿנט מיר! —

איך בין עלנט אויף דער וועלט,
מיד פֿון הונגער און פֿון קעלט...

אָבער דער רייכער לאָזט אים איבערן שוועל נישט אַריבער. ער באַרימט זיך נאָך — ווי פּרצעס אַרענדאַר — אַז זיין קינד שלאָפֿט אין רו, זאַט און וואַרעם און — ער טרייבט אים אַוועק פֿון פּאַלאַץ:

— פּרעמדער, גיי אַוועק,
אונדזער קליינעם קינד נישט וועק.

אינדעם זעט ער אַ קליין אָרעם שטיבעלע. שאַרט ער זיך אַהינצו און קלאַפּט־אָן. גלייך עפֿנט זיך די טיר פֿאַר אים:

— פּרעמדער, פּרעמדער, קום אַריין,
וועסט מיין גוטער אורח זיין.

דער „פּרעמדער" איז, פֿאַרשטייט זיך, שוין גאָרנישט קיין פּרעמדער. דער

לייענער דערקענט אים: ס'איז דער גוטער אליהו הנביא — ווי די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע האָט אים אויסגעמאָלט — וועלכער האָט זיך אַזוי פֿאַרשטעלט פֿאַר אַן אָרעמאַן, כּדי אָפּצולערנען דעם גביר, דעם חזיר, און צו העלפֿן דעם אָרעמאַן.

די באַלאַדע פֿון אָרעמאַן־געשטאַלט איז געווען מאַני לייבס עטיש־מאָראַלישער צוגאַנג צום סאָציאַלן מאָטיוו. דאָס, מסתמא, איז אויך די סיבה, וואָס מאַני לייב האָט נישט פֿילאָזאָפֿירט און נישט געפּריידיקט דאָס לעבן, נאָר געשאַפֿן עס. ער האָט אָבער געזען דאָס לעבן אין אַ טיף־מענטשלעכער אויסשטראַלונג. ער האָט געזען עפּעס אַ העכערקייט — דעם יום־טובֿ פֿון לעבן. אויך די נאַטור וואָס ער שילדערט, ווערט ביי אים באַלעבט און דורכגענומען מיט אַ ברייטן פּאָעטישן באַגריף, וואָס גיסט זיך צונויף אין איין גראַנדיעזן פּאַרנעם. גאַר באַזונדערס מאַניפֿעסטירט זיך דאָס ווען ער טרעט־אַרויף אויפֿן זוניקן, פֿריידיקן וועג, וואָס פֿירט צום קעניגרייך פֿון קינדערלאַנד. דאָ איז ער ביי זיך אינדערהיים — אַ קינד מיט אַלע קינדער: שפּילעוודיק, לעבעדיק, חנעוודיק — כּולו מוזיק, כּולו יום־טובֿ. און נישט אַזוי די אידייע, ווי די שפּיל גופֿא — אַ „יינגל צינגל כוואַט", וואָס באַווייזט מיט זיין כּישוף־רינגל „וווּנדער איבער וווּנדער". עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז מאַני לייב אַליין איז דער העלד פֿון די מערסטע דופּטיקע און לופּטיקע קינדער־מעשהלעך זיינע. דאָ איז ער אַ פּאָעט — אַ קעניג:

...פּאָעט, דו ביסט אַ קעניג,
די גאַנצע וועלט דיין לאַנד.
און אַלץ איז אונטערטעניק
צום צייכן פֿון דיין האַנט.

(„דער פּאָעט")

„יינגל צינגל כוואַט", „דער פּאָעט" און פֿיל אַנדערע, זענען געשריבן אין סטיל פֿון די גרויסע וועלט־מייסטער. נישט צופֿעליק האָט די קריטיק פֿאַרגליכן זיינע קינדער־לידער צו די גרימס און אַנדערסענס מעשהלעך. און נישט צופֿעליק האָבן די קינדער אַדאָפּטירט מאַני לייבס לידער.

מאַני לייב האָט דעם יידישן ליד געגעבן אינטענסיוויטעט, פֿאַרב און קלאַנג. זיין וואָרצלדיקער יידיש און רייכער וואָרט־באַגאַזש האָט אים געניצט ווי אַן אינסטרומענט אויף אַרויסצובאַקומען דעם מאַני לייבישן קלאַנג. ווען מיר מאַכן היינט אַן עקסקורסיע איבער זיינע לידער און באַלאַדעס, דערזעען מיר פֿאַר זיך אַ ליריקער פֿון העכסטן גראַד: יעדעס ליד אַ פֿרישע דערגרייכונג — מוסטערן פֿון ווירטואָזיטעט.

מישט־אויף אַ בלעטל, אַ שורה און איר וועט גלייך דערקענען, אַז זיי געהערן צום גרויסן פּאָעט מאַני לייב.

דעם אַנגעצונדענעם שטורקאַץ, דעם פֿאַקל יהי אור! אָדער ווי אין אָנהייב געזאָגט: די אויפֿגעהויבענע פֿאָן פֿון ריינעם קינסטלערישן ליד האָט מאַני לייב קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזן פֿון זיין האַנט.

ה. לייוויק

„אין די טעג פון איוב" — 1953

דאָס צונויפברענגען איובן מיט יצחקן איז באַזירט אויף אַ סברה פון דער גמרא בבא בתרא, ט"ו, ווו עס ווערט געזאָגט „ואימא איוב בימי יצחק היה". כידוע איז אָבער פאַראַן אַ מאמר חז"ל וואָס זאָגט, אַז איוב איז בכלל קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען („איוב לא היה, ולא נברא אלא משל היה"). איוב איז, הייסט עס, אַ משל.

קלאָר אַז לייוויק ווייסט וויל וועגן דאָזיקן מאַמר, אָבער טאַקע — און גראָד — דערפאַר וואָס איוב איז דער טיפער משל פאַר אַלע דורות און אַלע צייטן, האָט דער דיכטער אַרויפגעפירט אויף דער אַרענע די דאָזיקע דראַמע, וואָס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר אונדזער דור, פאַר אונדזערע פינצטערע טעג, וואָס ווערן אָנגערופן: איוב־טעג.

יצחק? — לייוויקס מיין איז דאָ קלאָר: צונויפברענגען אַלע אומשולדיקע בעלי־יסורים פון אַלע דורות און — זאָלן זיי אַלע צוזאַמען אויפהייבן אַזאַ געשריי, וואָס זאָל אויפרייסן די שווייגעניש.

די דאָזיקע טעזע לייוויקס — נישט שווייגן, נאָר: שרייען! מאָנען! פּראָטעסטירן און שטעלן אַ ווידערשטאַנד! — איז קיין נייעס נישט אין זיינע שאַפונגען. אָבער צום בולטסטן קומט דאָס צום אויסדרוק אין זיין איצטיקער דראַמע דורכן מויל פון איוב צו יצחקן. ער, דער בעל־נסיון, דער נוטה־למות קען נישט פאַרטראָגן יצחקס שעפּסישקייט. ס'טייטשט? ברויזט איוב פון צאָרן: „געלעגן ווי אַ שעפּס און נישט געשריגן? ווי אַ שעפּס. אַוועק פון מיר! אַוועק פון מיינע אויגן!" (לייוויקס אַרויסקום — און באַזיניקונג אויפן „נס פון געטאָ").

איובס מאַיומדיקער ווײ־געשריי און צודרינגלעכער גאָט־אַרויסרוף האָט טאַקע צונויפגערופן אַלע צעפּייניקטע און צעווייטיקטע פון גאָר דער וועלט: בלינדע, לאָמע, געליימטע, מצורעים און סתם קאַליקעס. זיי, די געקריוודעטע און באַליידיקטע האָבן אין זייערע דינסטע בלוט־וויבראַציעס פון ווי ווייט דערהערט — און באַנומען — איובס פּיין־געשריי, וואָס איז אויך זייער געשריי. און מתנותוויז האָבן זיי געצויגן נאָכן יאָמער־קול קיין עוץ צום גאָט־געשטראָפטן רעכטפאַרטיקן מאַן, וועלכער שילט דעם טאָג פון זיין געבוירן און רופט אין זיינע שרעקלעכע יסורים, גאָט צו משפט.

אין איובן האָבן די אומגליקלעכע דערפילט אַ גואל, אַ מאַנער! און אויך יצחק — וואָס איז ווי איוב שווער געפּרוווט געוואָרן, נאָר מיט אַנדערע יסורים: מיט עקידה — ווערט צעריסן פון איובס געקלאָג און ער ציט קיין עוץ כדי צו טרייסטן זיין ברודער־אין־צרה, איובן און — צו געפינען אַליין אַ טרייסט פאַר זיין אייגענעם אומרו און טרויער, וואָס הויערט טיף אין זיין נשמה, און וואָס גייט אים נאָך זינט די עקידה. צוליב נאָך אַ ציל — אַ העכערן! — קומט יצחק: כדי צו טיילן זיך מיטן בעל־יסורימס ליידן (לייוויקס גרייטקייט צו זיין אַ שותף צו יעדנס ליידן, צו יעדנס יסורים).

דעם גאַנצן וועלט־סדר האָט איובס צאָרן־יאָמער צעשטערט: אין מענטש איז אַריין אַ ווילדער כוח; חיות האָבן געעפנט זייערע מיילער און גענומען רעדן ווי מענטשן, און אַפילו טויטע — קין, הבל און אויך דער שעפס, וואָס האָט פאַרביטן יצחקן אויפן מזבח — שטייען־אויף און קומען ביילייגן זייערע טענות צו גרויסן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן מענטש, וועלט און גאָט. און די טענות זייערע זענען אַזעלכע שאַרפע, אַזעלכע דינע — ווי אַ שניט פון אַ חלף. מיר וועלן דאָ איבערגעבן נאָר איינציקע — פון די זייער פיל — באַשולדיקונגען זייערע:

שעפס (צו יצחקן):

צי האָסטו נישט געפרייט זיך וואָס דיין טאַטנס מעסער
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיר און נישט אויף דיר?

קין:

צי נאָר פון מיינעטוועגן האָב איך דערהרגעט הבלן,
און נישט צוליב די שפּעטערדיקע דורות אייערע —
צו מאַכן לייכטער אייך דעם וועג צו מאָרד,
באַפרייענדיק אייך פון דער שווערקייט פון התחלה?

הבל:

וועגן זיין ברודער קין, וועלכער יאָמערט־אויף פון צייט צו צייט — לויט הבל׳ס רייד — מיט צער־חרטה, אָבער...

ער קאָן מיין מוח דעם צעהאַקטן מער נישט גאַנץ מאַכן,
ער קאָן מיין בלוט, וואָס ער האָט מיט זיין האַנט פאַרגאָסן,
נישט אויפזאַמלען צוריק. און ווער עס ווייס דעם טעם
פון ליגן אונטער פחד פון אַן אויסגעשטרעקטער האַנט —

יצחק:

מיר אַלע טראָגן טיף אין זיך די שולד.

דאָ שפּיגלט זיך אָפּ דער ספּעציפיש־לייוויקשער שולד־געפיל פאַרוואָס „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען״.

קעגן אַזאַ וועלט־אויפשטאַנד פון לויטער בעלי־יסורים בלייבט אַפילו דער שטן, דער רעזשיסער פון דעם ספּעקטאַקל, געפּלעפט. ער, דער שטן, האָט גאָרנישט געוווּסט „ווי אומגליקלעך עס איז דער גאַנצער מענטשן־מין״. ער טוט־אָפּ פון איובן די יסורים. אָבער דאָ — נישט נאָר וואָס איוב הערט אויף צו שרייען און רופן גאָט צו משפט, נאָר פאַרקערט: ער איז פול מיט הכנעהדיקן דאַנק און לויב צום באַשעפער פאַר זיינע מעשים.

אַנטוישטע אין זייער לעצטער האָפענונג הויבן־אויף די צונויפגעלאָפענע פאַרגרוילטע מחנות אַ שרעקלעכן ליאַרעם קעגן איובן, דעם פאַררעטער, דעם פאַלשן יאָמערער, וואָס האָט געשריגן נאָר ווען אים האָט ווי געטאָן, ווען ער האָט געליטן אָבער אַלעמענס ליידן, אַלעמענס יסורים גייען אים נישט אָן. (לייוויקס אָפּענע —און אָפּטע! — טענה: נישטאָ ביים מענטשן די אינעווייניקסטע, די קאָלעקטיווע פיין־באַהעפטונג).

נאָך מער: ווען אויך מיט יורמען און תובלן — די הויפּט־שרייער — געשעט אַ נס און זיי ווערן געזונט (יורם ווערט זעעוודיק און תובל באַקומט צוריק אַ געזונטן פוס) — אַזוי בעמען זיי אין ווילדער שמחה שפּרינגען איבער מענטשן און אומוואַרפן זיי (לייוויק: „דער געפּייניקטער קען ווערן אַ פּייניקער״).

די שאַרפסטע — און מענטשלעכסטע — טענות קעגן רבונו־של־עולם הערן מיר אָבער גראָד פון זיין שליח, דעם שטן: צו וואָס געמאַכט אַ וועזן פון אַ לייב אין ווונדן?

ווייטער:

„ניט אַנדערש סיידן אַז דורך עמעצנס יסורים,
דורך צודעקן אַ לעבעדיקן גוף מיט יאַטערדיקע ווונדן,
ביסטו מתקן טאַקע עפּעס אין דיין יונגער וועלט;
און ברענגסטו דורך דעם אַ תיקון אויך פאַר זיך.״

נאָך ווייטער:

נאָר זאָגן זאָג איך דיר: געררעכט, בכלל, איז איוב,
און זיינע טענות זענען אמתער געווען פון דיינע ענטפערס,
און בלייבן וועלן זיי אין זייער אמתדיקער שטאַרקייט אייביק״.

ער, גאָטס שליח, וואָס האָט שוין אויסגעגליכן צווישן מענטש און חיה (ווי מיר האָבן דאָס טאַקע — ווי צו די אויגן — געזען אין די דייטשן) האָט זיך אונטערגענומען אויסצוגלייכן צווישן גאָט און מענטש. אָבער ווען ער דערזעט אַז דער לאָגל פון מענטשלעכע טרערן גיסן זיך אַריבער; אַז איבער דער גאַנצער ערד טראָגט זיך אַ גרויס געוויין — פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — די גדלות און קראַפט אין הימל, רופט ער אויס: „אַז אויך די געטלעכקייט מעג זיין באַשיידענער אַ ביסל״ און נאָך אַן אינעווייניקסטן ויתרוצצו בעט ער זיך ביים אַלמעכטיקן: „אָ, האַר, באַשעפער פון דער וועלט,

אַנטשטן מיך!" בעסער — טענהעט ער — מגולגל צו ווערן אין אַ שטיק, איידער צו זיין דאָס וואָס איך בין.

דעם שטנס בונטעווען זיך קעגן באַשאַפער און זיין פאַרלאַנג מגולגל צו ווערן אין אַ שטיין, דערמאָנט אין רעבעלירנדיקן מלאך עזריאל („די קייטן פון משיח") און אין גולמ'ס רעוואָלטירן קעגן זיין באַשעפער דעם מהר"ל („דער גולם"). דער שטן און דער גולם ווילן נישט זיין מער קיין בלינדע אויספירער פון עפּעס אַ שליחות, און דער מלאך עזריאל קען נישט פאַרטראָגן די מלאכימ'ס לויב־געזאַנגען צו גאָט אין צייט ווען אויף דער גאַנצער ערד טראָגט זיך אַ גרויס געוויין פון אומשולדיק־ליידנדיקע מענטשן. אַלע זיי רייסן זיך צו באַפרייען פון דעם וואָס זיי זענען: דער מלאך עזריאל וויל ווערן אויס מלאך, דער גולם אויס גולם און דער שטן — אויס שטן.

דאָ קומט צום אויסדרוק לייוויקס בונט קעגן שלעכט־איינגעשטעלטן וועלט־סדר און זיין אייביקער בונד מיט די ליידנדיקע.

די וועלכע זענען באַקאַנט מיטן קאַפּיטל איוב וויסן, אַז גאָט האָט שפּעטער איובן פילפאַכיק פאַרגיטיקט פאַר זיינע יסורים. לייוויק דערציילט אונדז נישט וועגן דעם. און נישט צופעליק: דער דיכטער פרעגט בכלל אָפּ דעם ווערט פון פאַרגיטיקונג ווען זי קומט דורך פיין. לייוויק האַלט, אַז נעכטיקע יסורים קאָן מען נישט ווידער גוטמאַכן, ווייל זיי גייען סיי ווי נאָך ווי אַן עכאָ אייביק. (לייוויקס בפירושער אַרויסקום אויף אונדזער לעצטן חורבן, וואָס גייט אונדז נאָך — און וועט אונדז אייביק שוין נאָכגיין — פּונקט ווי יצחקן איז זיין גאַנץ לעבן נאָכגעגאַנגען די עקידה). און דערפאַר לייוויקס בכיוונדיקע פאַרשווייגן גאָטס פאַרגיטיקונג פאַר איובן, וואָס איז — ווי יעדע ווידער־גוטמאַכונג — אַ גאַנץ קנאַפּע נחמה...

לייוויק האָט דעם תנ"כישן איוב אַרויסגענומען פון די ענג־רעליגיעזע ראַמען — און דאָס איז דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל ווי לייוויק וואַרפט אַ ביי ליכט אויף מיטאָסדיקע געשטאַלטן — און אָנגעטאָן אים אַ רעאַליסטישן לבוש.

די איוב־און עקידה־פּראָבלעמען זענען, אייגנטלעך, דורך ה. לייוויקן שוין פיל מאָל באַרירט געוואָרן; אויף פאַרשידענע אופנים האָט דער דיכטער וואַריאירט די דאָזיקע מאָטיוון — „די עקידה", „מהר"ם פון רוטענבערג", „די חתונה אין פערנוואַלד" און אַנדערע זיינע נאָך־מלחמה דראַמעס — אָבער ביז איצט זענען עס געווען פראַגמענטן פון אָט דער אייביקער איוב־טראַגעדיע. די־אָ פראַגמענטן זענען, בכן, געווען טרעפּ, וואָס האָבן געפירט — און דערפירט — צום איצטיקן בוך, וואָס איז דעם דיכטערס סובלימירונג און אָפּגעשלאָסענער סך־הכל פון אַלע ספקות און קשיות, פאַרצווייפלונגען און טענות, וואָס האָבן גענורטעוועט און באַאומרואיקט דורך דורות און צייטן.

נישטאָ איציק מאַנגער

1969

ווען דער ישראַלדיקער ראַדיאָ האָט געבראַכט די טרויעריקע ידיעה וועגן טויט פון איציק מאַנגער, איז אַ ציטער אַריבער איבערן לייב פון די אומצאָליקע לייענער און פריינד פונעם דיכטער. דער קלאַפּ איז, אייגנטלעך, נישט געקומען אומגעריכט, מען האָט געוווּסט, אַז מאַנגער איז קראַנק און דאָך האָט יעדער דערפילט ווי עפּעס וואָלט זיך איינגעבראָכן אונטער זיינע פיס. קיין חידוש נישט. דאָס האָט דער געפיל און דער באַוווּסטזיין אונטערגעזאָגט, אַז מיט זיין טויט האָט די יידישע ליטעראַטור אַרויספאַרלוירן אַ זייל פון איר מזרח־וואַנט. איבערגעריסן געוואָרן דער שיינער מאַנגערישער ניגון.

מאַנגערס ניגון האָט זיך אָנגעהויבן פאַרציען נאָך אין רומעניע, אָבער זיין פולן אויסדרוק, זיין פולן מעטאַלענעם קלאַנג האָט ער באַקומען אין וואַרשע. געווען איז דאָס אין די שפּעטע צוואָנציקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט, די צייט ווען ס׳האָבן שוין געליכטיקט די נעמען פון באַקאַנטע יידישע דיכטער, און די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן האָט זיך געהאַט צעפּעכערט אין די שענסטע פאַרבן, ווי די „גאָלדענע פּאַווע" — פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט האָט דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין טיף געוואָרצלט אויף דער יידישער גאַס. אין וואַרשע האָט אויך געלעבט און געווען טעטיק אַ פּאָליטיש־רייפער פּראָלעטאַריאַט אַזוי, אַז ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ הייס, פולבלוטיק יידיש לעבן.

אין דער־אָ צייט איז אָנגעפלויגן אַ צעווירבלטער, צעזונגענער פּאָעט מיט געלייטערטע גראָטעסק־שפּילעוודיקע לידער און מיט פּאָעטיש־צעוויגטע לירישע באַלאַדעס — איציק מאַנגער. אין דער יידישער דיכטונג האָט מיטאַמאָל אויפגעלויכטן אַ נייער ווערטער־געוועב, נייער סטיל און נייע מאָטיוון — פּאָעזיע פון דער העכסטער גאַטונג. מאַנגער האָט, אַזוי אַרום, אָנגעטרונקען דאָס יידישע ליד מיט פרישע זאַפטן.

באַרוישט פון זיין גרויסן דערפאָלג, האָט זיך דער פּאָעט פאַרגינען צו זיין אַ ביסל שטיפעריש, טראָציק, אַ ביסל הפקר — בראַוואַדאָ־קוראַזש. צי מיינט דאָס אָנשטעל? — חלילה! נישט אויסערלעכער מאַניר, נאָר אינערלעכער מהות,

נוסח. מאַנגערישער נוסח: ספּאָנטאַן, אַ־לאַ יעסענין, מאַיאַקאָווסקי, פּלוס פאָלקס־טימלעכע פּשטות, וואָס האָט געגרעדט צום לייענערס געמיט און האַרץ. אין אָט דער פּשטות זיינער האָט זיך דער לייענער געשפּיגלט. און דאָס ווייל ער איז אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן סוגערירט און אַנגעשטעקט געוואָרן מיטן דיכטערס געפילן, מיטן דיכטערס וועלט. דורך די קאַנאַלן פון געזונטן פאָלקס־חוש האָט דער לייענער דערפילט, אַז איציק מאַנגער איז זיין דיכטער.

מאַנגערס גרויסקייט און עכטקייט קאָן מען אויך מעסטן מיט דעם, וואָס זיינע הויך־פּאָעטישע שאַפונגען זענען צוגענגלעך און פאַרשטענדלעך פאַר יעדן איינעם. אַפילו צו די וויזיעס, וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין די ווינקלען און קנייטשן פון זיינע שורות — האָט זיך דער לייענער דערגראָבן. דאָס, אייגנטלעך, וואָס מיר פאַרלאַנגען פון עכטער קונסט.

קלעטערנדיק אַזוי צום סאַמע אָלימפּ פון ליד און באַלאַדע, און פאַרקוקט אין די בלויע הויכקייטן, פאַרזעט ער אָבער נישט דאָס טאָג־טעגלעכע — דעם אָרום. געמיינט דעם סאָציאַלן און אַלמענטשלעכן מאָטיוו, וואָס שלאָגט זיך דורך אין זיינע לידער. דאָס מיינט שוין אַ שטעלן זיך אויף דער זייט פון ליידנדיקן, געקריוודעטן, ממילא — רוף צו גערעכטיקייט. אָט דער סאָציאַלער אויסבליק איז ביי מאַנגערן נישט געווען קיין דעקאָראַציע, נאָר אַ גרונט־געפיל, און אַז מ׳וויל — גרונט־אידייע. דאָס איז די גאַמע פון זיינע לידער.

איציק מאַנגערס ליד, זיין ניגון איז פאָלקיש, וואָרצלדיק, מחמת ער ציט זיך פון די בראָדער זינגער, פון וועלוול זבאַרזשער, פון גאָלדפאַדענען, מכירת־יוסף שפּיל, צאינה וראינה — פונעם פאָלקס־טאָן. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך מאַנגערס ליד געננערט און אויסגעוואָרעמט אין די שענקען און קרעטשמעס ביי אַ גלעזל רומענישן וויין, ביים וואָלעך־ניגון, דאָינע, פּאַסטעך־פייפל, ציגיינער־ליד; ביים פאַרביקן פּייזאַזש פון בוקאָווינע, בעסאַראַביע, קאָלאָמיי, יאַס, בוקאַרעשט און טשערנאָוויץ; ביים רויש פון פּרוט און דונאַי; איצט: שפּראַכן, דיאַלעקטן, מעשיות, לעגענדעס — יידישע און סלאַווישע — אָט די אַלע מאָטיוון האָט מאַנגער צונויפגענומען, צונויפגעפלאָכטן און געשאַפן פון זיי אַ וווּנדערלעכע סימפאָניע פון קלאַנגען און נאָכקלאַנגען, וואָס פאַרמאָגן אַלע זיבן פאָלקס־חנען.

אָבער נישט בלויז צוליבן ווירטואָזן קלאַנג, דעם קלאַסישן טאָן איז מאַנגערס ליד גרויס, נאָר אויך — אפשר נאָך מער — צוליב דעם אוניווערסאַל־מענטשלעכן מאָטיוו, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זיין וויזיע וועגן אַ באַפרייער, אַן אויסלייזער. אַמאָל באַפרייט ער, צוזאַמען מיט זיין ברודער, דעם שניידער־געזעלן, נאָטע מאַנגער, דאָס ווייסע ציגעלע פון „חד־גדיא״ און לאָזט עס פריי אַרומשפּרינגען אין פעלד; אַמאָל קומט ער פאַרשטעלט פאַר אליהו הנביא אויסלייזן פון לאָמבאַרד דער מאַמעס סאַמעטן קלייד; פאַרוואַנדלען דעם פּראָסטן מיטוואָך אין אַ יום־טוב מיט חלה, מיט וויין און מיט פיש; אָנטאָן אַ פינגערל פאַרן שענסטן כלה־מיידל; אַרויסשפּילן די שרעק פון יידישע היימען; שפּילן

ווו מען דאַרף, ווו מען בויטיקט זיך אין זיין ניגון, „נאָר דעם שענסטן ניגון שפּילט ער פאַר דעם סאַמע אָרעמסטן הויז". ווידער מאַנגערס יושר־געפיל.

די העכסטע אַנטפּלעקונג מאַנגערס קומט, דער עיקר, צום אויסדרוק אין זיינע גראָטעסק־שפּילעוודיקע חומש־ און מגילה־לידער, וועלכע ער האָט אויס־געגוצט שעפעריש. מאַנגער האָט דאָ אָוועקגענומען די אימוניטעט פון זיינע חומש־העלדן, באַפריט זיי פון דער פאַרגליווערטער סטאַטיק און געלאָזט זיי אַראָפּנידערן פון די הויכקייטן. דאָ, אויף דער ערד, הערן זיי אויף צו זיין סתם־סטאַטיסטישע פיגורן, נאָר נעמען־אָן אויף זיך בלוט און פלייש. מיט דער מאַגיע פון זיין פאָלקסטימלעכן גראָטעסק, פון זיין קינסטלערישן וואָרט, נעמען־אָן די אָבות קאָנקרעטע געשטאַלטן און דערשיינען פאַר אונדז ערדישע, דאָיקע — מענטשלעכע. זיי באַקומען אַ ניי ליכט — נוסח מאַנגער. דאָס מיינט שוין: רעמאָדעלירן, אָפּפרעגן באַגריפן, וואָס זענען געווען טאַבו. בכן אויך עטישע און סאָציאַלע פונקציע, און אַז מ׳וויל — רעבעל.

פון דעם ווערט קלאָר, אַז פּאָעזיע איז פאַר מאַנגערן נישט געווען עפּעס אַ ווייטער לאַזור. פאַרקערט, אַפילו די לידער און באַלאַדעס, וועלכע האָבן צו טאָן מיט הימלישע ענינים זענען ממשותדיקע, פאַרבונדן מיטן לעבן. נישט שטרענג־אָנגעצויגן, נאָר לייכט, שפּילעוודיק — פאָלקסטימלעך אין בעסטן זין פון וואָרט. דערביי — דערפאַר! — איז דער טאָן פון זיינע לידער אַ לויטערער און דער פערז — אַן איינפאַכער, אַ ריטמישער, ווי דער פערז פון אַ פאָלקס־ליד. נישט קיין חידוש, בכן, וואָס דער יידישער אַרבעטער, דער פאָלקס־מענטש, האָט אונטערגעכאַפּט זיינע לידער, אונטערגעכאַפּט דאָס „ליבע־בריוועלע פון דער מלכה פון טערקיי צום רבינו תם" די „גרינע בלעטער אויפן פידל", „יאָסל בער", „אויפן וועג שטייט אַ בוים" — עפּעס ווערט גרינגער אויפן געמיט מיט מאַנגערס ליד אויף די ליפּן. גרינגער ווייל זיי ווייסן, אַז דאָס בריוועלע פון דער מלכה פון טערקיי — פּונקט ווי אַלע לידער — האָט פאַרטראַכט אַן אייגענער, אַ שניידער־יונג. און דאָס איז נישט געווען קיין סתם־אידענטיפיצירן זיך מיט עמך לשם באַן־טאָן, נאָר דאָס איז געווען ביי אים נאַטירלעך, מענטשלעך, עכט. דערפאַר זוניקט אין זיינע לידער אַ ליבשאַפט צום מענטשן, און דערפאַר איז אויך די ליבע צו מאַנגערן געווען אַן עכטע, אַן אמתע.

איינמאָל בלויז האָט זיך מאַנגער געלאָזט צורעדן פונעם „דייטשל מיטן בייטשל" צו פליען מיט אים צו דער „שיינער גראַפינע פון דופּצע", וועלכע האָט אין איר חלום זיך פאַרליבט אין אונדזער ריטער פון פּאָעזיע. אָבער דאָרט, אין איר פּאַלאַץ, פאַרטרייבט זי איר שאַץ, צוליב די נאָדל וואָס זילבערט אין זיין לאַץ, און דער דיכטער לאָזט אַ טרער: צוליב אַ נאָדל־פאָדעם פאַרשפּילט אַ גליק, אַ שאָד געווען די טרער, מחמת פאַרן יידישן לייענער איז זיין נאָדל־פאָדעם נישט געווען קיין פּגם. זיין מאַיעסטעט, דער לייענער האָט געוווסט, אַז „אין זכות פון די שניידער־געזעלן" איז מאַנגער געפלויגן אויף „די גאָלדענע פּאַווע" — זיין מעדיום — „שנעלער פון אָדלער, פון וואָלקן, פונעם ווינט".

אין דער יידישער ליטעראַטור איז מאַנגער געווען און וועט פאַרבלייבן דער געקרוינטער פרינץ — דער טרובאַדור.

נאָך אַ זכות האָט מאַנגערס ליד און באַלאַדע: דעם זכות וואָס זיי קוואַלן־אַרויס, ווי שוין דערמאָנט, פון טיפסטן גרונט — פונעם פאָלקס־קוואַל. אין דעם־אָ, פלוס מאַנגערס קינסטלערישן זכות, זענען זיינע „מגילה־לידער" אַזוי פּאָפּולער געוואָרן איבער דער גאָרער יידישער וועלט, און גאָר באַזונדער ביים ישראלדיקן יונגן דור, וועלכער האָט אין זיי, אין די „מגילה־לידער" דערפילט אַ גייסטיקע דערהויבנקייט און מאַנגערן ממש פאַרגעטערט. מאַנגערס כוח פון ווירקן און באַווירקן.

דער גרויסער דערפאָלג פון די „מגילה־לידער" איז נישט קיין צופעליקער, אָפּגעריסענער, נאָר האָט אַ פאָדעם, וואָס ציט זיך פון אַמאָליקן יידישן וואַרשע, וואָס איז געווען צעשטורעמט פון מאַנגערס „כישופמאַכערין" און „דריי האָצמאַכס" — לויט גאָלדפאַדענען. דאָס זעלבע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע, ענגלאַנד — אומעטום. פון דעם איז צו זען ווי טיף מאַנגער האָט געוואָרצלט אינעם יידישן ליטעראַרישן־און קולטור־לעבן.

זיין ערשט בוך „שטערן אויפן דאַך" איז דערשינען אין יאָר 1929 — אין יאָר, ווען דער רוב פון מאַנגערס לייענער האָבן אַריינגעחלומט אין וועלט, מענטש, צוקונפט — געשפּינען בלויע חלומות. אַנדערע ווידער, האָבן נישט צופיל אַריינגעקלערט און געריסן שטיקער פונעם לעבן „נישט געקלערט און נישט געטראַכט, נאָר געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט". סיי ווי — איבער אַלעמענס קעפּ בלויע הימלען און שטערן אויפן דאַך. אָבער אַז די היטלער־יאָרן האָבן אָנגעיאָגט מיט ווילדער רציחה איז פון בלוי געוואָרן גרוי, די הימלען פאַרנעפּלט, פאַרוואָלקנט און פון „שטערן אויפן דאַך" האָבן זיך פאַרצויגן „וואָלקנס איבערן דאַך" (דערשינען אין יאָר 1942). צוועלף יאָר אינגאַנצן פון איין בוך צום צווייטן און וואָס פאַראַ גורלדיקע יאָרן.

פאַר מאַנגערן, דעם טיף־פילנדיקן פּאָעט זענען די־אָ יאָרן געווען אַ דאָפּלט־שווערער קלאַפּ. פון איין זייט דער אומקום פון דעם גרעסטן טייל פון זיינע לייענער, און פון דער צווייטער זייט — זיינע וואָגל־יאָרן, דער בע־ונד. דאָס אַלץ האָט אונטערגעבראָכן זיין געזונט, וואָס האָט זיך ממילא שווער געלייגט אויף זיין געמיט. וויברירט טאַקע אין די לידער זיינע „בענקשאַפט און באַדויער" און זיי ציטערן מיד:

וואָלקנס איבער מיין דאַך,
די שטערן ציטערן מיד
אין מיין געמיט, אין מיין ליד,
זיי זענען מער ווי אַ סך.

אַזוי אָבער ווי מאַנגערס לידער זענען נישט געבונדן מיט צייט און שטח, וועלן זיי וויברירן נאָך לאַנג, לאַנג אינעם יידיש־לייענערס געמיט, און אויך ווירקן אין דער ווייטער פּערספּעקטיוו.


April 17, 1969

GHENYA MANGER
4125 NEPTUNE AVE
BROOKLYN, N.Y. 11224
U.S.A.

פאַקסימיליע פון געניע מאַנגערס בריוו וועגן מיינע אָפּשאַץ־ווערטער נאָכן טויט פון איר מאַן — איציק מאַנגער

יואל מאַסטבוים

צו זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג

אויפן ליטעראַרישן האָריזאָנט האָט זיך יואל מאַסטבוים באַוויזן כמעט אין איין צייט מיט י. מ. וויסנבערגן, מנחמען, משה טייטשן, פּרץ הירשביינען, יונה ראָזענפעלד, ווייטער, און שלמה גילבערט. געווען איז עס אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, די שטורמישע צייט פון רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד — דער באַגין פון דער שפּעטערדיקער רעוואָלוציע. די יידישע וועלט איז געווען אויפגערודערט, מיטגעריסן און נייע פּראָבלעמען האָבן פאַרכאַפּט די יידישע יוגנט. אויך אין דער יידישער ליטעראַטור איז אָנגעגאַנגען אַ געראַנגל. כלערליי שטראָמען האָבן געשנירלט: ראָמאַנטיזם, רעאַליזם, נאַטוראַליזם, עקסטראַוואַגאַנטער אימפּרעסיאָניזם און אַנדערע איזמען. דערהויפּט אָבער האָבן זיך געגומען אויסקלאָרן און אויסקריסטאַ־טאַליזירן צוויי הויפּט־שטרעמונגען: רעאַליסטישע און דעקאַדענטישע. אין דער אַ צייט איז מאַסטבוים געקומען אַ צעברויזטער, אַ צעשטורעמטער מיט אַ פרישן, זיכערן טאָן. ער האָט געזוכט אַ סינטעז צווישן ביידע שטראָמען. מאַסטבוימס שרייבן איז, טאַקע, אַ געפלעכט פון רעאַליזם און דעקאַדאַנס.

מאַסטבוים איז געקומען פון פּרצעס און פרישמאַנס טישן. דאָרט, אין זייער ליטעראַרישער קוזשניע, האָט מאַסטבוים אויסגעפורעמט זיין קינסטלערישן טאַלאַנט, און פון דאָרט איז ער אַרויס אויף די ברייטע שליאַכן פון דער יידישער ליטעראַטור.

פון יענער צייט איז אַוועק אַ האַלבער יאָרהונדערט. און ווען מיר כאַפּן היינט אַ בליק אויף מאַסטבוימס ליטעראַרישן אַקטיוו — „מאַריטאַס גליק", „סאַלאַ־מאַנדרע", „דאָס רויטע לעבן", „ציגיינער פליט", „דריי דורות", „שטורמישע יאָרן", „דער כוח פון דער ערד" — דערזעט מען ווי טיף מאַסטבוים וואָרצלט אין דער יידישער ליטעראַטור.

ביים דערמאָנען איצט מאַסטבוימס הויפּט־ווערק, שווימען־אויף אין דמיון די אַלע טיפן און געשטאַלטן, וואָס האָבן געפונען אַזאַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור און געהאַט אַ דויערנדיקע השפּעה אויף דער יוגנט.

מאַסטבוימס העלדן זענען תמיד באַהויכט מיטן מחבר'ס עכט־קינסטלערישן אָטעם און דערפֿאַר רייסן זיי מיט מיט זייערע ליידן און פֿריידן — מיט זייערע איבערלעבונגען; און דערפֿאַר זענען אונדז די העלדן זייערע אַזוי נאָענט, היימיש און אייגן.

מירן זיך אָפּשטעלן אויף זיין לעצט־דערשינענעם בוך „דער כוח פֿון דער ערד", וואָס איז דאָס ערשטע בוך פֿון אַ ברייט־לייוונטיקער ארץ־ישראל־טרי־לאָגיע, ווו דער מחבר פֿאַרמעסט זיך צו געבן אַ קאָמפּליצירט געמעל פֿון פֿאַרשידענע כאַראַקטערן און אידייען, וואָס זענען אָבער פֿאַרבונדן מיט איין גרונט־אידייע — מיט דער אידייע צו באַזעצן זיך אויף דער ארץ־ישראל־ערד.

אייגנטלעך וואָלט עס געדאַרפֿט זיין דאָס צווייטע בוך פֿון דער טרילאָגיע, ווייל רבקה, יוסף, זאב — די הויפּט־העלדן פֿון איצטיקן בוך — זענען אונדז גוט באַקאַנט נאָך פֿון באַריסלאַוו („נאַפֿט" — דערשינען אין העברעאיש). אַלץ ציט זיך פֿון דאָרט. די טיפֿע און אידעלע ליבע צווישן די דריי יונגע מענטשן — דער שיר־השירים פֿון דריי צעזונגענע הערצער — הייבט זיך אָן שפּינען און וועבן נאָך דאָרטן, אין באַריסלאַוו. אַפֿילו די קאָנטורן פֿון זייער גאולה־וויזיע — די בענקשאַפֿט נאָך ציון זעען זיך שוין דאָרט אַרויס. אין „נאַפֿט" האָבן מיר, אַזוי אַרום, די אוווערטורע, דעם פֿראָלאָג צום איצטיקן בוך.

„דער כוח פֿון דער ערד" שפּיגלט־אָפּ די יאָרן 1933—1948 — דעם פּעריאָד, וואָס געהערט צו די ראָמאַנטיש־אידעאַליסטישע צייטן פֿון יידישן ישוב.

דער עיקר ווייזט אונדז דאָ דער מחבר דעם אויפֿקום פֿון די משקים. נישט לייכט איז געווען אויפֿצווועקן די וויסטע ערד־שטילקייט צו אַ דערוואַכונג. פֿון איין זייט — קאַמף מיט דער נאַטור: זומפּן, זאַמדן, כאַמסין, טריקעניש און קדחת; איצט — די באַגלייט־פּלאָגן, ווי: שרעקלעכער הונגער און דורשט, וואָס נעסטן אַזוי גרויזאַם אין דער מדבר, און ערשט — דער קאַמף, וואָס איז אַנגעגאַנגען וועגן אופֿן פֿון בויען דאָס לאַנד. די און נאָך אַ ריי אַנדערע פּראָב־לעמען — אַ שטייגער: דער קאַמף צווישן יונגע און אַלטע — האָבן געשאַפֿן אַן אַ שיעור רייבונגען, ספֿקות און קאָנפֿליקטן. געווען אויך ריין־פּערזענלעכע מאָמענטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט ווי אַ וואַנט צווישן יחיד און כלל.

יואל מאַסטבוים שילדערט דאָ מייסטעריש אין די דיגסטע וויבראַציעס די אַלע סיטואַציעס, ראַנגלעניש, פּראָבלעמען און קאָנפֿליקטן, וואָס גיבן אַ מעג־לעכקייט צו דערזען זאַכן, וואָס זעען היינט אויס אַזוי לאָגיש און נאַטירלעך.

אין שטאַרקע טענער און מיט אַן אַנגעלאָדענער — ריכטיקער: אָנגעגליטער — אַטמאָספֿער, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יענער צייט, ברענגט י. מאַסטבוים אַרויס דעם בראשית, די אַלע פֿאַרבאַדינגונגען און באַגלייט־דערשיינונגען, וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן מיטן באַזעצן זיך אויף דער ערד.

„דער כוח פֿון דער ערד" איז מאַסטבוימס רעפֿלעקס — באַלויכטן מיט אַ שטאַרק פּסיכאָלאָגישער שיין — אויף די־אַ יאָרן, ווען אַ סך עיקר־פּראָבלעמען

זענען נאָך געשטאַנען אויף הינער־פיס, אָדער זענען בכלל געשטאַנען אונטער אַ פֿרעג־צייכן.

פון איין זייט — שילדערט מאַסטבוים — ירושלים, די עיר־הקודש מיט די גוטע פרומע יידן — די חלוקה־יידן, און פון דער צווייטער זייט — דאָס בויענדיקע זיך ארץ־ישראל; פון איין זייט — די פעטער יונתנס, וואָס חלומען אויפצושטעלן דאָ אין לאַנד — פונקט ווי אין די אַלטע גוטע צייטן ביי זיך אינדערהיים — אַ האָטעלעכל; אַ יענטע שטרודל, די אַמעריקאַנער אלמנה, וואָס זעט אויס ווי אַ הויכע סטאַדאָלע און טראָגט זיך אַרום מיט אַ טשעק, וואָס קיינער האָט נישט געזען און קיינער ווייסט נישט ביז וואַנען זיין סומע דער־גרייכט, און פון דער צווייטער זייט — אַ גאַלעריע קרעפטיקע מענטשן, וואָס בייסן זיך איין מיט ציין און נעגל אין דער פון טויזנטער יאָר פאַרטריקנטער ערד, פאַר ליב נעמענדיק דאָס שווערע ביטערע לעבן; מענטשן, וואָס זענען מקריב דאָס הייליקסטע: די ריינסטע און טיפסטע ליבע, דאָס משפחה־לעבן — אַלץ, אַלץ, ווייל ביי אַלע זיי גייט אום די גראַנדיעזע זעאונג פון באַפרייאונג און באַנייאונג. דערפאַר פאַרבינדן זיי דאָס אייגענע פערזענלעכע לעבן מיט דער ערד. דער חלום ביי זיי איז: ערד, וואַסער, רעגן און נישט „דאָס גרויסע געווינס".

מאַסטבוימען איז דאָ געלונגען אַרויסצושיילן און אַרויסצוהייבן די יענע, וואָס האָבן אַליין אויף זייערע פּלייצעס אויסגעטראָגן דעם איבערמענטשלעכן אָנשטרענג און צוגעגרייט אַ וועג פאַר אַ סך אַנדערע. און אַפילו דאָרט, ווו מאַסטבוים שילדערט אַלגעמיינע געשעענישן און סיטואַציעס, איז ער אויך אויסן צו שילדערן דעם מענטשן און נישט נאָר די געשעענישן. אויך די אידעאישע אָנגעלאָדנקייט, פילט מען, איז ביים מחבר נישט אָנגעוואָרפן מיט אַ טענדענץ, נאָר זי פליסט־אַרויס פונעם נאַטירלעכן לויף פון דער אַקציע.

דאָס מאָזאַאישע קאַפּיטל „באַגינען אין ירושלים" איז אַן עכט־קינסטלערישע שילדערונג, וואָס זעט אויס ווי אַ טויזנט־און איין־נאַכט מעשהלע. „דער סוף פון אהובהן" און „דער יידישער הונט אמיץ און זיינע שומרים" זענען אַ קרעפטיקער צושטייער צו דער בעלי־חיים־טעמאַטיק, וואָס איז אַזוי ווייניק פאַראַן אין דער יידישער ליטעראַטור.

דאָס רירנדיקסטע קאַפּיטל אינעם בוך ליגט אָבער אין זאבס ליבע צו רבקהן. ס'איז אַ טיף־פּסיכאָלאָגישע שילדערונג פון אַ טראַגישן קאָנפליקט צווישן צוויי ברידער — זאב און יוסף ברזילי — וואָס האָבן ליב איין מיידל, רבקהן. אויך זי, רבקה האָטביידן ליב אין דער זעלבער מאָס מיט אַלע דינסטע פיבערן פון איר האַרץ. דעם שטאַרקסטן איינדרוק מאַכט אויף אונדז זאבס טיפעליידן — אין וועלכע ער איז זיך נישט מודה — און זיין קרבן לטובת זיין ברודער. פאַראַן מאָמענטן — אַ שטייגער: זאבס זיין דער דריטער אונטער איין דאַך מיט יוספן און רבקהן. שפּעטער דאָס פאַרלאָזן די דירה און — יוספס העלדישער טויט בעתן פאַרטיידיקן און פאַרטרייבן די איבערפאַלער אויפן משק — וואָס רירן

אָן ביזן דנאָ פון דער נשמה צוליב די טיף־מענטשלעכע איבערלעבונגען, וואָס זענען אין סתירה צו זייער פאַרהאָרעוועטן לעבן און צו זייער אייגנציקער זעאונג — ערד.

דוכט זיך אַז זעלטן־ווער האָט זיך אַזוי אַריינגעלאָזן אין דער געדיכטקייט און טיפקייט פון היימישן באָדן ווי יואל מאַסטבוים. און דעריבער זעט ער אַנדערש ווי די דיסטאַנס־שרייבער און אַנדערש ווי די ציוניסטן, וואָס דעקלאַמירן פּאַטעטיש: אני במערב ולבי במזרח. דעריבער אָטעמט דאָ פון יעדער שורה מיט פלאַמיקער ליבע צו ערד, צום נייעם אויפבוי־ווערק — — מיט פעסטער היים־איינגעוואָרצלטקייט.

יואל מאַסטבוים איז אין זיין שרייבן אַ בונטאַר קעגן איינגעשטעלטע פאָרמען; ער, דער צעכראַסטעטער און צעשטורעמטער קינסטלער וויל בישט און קען נישט זיין געפּענטעט און געצוימט מיט פאַרטיקע שאַבלאָנען. ער וויל זינגען פריי, ווי דער פויגל פריי! (אין דעם, טאַקע, ליגט דער באַזונדערער מאַסטבוימישער חן). געוועזן צייטן ווען מען האָט געקוקט קרום אויף דער דאָזיקער פרייקייט, אָבער גאָר שנעל האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז אין דער־אָ צעכראַסטעטקייט איז פאַראַן מוזיק און פאַרב, וואָס ברענגט אַריין אַ סך קאָלאָריט אין דער יידישער ליטעראַטור.

אויך אין איצטיקן בוך איז מאַסטבוים געבליבן טריי זיין שטייגער שרייבן, וואָס דריקט זיך אויס אין זיין אייגנאַרטיקן בוי פונעם זאַץ, סטיל, פאָרעם — טריי דעם מאַסטבוימשן אימפּעטיקן און קינסטלערישן אָטעם.

נ. ב. מינקאָוו

„גליקל האַמעל" — 1953

אָנגעהויבן האָט נ. ב. מינקאָוו — אין יאָר 1918 — מיט אָריגינעלע לידער, וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך די פאָעטישע טענדענץ פון מאָדערנעם קלאַסיציזם. מינקאָוו שטייט אויך בראש — צוזאַמען מיט א. לעיעלעס און יעקב גלאַטשטיין — פון דער גרופּע „אינזיכיסטן" (אַרום 1920), וועלכע האָבן געפּרעדיקט און טאַקע אַריינגעבּרענגט די דיכטערישע אינטראָספּעקטיווע טענדענץ אין דער יידישער ליטעראַטור. נישט לאַנג דערנאָך פאַרעפּנטלעכט ער אַ ריי ערנסטע אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער און ווערק.

ביז איצט האָט נ. ב. מינקאָוו אַרויסגעגעבן ביי אַ צען ביכער (לידער און עסייען) צווישן זיי: „אליה בחור און זיין בבא־בוך" און לעצטנס — „גליקל האַמעל".

גליקל האַמעלס זכרונות זענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג פאַרן ברייטן עולם כמעט ווי אומבאַקאַנט. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס פּראָפ. קאַופמאַן האָט זיי אַרויסגעגעבן — ערשט אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט — אין דער אַלט־יידישער שפּראַך, וואָס קיינער, כמעט, קען שוין נישט לייענען. מחמת דעם, ברענגען מיר פאַר אונדזערע לייענער — ווי אַן אַריינפיר — אַ פּאָר ביאָגראַפישע פּרטים פון דער זכרונות־שרייבערין, גליקל האַמעל:

מרס גליקל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1645 אין האַמבורג. ווען גליקל איז קיין גאַנצע דריי יאָר נישט אַלט געווען, האָט זי אַדורכגעמאַכט, צוזאַמען מיט אַלע דאָרטיקע יידן, אַ גירוש פון דער דאָזיקער שטאָט. איר פאָטער, דער פּרנס ר' לייב פּינקערלע, איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער דערבייאיקער אַלטאָנאַ (דענעמאַרק) קיין האַמבורג. נאָך דער חתונה מיט ר' חיים האַמעל, האָט זי אַ געוויסע צייט געוווינט אין הויז פון איר שווער ר' יוסף, אין פאַרוואָרפענעם אָרט האַמעל, ווו עס האָבן געוווינט נאָר צוויי יידישע משפּחות (זי איז דעמאָלט אַלט געווען 14 יאָר) מרס גליקל איז געווען אַ פרומע, גאָטספאָרכטיקע פרוי. אירע זכרונות האָט זי אָנגעהויבן שרייבן אין יאָר 1691. זי איז דעמאָלט אַלט געווען 46 יאָר. געווען איז עס צוויי יאָר נאָך איר מאַנס טויט. די ערשטע פינף טיילן האָט זי דערפירט ביזן יאָר 1699

זי איז שוין דאַן מיד געווען פון דעם שווערן לעבן. דערציִען צוועלף קינדער איז אויך אין יענע צייטן געווען אַ שווערע הלכה. זי האָט אין יענעם יאָר געוויליקט חתונה צו האָבן מיטן מעצער באַנקיר, פּרנס און שתדלן — ר׳ הירץ לוי. צוועלף יאָר האָט זי געלעבט מיט איר צווייטן מאַן. אַ באַנקראָ־טירטער, אַ פאַרשעמטער, אַ יורד, איז ר׳ הירץ לוי געשטאָרבן אין 1712. אין יאָר 1715 האָט זי ווידער אָנגעהויבן שרייבן אירע זכרונות. די לעצטע צוויי טיילן האָט זי פאַרענדיקט אין יאָר 1719 שוין אַלט זייענדיק 75 יאָר. אין פינף יאָר אַרום — אין 1724 — איז זי געשטאָרבן אַ זקנה פון קרוב צו אַכציק יאָר.

וועגן גליקל האַמעלס זכרונות זענען שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן צענדליקער פאָרש־אַרבעטן און אָפּהאַנדלונגען. כלערליי פּסיכאָלאָגישע השערות זענען געמאַכט געוואָרן. אַלע האָבן געהאַט פאַר זיך איין ציל: באַלויכטן דעם לעבנס־ און שאַפונגס־וועג פון גליקל האַמעל. מ׳קאָן אָבער נישט זאָגן, אַז די־אָ אַלע ביז־איצטיקע באַטראַכטונגען, אַרויסזאָגונגען און אויספירן האָבן דערגרייכט דעם געשטעלטן ציל. דאָס איז דערפאַר, ווייל אין מערסטנטייל זענען דאָס געווען נישט מער ווי פאָרש־פּרוון און השערות — צומאָל געלונגענע! — צו דער גענעזע פון גליקל האַמעל, אָבער נישט קיין פולע אויסשעפּנדיקע אַרבעט.

אַנדערש, גאַנץ אַנדערש שטעלט מיט זיך פאָר מינקאָווס בוך. ווען מיר באַקענען זיך נענטער מיטן דאָזיקן בוך, דערזעט מען ווי דעם מחבר האָט אָפּגעגליקט אַריינצודרינגען אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקלען פון גליקלס געפילן־וועלט און אויך אַריינצולעבן זיך אין דער געשילדערטער עפּאָכע. מיר האָבן אַזוי אַרום, דאָ צו טאָן מיט אַ היסטאָרישן קווערשניט סיי וועגן דער זכרונות־שרייבערין, מרס גליקל און סיי וועגן דער עפּאָכע, אין וועלכער זי האָט געלעבט.

נאָכדעם ווי נ. ב. מינקאָוו וויזט־אָן גליקל האַמעלס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, טיילט ער איין זיין בוך אין פיר עיקר־קאַפּיטלען:

א) דער עמאָציאָנעלער עלעמענט — תחינה. דאָ האָבן מיר אַ גרינטלעכע אַרבעט וועגן גליקלס סטיל, נוסח, תחינה־פּאָעזיע און די השפּעה וואָס די תחינה האָט געהאַט אויף אונדזער ליטעראַטור, ווי האָבן געווירקט אויף מרס גליקל נאַציאָנאַלע געשעענישן און גרויסע נאַציאָנאַלע אומגליקן.

ב) דער מאָראַליזירנדיקער עלעמענט — מוסר. מיר דערוויסן זיך דאָ די סיבה פון גליקלס שרייבן אירע זכרונות; איר געמיט־צושטאַנד און אירע מוסר־רייד (כאָטש זי פאַרזיכערט כסדר, אַז זי האָט נישט געהאַט בדעה צו שרייבן אַ מוסר־בוך); איר באַגריף וועגן גאָט און וועלט;

ג) דער באַטייט פון גליקלס באַשרייבערישקייט. אונטער דעם קעפּל גיט אונדז דער מחבר אַ טיפן אַנאַליז וועגן גליקלס באַשרייבערישע אייגנשאַפטן;

ד) דערציילערישקייט. נ. ב. מינקאָוו שטעלט זיך דאָ אָפּ אויף אַ ריי מעשיות — צווישן זיי: די פּאָפּולערע מעשה וועגן אמנון און תמר און אַ ריי ריטער־ראָמאַנען פון דער שפּילמאַן־תקופה.

ווי מרס גליקל פאַרזיכערט (צום ווײפלטן מאָל!) איז די הויפּט־סיבה פון שרייבן אירע זכרונות געווען: שלאָפלאָזע נעכט, מורא פאַר מאַליקולישע (מעלאַנכאָלישע) געדאַנקען, צרות און זאָרג, וואָס זענען איר באַפאַלן נאָכן טויט פון איר מאַן. „אַלזאָ, בין איך אָפּט בלילה אויפגעשטאַנען, און די שלאָפלאָזע שעות אויף דעם פאַרבראַכט" (לויט מינקאָווס פאַרטייטשונג פון אַלט־יידיש — פון דעם מיטל־נידערדייטש־שניט, אין וועלכן די זכרונות זענען געשריבן). די דאָזיקע פאַרזיכערונג (און אויך מינקאָווס דעפיניציע אויף זייט 37) זעט אונדז אויס צו זיין נישט אינגאַנצן ריכטיק. אוודאי האָט איר נאָכן מאַנס טויט געקאָנט באַפאַלן אַ מורא פאַר מרה־שחורה׳דיקע געדאַנקען, אָבער דאָס פאַרטראַכטן פון פאַראויס צו שרייבן אירע זכרונות אין זיבן טיילן, זיבן ספרים, באַווייזט אונדז, אַז דאָס איז נישט בלויז דער אויסדרוק פון אַ צופעליקייט, נאָר אַז דאָ האָט זיך מאַניפעסטירט גליקלס שרייבערישער טריב.

אַ ביסל מאָדנע קומט אויס — און וואָס פאַלט שטאַרק אין אויג — דער פאַקט, וואָס מרס גליקל האָט די ערשטע פינף טיילן פון אירע זכרונות אָנגעהויבן שרייבן צוויי יאָר נאָך איר ערשטן מאַנס טויט, און די לעצטע צוויי טיילן (נאָך אַן איבעררייס פון 16 יאָר), דריי יאָר נאָך איר צווייטן מאַנס טויט.

ווייזט־אויס, אַז „אומגליקן און צרות, שטורעמס און בייזע געוויטערס" — איז געווען די טרייב־קראַפט, דער אינערלעכער דראַנג אַראָפּצורעדן זיך פונעם האַרצן. אָבער אויך דאָ, מיינען מיר, האָבן מיר צו טאָן מיט גליקלס שרייבערישן טריב (און נישט בלויז די מורא פאַר מאַליקולישע געדאַנקען). אַזיסט וואָלטן אירע זכרונות נישט געווען דאָס וואָס זיי זענען. ווייל מען דאַרף דאָ נישט פאַרגעסן, אַז דאָס זענען בשום אופן נישט קיין זכרונות וועגן עפּיזאָדן פון איר אייגן אינדיווידועלן לעבן, נייערט — זיי באַלייכטן אַ שטיק לעבנס־שטייגער און שטייגער־לעבן פון די יידן אין דייטשלאַנד אין 17־טן יאָרהונדערט. מרס גליקלס זכרונות דעקן־אויף אויך פיל פאַרבאָרגענע בלעטלעך פון פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן אין אַ ריי לענדער; מיר הערן אין זיי אָפּקלאַנגען פון וועלט־געשעענישן און יידישע טראַגעדיעס, וועגן די פליטים פון כמעלניצקיס שחיטות; וועגן דער שבתי־צבי־טראַגעדיע און אַנדערע.

מיר האָבן אומישנע געבראַכט די אַלע פאַקטן, כדי אָנצוווייזן אויף דער איבערוועגנדיקער סיבה פון גליקלס שרייבן.

פאַראַן, אמת, נאָך אַ סיבה (ריכטיקער: כוונה) — וואָס מינקאָוו מיינט: אַ קלענערע סיבה — פון שרייבן אירע זכרונות: „כל־זמן זי שרייבט שוין וועגן איר לעבן און דעם לעבן פון דער משפחה, וויל זי, די שפּעטערע דורות זאָלן וויסן פון וועמען זיי שטאַמען".

אויך די סיבה, מיינען מיר, איז אַ פּועל־יוצא פון גליקלס פלאַנירטקייט, פון איר ווילן געלייענט צו ווערן פון די קומענדיקע דורות (ממילא קאָן דאָ זיין אַ פאַרבאָרגענער געדאַנק וועגן „ליטעראַרישער אומשטערבלעכקייט").

אין אונדזערע אַריינפירנדיקע פּאָר ווערטער האָבן מיר שוין דערמאָנט, אַז גליקלס זכרונות זענען ביזן סוף פון 19־טן יאָרהונדערט געווען אומבאַקאַנט דער יידישער וועלט. בלויז אין די ענגע דלד אמות פון אירע משפחה־מיטגלידער האָט מען געוווּסט וועגן זיי. פון דעם ווערט קלאָר, אַז אירע זכרונות האָבן נישט געקאָנט האָבן קיין שום ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. נ. ב. מינקאָוו ווייזט אונדז אָבער אָן אויף דער שטאַרקער ווירקונג, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט — אין יענעם יאָרהונדערט — געהאַט אויף דער פּסיכיק פונעם דורכשניטלעכן יידן און דער יידישער פרוי. מינקאָוו קומט דאָ צום אויספיר (וועגן דער אַלט־יידישער ליטעראַטור), אַז: „דאָס איז געווען די סאַמע נויטיקסטע שפּייז, אמתע יניקה. אין דעם פּרט איז די יידישע ליטעראַטור קיינמאָל נישט געווען אַזוי נויטיק און שעפעריש, ווי די אַלט־יידישע ליטעראַטור".

רעדנדיק וועגן דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, שטעלט זיך אויך דער מחבר אָפּ אויף דעם טייערן אינסטרומענט אירן — די יידישע שפּראַך. מינקאָווס ראיות זענען פעסטע באַווייזן, אַז אַלע — אין יענער תקופה — געשעעניש אינעם יידישן לעבן, האָבן געאָטעמט און געלעבט דורך דער יידישער שפּראַך. יידיש — זאָגט מינקאָוו — איז נישט בלויז אַ שפּראַך אויף צו רעדן, נאָר אַ שטיק ציוויליזאַציע. „יידיש איז אַ דורות־לאַנגע ציוויליזאַציע".

אַ וויכטיק קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר מינקאָווס ערנסט־אַנאַליטישע אַרבעט וועגן דער אַזוי געריפענער ליריש־רעליגיעזער געבעט־פּאָעזיע — די תחינה. דער מחבר ברענגט דאָ ראיה נאָך ראיה וועגן דער ווירקונג, וואָס תחינות האָבן געהאַט אויף אונדזער ליטעראַטור. שוין אָפּגערעדט — אויף דער פרוי. די תחינה איז געווען דער פרויס שטיל געוויין און טרייסט; די תחינה האָט געעפנט אין דער פרויס האַרצן פאַרריגלטע טירן.

מיט דער זעלבער באַהאַוונטקייט איז געשריבן דאָס קאַפּיטל — מוסר. תחינה און מוסר זענען געווען דער קנין פון גאַנצן פאָלק. די מוסר־ספרים זענען שטענדיק געווען אַ וויכטיקער קאַנאַל, דורך וועלכן די דערציילונגען — מעשיות — זענען געגאַנגען צום פאָלק. מינקאָוו ווייזט אונדז אָן אויף אַ ריי דערציילונגען אין גליקלס זכרונות, וואָס זענען באַווירקט פון די מוסר־ספרים. אויך די השפּעה פון דער תחינה האָט געלאָזן טיפע סימנים אין גליקלס שרייבן — אָבער אַ געניט אויג דערקענט גלייך, אַז דער טאָן, די קראַפט איז אירער — גליקל האַמעלס. און פּונקט ווי דער טאָן איז אַן אייגענער, אַזוי איז גליקל האַמעל אויך אין איר אינערלעכער גייסטיקער וועלט שטענדיק געבליבן סוווערען.

ווי אַ טיפער ליטעראַטור־קענער ווייזט זיך מינקאָוו אַרויס אינעם קאַפּיטל „דערציילערישקייט". דאָ קומט אים שטאַרק צונויץ זיין שטאַרקע באַהאַוונטקייט אין די ריטער־ראָמאַנען פון דער שפּילמאַן־תקופה. מינקאָווס בוך „גליקל האַמל" האָט אויסגעפילט אַ בלויז אין דער יידישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט.

ה. ד. נאָמבערג

(צום 35־טן יאָרצייט)

נאָוועמבער, 1937 :

זיצנדיק אויף אַ פאָרשטעלונג אין וואַרשעווער „סקאַלאַ״־טעאַטער קומט־אַרויף אויף דער בינע אַן אַקטיאָר מיט דער פינצטערער בשורה: הערש־דוד נאָמבערג איז געשטאָרבן. אַ סקרוך לויפט־פאַרביי ווי אַ שטילער פליגל־געפאַך: נאָמבערג. דער עולם צוזאַמען מיט די אַרטיסטן שטייען אויף אין טיפער שטיל־שווייגן. דאָס זעלבע אין „קאַמינסקי״־טעאַטער — אומעטום.

שוין דאָס אַליין באַווייזט ווי טיף ה. ד. נאָמבערג האָט געוואָרצלט אין דער יידישער ליטעראַטור, און ווי פּאָפּולער — און באַליבט — ער איז געווען ביים יידישן לייענער.

געבוירן אין יאָר 1876 אין אַמשינאָוו, וואַרשעווער געגנט. זיין יחוס־קייט: רביים, נגידים, חסידים, הויכע פּערזענלעכקייטן — פון ביידע צדדים.

ביז 18 יאָר געלערנט און געשמט אַלס עילוי. אָבער אין אים קומט פאָר אַ טיפער געראַנגל, ס׳וועקן זיך ביי אים ספקות און ער באַפרייט זיך פון רעליגיעזן יאָך. ער הייבט אָן שרייבן העברעאישע שירים, און ערשט אונטער פּרצעס ווירקונג גייט ער אַריבער צו יידיש. און דאָ, אין דער יידישער שפּראַך קרעפטיקט זיך זיין טאַלאַנט אין אַ סך ליטעראַרישע געביטן: נאָוועלן, פעליעטאָנען, קריטישע עסייען, אַלעגאָרישע מעשהלעך, פּובליציסטיק — ביז אין דער דראַמאַטישער קונסט. די אַלע שאַפונגען רוקן אים אַרויס אין אויבנאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור.

אין פּרצעס שטוב באַקענט זיך נאָמבערג מיט אברהם רייזען און שלום אַש און — גאָר שנעל ווערט אַרויסגערעדט אין איין אָטעם: רייזען־אַש־נאָמבערג.

אין תוך גענומען איז נאָמבערג געווען אַ שטילער, אַ באַשיידענער. דאָס זעלבע זיין סטיל: אַן איינגעהאַלטענער, אַ שטילער. אַזוי אויבנאויפיק. אין דער אמתן איז דאָס געווען אַן אויפרייסעריש שטילקייט, אַ שטילקייט וואָס האָט געמאָנט און געפאָדערט! ווי אַ ביישפּיל קאָן אונדז דינען זיין ליד „ס׳לויפן, ס׳יאָגן שוואַרצע וואָלקנס״, וואָס איז געוואָרן דאָס אייגנטום פונעם יידישן אַרבעטער, פון די

יידישע מאַסן. אויף די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציעס, אין אַרבעטער־כאָרן, וואַרשטאַטן, אויף די בוידעמער און אין די קעלער־שטובן — פון אומעטום האָט דראַענדיק געהילכט דאָס דאַזיקע וועק־און רוף־ליד.

פאַר דער צאַרישער מאַכט זענען אַזעלכע בונטאַרע מאָטיוון געווען ווי אַ דאָרן אין אויג. אַזאַ זאַך האָט געשמעקט מיט פאַרשיקונג, מיט סיביר. נאָמבערג, ווי אַ סך מחברים פון אַזאַ שניט, גיט זיך אַן עצה: ער דרוקט־אָפּ די אַלע שאַפונגען אין אומלעגאַלע אויסגאַבעס, אונטער פאַרשידענע פּסעוודאָנימען.

נאָמבערג איז געווען אַ פאַרעקשנטער פרעגער און מאָנער — געמאָנט ביי אַנדערע און אויך ביי זיך! דערפאַר איז ביי אים נישטאָ קיין סתם־העלדן, קיין סתם־האַנדלונגען — זיי אַלע האָבן געהאַט אַ ציל.

אין דער ייִדיש־ליטעראַרישער וועלט האָט מען נאָמבערגן געהאַלטן פאַר איינעם פון די קלוגסטע מענטשן. אַ ייִד, אַ חכם. נישט קיין חידוש, וואָס כמעט אַלע זיינע העלדן זענען קלוגע. און גראַד דאָס איז זייער טראַגעדיע — אויך די טראַגעדיע פון זייער מחבר.

ה. ד. נאָמבערג האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי ביכער פון אַ הויכער קינסטלערישער קוואַליטעט. אין צענטער פון זיי אַלע שטייט „פליגעלמאַן" אין וועלכן ער שיל־דערט די גייסטיקע צעפאַלונג פון דעם ייִדישן באַלעבאַטישן הויז. מיד פון צופיל שווילטאָג דרייען זיי זיך אַרום די העלדן זיינע, אויסגעהוילטע און אויסגעליידיקטע פון יעדן זין און אינהאַלט און זוכן נעכטיקע טעג. לויט זייער פילאָזאָפיע: עפּישע רו. בכן: טראַגישע טיפּן. אַרום „פליגעלמאַן" איז, בשעתו, אַנגעגאַנגען אַ הייסער וויכוח: פאַר און קעגן, טענות און מענות — ס'האָט זיך געטומלט אין ייִדישן ליטעראַרישן וועלטל.

ה. ד. נאָמבערג האָט אויך אָנגעשריבן אַ דראַמע א. נ. „די משפּחה", וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך דער „ווילנער טרופּע". ער האָט אויך איבערגעזעצט: הויפּטמאַנס „הענשל פורמאַן", ראַבינדראַנאַט טאַגאָרעס „שפּעט זומער", שעקספּירס „ראָמעאָ און יוליאַ" און עטלעכע פון „טויזנט און איין נאַכט" מעשיות.

ווי אַן עכט־קינסטלערישע און אומרואיקע נאַטור, האָט אים געצויגן צו דער ברייטער וועלט. ער באַזוכט אַמעריקע, אַרגענטינע, ראַטנפאַרבאַנד, שווייץ, פראַנק־רייך און ארץ־ישראל. אויף זיין וואַגל־וועג איבער די אַלע קאָנטינענטן, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיטן ייִדישן גורל, און שפּעטער האָט ער עס — אין זיינע גייסטרייכע אַרטיקלען — צעטראָגן ווי אַ בשורה פון אונדזער זיין.

און פּונקט ווי ס'איז געווען פאַרצווייגט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, איז ער אויך געווען טעטיק אויף דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן געביט: באַטייליקט זיך אין דער ייִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ (אַ סברה, אַז ער איז געווען דער מחבר פון דער טשערנאָוויצער רעזאָלוציע); געווען דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים, פאַרזיצער פון „וואַרשעווער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין" און אויף אַנדערע קולטור־אַפּשניטן.

כאַפּנדיק הייַנט אַ בליק אין נאָמבערגס שאַפונגען, זעען מיר, אַז אַ סך פּראָבלעמען וואָס ער האָט באַרירט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, שטייען נאָך עד־היום אין דער גאַנצער שאַרפקייט ווי דער קינסטלער האָט זיי אַוועקגעשטעלט. דערפאַר אַזעלכע עפּעמערישע — און נישט צופעליקע — עלעמענטן אין אַ ריי שאַפונגען זייַנע. וויפל שטורעמס, וויפל בייזע און בלוטיקע געוויטערס זענען פאַרביי זינט ער האָט אָנגעשריבן דאָס אויבנדערמאָנטע ליד, און דאָך — זעען מיר נאָך הייַנט ווי „ס׳לויפן, ס׳יאָגן שוואַרצע וואָלקנס“...

שמואל ניגער

צו זיין פלוצעמדיקן טויט

שמואל ניגער איז געקומען אין דער ליטעראַטור מיט אַ היפּשן באַגאַזש וויסן. פון איין זייט — ישיבה, ווו ער האָט געשמט אַלס עילוי; געהאַלטן ביי סמיכה אויף רבנות, און פון דער צווייטער זייט — וועלטלעכע בילדונג און רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט.

מיט אַט דער אָנלאָדונג האָט ער זיך באַוויזן מיט זיין פען אין יאָר 1903. דאָס איז געווען די שטורעם- און דראַנג־צייט, ווען דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן אַרויסרוקן אַלץ נייע און נייע פּראָבלעמען. אויך דאָס יידישע לעבן האָט אַרויס־געדרוקט אַלגעמיינע און אויך יידישע פּראָבלעמען. אויף דער יידישער גאַס האָבן געשנירלט צוויי הויפּט־שטראָמען: דער נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישער און דער סאָציאַל־רעוואָלטירנדיקער. די רוסישע און אויך יידישע גאַס האָט זיך געגרייט... די לופט האָט געשמעקט מיט ערב רעוואָלוציע.

אין דער־אַ קאָכיקער צייט האָט ניגער אָנגעהויבן שרייבן אומלעגאַלע פּראָקלאַמאַציעס און אויפרופן פאַר דער ס.ס.־פּאַרטיי (סאָציאַליסטן־ציוניסטן), ווו ער איז געווען אַ פירנדיקער חבר.

אַרום 1906 האָט ניגער אָנגעהויבן ווי אַ פובליציסט אין דער העברעישער שפּראַך, אָבער ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און ער איז אַריבער צו יידיש. מחמת אין יידיש, אין דער יידישער ליטעראַטור האָט ער דערזען אַ געזעלשאַפט־לעכע און נאַציאָנאַלע שליחות, וואָס איז בכוח אויפצוהייבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון יידישן פאָלקס־מענטש. דער יידישער לייענער האָט געגאַרט נאָך נייע קוואַלן און פרישע זאַפטן — נאָך אַ ניי וואָרט. ניגער האָט גלייך באַנומען אַט די סיטואַציע און געשטעלט זיך פאַר אַ ציל אויסצוברייטערן די גרענעצן פון דער יידישער ליטעראַטור. ד. ה. — אַריינגעמען אַלע מענטשלעכע און דער עיקר: אַלע יידישע ווערטן. ניגער איז דאָן אַריבער צו ליטעראַטור־קריטיק, מחמת דורך דער קריטיק האָט ער געזען דעם וועג צו אַט דעם ציל. דורך דעם־אַ קאַנאַל האָט ניגער טאַקע אַריינגעבראַכט פרישע טענער און נייע פאַרבן אין דער ליטעראַטור.

— אין וואָס, אייגנטלעך, דריקט זיך אויס זיין אַנדערשקייט, זיין נייקייט? —

אין זיין אימאַנענטן צוגאַנג און אופן פון באַהאַנדלען אַ ווערק. ניגער איז צוגע־גאַנגען צו אַ ווערק מיטן גרעסטן יראת־הכבוד, מיט דער טיפסטער פאַרשטענ־דעניש סיי פאַרן שרייבער און סיי פאַר זיין שאַפונג. דאָס מיינט, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו אַ ווערק פון אינעווייניק. ער איז אַריינגעדרונגען אינעם קינסט־לערס געפילן־וועלט און אין זיין שאַפן, און אַרויסבאַקומען פון דאָרט די דין־דינסטע שטריכן פון זיין נשמה און דאָס וועזנטלעכע, דעם תמצית פון זיין שאַפונג. מיט גרויס אינטערעס האָט ער נאָכגעפאָלגט יעדן גאַנג, יעדן טראָט פונעם שרייבער. ס׳איז געווען גענוג, אַז ער זאָל דערזען אַ קוים־מערקבאַר שטראַלכל, אַ ניצוץ פון אַ קינסטלערישן אויפשפּראָץ אין אַ דערציילונג אָדער ליד, אַז ער זאָל דערויף אָנשטעלן זיין קריטיש פאַרגרעסערגלאָז, כדי דער לייענער זאָל עס בעסער דערזען. וואָס נאָך וויכטיק: ניגער האָט אויפגעדעקט, אַנטפּלעקט דעם שרייבער. ער האָט אַרויסגעצויגן די פּאָטענציעלע כוחות, וואָס האָבן געדרימלט ביי פיל פון זיי. נישט איינעמען געגעבן דעם אָנרעג.

אין זיינע אַרבעטן האָט ניגער אוטיליזירט אַלע מעגלעכע ליטעראַריש־קריטישע מעדיטאַציעס, אָבער אַלע זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט איין הויפּט־שטריך: לאָגיק. זיין קרעדאָ איז געווען: נישט איבערשאַצן, נישט אונטערשאַצן, נאָר — אָפּשאַצן. און ניגער האָט געשאַצט מיט דער פּרעציזסטער קריטישער מאָס און מיטן גרעסטן ישוב־הדעת: צוערשט האָט ער דאָס ווערק פאַנאַנדער־גענומען, צעגלידערט, אַנאַליזירט, אַנטפּלעקט די שיינקייטן און אָנגעוויזן אויף די בלויזן, און דאַן ערשט אַרויסגעטראָגן זיין דעפיניציע. און אויב דאָס באַהאַנדלטע ווערק האָט פאַרדינט אַ האַרבן פּסק, האָט ער דאָס אַרויסגעטראָגן אַזוי דיק, אַזוי סובטעל, אַז דער מחבר זאָל זיך פאַרטראַכטן, זאָל לערנען דערפון.

ניגערס פאָדערונגען צום קינסטלער זענען געווען שטרענגע, האַרבע, אָבער גערעכטע. נישט איינמאָל איז ניגער אויסגעשטאַנען שאַרפע אָנגריפן מצד די קריטיקירטע, אָבער ער האָט מיט עקשנות אָפּגעשלאָגן די אַלע אַטאַקעס און איינגעשטעלט זיך פאַרן קינסטלערישן אמת. אין פּועל־יוצא פון דער דאָזיקער איינשטעלונג האָט ער געזען די פאָרמירונג און געשטאַלטיקונג פון דער מאָדער־נער יידישער ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין פעיק צו פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דעם סימפאָניע־אָרקעסטער פון די אייראָפּעישע ליטעראַטורן. פאַר דעם האָט שמואל ניגער געקעמפט.

זייער שאַרף האָט ניגער באַקעמפט דעם קאָנוועניאַנס, ווי דאָס פערוועזע. ער האָט אויך נישט געהאַלטן פון קונסט לשם קונסט. פאַר אים איז קודם־כל וויכטיק געווען די אידייאישע אַנלאָדונג, די געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וואָס זענען געשפּאַנט אינעם ווערק. דערפאַר האָבן ביי אים געפונען אַזאַ שטאַרקן רעזאָנאַנס די ווערק, וואָס דריקן קינסטלעריש אויס סאָציאַל־עטישע פּראָבלעמען און אידייען. (זע ניגערס אַרבעט וועגן דוד פּינסקין אין זיין בוך „דערציילערס און ראָמאַניסטן" און וועגן ה. לייוויק אין זיין פונדאַמענטאַלן בוך: „ה. לייוויק").

ער האָט אויך נישט פאַרטראָגן דאָס אַבסטראַקטע שרייבן, ווי דאָס רעדן מיט

נישט־דערזאָגטע רייד, מיט רמזים. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז ער האָט געפּריי־דיקט דעם נאַקעטן רעאַליזם. קלאָרקייט — יאָ. אָבער נישט די קלאָרקייט, נישט דעם רעאַליזם, וואָס דערגייט ביז טרוקענע פאָטאָגראַפיע. ניגער האַלט, אַז „קלאָרקייט איז אַ מעלה אין קונסט. אָבער נאָר דאַן, ווען זי איז אַ מיטל אויפ־צודעקן עפּעס פאַרבאָרגנס, ניט ווען זי זעט אויס צו זיין אַ ציל פאַר זיך אַליין. איך האָב זיך געלערנט צו שעצן די קינסטלערישע קלאָרקייט, וואָס רייסט ביי מיר פון האַרצן אַרויס אַן אַנטציקונגס־געשריי: „אָ, איך האָב עס פריער נישט געזען!״ נישט יענע קלאָרקייט, וואָס מאַכט מיך אויסשרייען: „איך האָב עס אַליין פיל מאָל געזען!״ דאָס, וואָס מיר זעען אַליין אין לעבן, זוכן מיר נישט, דאַרפן מיר נישט זוכן אין ליטעראַטור. מיר פאַרלאַנגען פונעם קינסטלער, ער זאָל מאַכן פון לעבן נישט ווידער אַמאָל — „לעבן״, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז מער און אַנדערש ווי די געוויינלעכעווירקלעכקייט: מיר פאָדערן פון קינסטלער אָריגינאַל, נישט קאָפּיע״. („דערציילערס און ראָמאַניסטן״ ז. 273).

צו ניגערס אַ מיינונג האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט אַלע — סיי זיינע טרייע תלמידים און סיי זיינע קעגנער. דאָס באַווייזט אויך אויף די גרויסע השפּעה וואָס זיין קריטיק האָט געהאַט אויף פיל שרייבער. און נישט קיין חידוש: ניגער האָט מיט גרויס ערודיציע אויסגעטייטשט דעם שרייבער, צוגעגעבן אַ פּירוש, צומאָל — דערגאַנצט, ממלא געווען. און פּונקט ווי ער האָט געקענעלט די טיפע תורה פון שרייבן שיין, עכט — קינסטלעריש, אַזוי האָט ער אויך געלערנט דעם לייענער פאַנאַנדערקלייבן זיך צווישן אַ ריינעם און אַ פאַלשן טאָן, צווישן קונסט און פּסיידאָ. ער האָט אויסגעאַרבעט ביים לייענער אַ חוש צו קענען געניסן פון די קינסטלערישע ווערטן אין דער יידישער ליטעראַטור. ניגערס קריטיק איז, אַזוי אַרום, געוואָרן אַ שולע סיי פאַרן מחבר און סיי פאַרן קאָנסומענט, דעם לייענער.

ש. ניגער האָט אויך געשאַפן אַ נייעם שפּראַך־מעדיום, אַ נייעם סטיל, וואָס ער האָט דערהויבן ביז קלאַסישקייט. דאָס האָט אים אַ סך צוגעהאָלפן און דער־מעגלעכט צו דערהייבן אַ סך פון זיינע אַרבעטן צו גרויסע קינסטלערישע און עטישע ווערטן. ניגערס גרונטיקע ווערק איבער מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, פּינסקי, אַש, לייוויק און אַנדערע, זענען ביזן היינטיקן טאָג די בעסטע, די פונדאַמענטאַלסטע. ס'איז אַן עסטעטישער גענוס צו לייענען זיי. אַ דאַנק ניגערן האָבן מיר נענטער און טיפער דערקענט אונדזערע קלאַסיקער און אַלע איבעריקע געשטאַלטיקער פון דער יידישער ליטעראַטור.

שמואל ניגער, וואָס האָט אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר געטראָגן די קרוין פון דער יידישער קריטיק, האָט אויך געטראָגן די קרוין פון יידישן וואָרט — פון יידיש. שוין זיינע ערשטע יידישיסטישע אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער העברעאישער פּרעסע, זענען געווען געשריבן מיט אַזאַ ערודיציע, אַז זיי האָבן געוועקט דרך־ארץ אַפילו אינעם לאַגער פון די קעגנער פון יידיש. ניגער איז געווען אַ טיפער מאמין אין יידיש, ייד און

יידישקייט — נישט אינעם טעאָלאָגישן זין — ווייל ער האָט געגלויבט אין די פּאָטענציעלע גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן, וואָס ליגן באַהאַלטן אין אונדזער געשיכטע. און יעדער נעגאַציע אָדער איגנאָראַנץ האָט ביי ניגערן געמיינט — אַוועקגיין פון די אייגענע קוואַלן. דערפאַר האָט ער אַזוי שטאַרק באַקעמפט דעם איינשטעל פון אַ געוויסער שיטה אין ישראל, וועלכע האָט אָנגעהויבן נעגירן, צומאָל: פאַרלייקענען די גרויסע נאַציאָנאַלע ווערטן פון צוויי טויזנט יאָריק יידיש לעבן אין גלות. אַ שיטה, וועלכע האָט זיך „געשטעלט מיטן פּנים צו אַ פריערדיקער אַ כמעט פּרעהיסטאָרישער עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע, מינימיזירנדיק אָדער אינגאַנצן פאַרלייקענענדיק דעם גרויסן ווערט פון די שפּעטערישע אַנטוויקלונגען, וואָס עס האָבן געבראַכט מיט זיך שפּעטערדיקע היסטאָרישע תקופות". ניגער ווייסט ווויל, אַז „אין ארץ ישראל איז געשטאַנען אונדזער וויגבעטל" אָבער „אויסגעוואַקסן ווי אַ פאָלק זענען מיר אין דער וועלט, אין גלות".
(ש. ניגער: „ישראל — פאָלק און לאַנד". ז. 12).

די־אַ מחשבותן באַאומרואיקן ניגערן און ער וואָרנט קעגן יעדער גייסטיקער און מאָראַלישער אַסימילאַציע. נישט נאָר ער וואָרנט, נייערט — ער פּרוווט אויך ווירקן קעגן דעם אויף אַ ממשותדיקן אופן; ער ווערט רעדאַקטאָר פון „קינדער־זשורנאַל" און טראָגט אונטער פאַר די קינדער פון די יידישע שולן, די שמעקעדיקע בלומען פונעם שיינעם יידישן גאָרטן — די גייסטיקע אוצרות פון יידישן פאָלק. ניגערס וואָרענונג קעגן אַסימילאַציע באַציט זיך אָבער נישט בלויז צום גלות. זי קען קומען אומעטום. ער ווייסט, אַז „נישט בלויז „אין דער פרעמד", ווי אַ מיעוט, אויך אין זיין אייגענעם לאַנד, אונטער זיין אייגענער פאַן, קאָן אַזאַ פאָלק, ווי דאָס יידישע, זיך אַסימילירן — מאָראַליש". (דאָרט, ז. 10).

ווי פריער געזאָגט, איז ניגער געווען אַ טיפער מאמין אין יידיש, אָבער ווי אַ תלמיד־חכם פון מזרח־אייראָפּעישן שניט, פאַרזעט ער אויך נישט העברעיש. שוין אָפּגערעדט — פון נעגירן. פאַרקערט מיט דער גרעסטער ערודיציע פאָרשט ער אויס די באַדינגונגען, סביבה און געשיכטע פון צוויי שפּראַכיקייט ביי אַנדערע פעלקער און ביי אונדז; ער ברענגט ראיה נאָך ראיה פון דער אַלט־העברעישער און אַלט־יידישער ליטעראַטור און קומט צום אויספיר, אַז צוויי שפּראַכיקייט ביי יידן איז אַן איינגעשטעלטע זאַך, אַ טראַדיציע, וואָס ציט זיך פון קדמונים. ער האַלט, אַז אונדזערע ביידע שוועסטער־שפּראַכן העברעיש און יידיש זענען אַ זיווג מן השמים. נישט נאָר וואָס זיי שטערן זיך נישט, נאָר אדרבא: ביידע שפּראַכן האָבן זיך אָפּגעפרישט, פרוכפּעריקער געוואָרן. ווי אַ ביישפּיל ברענגט ניגער אונדזערע שרייבער, די ראשונים, וועלכע זענען געווען אָנגעלייגטע געסט אין ביידע שפּראַכן. מענדעלעס יידיש — זאָגט ניגער — איז „באַשטראַלט געוואָרן מיט דער בכבודיקייט, מיט דעם יחוס פון לשון־קודש, פון דעם זעלבן אַלט־העברעיש, וואָס ער האָט אָפּגעפרישט מיט די חיות־טראָפּנס פון יידיש".
(„די צוויי שפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור", ז. 113).

פון די געבראַכטע קורצע שטריכן צו שמואל ניגערס געשטאַלט איז צו

זען, אַז דער נעסטאָר פון דער יידישער ליטעראַטור האָט, פון איין זייט, געטראָגן אין זיך די טיפע זאָרג און אחריות פאַר דער פאָרמירונג און געשטאַלטיקונג פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, און פון דער צווייטער זייט, איז ער געווען באַשטראַלט מיט אַ טיפן גלויבן אין די פּאָטענציעלע גייסטיקע און מאָראַלישע כוחות פון יידישן פאָלק. ער האָט אויך געגלויבט אין דער וועלט און אין מענטש. און הגם פרצעס זאָג, אַז „די וועלט האָט אַ האַרץ" האָט זיך אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר אַ שטאַרקן וואַקל געטאָן, האָט ניגער פון דעסטוועגן, נאָך אַלץ געזען דאָס אינעווייניקסטע ליכט פון דער וועלט.

נישט אָפּצושאַצן די גרויס פון זיין פערזענלעכקייט און דעם באַטייט פון דער אבידה פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

דב סדן

„די חכמה פון חכמות" — 1967

אַז דב סדן איז אַ שפּראַכפאָרשער און אַ פאָלקלאָריסט בחסד עליון איז שוין אַ שם־דבר אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. דער עיקר האָט ער זיך קונה־שם געווען מיט זיינע צוויי אַנעקדאָטן־ביכער „קערת־צימוקים" און „קערת־אגוזים", וועלכע נעמען אַריין — יעדער פון זיי — אַקוראַט צו טויזנט און איין אַנעקדאָטן. איז דער ציפער דאָרט, מיין איך, נישט בלויז רמז אויף די „טויזנט־און־איין־נאַכט־מעשהלעך", נאָר ביידע ביכער, סדנס, זענען טויזנט־און־איין־פלאַי־פלאַימדיקע שאַרפזיניקע, חנעוודיקע אַנעקדאָטן, און אַז איר ווילט: מעשהלעך.

אָבער צוניפשטעלן פון 27 גרונט־ווערטלעך אַ בוך „די חכמה פון חכמות" דאַרף מען האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער (בלשון סגי־נהור וואָלט איך געזאָגט: אַ בייזע גבורה). און טאַקע: וואָסער ראָלע שפּילן דען 27 ווערטלעך אינעם גרויסן ים פון יידישן פאָלקלאָר. און דאָך — אַ גאַנץ בוך, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט שאַרפזין און פאָלקס־חכמה.

און דאָס איז נישט קיין ספּאָראַדישע, אָדער אימפּראָמפּטו־שאַפונג, נאָר אַ גרונטיקע אַרבעט נישט אָפּצופרעגן; אַן אַרבעט וואָס איז פאַרזען מיט אַן אַ שיעור דערקלערונגען, פאַררופעכצער, פאַרגלייכונגען און וואַריאַנטן — אַ מאָרודנע אַרבעט וואָס האָט געפאָדערט אַ סך קענטעניש און אויסדויער. און פאַר דב סדנען זענען אָפן טיר און טויער פאַר אַזאַ אַרבעט: סיי איז פאַר אים נישט פאַרהוילן קיין איין פּעלבעלע פון אונדזערע צוויי לשונות — יידיש און העברעיש — סיי איז ער אַ ווילקענער פון פרעמדע שפּראַכן, און סיי איז ער אַ בן־בית אין דער פאָלקלאָריסטישער וויסנשאַפט.

דב סדנס וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג צום באַהאַנדלטן שטאָף איז אַ גוט־דורכגעטראַכטער און וואָס גאָר וויכטיק — ער אַרבעט מיט אַ סיסטעם: זוכט, פאָרשט, ברענגט ראיה נאָך ראיה און ווייזט־אָן אויף אַלע גילגולים וואָס דאָס ווערטל האָט אַדורכגעמאַכט. דאָס מיינט שוין: די גענעזע, די מעטריק פונעם ווערטל. ממש אַ נחת זיין שפּיגלען זיך אין דינסטן קנייטש פון אַ ווערטל, זיין הבנה פאַרן מינדסטן שפּליטער פון אַ וואַריאַנט.

נישט קיין חידוש, בכן, וואָס אַוועלכעס בלעטל איר זאָלט נישט אויפמישן, פינקלט אַן אבן־טוב, אַ בריליאַנטן פאָלקס־ווערטל. אַמאָל מיט אַ משל און פאַרשטייט זיך מיט אַ נמשל, אַמאָל מיט אַ רמז און אַמאָל מיט אַן אָפּענעם מיין. ווי האָט געזאָגט די באָבע אָסנע — אין ליכטיקן גן־עדן זאָל זי זיין: „ריידעלע יאַק ריידעלע, אַבי דאַברע מיינעלע".

דער פאָלקלאָר ביי יידן איז זייער אַן אַלטער. ציט זיך, קאָן מען זאָגן, פון קדמונים. נישט פאַראַן קיין געשעעניש, סיטואַציע, געלעגנהייט, וואָס זאָל זיך נישט אָפּשפּיגלען און געפינען אַן אָפּקלאַנג אינעם פאָלקלאָר. נישט קיין חידוש וואָס דער יידישער פאָלקלאָר פאַרנעמט אַזאַ חשוב אָרט אין דער פאָלקלאָר־ריסטישער וויסנשאַפט אין גאָר דער וועלט. דערהויפּט — ווערטלעך און גלייכווערטלעך. עס איז פעסטגעשטעלט, אַז דער ייד איז מלא וגדוש מיט שאַרפזין און חכמה. די פּיקחות פון אַ יידיש ווערטל איז נישט צו שאַצן, מחמת אַ יידיש ווערטל איז „שפּיציק און קיילעכדיק און טרעפט אין סאַמע פּינטל". נישט אומזיסט זאָגט מען: „אַ פאַטש פאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט".

קאָן זיין, אַז פאַר אַ נישט־באַהאַוונטן אין הילכות פאָלקלאָר, וועט סדנס בוך פּירקומען אַ ביסל צו טרוקן — ווי געוויינלעך ביכער פון דעם שניט; קאָן אויך זיין — ס'זאָל אַזוי נישט טרעפן ווי ס'טרעפט — אַז אַזאַ איינער זאָל אַ זאָג־טאָן: אַלטפרענקישע זאַכן, באָבע־מעשיות, אָדער: ווערטלעך פון פאַניאַ־טאָוסקיס צייטן. אָפּגעפּסקנט, אַוועקגעלייגט דאָס בוך און יוצא געוועזן.

אַזוי אויבנאויפיק. זאָל ער אָבער זיך מטריח זיין און דורכקוקן די זעלבע זייט מיט אַ ביסל מער געדולד, מיט קאָפּ, וועט ער קומען צו גאַנץ אַנדערע מסקנות. ער וועט דאָרט דערהערן באַקאַנטע ווערטלעך, וואָס וועלן אים צוריקפירן צו זיין סביבה, צו זיינע היימישע, און ער וועט זיך שוין לאַשטשען, טוליען צו זיי ווי מען טוליעט זיך צו אַ נאָענטן, אייגענעם מענטשן; ער וועט ערשט דערפילן דעם קאַזיר, דעם גוטן טעם פון די ווערטלעך און עס וועט אים שוין ציען ווי אַ מאַגנעט אויפצומישן נאָך און נאָך אַ זייטל, ביז ער וועט איבערלייענען דאָס גאַנצע בוך. אַזאַ כוח שטעקט אין יידישן פאָלקלאָר — אין דב סדנס בוך.

שווער צו זאָגן, וועלכע אַרבעט אינעם בוך איז די בעסטע, וועלכע ווערטלעך זענען קלוגער, לאַגישער, סופּערלאַטיווער, אַז... אַלע זיי קומען פון איין קוואַל, אַלע זיי זענען עכט, נאַטירלעך — אַלע זיי טראָגן אַ פאָלקלאָריסטישע פּלאָמבע.

אַוודאי פאַרדינען זיי מען זאָל זיי דערמאָנען, אָבער דאָס וואָלט מיטגעשלעפּט אַ שווער־באַלאַדענעם צוג פאָלקלאָר. ווידער באַהאַנדלען זיי בחפזונדיק, שיקט זיך עפּעס אויך נישט. דאָך וועלן מיר זיך קורץ פאַרהאַלטן ביי געציילטע פון זיי. קודם־כל ביים גרונט־וואָרט „אַז עס קלינגט", וואָס נעמט אַרונטער צענדליקער ווערטלעך מיט אָן אַ שיעור פּאַראַלעלן, פּסוקים, קאָמפּאַראַטיוון און קלאָרע פּירושים, סדנס. לשם אילוסטראַציע וועלן מיר ברענגען בלויז פיר פון זיי: „אַז עס קלינגט איז חגא", „ער האָט געהערט קלינגען און ווייסט נישט

אין וואָס פאַר אַ קלויסטער״, „ער האָט געהערט קלינגען און קען עס נישט נאָכזינגען״, „אַז מען קלינגט איז חגא אָדער טרעוואָגע״. דוכט זיך: איין גרונט־טעמע און דאָך ווי אַנדערש איז דער מיין, דער זין פון יעדן ווערטל באַזונדער. דאָס זעלבע מיט אַלע איבעריקע ווערטלעך, וואָס מען קען זיי מיט קיין צען העק נישט אויסהאַקן. פאָלקס־כוח.

לשם קלאָרקייט וויל איך דאָ עפּעס צוגעבן צום ווערטל „אַז עס קלינגט״. אויף זייט 61 ברענגט פּראָפ׳ סדן עטלעכע נוסחאות פון דעם ווערטל, צווישן זיי: „ער האָט געהערט קלינגען און ווייס נישט אין וואָס פאַר אַ וואַלד״. לפי עניוות דעתי טראָגט דאָס ווערטל אַ פרעמדן שטעמפּל אויף די ליפּן, מחמת פאַר אַ יידיש אויער רוישט דאָ דער וואַלד נישט נאַטירלעך. אַ פאָלקס־ווערטל איז, באָווף, נישט משוגע, איז נישט סתם־אין־דער־וועלט־אַריין געוואָרפן, נאָר האָט תמיד אַ זין און איז אונטערגעשפּאַרט כאָטש אויף אַן עוקץ לאָגיק. איז ווו טראָגט־אויס דער שכל אויפצוהענגען גלעקער אין אַ וואַלד? שוין געזען אַ קלויסטער אין אַ וואַלד? אין אַ וואַלד טשאַטעווען גזלנים, רחמנא־לצלן... באשר דער בריוו פון ר׳ שמעון הלוי בלאָך צו ר׳ יעקב שמואל ביק? — איז עס נישט קיין זיכערער באַוויז. ווייניק פאַרדרייענישן, כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, טרעפט ביי היסטאָריקער, וויסנשאַפטלער? ס׳זאָל אַזוי נישט טרעפן ווי ס׳טרעפט. מאַלע וואָס מ׳שרייבט? דאָס פאָלק האָט אַ געזונטן חוש און רעדט קלאָר: „ער האָט געהערט קלינגען און ווייסט נישט אין וועלכן קלויסטער״ אָדער „אין וועלכן דאָרף״. דערפאַר איז מיר נאָענט מאַרטין לוטערס וואַריאַנט. אויך אין מיין געבוירן־שטאָט, ראָדעם, האָט מען געזאָגט: אין וועלכן דאָרף.

אגב, האָבן די קלויסטער־גלאָקן אַרויסגערופן אין מיין זכרון אַ קאָלעקטיוון קינדער־שפּיל, וואָס איך האָב געהאַט איבערגעשיקט אין ווילנער ייוואָ.

ערשטער: ס׳קלינגט!
צווייטער: (קלאָמפּערשט מיט שטוינונג) ווי? (ווו).
אַלע: אין טימע, אין טימע, אין טימע.
ערשטער: ס׳ברענט!
צווייטער: (מיט שטוינונג) ווי?

אַלע: ביים גאַלעך, ביים גאַלעך, ביים גאַלעך.

וואָס פאַראַ שפּיל דאָס איז געווען, געדענק איך שוין נישט. כ׳דערמאָן זיך נאָר אַז די ווערטער טומאה און גלח האָט מען שטאַרק אַקצענטירט און געצויגן לאַנג, איינטאָניק — פונקט ווי דאָס קלינגען פון קלויסטער־גלאָקן.

און אַז עס איז שוין יאָ צו רייד געקומען וועגן קלויסטער־גלאָקן איז, מיין איך, איבעריק אָנצוווייזן, אַז די דאָזיקע גלאָקן האָבן אָנגעוואָרפן שרעק אויף יידן. תמיד אַזוי. (זע: סדן, זייט 55). די אַסאָציאַציע: אינקוויזיציע, שמד און סתם חגאות, וואָס האָבן נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס פאַר יידן. טרויעריקע דער־

מאָנונגען. נישט קיין חידוש, בכן, וואָס די „קירכן־גלאָקן" וויברירן אַזוי שאַרף, אַזוי דראָענדיק אינעם באַקאַנטן ליד פון אונדזער גרויסן דיכטער אברהם רייזען:

אַך, וואָס קלינגט איר קירכן־גלאָקן!
הערט שוין אויף! גענוג געשראָקן

נישט צו חידושן זיך, וואָס אין אַנבליק פון יודאָפאָבישן דרויסן, וואָס האָט געשפּרייט אַטאַוויסטישע שנאה צום יידן; וואָס האָט דערבראַכט דערצו, אַז אויף דעם יידישן קינד זאָל פאַלן אַזאַ אימה ופחד, אַז עס זאָל מורא האָבן אַרויסצושטעקן דאָס נעזל, ווען עס האָט געהערט קלינגען — אַז אַט דאָס קינד זאָל זיך בונטעווען, קעגנשטעלן זיך, באַדיי מיט אַ לידעלע, וואָס ער האָט שטילערהייט געשעפּטשעט, ווען די קלויסטער־גלאָקן האָבן זיך צעקלונגען אין אַ פּראָסטן טאָג:

אינדזער זייגער — זייער פּייגער

קאָן זיין, אַז די געבראַכטע שורה — פון אַ סך געגראַמטע שורות — האָט אויך אַ שייכות צום ווערטל „אַז עס קלינגט איז אָדער דער זייגער אָדער אַ פּגר" (סדן: סוף פון זייט 62 און אָנהייב 63).

אַ זייער אינטערעסאַנטע און כמעט אויסשעפּיקע אַרבעט איז דאָס בינטל „מעסערשטעך", אָווירט מיט אַ מטמון וואַריאַנטן, דערקלערונגען און פּירושים. מען קאָן משער זיין — און ס'איז טאַקע קלאָר — אַז דער חשובער מחבר האָט דאָ אויסגענוצט אָן אַ שיעור געדרוקטע מקורות דאָ און דאָרט, און מסתמא דאָס אַלץ וואָס האָט אַרויסגעקוואָלט פון אייגענעם זכרון. בכן: אַ פאַרלאָזלעכע אַרבעט. דאָך האָב איך פריער געניצט — און נישט צופעליק — דאָס וואָרט כמעט, מחמת ביים בעסטן ווילן און ביים גרעסטן אָנשטרענג, איז מען נישט בכוח אַלץ אויסצושעפּן. תמיד בלייבט עפּעס מוסיף צו זיין. און דאָס דערפאַר, ווייל ערגעץ־ווו קאָלערט זיך נאָך אַן אומבאַקאַנטער וואַריאַנט אינעם פאָלקס־מויל.

אַט האָב איך אַנומלט געהערט פון פרוי בעטי הערשקאָוויטש אין חולון (שטאַמט פון רומעניע) „פריער זענען זיי געווען אַ גאַנץ היטל צוקער, און איצט זענען זיי געוואָרן אויף מעסערס". מעגלעך, אַז דאָס ווערטל איז אויך באַקאַנט מחוץ די גרענעצן פון רומעניע — פאַר מיר איז דאָס געווען ניי. אגב, שלעפּט דאָס ווערטל מיט מיט זיך אַ „שטעך־בעטל", וואָס כ'האָב צופעליק געהערט: אַנומלט זיץ איך אין סעקרעטאַריאַט פון „אַרבעטער־רינג" אויף קאַלישער 48 און ס'קומט צו רייד וועגן ווערטלעך אויף שלאָגן, האַקן, שטעכן — פרעגט מיך די סעקרעטאַרין דאָרט, דינה שיין: און אַ „שטעך־בעטל" האָט איר געהערט? — ניין, בין איך זיך מודה. דערציילט זי: ביי זיי אין נייסאַנץ האָט מען געזאָגט אויף אַ נישט־באַקוועם געלעגער אַ „שטעך־בעטל". פון איר באָבען צביהלע, וועלכע האָט געשטאַמט פון בריגל, לעבן קראָקע, האָט זי געהערט וועגן דעם אַזאַ דערקלערונג: ווען דער הימל איז רויט איז אַ סימן, אַז מען ברענט און בראָט די רשעים אין גהינום אויף שטעך־בעטלעך, וואָס זעען אויס ווי צוויי גרויסע אייזערנע גאָפּלען פאַרפלאָכטן איינער אין אַנדערן מיט די ציין קאַפּויער.

נון, מה דאַך אַז בלויז צווײ — פון צווישן 27 — ווערטלעך האָבן אונדז אַזוי פאַרכאַפּט און אַזוי אינספּירירט, מכל שכן — דאָס גאַנצע בוך, סדנס, וואָס איז כולו חכמה, כולו פענאָמען.

אויב אַזוי — האָט מיר אַ רופע געטאָן אַ געדאַנק: אפשר וואָלט פּאַרט נישט שפּעט געווען צו אינספּירירן אַ געזעלשאַפטלעכע זאַמל־אַרבעט פון יידישן פאָלקלאָר ביי די אַלע, וואָס געדענקען נאָך עפּעס? מאָרגן קאָן זיין שפּעט. אגב, האָט דער דאָזיקער געדאַנק אַרויסגעפּירט אויף דיגרעסיעס און דערוועקט אַ נאָסטאַלגיע נאָך יענע יאָרן, ווען צענדליקער ענטוזיאַסטן האָבן זיך אַרויסגעלאָזן, אין שליחות פון ייוו״אָ, איבער די פּוילישע שטעט און שטעטלעך צונויפצוזאַמלען דעם יידישן פאָלקס־אוצר אין איין שפּייכלער, וואָס האָט זיך געפונען אויף וויוואָלסקי גאַס נומער 18, אין ווילנע.

נעפּלט אין זכרון: לאַנגע ווינטער־נעכט איבער די וואַרשטאַטן צווישן אַרבעטער, איבער די קראָמען, אָדער אין בית־מדרש ביים איינגעהייצטן אויוון צווישן זקנים, בטלנים, אָרעמע לייט, וועלכע האָבן געשיט מיט ווערטלעך ווי פון אַרבל אַרויס און אַנדערצײלט מעשיות, אַז אָדער האָר און נעגל האָבן זיך געשטעלט קאַפּויער, אָדער מען האָט געלעקט די פינגער נאָך זיי. גאָלדענער נוסח אשכנז.

און דווקא היינט, ווען דאָס יידישע לעבן איז געוואָרן איבערגעפּוסחט — אָדער האָט אינגאַנצן נישט קיין נוסח — איז געווען אַ גרויסע חכמה פון דב סדנען אַרויסצוגעבן „די חכמה פון חכמות״. טאָ לאָמיר האָפן — ווי עס האָפט דער מחבר — אַז זיין ערשטלינג־בוך פון דעם סוג „וועט זוכה זיין צו אַ היפשע כאָפּטע ברידערלעך״. אַזעלכע ביכער וועלן באַרייכערן אונדזער פאָלקס־קולטור.

אברהם סוצקעווער

פאַר זיין באַזוך אין אַרגענטינע

„אַרגענטינער ביימעלעך“, 1951

היינט, קינדער, וועל איך אייך דערציילן וועגן באַרימטן יידישן דיכטער אברהם סוצקעווער. אַזוי אָבער ווי עס איז פאַראַן אַ ווערטל: „ווילסטו דעם דיכטער פאַרשטיין, דאַרפסטו אין זיין לאַנד גיין“, וועל איך פריער דערציילן וועגן דיכטערס שטאָט, וואָס הייסט: ווילנע.

נישטאָ נאָך אַזאַ שטאָט אין דער וועלט, וואָס זאָל האָבן אַזאַ שם ווי ווילנע.

פאַרוואָס? — נישט אומזיסט: ווילנע האָט פאַרמאָגט די עלטסטע און גרעסטע יידישע ביבליאָטעק — „סטראַשון־ביבליאָטעק“; אין ווילנע איז אַנטשטאַנען דער „יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט“ — „ייוואָ“; ווילנע האָט זיך געיחוסט מיטן ערשטן יידישן לערער־סעמינאַר און מיט דער אַספּיראַנטור א. נ. פון צמח שבד ז״ל; דאָרט זענען דערשינען די שיינע קינדער־זשורנאַלן „גרינינקע ביימעלעך“ און „חבר“ (וואָס זייער רעדאַקטאָר איז געווען שלמה באַסטאָמסקי); ווילנע האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם יידישן ליטעראַטן־פאַראיין, אַ פּען־קלוב און אַ יונגע ליטעראַרישע גרופּע „יונג־ווילנע“, וואָס האָט אַרויסגעגעבן גרויסע שרייבער און דיכטער, און דער עיקר: דעם דיכטער־דריילינג: גראַדע־סוצקעווער־וואָגלער.

נישט אומזיסט זאָגט דער באַקאַנטער דיכטער, מלך ראַוויטש אין זיין בוך „מיין לעקסיקאָן“: „אַז ווילנע איז פאַראייניקט געוואָרן מיט פּוילן, האָט זיך דאָרט אַהין — קיין ווילנע — אַריבערגעטראָגן דער אָרון־קודש פון דער יידישער ליטעראַטור אין מזרח־אייראָפּע“.

אַ קליינינקייט: „ירושלים דליטא“! אַזוי האָט מען גערופן ווילנע ביז... ביז די היטלעריסטישע חיה־רעה האָט אָנגעיאָגט מיט ווילדער רציחה אויפן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום און אויך אויף דער ליבער יידישער שטאָט ווילנע.

אָבער אויך אין די שרעקלעכע געטאָ־יאָרן האָט ווילנע נישט פאַרשעמט: אין די סאַמע שווערסטע טעג, ווען דער טויט האָט געלויערט אויף טריט און שריט, האָט ווילנע געפייערט אַ יובל פון אַרויסבאָרגן דאָס הונדערט־טויזנטדיקסטע בוך פון דער געטאָ־ביבליאָטעק.

און איצט, אַז איר קענט שוין די שטאָט פונעם דיכטער, וועל איך אייך דערציילן וועגן דיכטער אירן:

אברהם סוצקעווער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1913, אין סמאָרגאָן, פּוילן. זיין פאָטער, הערץ האָט געשמט פאַר אַ גרויסן תלמיד־חכם און געהאַט סמיכה אויף רבנות. אָבער ער האָט זיך מיט דעם נישט אָפּגעגעבן, נאָר געוואָרן אַן אייגנטימער פון אַ לעדער־גאַרבעריי. זיין זיידע, ר׳ שבתי פיינבערג (פון דער מוטערס צד) איז געווען רב אין מיכאַלישאָק און אַרויסגעגעבן דאָס באַקאַנטע ספר „אורח־חיים״ מיט אַ פּירוש „מפיקי־מגינים״. דאָס דאָזיקע ספר האָט, זיינער צייט, געהאַט אַ גרויסן שם אין דער רבנישער וועלט.

ווען אברהם איז אַלט געווען איין יאָר איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. סמאָרגאָן איז אַוועק מיטן פייער. דער משפּחה סוצקעווער געלינגט צו אַנטלויפן קיין אָמסק, סיביר. דאָרט לערנט ער ביי אַ מלמד, וואָס קומט צו זיי אין שטוב אַריין. אין זיין קינדהייט האָט אברהם גערעדט קירגיזיש, ווייל דאָס איז געווען די שפּראַך פון יענער סביבה.

אין יאָר 1921 איז דער פאָטער זיינער געשטאָרבן אין אָמסק. די פאַריתומטע משפּחה קערט זיך צוריק נאָך פּוילן און באַזעצט זיך אין ווילנע. ביזן יאָר 1926 לערנט אברהם סוצקעווער אין דער ווילנער תלמוד־תורה „בית־יהודה״ און שפּעטער אין אַ יידיש־פּוילישער גימנאַזיע, ווו ער איז געווען פאַררעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע שילער. שוין אַלס ייִנגל האָט ער געשמט פאַר אַ וויל־קענער און זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גוטן קאָפּ און שאַרפן זכרון. נאָך זייער יונג האָט ער אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינטלעכע פעאיקייטן.

ביי פופצן יאָר הייבט ער אָן שרייבן לידער. זיין ערשטער דעביוט איז אָבער געווען אין 1934. דאָס זענען געווען די ערשטע קינסטלערישע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור.

מיט דריי יאָר שפּעטער דערשיינט זיין בוך „לידער״, וואָס ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די בעסטע יידישע ליטעראַטור־קריטיקער.

ווען עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה און ווילנע גייט אַריבער צו די ליטווינער, דערשיינט זיין צווייט בוך לידער „וואַלדיקס״. שפּעטער, ווען ליטע ווערט סאָוויעטיש, ווערט סוצקעווער דער דירעקטאָר פון ווילנער ראַדיאָ און גרייט צו אַ בוך איבערזעצונגען פון גרויסן פּוילישן דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש. אין טאָג ווען דאָס בוך גייט אַריין אין דרוק־מאַשין דרינגען אַריין די דייטשע מערדער קיין ווילנע. ווילנע ווערט באַמבאַרדירט און פון די לידער איז נישט געבליבן קיין זכר.

סעפּטעמבער 1941 ווערט סוצקעווער פאַרטריבן אין ווילנער געטאָ. סוצקעווער איז אָבער אַ בונטאַר און ער דורשט נאָך רעוואַלט, נאָך נקמה אין די דייטשע מערדער, וועלכע האָבן אומגעבראַכט זיין מוטער און זיין קינד, הערץ. ער טרעט דאַן אַריין אין דער „פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע״. אין געטאָ

שרייבט ער אַ סך און באַקומט די ערשטע ליטעראַטור־פּרעמיע פון ווילנער־געטאָ פאַר זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „דאָס קבר־קינד".

אברהם סוצקעווער געפינט זיך מיט נאָך אייניקע יידישע דיכטער אויף צוואַנגאַרבעט — ביים סאָרטירן די מאַטעריאַלן אין „ייוואָ" און אין דער „סטראַשון־ביבליאָטעק" — אונטער דער אָנפירונג פון טרויעריק־באַרימטן דייטשן וואַנדאַל אַלפרעד ראָזענבערג, ימח־שמו, וועלכער גרייט זיך אַוועקצורויבן דעם יידישן פאָלקס־אוצר פון ווילנע און אַריבערטראָגן אים אין זיין רעזידענץ — אויף דער טמא־ערד, דייטשלאַנד. טויזנטער דייטשע אויגן קוקן אויף די הענט פון די יידישע דיכטער, יעדער אומפאַרזיכטיקער באַוועג — טויט. דאָך געלינגט — ביי דער גרעסטער מסירת־נפש — אברהם סוצקעווערן צוזאַמען מיטן דיכטער פּאַרטיזאַן שמערקע קאַטשערגינסקי אָפּצוראַטעווען זעלטענע כתב־ידן, וויכטיקע אַרכיוו־מאַטעריאַלן און גאָר זעלטענע יקר־המציאותן. דער דאָזיקער אָפּגעראַטעוועטער אוצר געפינט זיך היינט אין דער ניו־יאָרקער צענטראַלע פון „ייוואָ" און טראָגט דעם נאָמען: „סוצקעווער־קאַטשערגינסקי־אַרכיוו".

ביי די לעצטע ליקווידאַציע־אַקציעס פון ווילנער געטאָ, געלינגט אים אַרויס־צורייסן זיך פון באַלאַגערטן געטאָ און צו פאַראייניקן זיך מיט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וואָס קעמפט אין די אַרומיקע וועלדער. ווען די ידיעה וועגן זיין אָפּראַ־טעווען זיך איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע, האָט מען אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלן עראָפּלאַן אויף יענער זייט פראָנט און מען האָט אים צוזאַמען מיט זיין פרוי, פרידע אַריבערגעפירט קיין מאָסקווע, ווו ער טרעט אַרויס אין ראַדיאָ מיט אַן אַפּעל צו די יידן פון גאָר דער וועלט צו באַטייליקן זיך אין קאַמף מיט די דייטשע מערדער.

נאָכדעם ווי די דייטשע אַרמיי ווערט צעשמעטערט און אין נירענבערג קומט פאָר אַ משפט קעגן די אָנפירער פון דער דייטשער רעגירונג און אַרמיי, טרעט אברהם סוצקעווער אַרויס מיט אַ באַשולדיקונגס־רעדע, וואָס מאַכט אַ שטאַרקן רושם אויפן אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל.

דורך פוילן איז סוצקעווער געקומען נאָך פּאַריז אין סוף פון יאָר 1946 און זיך באַטייליקט אין ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. מיט אַ יאָר שפּעטער רעפּרעזענטירט ער — צוזאַמען מיטן דיכטער חיים גראַדע — די יידישע ליטעראַטור אויפן פּען־קאָנגרעס אין ציריך.

אין סעפּטעמבער 1947 קומט ער מיט זיין משפּחה „אומלעגאַל" קיין ארץ־ישראל, ווו ער ווערט דער רעדאַקטאָר — צוזאַמען מיט א. לעווינסאָן — פון „די גאָלדענע קייט".

סוצקעווער האָט זייער ליב אַרומרייזן. ער האָט באַזוכט פראַנקרייך, בעלגיע, ענגלאַנד, האָלאַנד, שווייץ און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. לעצטנס האָט דער דיכטער אַרומגערייזט איבער אַפריקע און אָנגעשפּאַרט אַזש אין אוגאַנדע, ראָדעזיע, קעניאַ און אַפילו ביי די בושמענער, וואָס פאַרמאָגן איינגאַנצן נישט

קיין שפּראַך, נאָר קלאַפּן מיטן צונג אין גומען. ער האָט אויך אָנגעשפּאַרט אין דער מדבר קאַלעהאַרי צווישן די האָטענטאָטן און — אומגעריכט באַגעגנט אַ יידן פון ליטע, לייבע כאַר, וועלכער האָט שוין לאַנגע יאָרן נישט געהערט קיין יידישן קלאַנג. פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש מיט אַ יידן, וואָס רעדט יידיש, האָט לייבע כאַר זיך צעוויינט, פאַר פרייד, ווי אַ קליין קינד און איז אַריין אין אַזאַ עקסטאַז, אַז ער האָט געכאַפּט די ביקס פון וואַנט און — דערשאָסן אַ קליין, קליין טיגערל און מיטגעגעבן דאָס ווייס־ברוין געפלעקטע פעלעכל ווי אַ מתנה פאַרן דיכטערס טעכטערל, רינה.

דריי שעה בין איך געזעסן ביי אברהם סוצקעווערן אין שטוב אַרומגערינגלט פון אַפריקאַנער, אַביסיניער, האָטענטאָטן (אויסגעשניצטע פון ווייס־ברוינעם האָלץ), לייבן, טיגערס, העלפאַנטן און אַנדערע דזשונגל־איינוווינער און זיך צוגעהערט צום דיכטערס זייער אינטערעסאַנטע דערציילונגען וועגן לעבן און שאַפן פון די דאָרטיקע יידן, וועגן לעבנס־שטייגער פון די דאָרטיקע שבטים און וועגן די חיות וואָס לעבן אין באַרימטן „קרוגער־פּאַרק".

ווי שיין ער דערציילט וועגן זיין רייזע אויפן וואַסער צווישן קראָקאָדילן; וועגן די לייבן, וואָס זייערע גרויסע פּרעכטיקע קעפּ זעען אויס ווי שטראַלן פון דער זון; וועגן די ריזיקע היפּאָפּאָטאַמען, וואָס וואַרפן אָן אַ שרעק מיט זייער אומבאַגרייפלעכער גרויס, און וועגן דער מחנה העלפאַנטן, וואָס ער האָט געזען ביים שיין פון לבנה גיין צום ים מיט אַזאַ קראַפט, אַז די ערד האָט אַזש געציטערט (ביי דער־אַ דערציילונג כאַפּ איך אַ בליק אויפן ברוינעם העלפאַנטל, וואָס שטייט אויפן דיכטערס ביכער־שאַנק און — דוכט זיך, אַז ער האָט העכער אויפגעהויבן זיין לאַנגע טראָמבע גרייט צו לאָזן זיך צום וואַסער מיט זיינע ברידער־העלפאַנטן, וועגן וועלכע דער דיכטער דערציילט איצט. אָרעמער העלפאַנטל!).

איך וואָלט איך, נאָך אַ סך געקאָנט דערציילן. אָבער אַזוי ווי אברהם סוצקעווער איז אַליין אַ ווונדערלעכער דערציילער און האַלט איצט פאַר אַ באַזוך אין אַרגענטינע, וועט ער אייך — אפשר: בעל־פה — אַליין דערציילן וועגן זיינע אינטערעסאַנטע רייזעס און פּאַסירונגען.

„סיביר" — 1953

אברהם סוצקעווער, דער טראַנסצענדענטאַלער און אייגנאַרטיקער פּאָעט, וועלכער האָט ליב — און קען! — אַ שפּאַר־טאָן מיט נייעם פאַרנעם: שפּראַך, סטרוקטור, קאָמפּאָזיציע און גראַציעז־שפּילעוודיקע גראַמען, האָט דאָסמאָל אונדז מהנה געווען מיט אַ פּאָעמע אונטערן אַסאָציאַטיוון נאָמען „סיביר".

נישט ביי איינעמען וועקן זיך פריקרע אַסאָציאַציעס, רעמיניסצענצן; נישט איינעמען וועלכער האָט זיך געפונען מאחורי הפרגוד לויפּט־דורך אַ סקרוך

איבער די ביינער — סיביר! — דער אייביקער געגיי וואָס הייבט זיך אָן מיטן איינטאָניקן קלאַנג פון גאַנג און דרייט זיך אַריין אין מעטאַלענעם קלאַנג פון שווער־געקאָוועטע קייטן.

אברהם סוצקעווערס „סיביר" איז אַ דערמאָנונג פון זיין קינדהייט דאָרט. נישט קיין חידוש וואָס זייענדיק דאָרט האָט דאָס אויג און דאָס האַרץ פונעם קומענדיקן פּאָעט איינגעזאַפּט אין זיך דעם דאָרטיקן קאָלאָריט, אַטמאָספער, פּייזאַזש — די מיליע פון סיביר: סטעפּ, אירטיש, לבנה, פראָסט, שניי, אייז, וואַלד, שליטן און וואָלף. דאָס איז דער היקף, דער אַרום, אין וועלכן ס'האָט זיך געטוליעט און געוואָרעמט דעם פּאָעטס מוזע.

אַ געניט אויג דערקענט גלייך, אַז „סיביר" — וואָס איז געשריבן געוואָרן אין ווילנע אין יאָר תרצ"ו — איז די פּרעלודיע צו סוצקעווערס שפּעטערדיקע מובחר שבמובחר שאַפונגען.

אין דער איצטיקער פּאָעמע זענען פאַראַן טיפע איבערלעבונגען און פילאָ־זאָפישע באַטראַכטונגען, וואָס זענען סיי רעאַל און סיי סימבאָליש. אָט, ווי סוצקעווער שילדערט אַ שמועס צווישן אים און זיין פאָטער:

„זאָג, ווו ענדיקט זיך די וועלט, אַ, טאַטע?!"
פילאָסאָפיש מאָן איך אַ באַשייד.
קומט אָן ענטפער: „הינטער יענער כאַטע
אויפן באַרגשפּיץ, ווו די זון פאַרגייט".
אמת טאַקע? אויב אַזוי, — ניט קלערן,
אָניאָגן די שקיעה! און איך לויף
אויבן, דורך אַ זילבערנעץ פון טרערן,
ווו די וועלט זיך ענדיקט, באַרג אַרויף".

איך האָב בלויז ציטירט עטלעכע שורות צו דער כאַראַקטעריסטיק פונעם ליד „דערקענטעניש". אויפריכטיקייט און עכטקייט פילט זיך אין אַלע קאַפּיטלען זיינע.

פאַראַן שורות ביי סוצקעווערן, וואָס רינען־אַראָפּ מיט זייערע פּרעציזע, איידעלע טענער. וויפל שטימונג, לופט, געמיט און אָטעם איז פאַראַן אין אַזעלכע שורות:

„...אין די ווינקלען אָפּגעלאָשן מאַטע
בלאָזט אַריין לבנה איר געבלענד.
ווייס ווי די לבנה איז דער טאַטע,
שטילקייט פונעם שניי — אויף זיינע הענט".

(„אין כוטער")

די קינדהייט אין סיביר האָט זיך גוט איינגעקריצט אין זיין זכרון און געלאָזן טיפע שפּורןביים דיכטער. אַזיסט וואָלט ער נישט בכוח געווען אַרויס־צוברענגען מיט אַזאַ עכט־קינסטלערישער קראַפט די סיבירער אַטמאָספער, לופט, מוזיק און — פאַרב.

אין ליד „קירגיזן״, למשל, טראָגט אונדז דער דיכטער אַריבער אינעם לאַנד פון זיין קינדהייט, ווו קירגיז וויקלט אַ ניגון צו פאַרשפּילן זיין אומעט און זיפט ווי בראַנפן זיין געוויין. און בלויז דער אַלטער קעמל קאָן פאַרשטיין די מוזיק פון זיין געלן פיבער. שורות — עכטע פערל, וואָס נאָר סוצקעווער, פאַר וועמען ס׳איז קלאָר די פּאָעטישע ליצענץ און פּראָסאָדיע, קען אַרויס־כישופן אַזעלכע אַרצע שבאַרצע בילדער.

די פאַרב אין דער פּאָעמע איז אַן עכט־סיבירער — ווייס. נאָר כדי דאָס ווייסע זאָל זיין נאָך ווייסער, מישט דער דיכטער צו דאָ און דאָרט אַ ביסל בלוי און ס׳באַקומט זיך סיבירער שניי־ווייס. אַלץ זילבערט דאָ: דער לאַשיק, די באַנדורע און אַפילו דאָס גאָלד איז אויך ווייס. סיביר!

ווי אין אַ סך לידער סוצקעווערס, איז אויך דאָ דער דיכטער נישט געצוימט און נישט געהעמט דורך קיין שום קאַנאָניזירטער פאָרעם. עס לאָזט זיך מערקן, אַז ער זוכט אַלץ נייע און נייע פּאָעטישע אויסדרוק־פאָרמען.

קינסטלערישע אַמביציעס צו זיין ניי און אָריגינעל איז אַ גרויסע מעלה און אַ ברכה סיי פאַרן דיכטער און סיי פאַר דער ליטעראַטור־קונסט.

ווי פריער דערמאָנט, ווייעט פון אַ סך לידער סוצקעווערס אַן אייגנאַרטיקע ווונדערלעכע לויטערקייט.

„סיביר״ איז אַ פּאָעמע פון וואָרהאַפטיקע שטימונגען און איבערלעבונגען, געשריבן מיט עכט־דיכטערישן אָטעם.

כדי צו דערפילן די גאַנצע סיבירער גאַמע, וואָס האָט אויסגעברייטערט דעם דיאַפּאַזאָן פון קלאַנגען, פאַרבן, זעאונגען און מעטאַפאָרן — דעם פּאָעטישן אָטעם ביי אברהם סוצקעווערן, וועלן מיר מהנה זיין דעם לייענער בלויז מיט איין ליד זיינס — „דער כוטער״ פון וואַנען מיר האָבן פריער אַרויסגענומען פיר שורות — וואָס דעקט מיינע אַלע דעפיניציעס, און אפשר — זיכער! — מיט אַ ייתרון.

זונפאַרגאַנג אויף אייזיק בלאָע װעגן.
זיסע דרעמלפאַרבן אין געמיט.
ס׳לייכט פון טאָל אַ שטיבעלע אַנטקעגן
מיט אַ שניי פון זונפאַרגאַנג באַשיט.
ווונדערוועלדער הוידען זיך אויף שויבן,
צויבער־שליטנס קלינגען אין אַ קרייז.
אויפן פּיצל בוידעם וואָרקען טויבן,
וואָרקען אויס מיין פּנים. אונטער אייז,
דורכגעשטרייפט מיט בליציקע קרישטאָלן
צאַפּלט דער אירטיש אין האַלבער וואָר.
אונטער אויסגעשוויגענע קופּאָלן
בליט אַ וועלט — אַ קינד פון זיבן יאָר.

אינעם ליכטיק־טונקעלן, פֿאַרשנייטן
כוטער פֿון מיין קינדהייט אין סיביר,
בליען פֿון די שאָטן־אַפּלען — קווייטן,
קוועקזילבערנע קווייטן אָן אַ שיעור.
אין די ווינקלען אָפּגעלאָשן מאַטע
בלאָזט אַריין לבֿנה איר געבלענד.
ווייס ווי די לבֿנה איז דער טאַטע,
שטילקייט פֿונעם שניי — אויף זיינע הענט.
ער צעשניידט דאָס שוואַרצע ברויט מיט בלאַנקן
רחמימדיקן מעסער. ס׳פּנים בלויט.
און מיט ניי צעשניטענע געדאַנקען
טונק איך אינעם זאַלץ דעם טאַטנס ברויט.

מעסער. טאַטע. רויכיקע לוטשינע.
קינדהייט. קינד. אַ שאָטן נעמט אַראָפּ
ס׳פּידעלע פֿון וואַנט. און דין־דין־דינע
שנייענקלאַנגען פֿאַלן אויף מיין קאָפּ.
שטיל. דאָס שפּילט דער טאַטע. און די קלאַנגען —
אויסגראַווירט אין לופֿטן, ווי אין פֿראָסט
זילבערלעך פֿון אָטעם בלאָ צעהאַנגען
איבער שניי לבֿנהדיק באַגלאָזט.
דורך אַן אייזיק אָנגעפּעלצטן שיבל
שמעקט אַ וואָלף צום פֿלייש פֿון דער מוזיק.
שטיל. אין אונדזער טויבנשלאַק אַ טייבל
פּיקט זיך פֿון אַן אייעלע, פּיק־פּיק.

אַ באַזונדער אָרט פֿאַרנעמט זיין אייגנאַרטיקער און איינציקאַרטיקער גראַם. אַ גראַם וואָס איז נישט קיין צופֿעליק־פֿאַרבלאָנדזשעטער צונויפֿטרעף פֿון איינפֿאַל און שטימונג, נאָר דריגנט־אַרויס פֿון אַ מעטאַפֿיזישער פֿונקציע: באַגריף און זין, וואָס שפּאַרט ביי אים פֿון אינעווייניק. בכן: צילבאַוווסט אין סטיל פֿון די וועלט־קלאַסיקער. ווערסט שיכור פֿון זיינע קוועקזילבערדיקע גראַמען, וואָס שיטן זיך ביי אים ווי צייטיקע האָפּן. אברהם סוצקעווער איז אויך דער שאַפֿער און באַצווינגער פֿון אַ סך נייע, נישט געאַנטע ביז אים, ווערטער — געשליפֿענע, פֿאַלירטע אין זיין פֿאָעטישער מינצעריי. ווערטער וועלכע זענען אפֿשר געלעגן אין פֿאַרהויל, אָבער סוצקעווער האָט זיי אַרויסגעבראַכט אויף דער אויבערפֿלאַך, און מיט דעם באַרייכערט און דערהויבן דאָס יידישע לשון.

אויסגעשטאַט איז דאָס בוך — ווער מיר גוטס גינט: גרויסער אַלבום־פֿאָרמאַט, לוקסוס־פּאַפּיר, גרויסע ליכטיקע אותיות און מיט ווונדערלעכע צייכענונגען פֿונעם גרויסן מייסטער מאַרק שאַגאַל.

ד״ר שלמה סיימאָן

צו זיין באַזוך אין ישראל אין יאָר 1963

שלמה סיימאָן איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטוב פון האָראָפּאַשניקעס. זיין פאָטער איז געווען אַ שוסטער. נישט קיין געהויבענער שוסטער, אָבער פּויערישע שטיוול האָט ער יאָ געקאָנט אויפּבויען. זענען אָבער די פּויערים געווען אָרעם, האָט בן־ציון ווייניק פאַרדינט. איז דאָס ווייב זיינס, מערע, געווען די בעלת־פּרנסה. זי האָט געהאַט אַ בעקעריי. האָבן געלעבט מאַן און ווייב ווי אַלע אָרעמע־לייט — אַ שווער געמאַטערט לעבן.

מאַכט זיך, אַז עס ברעכט־אויס די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, און די צאַרישע רעגירונג באַשטעלט אַ סך וואַליקעס פאַר די זעלנער. האָט דאָס שטעטל געשאַרט געלד. דערהויפּט שוסטערס. נאָר איינער איז געבליבן ביים אַלטן שכירות — בן־ציון. באשר בכן: ער וויל נישט, אַז אין זיינע וואַליקעס זאָל מען שיסן מענטשן.

— ס׳טייטש, ביטערט זיין ווייב מערע: אַן דיינע וואַליקעס וועט מען נישט קענען שיקן קיין יוונים אין פּאָרט־אַרטור?

בן־ציון האַלט זיך ביי ס׳זייניקע: קיינער דאַרף נישט גייען.

מערע: אָבער אַלע גייען דאָך יאָ!

בן־ציון: עמעצער דאַרף דאָך זיין דער ערשטער.

מערע האָט אַ זיפץ געטאָן: מיין מזל, דווקא דו דאַרפסט זיין דער ערשטער.

וועדליק מערעס טענות קאָן מען דאָך מיינען, אַז זי איז געווען אַנדערש פון איר מאַן? — הויבט זיך נישט אָן!

אַט האָט פּאַסירט, אַז אין שטאָט איז געוואָרן אַ גרויס יקרות. מען האָט צוגעטיילט מעל פאַר די בעקערס. אויך מערען. די פאַרדינסטן זענען געווען מיזערנע. ס׳איז פּשוט זשעדנע געווען אַ שטיקל ברויט פאַר די צען מיילער (אַכט קינדער געווען אין שטוב). מערע האָט אָבער פון איר צוטיילונג זיך געטיילט מיט דער אלמנה ביילע אהרן נחומס. ווען ר׳ רפאל, דער מעל־סוחר האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער זיך אָנגעבייזערט אויף מערען: סטייטש?

— איר ווילט דאָך נישט, ר׳ רפאל — זאָגט מערע — אַז אַן אלמנה מיט דערוואַקסענע טעכטער זאָלן שטאַרבן פון הונגער?

רפאל האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט: ביסטו דאָך אַ פּאָר צו דיין מאַן מיט די וואַליקעס. נאָר יושר זוכט איר אין דער וועלט.

פון צווישן די אַכט קינדער איז דאָס מיטלסטע יינגל, שלמה, געוואָרן דאָס שיינדל פון טאַטע־מאַמע — ער איז געוואָרן אַ לערנער. געלערנט ביי די גרעסטע גאונים. אויך ביי אַזאַ בר־סמכא, ווי דער חפץ חיים. מלא וגדוש מיט ש״ס, פוסקים, ראשונים און אחרונים — שמט ער גאָר יונג נאָך אַלס עילוי.

ס'איז אָבער די צייט ווען די לופט אין די יידישע שטעטלעך איז געווען אָנגעזאַפּט מיט כפירה. אויך שלמה איז געכאַפּט אויף דער מעשה. אין אָנפאַנג וויקלט ער זיך נאָך אין פרומקייט, אָבער ביסלעכווייז כאַפּן זיך אַריין ספקות, אומרו. ער נעמט אַריינקוקן אין די ספרים חיצונים און ס'דויערט נישט לאַנג ווי ער ווערט באַקאַנט מיט די קאָריפייען פון דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט אָנגעהויבן שוועבן צווישן פרומקייט און אפיקורסות.

מערע, זיין מאַמע, דערפילט דעם געראַנגל וואָס קומט פאָר אין איר זונס האַרץ. איינמאָל זאָגט זי צו אים: „מיר דוכט זיך, אַז דיין פרומקייט הינקט שטאַרק אונטער. קיין רב וועסטו שוין נישט זיין. פאָר קיין אַמעריקע. דאָרטן, מיט דיין קאָפּ, וועסטו ווערן אַ דאָקטער. אַ דאָקטער קריגט נישט קיין גיהנום אפילו ווען ער איז מחלל שבת. קאָן אויך זיין — זאָגט זיין מאַמע צו אים — אַז „מיט דיינע פעאיקייטן, וועסטו ווערן אַ שרייבער ביי יידן. אויב יאָ — זאָלסטו נישט פאַרגעסן, אַז אויף דער וועלט זענען דאָ אַ סך שוסטערס".

ביידע וויזיעס פון זיין מאַמען זענען מקוים געוואָרן: סיי ער איז געוואָרן אַ דאָקטער און סיי אַ שרייבער. און — ער האָט טאַקע נישט פאַרגעסן אין די שוסטערס, שניידערס, דאָרפס־גייער, שמידן און אַנדערע בעלי־מלאכות, וועלכע ער האָט פאַראייביקט אין זיין בוך „אַמאָליקע יידן". געדענקט אויך אין זיי ביים דורכפירן אָפּעראַציעס — ס'רוב אומגעצאָלט.

ד"ר שלמה סיימאָן פאַרנעמט גאָר אַ באַזונדער אָרט אין אונדזער ליטעראַטור. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ ריי אינטערעסאַנטע און אָריגינעלע ווערק וועלכע זענען אָנגעלאָדן מיט פאַרשונגען, קאָנטעמפּלאַציעס, ראַנגלענישן, דיגרעסיעס און זוכענישן. דאָס זענען טיפע און דערהויבענע געדאַנקען וועגן וועלט־שמערץ, יידישקייט־יאָך און קיום־האומה.

ווען מען כאַפּט היינט אַ רעטראָספּעקטיוון אַריינבליק אין סיימאָנס ווערק, דערזעט מען ווי דער מחבר טראָגט אַ שטענדיקן אומרו אין זיך פאַרן גורל פון אונדזער צוקונפט.

צומאָל מאַכט עס דעם איינדרוק ווי ער טראָגט אויפן קאָפּ דעם עול, די זאָרג פאַרן יידישן פאָלק.

„אויף אייגענע דרכים" איז שלמה סיימאָנס גייסטיקע אויטאָביאָגראַפיע. דער מחבר ברענגט דאָ אַרויס, ריכטיקער: גראַבלט־אַרויס כמעט אַלע פראַגעס וואָס נורטעווען אין דער טיף ביים היינטיקן מאָדערנעם יידן: וואָס פאַראַ באַרעכטיקונג איז פאַראַן אין דעם אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק? וואָס איז דער מקור פון רשעות? ווו איז די לאָגישקייט פון אונדזער „אתה

בחרתנו״? פאַרוואָס איז דער יונגער דור אָפּגעפרעמדט פון אונדז? וואָס איז דער מקור פון שנאה צו יידן? פאַרוואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן גאָטס צוזאָג פון שיבת־ציון אין אַ דור פון כופרים? איז פאַראַן השגחת הבורא אויף דער וועלט?

דאָ מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז כמעט אַלע די־אָ פראַגעס דרייען זיך אַרום אַ הויפּט־אַקס — גאָט־זוכעניש. צי מיינט דאָס אָבער אַ „צוריק־אין־שול־אַריין״־רוף? — שווער צו זאָגן. שווער, ווייל ראשית האָט סיימאָן אַ ספּעציפישן צוגאַנג צו רעליגיע. „אמונה אַליין — זאָגט סיימאָן אין זיין בוך „תוך יידישקייט״ — איז נישט דער עיקר, נאָר די קאָנקרעטיזאַציע פון דער אמונה, די מעשים זענען דער עיקר״. פרומקייט? — יאָ, אָבער נישט לויט פאַרגליווערטע דאָגמעס, נאָר אַזאַ וואָס גייט האַנט ביי האַנט מיט גוטסקייט, מיט אויפריכטיקייט, מיט געוויסן. דאָס מיינט: גאַנצקייט. גאַנץ מיט זיך, גאַנץ מיטן מיטמענטש. שלמה סיימאָן איז, וואָס אַן אמת, נישט קיין נאָוואַטאָר אויף דעם געביט. אַ סך גאַליקע געדאַנקען האָבן מיר שוין געהערט פון אַ פישל שניאורסאָן, אַ חיים ליבערמאַן, אבא גאָרדין, דוד איינהאָרן, ראַבידאָוויטש, יעפּרויקין, מענעס, גאָלאָמב, גראַדע, שטריגלער — ס'איז אָבער נישט דאָס, ווייל סיימאָנס עיקר־אָנשפּאַר איז אויף עטישע ווערטן: אויף דער עטישקייט בין אדם לחברו. דערפאַר זעט ער אין צענטער „די קרוין פונעם באַשאַף״ — דעם מענטשן אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן. אין כמעט אַלע ווערק זיינע הויבט טאַקע דער מחבר אַרויס די יידישע עטיק, וואָס איז מסוגל אויפצוהייבן דאָס יידישע פאָלק. אמת, אויך אייניקע פון די אויבנדערמאָנטע מחברים האָבן געשטעלט דעם טראָפּ נישט אַזוי אויף רעליגיע, ווי אויפן אויספירער פון דער רעליגיע, אָבער סיימאָן האָט, ווי געזאָגט, אַ באַזונדערן, איך וואָלט געזאָגט: אַ פילאָזאָפישן צוגאַנג צו דעם. אָפט דאַכט זיך, אַז דער מחבר מאַכט זיך אַן אייגענעם שולחן־ערוך. והשנית, דער מחבר זעלבסט — און נישט נאָר דער לייענער, ווי סיימאָן מיינט — איז צעטומלט. אָפּגערעדט פון די היפּוכים און סתירות. אָט איז ער אַ טיפער מאַמין און געפינט אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין נישט זיין אָפּגעהיט אין מצוות בין אדם למקום; ער טרעט אַרויס אָפן, אָפט שאַרף קעגן נאַציאָנאַליזם בכלל און קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם בפרט, און דאָך האַלט ער פון אונדזער „אתה בחרתנו״. ער פאַרלייקנט מדינה, און דאָך זעט ער אין מדינת ישראל אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט.

לאָגיק? — קאָן זיין, אַז אויך אין סתירות איז פאַראַן לאָגישקייט. קאָן זיין. ביי סיימאָנען — אַוודאי. ווייל באַרלי איר טאַפּט־אָן די סתירה מיט דער האַנט, קאָן ער אייך, באָוון, ברענגען ראיה נאָך ראיה אַזוי, אַז ער צווינגט אייך נאָכצוטראַכטן, זוכן. וואָרעם שוין דאָס זוכן אַליין איז אַ יש; איז אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג, וואָס סטימולירט צו געפינען אַן ענטפער, אַ וועג.

בכן: נישט זאָגן עס־גייט־מיך־נישט־אָן, נאָר ראַנגלען זיך און דערגראָבן זיך צום אמת. מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז אַ סך סיימאָנס מיינונגען, מעדיטאַציעס און זוכענישן זענען טאַקע אַן אָנרעג, ריכטיקער אַן אַרויסרוף פאַר אַ ברייטערן

וויכּוח, וואָס זאָל אָט די גערעאַנגלען העלפן אויסקלאָרן און דערפירן זיי צו אַ קלימאַקס. דאָס, מיינען מיר, איז דעם מחבּרס כּוונה.

ד״ר שלמה סיימאָן, דער טיפער דענקער און ערודיט, פאַרמאָגט אַ גרויסן שפּייכלער מיט וויסן. דאָס דעמאָנסטרירט זיך, דער עיקר, אין מחבּרס שמועסן מיטן דאָפּלטן איך. דער דיאַלאָג גיט אים אַ מעגלעכקייט אַרויסצורוקן די אַלע געדאַנקען, חילוקי־דעות, ספקות און גערעאַנגלענישן, וואָס גייען בּלוטיק אָן אונדזער דור. דאָס איז, בּכן, נישט קיין סתם „גייסטיקע גימנאַסטיק״ — ווי שמואל ניגער, וואָס דער מחבּר רופט אים אריה־לייב — מיינט, נאָר טאַקע אַן ערנסטער פּרווו קלאָר צו מאַכן אַ ריי דערשיינונגען אין יידישן לעבן.

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, זענען סיי די פראַגעס און סיי די ענטפערס אָוועקגעשטעלט אַזוי קליפּ־און־קלאָר, אַזוי שאַרף, אַז זיי צעשטערן די עפּישע רו פונעם לייענער. צעשטערן, מחמת אַ ריי געדאַנקען מאַטערן אונדזער צעטומלטן דור. נישט איינעמען גיט אַ רופע אַ געדאַנק: פון וואַנען ווייסט דאָס דער מחבּר וואָס עס קומט פאַר ביי מיר אין האַרצן? יאָ, סיי דער פרומער און סיי דער אַטעאיסט געפינט דאָ עפּעס פון ז י י נ ע מחשבות, פון ז י י ן געראַנגל.

ביז איצט האָט ד״ר שלמה סיימאָן אַרויסגעגעבן ביי אַ צוואַנציק ביכער פון פאַרשידענע זשאַנערס און כאַראַקטער. אַ טייל פון זיי זענען פרעמירט געוואָרן, עטלעכע זענען איבערגעזעצט אין ענגליש. גענוג איבערצוגעבן, אַז די זיבעטע אויפלאַגע פון „כּלעם״ איז אַרויס אין 36 טויזנט עקזעמפּלאַרן. בּכן: אַ היפּשער ליטעראַרישער באַגאַזש — אַזוי אין כּמות און אַזוי אין איכות. און דאָך... געהער סיימאָן נישט צו די פּאָפּולערע שרייבער. פאַרוואָס? — ווייל ערשטנס קאָן מען סיימאָנס ביכער נישט איבערלייענען על־רגל־אחת — חוץ זיינע קינדער־ביכער וועלכע זענען אַ שם־דבר — נאָר מען דאַרף זיך אַביסל אָנשטרענגען, ריכטיקער: אונטערגאַרטלען זיך צו זיי — אַריינטראַכטן, נאָכטראַכטן און אויסגעפינען דעם זין, דעם מיין פונעם מחבּר. צווייטנס, ווייל סיימאָן רעדט נישט בּלשון סגי־נהור, נאָר וואַגט אַרויסצוזאָגן זיינע מיינונגען אָפן און קלאָר. ער איז אַ האַר נישט מוותר אויף זיינע אמתן, און אים אַרט נישט צו עס געפעלט די המהדרין מן המהדרין. דאָס איז נישט קיין קאַפּריז ביי אים, און אַוודאי נישט עפּעס אַ להכעיס. ער געראָט דערמיט אַריין אין זיין טאַטע־מאַמע. פון זיי האָט ער דאָס געירשנט די מידה פון נישט פעלשעווען.

מיט אָט דעם שטעלן זיך קעגן דער וועלט, האָט ער אָבער אויפגעשטעלט אַ וואַנט קעגן זיך — פון אַלע לאַגערן. די פרייע האַלטן אים פאַר אַ פרומען, די פרומע — פאַר אַן אַפּיקורס. דאָס זעלבע — ציוניסטן און סאָציאַליסטן. טענות פון אַלע זייטן.

דאָס אַלץ שרעקט אָבער נישט אָפּ דעם אומדערמידלעכן זוכער — גאָט־זוכער, אמת־זוכער — וועלכער גייט זיך זיין אייגענעם וועג — אויף אייגענע דרכים.

יעקב פּאַט

„די לערערין אסתר" — 1956

יעקב פּאַט איז דעם ייִדישן לייענער גוט באַקאַנט פון זיינע אומצאָליקע שאַרפזיניקע און באַלערנדיקע אַרטיקלען וועגן געזעלשאַפטלעכע און קולטור־פּראָבלעמען; פון זיינע עטלעכע פאַרמלחמהדיקע ביכער. דער עיקר האָט ער זיך באַליבט געמאַכט מיט זיין בוך „שמועסן מיט ייִדישע שרייבער". אָבער איבער זיי אַלע — קוקט אַריבער זיין ביי בוך „די לערערין אסתר".

פיל איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן די ייִדישע לערער אין פּוילן. דער־הויפּט האָט דאָס געטאָן דער „לערער יזכור־בוך", וואָס האָט געשטעלט דעם וואַגיקסטן און ווירדיקסטן מאָנומענט די אומגעקומענע ציש״אָ־לערער — די גרויסע אַרמיי פּיאָנערן און פאַרווירקלעכער פון אַ נייער ערע אינעם ייִדישן קולטור־לעבן. די טעמע ייִדישע לערער איז אָבער נאָך נישט אויסגעשעפּט. און ווי קען מען אויסשעפּן, אַז יעדער איינער פון די דאָזיקע שטילע און באַשיידענע, איך וואָלט געזאָגט: למד־וואָווניקעס, האָט פאַרקערפּערט אין זיך אַזוי פיל גוטסקייט און אידעאַליזם, אַזויפיל גרעאַנגל, נסיונות, מסירת־נפש — אַ גאַנצן בוך צו שרייבן. יעקב פּאַט האָט אויף זיך גענומען די הייליקע פליכט פון אָפּצאָלן אַ חוב די ייִדישע לערער, דערהויפּט דער לערערין אסתר.

„אויף זיך גענומען" איז, אייגנטלעך, שלעכט דעפינירט, ווייל אין דער אמתן האָט די טעמע אים, דעם מחבר פאַרן האַלדז גענומען, מחמת ער אַליין איז געווען אַריינגעוואַקסן, ריכטיקער: געוואָרצלט אין דער־אַ סביבה. זיין צוגאַנג צום ייִדישן לערער איז, בכן, אַן אינעווייניקסטער.

ווערדליק דעם טיטל פונעם בוך, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז פּאַט באַשרייבט דאָ דאָס לעבן פון איין מענטשן — דער לערערין אסתר. ס'איז אָבער נישט אַזוי. אינעם בוך פירט דער מחבר פאַרביי אַ גאַנצע פּלעיאַדע לערער, שול־ און קולטור־טוער, געזעלשאַפטלעכע עסקנים און פּאַרטיי־פירער — די אַלע, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך גייסטיקע פרישקייט, אַ סך ווערטן אינעם ייִדישן לעבן. אלא וואָס? — איבער אַלע זייטלעך פונעם בוך ליכטיקט אַרויס די עטישע געשטאַלט פון דער וווּנדערלעכער לערערין אסתר, דאָס האַרץ און די נשמה פון דער ביאַליסטאָקער פּרץ־שול.

אסתרן באַקענען מיר ווי אַן עלף־יאָריקע שילערין, וואָס האָט נאָר־וואָס געענדיקט אַ רוסישע פאָלקס־שול פאַר יידישע מיידלעך אין ביאַליסטאָק. אסתרס דירעקטאָרין, די אַלטע, בלינדע מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ, וועלכע האָט זיך אויסגע־לערנט „זען” מיט איר חוש, מיט איר האַרץ, האָט פאַרשטאַנען אַז אסתרס פאָטער, לייבע דער בלעכער וועט זיין טאָכטער נישט קאָנען ווייטער לערנען. עס איז איר אַ שאָד געווען, אַז עס זאָלן גיין אין ניוועץ די פעיקייטן פון איר שילערין, וואָס האָט געענדיקט אויסשליסלעך מיט „פינפן” און זי זאָרגט דערפאַר, אַז אסתרן זאָל מען אויפנעמען אין כוואַלעסעס פּרויען־גימנאַזיע אומזיסט. און טאַקע גלייך אין צווייטן קלאַס. פאַר אסתרן עפנט זיך אַ נייע, אַ בלענדיקע וועלט. זי וועט זיין אַ גימנאַזיסטקע. זי וועט קענען ווייטער לערנען.

אויך אין גימנאַזיע לערנט אסתר אויף „פינפן”.

איין מאָל האָט די לערערין אַריינגערופן אסתרן אין לערער־צימער און פאַרגעלייגט צו לערנען מיט ליזען פרידבערג פון איר קלאַס. אסתר וואַקלט זיך, אָבער זי נעמט אָן. ס'איז פינף רובל אַ חודש. אסתרס ערשטע טריט ווי אַ לערערין זענען אָבער נישט געווען קיין גליקלעכע, ווייל ליזע פרידבערג איז אַ רייכע טאָכטער, אַ בת־יחידה, אַ צעפּיעשטשעטע, אַ פוילע. איר קאָפּ איז נישט צו די ביכער, זי איז פאַרנומען מיט די ליבענישן מיט ייִנגלעך. טרעפט, זייער אָפט, אַז אינמיטן לערנען רוקט ליזע אָפּ די ביכער און נעמט זיך באַרימען פאַר אסתרן וועגן די ייִנגלעך, וואָס האָבן ליב צו קושן איר אין מויל אַריין...

אסתר ווערט רויט און בעט זיך ביי איר: הער אויף, ס'איז נישט שיין. מען דאַרף מאַכן די לעקציעס.

ליזעס מוטער הערט דורך דער טיר די מעשיות, וואָס איר טאָכטער דערציילט און זי טראַכט: אַ טריפענער פּיסק... מען דאַרף די מויד חתונה מאַכן.

איין מאָל, ווען אסתר האָט זיך געזעצט מאַכן די לעקציעס מיט ליזען, איז אַריין ליזעס פאָטער און פּלוצלינג געפרעגט אסתרן:

— איך וואָלט וועלן וויסן ווער איז דיין טאַטע?...

אסתר איז געווען שטאַרק באַליידיקט. עס האָט איר פאַרדראָסן דער אופן פון פרעגן און זי האָט געענטפערט:

— מיין טאַטע הייסט לייב, זיין פאַמיליע־נאָמען איז לאַפּידעס... איז דאָס געננג?...

— אָבער וואָס טוט ער, דיין טאַטע?...

— ער איז אַ בלעכער.

דעמאָלט האָט פרידבערג זיך אַ קער געטאָן צו זיין ווייב:

— שטימט דאָך דאָס!... לייבקע דעם בלעכערס טעכטערל לערנט מיט דיין בת־יחידה, מיט שמריה פרידבערגס טאָכטער!... פיין דערלעבט!... זי לערנט דאָס אויס דיין טאָכטער אַלע שיינע מידות פון די גראָבע יונגען, פון די באַלמעלאָכישע מוידן.

אסתרן האָט ער צוגעוואָרפן דאָס געלט און אויסגעשריען: טראָג זיך שוין אָפּ, געגאַנגען!... פּאַשאָל!

אַזוי ווייזט אויס, פירן זיך די גבירים פון אַלע צייטן. אַזוי האָט זיך אויך געפירט דינעזאַנס ר׳ שלמה אייזנהערץ, וואָס לא די ער מאַכט אַ בלבול אויפן אָרעמען יאָסעלען, אַז ער האָט געגנבעט זיין מעסערל, פּאָלט ער נאָך אָן אויף דער אָרעמער, שוואַכער כיענע, ווען ער קלאָגט אָן אין געריכט.

סיי ווי — פרידבערגס „פּאַשאָל״ האָט פון איין זייט טיף פאַרוווּנדעט אסתרס נשמה, און פון דער צווייטער זייט געלערנט גוט פאַרטראַכטן זיך, געלערנט זוכן אַ ציל אין לעבן.

און דאָ קומט קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, וואָס דורך זיי באַקענען מיר זיך נעענטער מיט אסתרס שטוב, מיט איר פּאַטערס וואַרשטאַט, ווו ס׳האָבן נאָך אַלץ געטליעט פונקען פונעם פאַרשפּילטן „פינפטן״ יאָר... דער דאָזיקער „זשאַר״ איז אויפגעהאַלטן געוואָרן דורך לייבעס געזעלן, קלמן, וועלכער גלייבט, אַז ניקאָלאַיס קרוינדל וועט זיך נאָך וואַלגערן אויפן ברוק; דורך אסתרס שוועסטער צלובה און שפּעטער — דורך זייער ברודער, מענדל וואָס פאַרט אין דער סלאָבאָדקער ישיבה לערנען און טאַטע־מאַמע גלייבן, אַז עס וועט פון אים אַרויסוואַקסן מי־יודע וואָס — צום סוף איז ער געוואָרן מיטגעריסן מיטן נייעם שטראָם. געווען איז עס אין דער פאַרנעפּלטער צייט, ווען אין צאַרס פּאַלאַץ האָט געוועלטיקט דער נואפניק ראַספּוטין; אין דער דומע האָט מאַרקאָוו אָנגעטאָן יידן כל הצרות; פון איין זייט האָבן אויפגעלויכטן די נעמען טאָלסטאָי, גאָרקי — און פון דער צווייטער זייט האָבן די צערקווע־גלאָקן פאַרטויבט מיט באָזשע צאַריאַ כראַני... אויך די שטערן איבערן ארץ־ישראל־הימל זענען געווען פאַרוואָלקנט. אין די יידישע שטעט און שטעטלעך פון ליטע, פוילן, אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד האָבן יידן געלעבט אין אָרעמקייט און רעכטלאָזיקייט, אָבער יידישע קינדער האָבן געלערנט.

אין דער־אָ צייט איז אויפגעגאַנגען אסתרס ערשטע ריינע ליבע מיטן האָראָדאָקער רבס זון, נפתלי, וועלכער איז אַוועק פון דער ישיבה צו די רעוואָלוציאָנערן. נפתלי איז אָנגעזאַפּט מיט תורה און חכמה. אסתרן איז אָבער נישט באַשערט געווען צו געניסן פון דער ערשטער בשמימדיקער ליבע — נפתלי פאַרקילט זיך, ווערט קראַנק און שטאַרבט.

מיר האָבן אומישנע זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויפן ערשטן טייל פונעם בוך, ווייל דאָס איז דער יסוד, אויף וועלכן עס האַלט זיך פּאַטס בוך. און אַז מיר קענען שוין דעם יסוד וועלן מיר זיך באַקענען מיטן צווייטן טייל.

דאָ גייט פאַרביי די ערשטע וועלט־מלחמה: שטאָט ליגט אין די לאַפּעס פון דייטש. רויב און קאָנפיסקאַציעס; מען טיילט אויף באָנעס ליימיקן ברויט; גאַנצע גאַסן יידן ווערן געשלעפּט צו „ענטלויזונג״; הונגער און פאַרשעמונג. „יעקען״ באַדינען פוילישע פריצים, גלחים און טונקעלע יידישע סוחרימלעך — טעלערלעקערס, קהלשע פּיאַווקעס, יידישע ווייבלעך „צוקער־פּושקעס״.

אסתר? — זי איז אַלט אַכצן יאָר. זי איז איינע אַליין. אירע באַקאַנטע גימנאַזיסטקעס באַגעגנט זי מיט דייטשע אָפיצירן. און דאָ באַוויזט זיך דער לערער מאיר צפת. צפת איז אַ טיפער למדן און אַ גוטער קענער פון דער וועלט־ליטעראַטור. ער איז — ווייסט מען שוין — אַ האַלבער רב און אַ האַלבער רעוואָלוציאָנער. צפת לערנט מיט די יידישע גימנאַזיסטקעס, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אסתר, וועלכע קוקט מיט פולע אויגן אויפן לערער. אין גימנאַזיע האָט אסתר געקענט גאַנצע שטיקער אויף אויסווייניק פון לערמאָנטאָוו, פושקין, גאָגאָל. דאָ לערנט זי וועגן פרץ, מענדעלע, שלום־עליכם. עס איז אינטערעסאַנט, עס ווערט נאָענט, היימיש. עס קומט־אויף אַ געדאַנק צו שאַפן אַ פרץ־שול. נישט לייכט איז עס אָנגעקומען. צוערשט: פלענער אויף פלענער, דיסקוסיעס, מחלוקתן, פעטיציעס און איבער זיי אַלע — די עקשנות און טיפע אמונה פון די אָנצינדער, די אָנהייבער פון אַ ניי בלאַט אינעם יידישן לעבן. געזיגט האָבן די לעצטע. אסתר ווערט אַ לערערין אין דער פרץ־שול. נייע קוואַלן פון באַגייסטערונג און ענערגיע עפענען זיך פאַר איר. איר גאַנצע נשמה לייגט זי אַריין אין דער שול. די קינדער האָבן איר ליב — ס'לעבן. ווי קען דען אַנדערש זיין? זיי, די יאָסעלעך און קאָפּעלעך, די שרהלעך און רבקהלעך האָבן אין דער פרץ־שול דערפילט אַ ליכטיקייט, אַ וואַרעמקייט, וואָס זיי האָבן עס נישט געקענט האָבן אין זייערע אָרעמע היימען. ס'איז גענוג אַריינצוגיין אין צווייטן קלאַס, בעת די לערערין דערציילט פאַר די קינדער אַ מעשהלע וועגן אַ וווּנדער־טעפּל, וואָס האָט, לויט אַ שפּרוך, געקאָכט הירזש מיט האָניק, כדאי דאָ צו דערזען די צעשפּילטע פאַנטאַזיעס פון די קינדער: הירזש מיט האָניק! בערל וואָלט כסדר געזאָגט דעם שפּרוך און זאָל זיך קאָכן און קאָכן. די קינדער פאַנטאַזירן: מען קען עסן פולע טעלערס, מען קען אַריינשטעקן גרויסע לעפלען אין בערג הירזש מיט האָניק און נעמען וויפל מען וויל.

מען וואָלט נאָך געקאָנט אַריינבליקן אין אַן אַנדער קלאַס, וווּ דער לערער צפת דערציילט די קינדער וועגן די ציטן פון שלמה־המלך. וועל איך דאָס נישט דערציילן פאַדראָבנע ווי יעקב פאַט טוט דאָס מיט טויזנט חנען און מיט פעדאַגאָגישער געניטקייט. איך וועל נאָר צופירן צו דעם, ווי דער לערער פרעגט די קינדער ווער פון זיי האָט שוין געגעסן וויינטרויבן, האָבן דריי קינדער — פון דרייסיק — אויפגעהויבן זייערע הענט.

אַזעלכע זענען געווען די קינדער פון דער פרץ־שול. מיט זיי האָט דאָס אסתר פאַרבונדן איר גורל. נישט קיין חידוש וואָס ביי דער אָרעמקייט, ביי די פאָלקס־שיכטן פון די כאַנייקעס און פיאַסקיס ווערט אסתר דער סימבאָל פון אַלדאָס גוטס און אַלדאָס שיינס.

צווישן אסתרן און מאירן וועבט זיך אַ טיפע ליבע. אָבער ווידער הענגט איבער אסתרס קאָפּ עפּעס אַ פאַטום, אַ קיסמעט: דער גורל האָט געוואָלט, אַז

צווישן זיי ביידן זאָל זיך שטעלן אַ דריטער, אַ זי — מאירס ווייב, עטל. גראָד איז עס אין דער צייט ווען ס׳קומט אָן די רעוואָלוציע־כוואַליע פון רוסלאַנד. ס׳קומען אַריין די באָלשעוויקעס. אָבער שפּעטער, ווען זיי פאַרלאָזן ביאַליסטאָק, מוז אויך מאיר, דער אָנפירער פון „רעווקאָם" פאַרלאָזן די שטאָט. פאַרן אַוועק־גיין קומט ער נאָך אסתרן. אין איר קומט פאָר אַ געראַנגל: פּרץ־שול... קינדער... מאיר... עטל... ניין, זי קען זיך נישט שיידן מיט די קינדער, זי האָט אַרויפגעלייגט אויף אים איר האַנט און געזאָגט: נעם עטלען איך בלייב דאָ.

אסתרן און אירע ליבעס האָב איך געפרוווט פאַרגלייכן מיט אַנדערע העלדינס אין דער יידישער ליטעראַטור, געפרוווט אַנטקעגנשטעלן מירלען. ס׳לאָזט זיך אָבער נישט פאַרגלייכן, ווייל להיפך צו בערגלסאָנס מירל, וועלכע זעט נישט קיין צוועק אינעם לעבן, שטייט פאַטס לערערין אסתר אַ זוניקע, אַ צעשטראַלטע צווישן די יידישע קינדערלעך און פילט אַ טעם און אַ תכלית אינעם לעבן. אסתר טראָגט די גרויסע אחריות פאַר דער צוקונפט פונעם פאָלק, וואָס דער יסוד פון דעם איז — דאָס קינד. פאַר אירע אויגן איז כסדר געשטאַנען די גרויסע האָפענונג, דער צוזאָג — אַ בלענד־ליכטיקע פּערספּעקטיוו. אסתר איז, בכן, אויסגעוואַקסן צו אַ געשטאַלט, וואָס איז אונדז דורכאויס נאָענט און אייגן.

דער דריטער טייל, „דער בנין", איז, לויט אונדזער מיינונג, דער שטאַרקסטער און דער קינסטלערישסטער. און דאָס דער עיקר צוליב דעם גייסטיקן מהות — די אידעאָלאָגישע אַנלאָדונג פון דעם טייל. ווי זאָגט דאָרט ברוך לוריע: מען דאַרף העבלעווען אויך די נשמה.

נאָכן איבערלייענען די ערשטע פאַר קאַפּיטלעך פון דעם־אָ טייל ווערן מיר פאַרכאַפּט פון דער עצם־מעשה, אָדער ריכטיקער: פון די עצם־מעשיות, וואָרעם נישט איין געשיכטע ווערט דאָ דערציילט, נאָר עס ווערן געשילדערט אַ סך פאַרשידענע עפּיזאָדן און בילדער, וועלכע טוליען זיך איינע צו די אַנדערע, ווי רינגען אין אַ קייט. אויף די קרוב צוויי הונדערט זייטן וויקלט יעקב פּאַט פאַנאַנדער די ברייטע און בונטע פּאַנאָראַמע פונעם יידישן לעבן אין אַלע זיינע פאַרמירונגען. אַ סך זאַפטיקע, וויטאַמינישע יידישקייט־געדאַנקען זענען צעשפּרייט איבערן גאַנצן בוך, דערהויפּט אין לעצטן טייל. פון אַ סך קאַפּיטלעך גייט־אויף אַ ליכט, וואָס פילט־אָן מיט נאַציאָנאַלן, מיט מענטשלעכן שטאָלץ.

עס גייען אָבער דאָ אויך פאַרביי קאַפּיטלעך, וואָס וועקן ביים לייענער טרויעריקע דערינערונגען: געשלעגן צווישן פּוילישע און יידישע סטודענטן; פּריסטאַראָווע און טשעטשאַק האָבן ס׳וואָרט; פּשיטיק; נאַצישע ווינטן פון בערלין טרעפן זיך צונויף מיט אַנטיסעמיטישע ווינטן פון וואַרשע — ס׳ווערט געפלאַסטערט אַ וועג פאַר היטלערן...

אסתר? — אסתר האָט חתונה, האָט אַ קינד אָבער זי איז פול מיט זאָרג און אומרו. אין אירע דינסטע בלוט־וויבראַציעס דערפילט זי דעם אָנקומענדיקן

שטורעם און זי שפּרייט־אויס מיט נאָך מערער וואַרעמקייט אירע פליגלען, איר גרויס האַרץ איבער די יידישע קינדער.

די לערערין אסתר איז נישט קיין דמיון. זי איז נישט קיין אויסגעטראַכטע געשטאַלט, פּונקט ווי ס'איז נישט אויסגעטראַכט ראָזאַ סימכאָוויטש, שלמה מענ־דעלסאָן, יעקב גערשטיין, וויטאַ, מירע און אַלע איבעריקע ליכטיקע געשטאַלטן, וואָס קומען־אַריין אין פּאַטס בוך. נאָר וואָס? — זיי האָבן זיך נאָך ביים לעבן אויפגעהויבן און אויסגעוואַקסן צו אַ לעגענדע.

„די לערערין אסתר" דאַרף מען לייענען מיט גרויס כוונה און פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, כדי דער גוטער טעם זאָל נישט אַוועק, ווי ס'איז אַוועק דאָס לעבן פון די, וועלכע יעקב פּאַט באַשרייבט.

יצחק פּאַנער

„אין אייגענעם האַפן" — 1970

דאָס בוך טיילט זיך אויף פיר טיילן: „ישראל־מאָטיוון", „פאַקט און פיקציע", „רעשטלעך" און „אין פאַרנאַכטיקן ליכט". פאַראַן נאָך צוויי טיילן, וועגן וועלכע דער מחבר פאַרענטפערט זיך אין זיין הקדמה, אַז „זיי געהערן נישט אַהער, פּאַסן זיך נישט אַריין אין דעם בוך" מחמת „וועגן די לאַגערן אין טראַנסניסטריע און קפריסן וואָלט מען געדאַרפט שרייבן אַ באַזונדער בוך". ווינטשן מיר דעם מחבר כוחות אויף אַרויסצוגעבן אַפילו צוויי ביכער, וואָס וועלן זיכער זיין אַ וואָגיקער צושטייער צו דער חורבן־ליטעראַטור. אָבער זיין התנצלות האַלטן מיר פאַר איבעריק — אומעטום, ביי יעדער געלעגנהייט מוז מען אַריינפלעכטן אַ שוואַרצן דרים: דעם זכור! אדרבא: אַלע זעקס קאַפּיטלעך צוזאַמען האָבן אַ שייכות צווישן זיך, זיי קייטלען זיך און שפּיגלען־אָפּ די נייע יידישע ווירקלעכקייט, אַפילו — אפשר גראָד! — אין אייגענעם האַפן, ווי זאָגט דער זיידע, אויף זייט 14, צו זיין אייניקל:

...זאָל דיר די דאָזיקע טרער נישט שטערן, מיין סאַברע. ס׳איז אַ יידישע טרער, און אַ יידישע טרער אויף אַ שמחה מאַכט די פייערונג פייערלעכער, דעם יום־טוב — יומטובדיקער: זי לייטערט און שטאַרקט, זי היילט די נאָך נישט פאַרהיילטע ווונדן, און גיט כוחות צו פאַרטראָגן נייע...

— נייע? ניין! קיין מאָל נישט מער!

— אָ, מיין געליבט אייניקל, צי האָבן מיר דען חלילה שוין אויפגעהערט צו זיין יידן?...

אמת ויציב — גורל!

„אין אייגענעם האַפן" — פונקט ווי אין זיין פריערדיקן בוך „זון און שאָטן" — האַלט דער מחבר אַן אויג אויף דעם לעבן דאָ. זיין קינסטלעריש אויג פאָרשט, נישטערט און זוכט אין יעדן ווינקל, אין יעדן שפּאַלט און דערזעט און ברענגט־אַרויס בילדער און דערשיינונגען, וואָס זענען פּראָטאָטיפּיש — אַ רעאַלער אויסדרוק פון אונדזער צייט, פונעם לעבן אין ישראל. כלומר זעען־אויס אַ ריי בילדלעך צו זיין קליינלעכע, אַ שטייגער: „דורך דער הינטערשטער טיר", אָבער נישט איינמאָל, זענען מיר עדות ווי אַזאַ־אַ קליינעקייט וואַקס־אויס צו אַ פּראָבלעם, וואָס באַלעסטיקט אונדז.

מיט אַ געניטער האַנט שילדערט יצחק פּאַנער מענטשלעכע איבערלעבונגען

און געראַנגלען — דאגות, בענקשאַפטן, משפחה־קאָנפליקטן, צוזאַמענשטויסן, אַ שטייגער: „די באָבע און דאָס אייניקל", „דאָס פינטעלע", „נאָר אַ ייד קאָן פילן דעם טעם" און פיל אַנדערע פּראָבלעמען און דראַמעס, וואָס די צייט האָט געשאַפן. לאָמיר אויפמישן אַ דערציילונג פונעם היינטיקן געוועב:

אַ גויע האָט חתונה מיט אַ ייד און ביידע זיי באַזעצן זיך אין ישראל. דאָ היט זי אָפּ אַלע יידישע דינים, דערציט די קינדער ווי יידן, רעדט עברית — פאַרווישט אַלע שפּורן פון איר אָפּשטאַם. גוט. איינמאָל הערט זי פון הויף אַ געוויין. איר חיימל וויינט.

— מה קרה, חיימל? — איז די מוטער אויסער זיך.

— גילי... הערט דאָס קינד נישט אויף צו וויינען.

— גילי הרביץ?

— לא... — כליפּעט דאָס קינד — הוא... אמר לי... „גוי".

אירע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט. שווער געווען צוצוקוקן דעם צער פון דער מוטער. (זייט 63).

אַ סך ענלעכע פּראָבלעמען שיילט־אַרויס יצחק פאַנער אין זיין איצטיקן בוך. אָט איז דער פּראָבלעם פון געמישטע חתונות צווישן אשכנזים און ספרדים; צווישן יונגע און אַלטע; די „גליקלעכע" „גאולה"־יאָרן 1940—1941, ווען די הורא־געשרייען לכבוד דעם פאָטער פון די פעלקער האָבן פאַרהילכט די אויערן; די פראַגע: ווער איז אַ ייד? און אָט פירט אונדז דער מחבר אַריין אין יד־ושם, וווּ מען פאַרגעסט דעם ליכטיקן דרויסן, ווייל „אַלע געדאַנקען און אידעען וועגן שעפערישן מענטשלעכן געניוס, וועגן הומאַניזם, ציוויליזאַציע, קולטור, עטיק, אָנגעזאַמלט פון אַלע פעלקער אין אַלע צייטן ווערן דאָ בטל". „געטע און שילער, באַך און שאָפּענהויער, בעטהאָווען און קאַנט — דאָס זענען אַלץ בלענדענישן, אָפּנאַרערייען: אמתדיק זענען בלויז די אַלע בילדער אויף די ווענט. אמתדיק זענען די מונדירירטע צווייפיסיקע בעסטיעס, וואָס פירן פונף און זיבן־יאָריקע קינדער מיט אויפגעהויבענע הענטלעך צום טויט". דערייבער: שטילער, שטילער...

אינעם בוך זענען אויך פאַראַן בילדלעך פון אַ לייכטערן זשאַנער, פול מיט הומאָר און שאַרפזין. אין זיי פליסט שוין אַ בורלעסקער שטראָם, וואָס געהער אייגנטלעך צום פאָלקסטימלעכן שטייגער. אַ שטייגער וואָס היט זיי אָפּ פון טריוויאַלן שפּאַס.

דער עיקר זענען דאָס מיניאַטורן, וועלכע לייענען זיך מיט אינטערעס, צומאָל — געשפּאַנט. און דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם מחברס פעיקייט איבערצוגעבן, דורך עטלעכע שורות, די אָנגעלאָדנסטע געשעענישן און סיטואַציעס קורץ און דירעקט.

„אין אייגענעם האָפן" מאַניפעסטירט יצחק פאַנער אַן אייגנאַרטיקן אופן פון אויפנעמען לעבנס־שפּירונגען אַזוי, אַז זיינע דערציילונגען פאַרמאָגן שוין אַ ספּעציפישן פאַנער־קאָלאָריט.

י. פּאַפּיערניקאָוו

„מיין שיר השירים" — 1953

וועלכער דיכטער האָט דאָס נישט באַשיר־השירימט די ליבע?

שוין צו מיליאָן און איין מאָל איז דער דאָזיקער מאָטיוו באַשריבן און באַזונגען געוואָרן אין די מעגלעכסטע ניואַנסן אַזוי, אַז עס איז נישט געבליבן, דוכט זיך, קיין אָרט פאַר וועלכע ס'איז ליבע־מאָטיוון: אָדעס, סערענאַדעס, דיטי־ראַמבן און אַנדערע תהילות ותשבחות. מען קאָן נאָך, לאָמיר זאָגן, זשאָנגלירן מיט דער קאָמפּאָזיציע דורכן סינטעזירן אַ געוויסע קאָלאָריט־אַסאָציאַציע. אין תוך אָבער חזרט זיך תמיד איבער דאָס זעלביקע — ליבע.

ס'איז, דעריבער, געווען אַ גרויסע ריזיקע אַרויסצוגיין פאַר דער עפנט־לעכקייט מיט אַ בוך ליבע־לידער. נאָך דערצו: „אין אַ צייט, ווען שנאה איז דאָס שטאַרקסטע, דאָס דאָמינירנדיקסטע געפיל אין דער מענטשלעכער געזעל־שאַפט", אין אַזאַ צייט צו קומען מיט לידער פון ליבשאַפט — האָט מען זיך באַדאַרפט אָנטאָן אַ כוח.

דאָס בוך „מיין שיר השירים" פאַרסך־הכל'ט אַלע ליבע־לידער, וואָס י. פּאַפּיערניקאָוו האָט געשאַפן במשך פון קרוב פינף־און־צוואַנציק יאָר. ביכער וואָס ווערן געוויינטלעך געשריבן אין אַזאַ געצויג־לאַנגן צייט־אָפּשניט פאַרלירן אָפט אַ סך צוליבן לויזן צוזאַמענהאַנג פון די קאַפּיטלען; גאַנץ אַנדערש י. פּאַפּיערניקאָווס „מיין שיר השירים": דאָ האָט דאָס בוך פיל געוווּנען — דווקא צוליב דער נישט איין־אָטעמדיקייט — אין אַלע דינסטע וויבראַציעס און באַגלייט־דערשיינונגען פון יענער שטאַרקער חושימדיקער ליבע, וואָס פאַרפלייצט.

י. פּאַפּיערניקאָווס בוך הייבט זיך אָן ווי אַן אידיליע. זוניק־פאַרליבט דער־ציילט אונדז דער דיכטער פון זיין אייגענער ליבע — פון זיין שיר השירים:

„ווען כ'עפן באַגינען די אויגן, ווי לאָדן פון פענצטער,\
איז ס'ערשטע ליכט, וואָס פאַלט אין זיי אַריין —\
דיין ליכט.

ווען דער שלאָף איז נאָך פון מיינע וויעס נישט אַראָפּגעפאַלן —\
ביסט דו וואָך שוין, וואָך אין מיר.

מײַן ערשטער געדאַנק, וואָס לױפט־אָן מיטן טאָג,
ווי אַ הירש קעגן זוניקן אױפגאַנג —
ביסט דו.

דאָס לעצטע וואָרט, וואָס פאַלט פון מײַנע ליפּן,
ווי אַ פרוכט אין סאַד אין נאַכט אין שפּעטער,
איז: דײַן נאָמען״.

שוין די ערשטע לידער טוען אַ פּאַק מיט אַזוי פיל וואַרעמער היימישקייט, אַז מען דערפילט עפּעס אַן אומבאַשטימטע התקרבות צום פּאָעט. דאָס זענען ראיות פון עכטע, איבערגעלעבטע לידער. דערפאַר ציען זיי צו און מען הערט אויס דעם דיכטערס איבערלעבונגען, ווי מ׳הערט אויס אַ היימישן, אַן אייגענעם.

די גאַנצע סקאַלע פון מענטשלעכע געפילן געפינען אין דעם בוך דעם פולן אויסדרוק. און דאָס, ווײַל אַלץ איז דאָ געגעבן אינגאַנצן: ליבע־געפילן, ליבע־פרייד, ליבע־פּײַן, די גאַנצע הייליקייט, דערהויבנקייט, אַנטוישונג — אַלץ, אַלץ אינגאַנצן.

דאָס רוב לידער אינעם בוך — ווי יעדע ליבע־לידער — זענען, ווי דער־מאָנט שוין, יחידישע, אינדיווידועלע, דאָך איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז אַפילו די ריין־פּערזענלעכע לידער זענען אויף דעם אינטימסטן אופן פאַרבונדן מיט געפילן און איבערלעבונגען, וואָס זענען טיפּיש פאַר כמעט יעדן ליבנדן מענטשן.

פּאַפּיערניקאָווס לידער חנדלען זיך נישט, מאַכן נישט קיין אָנשטעל. דער דיכטער שפּילט זיך נישט מיט קיין מעטאַפאָרן, בילדער, משלים און מאַנעווורירט נישט מיט אויסערלעכע שפּראַך־עפעקטן. אין זײַנע רואיק־געמאָסטענע פערזן, קומט צום אויסדרוק די קאָמפּליצירטע נאַטור פונעם דיכטער. דורך אײַנפאַכע ווערטער גיט ער אונדז איבער די טיפסטע, די ריינדיקסטע געפילן און סיטואַציעס.

אַוודאי געפינען זיך אין די ערשטע שיר השירים־לידער — געשריבענע מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק — פּרימיטיווע לידער. (ווי פּרימיטיוו ס׳זענען געווען דעם דיכטערס קינדער־ליבעס, ווען וועלכע ער דערציילט אַזוי אויפ־ריכטיק, אַזוי האַרציק אין זײַנע אויטאָביאָגראַפישע בלעטלעך), אָבער ווען מיר פאַרגלײַכן זיי מיט די שפּעטערדיקע לידער, דערזעט מען, אַז זײַן ליד איז רײַפער געוואָרן און זײַן פערז האָט דעראַרבעט נײַע פאָרמען. אַמאָל זינגט ער, דער דיכטער, ברייט־אָטעמדיק און אַמאָל — קורץ־שפּילעוודיק. אויך דער דיאַפּאַזאָן פון טענער איז ביים פּאָעט פאַרברייטערט געוואָרן: ער קען זינגען קול־דממה־דקה׳דיק — פּיאַנאָ, און אויך אָנשלאָגן אין פאָרטאַ־אַקאָרדן.

די העכער צוואַנציק יאָר פּאָעטישע שאַפונגען, האָבן באַקומען זייער פולן אויסדרוק אין „מײַן שיר השירים״.

„אין ליכט פון פאַרגאַנג" — 1969

אַ רעטראָספּעקטיוור אַריינבליק אין פּאַפּיערניקאָווס ערשטע לידער — הן אין די סאָציאַלע והן אין די נאַציאָנאַלע — באַווייזט, אַז שוין דעמאָלט איז זיין ליד נישט געווען געצוימט דורך קיין שום קאָנאָניזירטער פאָרעם, נאָר איז געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. און דאָס, ווייל ער האָט זיך נישט געהאַלטן ביי די פאַלעס פון אַן אויסגעשפּראָכענער דאָקטרין. און מיט דעם האָט זיך איינגעשטעלט אַ ספּעציפישער פּאַפּיערניקאָוו־קאָלאָריט אין דער יידישער פּאָעזיע.

בדרך־כלל איז פּאַפּיערניקאָוו אַ ליריקער. דער ליריזם ביי אים איז אַן אויפריכטיקער, אַ נאַטירלעכער. נישט מער, ער איז אַ סך שטילער, מער טיפער, מער אינדיווידואַליסטיש — שטריכן, וואָס דערנענטערן אים צו דער יחידישער פּאָעזיע. בולט קומט דאָס צום אויסדרוק אין זיין נייעם בוך „אין ליכט פון פאַרגאַנג" ווו דער דיכטער איז פאַרטאָן אין זיך, אין זיין אייגן לעבן. אַפילו ווען ער רעדט נישט דירעקט וועגן זיך, פילט מען אין זיינע לידער אַן אינטימען טאָן, וואָס דערציילט וועגן פּאָעטס אָביעקטיוויקייט. צומיינסט זענען דאָס עלעגיש־צאַרטע לידער, וועלכע זענען אָריגינעל אין באַנעם, רירנדיק אין געפיל, פלוס — פּאָעטישער אויסדרוק.

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ ציקל שיר השירים לידער, פול מיט עכטע ליבע־טענער, וואָס גיבן איבער די העכסטע און טיפסטע עמאָציעס און געפילן פון אַ האַרץ, וואָס איז געווען — ווי עס זאָגט דער דיכטער אויף זייט 18 — ליבע־קראַנק. ווי אַ שיכור נעמסטו שלינגען ליד נאָך ליד און — הייבסט אָן פילן די שליטה פונעם איידעלן ליבע־געטראַנק, וואָס פירט דיך אַריבער צו עפּעס אַ גייסטיקער אויפרודערונג. דאָס גאַנצע ציקל איז אַ שטיק נשמה־ציטער.

י. פּאַפּיערניקאָווס סטיל איז אין דער בחינה פון נישט דערזאָגטקייט. ער האָט צוטרוי צום לייענער, ווען ער לאָזט איבער אַליין צו פאַרשטיין, אַליין צו צעוויקלען די פאַנטאַזיע. דאָס שענסטע אין זיין פּאָעטישער שפּראַך. דערפאַר איז ער אין זיין ליד — ווי אין לעבן — אַ טיפער שוויגער אַזוי, אַז ער שוויגט־אויס אַ ליד. צומאָל איז עס אָבער אַ שוויגן, וואָס רוישט און טראָגט אין זיך טענער פון אומרו און שטורעם. דער דיכטער ווייסט די חכמה און די קראַפט פון זיין שוויגן „שווייג איך און ווער אינעם שוויגן דערהויבן" (ז' 24). טרעפט אָבער, אַז ער ניגונט־אויס אַ ליד, איז עס אָדער אַ מינאָרער טאָן „וואָס אים הערן נישט קיין סך" (ז' 23) אָדער אַ ברום אויף דער סטרונע „עף" וואָס דער פאַטום האָט פאַרצויגן אויף זיין האַרץ „און אָנגעצויגן זי — צום פּלאַצן — צווישן יאָ און ניין" (ז' 26).

פאַראַן אָבער אַ צייט, ווען דער דיכטער וויל דערהערט ווערן, וויל פאַרשטאַנען ווערן. דעמאָלט איז זיין גערזאָגנג דירעקט, אָפן און קלאָר, ווייל ס'איז גוט צו זינגען „ווען מען ווייסט, אַז עמעץ הערט" — דעמאָלט טראָגט ער זיין ליד אַרויס פאַרן הפקר:

וועדט אַ ליד ביי מיר געבוירן —
לאָז איך פריי עס אָפּ אויף הפקר:
זענען פול מיט זיי די וועגן —
ווי מיט נע־ונעדע קינדער...
(ז׳ 27)

און פּונקט ווי דער דיכטער לאָזט אַרויס זיינע לידער אויף אַלע וועגן, אַזוי טראָגט ער זיין וועלט דער דרויסן־וועלט אַרויס „ווייל שווער איז, שטענדיק, נאָר מיט זיך צו זיין” (ז׳ 48). און פּאַפּיערניקאָווס וועלט איז אַ קאָמפּליצירטע, אַ האַרבע. און דאָס, ווייל זיין בונטאַרישע נאַטור רעבעלירט כל־ימיו קעגן איינגעשטעלטן סדר־העולם.

י. פּאַפּיערניקאָוו שוועבט נישט אין די וואָלקנס, נאָר שטייט מיטביידע פיס אויף דער ערד, מחמת „נאָענט צו ערד — איז מען נאָענט צו קומען מיט אַלץ אין באַריר”. דאָס מיינט — אַלץ צו דערזען. דערזעט מען שוין אויך דאָס, וואָס קיינער זעט נישט, און וויל נישט זען — אַפּילו בלינדע בעטלער. איך זאָג: אַפּילו, מחמת זעעוודיקע וויכן דאָך פון זיי און ווייסן נישט, אַז מען קאָן זיין אַ פּרינץ — אַ בעטלער, „מען קאָן אַ בעטלער זיין אין פּראַק און אין צילינדער” (ז׳ 70). די גאַס? — די גאַס האָט נישט קיין אויער צו הערן זייער נאָגנדיקן טרויער, און נישט קיין אויג צו זען ווי „בעטלער טיילן זיך איין מיטן שותפות” (ז׳ 94), ווי אַ בעטלער גיט אַ בעטלער אַ נדבה „זאָלן די, וואָס גיבן נישט, זיך שעמען” (ז׳ 95). איז ווער זאָל זיי, די באַעוולטע פון דער נאַטור, די דערנידעריקטע, צעריסענע דערזען, אויב נישט דער דיכטער?

פאַראַן אינעם בוך עטלעכע לידער, וואָס וויגן זיך צווישן דעם סקעפּטישן און מיסטישן אומעט. צי מיינט דאָס רעזיגנאַציע, פאַרגאַנג? — ניין. אַפּילו אין זיין סקעפּטישן קאַפּיטל „פאַרגייענדיקס” איז פאַראַן ליכט, האָפענונג.

ווען דער טאָג גייט אַוועק —
בין איך רייך, אַזוי רייך!
כ׳בין דער יורש נאָך אים,
כ׳טראָג זיין מלכות פון ליכט —
(ז׳ 30)

אלא וואָס? ווי אַ סענסיטיווער דיכטער, וואָס איז כולו געפיל, כולו געהער, כאַפּט ער אויף די עקסטענסיווע טענער — דאָס שלעכטס, וואָס גייט־אָן אין דער היינטיקער וועלט, און ער וויל אַנטלויפן פון דער שטאָט, וואָס איז פאַר אים קאַלט, צומאָל דראַמאַטיש.

איז אים שוין ניחא׳ער דער וואַלד. און הגם דער וואַלד, ווייסט דער דיכטער, איז נישט שטענדיק פאַר פּאָעטן, וואָס קומען ביי זינגפייגל לערנען זיך זינגען;

נישט שטענדיק פאַר קינדער־מעשהלעך וועגן גזלנים, מכשפות, באַבע יאַגעס און בערן; עס טרעפט אויך, אַז ער איז נישט איינמאָל דער מקלט פאַר שדים און רוחות, פאַר מיליטער מיט זייער כלי־זין — דאָך וויל דער פּאָעט „אַנטלויפן אין וואַלד צווישן ביימער" (ז 124) וואָס פירן אים אַריין „אין מלכות פון שטילקייט, אין מלכות פון רו" (דאָרט). דאָ כאַפּט ער אויף דעם וואַלדס רויש, דעם סוד, דאָס טיפע שווייגן — קלאַנגען פאַר זיינע לידער — און דאָ געפינט ער אויך אַן אויפליידונג: „איז מען נישט אין וואַלד געווען אין פרילינג, ווייסט מען נישט וואָס מען מיינט אַזוינס דערוואַכונג, אויפשטיין פונדאַסניי פון טויט — צום לעבן" (ז' 132). ווידער אַ העלער אָפּטימיזם, וואָס איז אַן אַפּלייקענונג פון דער אַסאָציאַציע, וואָס דאָס לעצטע וואָרט אינעם טיטל פונעם בוך — האָט געקאָנט שאַפן.

וואָס שייך פּאָפּיערניקאָווס פּערז, איז ער אַ גרינגער, אַ לויפיקער — אַ מוזיקאַלישער. בייג־צו דאָס אויער צו זיינע וואָקאַלן און קאָנסאָנאַנטן, צו זיינע ריטמישע שורות, וועסטו דערהערן אַ גאַנצע גאַמע פון קלאָרע טענער.

דאָס אַלץ זאָגט עדות וועגן אַן עכט־פּאָעטישן געמיט.

א. מ. פוקס

„די נאַכט און דער טאָג" — 1961

מיט פוקסעס באַווייזן זיך אויף דער ליטעראַרישער אַרענע האָט אויפגעציטערט אַן אייגנאַרטיקער טאָן אין דער יידישער דערציילן־קונסט. אייגנאַרטיק, ווייל פון סאַמע אָנהייב אָן האָט פוקס געווייכט פון עפּיגאָנען און געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. זיין איטלעכע דערציילונג האָט עפּעס אָנגעזאָגט, עפּעס אויפגערודערט — מיטגעריסן.

„די נאַכט און דער טאָג" נעמט־אַרום 24 באַזונדערע דערציילונגען, אָבער אין תוך גענומען איז עס איין גאַנצע זאַך — דאָס יידישע לעבן אין גאַליציע (אַן אויסנעם איז די לעצטע דערציילונג).

א. מ. פוקס האָט אינעם איצטיקן בוך פאַרפיקסירט דעם יידישן לעבנס־שטייגער, פאָלקלאָר, האַנדל־וואַנדל און דאָס אויסגעריסן ווערן מיט ווייב און קינד ביים אַרויסשלאָגן ס'בידנע ביסל פּרנסה. דאָס אַלץ מאָלט דער מחבר מיט אַזאַ קראַפט, אַז מיר האָבן פאַר זיך קלאָרע בילדער פון אַ יידיש לעבן, וואָס האָט דורות־לאַנג געוואָרצלט אויף דער גאַליצישער ערד.

נישטאָ ביי פוקסן קיין גלייכגילטיקע אַנעמישע געשטאַלטן, קיין לעבלעכע כאַראַקטערן און לעפּישע באַוועגונגען — זיינע העלדן זענען פולבלוטיקע און קרעפטיקע יידן מיט ברייטע אָנגעדעמבעטע פלייצעס און פאַרמאַזאָליעטע הענט, ווי אייזערנע צוואַנגען. יידן וואָס קאָנען כאַפּן אַ קלאַפּ פון אַ גוי, אָבער קאָנען אויך צוריקדערלאַנגען, נאָך ווי! (זע: „האַרבסט אין סאָד", „גאַליציאַנער יידן" און אַנדערע). דאָס זענען, בכן, נישט קיין הכנעהדיקע יידן, וואָס האָבן אַ טבע אַלץ מקבל צו זיין באהבה. ניין, די דאָזיקע יידן האָבן פיינט צו פאַרשווייגן אַ קריוודע. ווער שמועסט אַ מאָראַלישע קריוודע — נו, נישט מקנא צו זיין יענעמען.

צום בולטסטן קומט דאָס צום אויסדרוק אין זיין ערשטער כאַראַקטעריסטישער דערציילונג, וואָס טראָגט דעם ערשטן העלפט פון טיטל־נאָמען.

די צייט וואָס א. מ. פוקס שילדערט איז אַ פינצטערע, אַ כאַאָטישע. ס'איז מלחמה־צייט, זעלנער און באַנדעס טוישן זיך, די מאַכט גייט איבער פון האַנט צו האַנט: רויטענער, פּאָליאַקן, פּעטלורטשיקעס, רוצחים, און בינו־לבינו —

פליצט יידיש בלוט. און באַגלייט ווערט דאָס אונטערן באַקאַנטן אַקאָמפּאַניאַמענט: „ס׳איז אונדזער מלוכה היינט!״ „אַלע זשידעס וועט מען אויסשעכטן...״, „אַרויס פון אונדזער לאַנד!״ אין דער־אַ בהלה יאָוועט זיך אַראָפּ אַן עלטסטער פון די רוטענער, סטעפּניק, וועלכער לאָזט זיך הוליען איבער יידישע קעפּ און פאַר־גוואַלדיקט דעם שוואַרצן לייבס טאָכטער, רבקה. פון זינט דעם אומגליק דרייט זיך לייבע אַרום אַ פינצטערער שווייגער. מען הערט נישט פון אים — ווי דער שטייגער ביי אַזעלכע שטאַלצע יידן — קיין זיפץ. נאָר אַז ער טוט אַ גרימיקן כריפּ, אָדער אַ קריץ מיט די ציין, איז עס ווי אַ קריצן פון אַ שטומפּיקער זעג וואָלט גרויליק אַ גיי געטאָן איבערן לייב. לייבעס שוויגן סנאָוועט די געדערים ביי די קרובים זיינע. זיי פילן, אַז זיין אויסטערליש שוויגן זאָגט קיין גוטס נישט אָן. און טאַקע: אין איינעם אַ פאַרנאַכט נעמט לייבע אַ גרויסן שוואַרצן זאַק אונטערן אָרעם און גייט צו סטעפּניקן. צווישן ביידע קומט פאַר אַ גיך און שטום געשלעג, אַ פאַרביסענער און לעצטער געראַנגל. „טויט און לעבן וועגט זיך אויף דער וואָגשאָל פון אַ האָר״. און ווען סטעפּניק טוט, אונטער לייבעס קלעפּ, אַ פאַל צו דער ערד, „גלייך אַ באַרג וואָלט צעזעצט געוואָרן״, צווינגט אים לייבע אויפצושטיין כדי זיך אויסצוטענהען מיט אים פאַדריבנע... כדי אויסצוקנייפּן אים די נשמה... ערשט נאָכדעם פּאַקט ער אים שנעל אַריין אינעם שוואַרצן זאַק „און מיטן כוח פון אַ ביק האָט ער אַ הויב געטאָן דעם אָנגעפּילטן זאַק אויף דער פּלייצע און מיט אים ערגעץ אַוועקגעגאַנגען״.

און הגם פוקס פירט אונדז צו צום אָרט ווו סטעפּניק איז פאַרשוווּנדן, צווינגט אָבער די דערציילונג — ווי אַ סך פוקסעס דערציילונגען — עפּעס נאָכ־צוטראַכטן. און אַז מ׳פאַרטראַכט זיך קומט מען צום אויספיר, אַז נישט צופעליק הייבט דער מחבר אָן זיין בוך מיט „די נאַכט״. די דאָזיקע נאַכט לייגט זיך ווי אַ שווערע משא אויף די געמיטער פונעם לייענער. מיר דערזעען דאָ דעם קינסטלערס וואַכע חושים צו די טונקעלע וואָלקנס וואָס האָבן זיך, שוין אין יענער צייט, אָנגעהויבן פאַרציען איבערן יידישן שטעטל אין פוילן. ס׳איז דער אָנהייב פון די נאַכט, וואָס האָט אין יאָרן שפּעטער געהילט אייראָפּע.

ווי געזאָגט זענען פוקסעס העלדן געזונטע, קרעפטיקע יידן, צומאָל פאַר־ביסענע און כעסיקע. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז דאָס זענען פאַרגרעבטע יידן מיט אָפּגעטעמפּטע חושים פאַר העכערע, הומאַניטאַרע געפילן. פאַרקערט, אָט ברענגט אונדז א. מ. פוקס אַ צווייטע דערציילונג אונטערן נאָמען „די דעמבענע טיר״, ווו דער מחבר שטעלט אַנטקעגן דער פיזישער גבורה — גייסטיקע גבורה — ביי אָט די זעלבע פאַרשוינען.

בקיצור איז דער אינהאַלט אַזאַ:

איינמאָל, אין אַ ווינטערנאַכט איז לייבעס שטוב פאַרהילכט געוואָרן פון אַ טויבן געפּויק און שווערע קלעפּ פון ביקסן־קאָלבעס, באַגלייט מיט בייזע גוישע געשרייען. שפּרינגענדיק, לייבעס ווייב, האָט זיך מוראדיק צעשריגן: קינדער באַהאַלט

אייך אויפן בוידעם. די היידעמאַקעס זענען אונדז געקומען הרגענען! אין לייבען ברענט אַ גרימצאָרן פון זיין פאַרשוועכטן יושר־געפיל. פאַר וואָס? פאַר ווען? וועמען האָט ער שלעכטס געטאָן?

פון דרויסן דונערן מיט טעמפּע זעץ אין דער טיר. צווישן לייבען און די כוליגאַנעס קומט פאַר אַ העפטיקער געראַנגל ביז... די טיר ווערט אויפגעבראָכן און — לייבע דערקענט איינעם פון די רוצחים, פּעטרי דובאַק. לייבע וויל אים זאָגן עפּעס אַ וואָרענדיק וואָרט, נאָר יענער טוט אים גיך אַ זעץ מיט דער אייזערנער ביקסן־קאָלבע איבערן קאָפּ — — —

על־פּי לאָגיק האָט דאָך, אַזאַ לייבע געדאַרפט דאַרשטן נאָך נקמה, ווערן אַ נוקם ונוטר. און דער גורל האָט טאַקע אונטערגערוקט אַזאַ געלעגנהייט. אין אַ וויטערדיקער דערציילונג — „דער לאַנדשטורם" — טרעפן מיר לייבען אויף אַ פעלד, ווו עס ברעכט פּלוצלינג אויס אַ מלחמה־שלאַכט. ווי אַ געוועזענער זעלנער וואַרפט זיך לייבע אויף דער ערד הינטער אַ בוימשטאַם און קוקט זיך צו מיט אַ געניט אויג צו דער צעפייערטער שלאַכט. און ווען אַלץ האָט זיך איינגעשטילט, שפּאַנט לייבע מיטן פעלדוועג אַהיים. אָבער פּלוצלינג דערהערט ער אַ שטילן קרעכץ. ער פאַרנעמט זיך לויטן קרעכץ און זעט ליגן אַ גוססדיקן זעלנער. לייבע רייסט־אָפּ אַ שטיק שמאַטע פון זיין טיזליק און פאַרבינדט דעם זעלנער דעם צעהאַקטן קאָפּ, ער עפנט אים דאָס מויל און גיט אים אַריין אַ ביסל שנייַ צו דערקוויקן. און ווען יענער עפנט קוים די אויגן, דערפילט לייבע אַ שאַרפן שטאָך אין האַרצן — ס'איז פּעטרי דובאַק. לייבע טוט אַ גרימיקן שפּיי: טפו! דאָס האָט אים דער שטן אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. וואָרעם דער זכרון פון פּעטריס באַגאַנגענעם פאַרברעכן איז נאָך פריש, און אין לייבען רופט אַ באַגער צו נעמען נקמה. ער הייבט זיך אויף און גייט אַוועק. אָבער... אין אים גיט זיך אַ וואָרף דאָס מענטשלעכע האַרץ, אין אים ראַנגלט זיך דער מענטש, וואָס קאָן ביי זיך נישט פּועלן, אַז יענער דאָרט זאָל אויסגיין. ער קערט זיך אים און נעמט דעם בלוט־שונא זיינעם אויף די פּלייצעס און טראָגט אים אַ היים צו זיינע עלטערן — צו די, וועלכע האָבן אָקערשט מיט עטלעכע שעה צוריק געהויבן אַ האַק אויף לייבען.

אָט צו אַזאַ מאָראַלישער הויך, צו אַזאַ גייסטיקער גבורה, קאָנען זיך דערהויבן פּוקסעס יידן אין די צעפּליקטע, געלאַטעטע שפּענצערס און טיזליקעס — די פיזישע גיבורים.

ביידע די־אַ דערציילונגען זענען פון אַזאַ קינסטלערישער קראַפט און אַזוי פּסיכאָלאָגיש פאַרטיפט, אַז מען קאָן זיי דרייסט רעקאָמענדירן אַלס אויסגע־צייכנטער לערן־שטאָף אין די העכערע מיטל־שולקלאַסן.

און מען דאַרף דאָ זאָגן, אַז דער שוואַרצער לייבע איז נישט קיין יוצא דופן — כמעט אַלע פּוקסעס העלדן זענען מאָראַליש־ריינע יידן מיט שטאַרק־אַנטוויקלטע געפילן פאַר יושר און גערעכטיקייט. די וועלט איז טאַקע געחרובט —

ווי ס׳זאָגט פוקסעס אַ העלד — אָבער זיי, פוקסעס יידן זענען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן גלויבן אין אַ בעסערער וועלט.

א. מ. פוקס האָט, בכן, אָנגעטאָן אַ קרוין די סאַדאָוניקעס, פעל־הענדלער, פורמאַנעס, האָלצהעקער, אַלע האַרעפּאַשניקעס, וועלכע האָבן מיט זייער בלוט און שווייס באַרייכערט די ערד אויף וועלכער זיי זענען געזעסן, און אַליין זיך ביטער געראַנגלט מיט דער לאַסט פון גרויען וואָכעדיקן לעבן, פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — מיט דעם יודאָפּאָבישן דרויסן; מיט די כסדרדיקע קאָליזיעס צווישן גויים און יידן.

ווי דער לייענער האָט, מסתמא, באַמערקט, דרייען זיך אַרום אין אַלע זיינע געבראַכטע דערציילונגען כמעט די זעלבע פּאַרשוינען. אויך אין די איבעריקע דערציילונגען טרעפן מיר מענטשן, וועלכע מיר האָבן ערגעץ־ווו שוין באַגעגנט — אויב נישט ביי פוקסן, איז אויף דער וואָר. דאָס באַווייזט, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ קינסטלער מיט אַ וואַכע אינטואיציע און קלאָרע אָבסערוואַציע־קראַפט; אַ קינסטלער וואָס ווייזט אונדז דעם העלדס הולך, וואָס ער טוט, וואָס ער טראַכט, זיין זשעסטיקולאַציע און זיינע געפילן אַזוי, אַז מיר האָבן פאַר זיך לעבעדיקע מענטשן. מענטשן פון פלייש און בלוט און נשמה. דאָס איז די סיבה וואָס פוקס נויטיקט זיך נישט אין צוטראַכטן נייע נעמען פאַר זיינע העלדן. ער דאַרף זיי אויך נישט ווייט זוכן, ווייל ווער עס קען פוקסן פערזענלעך, האָט דעם געפיל, אַז אַ סך פון זיינע העלדן פאַרקערפּערן דעם מחבר גופא.

וואָס שייך די פּייזאַזשן פוקסעס, איז ער זיך נוהג ווי אַ גוטער מאָלער, וואָס פּאַסט־צו אַ געהעריקע ראַם פאַר זיין בילד. וואָס פאַרא קלימאַט, צייט, אָרט — אַזאַ פּייזאַזש ביי פוקסן. אויבנאויפיק זעען אויס אַ טייל פּייזאַזשן צו זיין אַ ביסל פאַרוואַקסן, פאַרנעפּלט, אָבער אַ גוטער לייענער דערזעט גלייך הינטערן נעפּל — פוקס וואָלט, מסתמא, געזאָגט: גענעפּל — דאָס דורכשלאָגן זיך פון אַ וווּנדערלעך ליכט. דאָס זעלבע איז אויך נוגע צו זיינע קאָלירן, ריחות און צו אַ סך אויסדרוקן, אַפילו גאַנצע זאַצן פוקסעס, וואָס כלומר זעען זיי אויס צו זיין צו געדיכט, צו שווערלעך, אָבער פּרוווט זיי פאַרבייטן מיט עקוויוואַלענטע ווערטער, וועט עס שוין נישט האָבן דעם זעלבן טעם, דעם זעלבן פוקסישן כאַראַקטער. אדרבא: גראָד דורך זיין קערנדיקער וואָרט־באַוועגונג פאַר פאַרב, טעם, ריח און סטיל, באַקומען זיינע שאַפונגען אַ מער פּלאַסטישן אויסדרוק; גראָד מיט דעם האָט ער אַרויפגעלייגט זיין באַזונדערן שטעמפּל אויף דער יידישער דערצייל־קונסט. דאָס איז פוקסעס קינסטלערישע גבורה!

חיים לייב פוקס

„די טעג נייגן די קעפ״ — 1969

שוין דער טיטל פונעם בוך סוגערירט און פירט־אַריין אין אַ פּאָעטישער שטימונג. ערשט ווען מען נעמט אַריינלייענען זיך אין די לידער, איז עס נישט בלויז אימאַזש, נאָר מהות פון זיין דיכטונג.

זינט זיין לעצט לידער־בוך — „שעה פון ליד״ — זענען אַוועק קנאַפּע צוואַנציק יאָר. אַנדערע ביכער — היסטאָרישע ראָמאַנען און מאָנאָגראַפיעס — האָט ער יאָ אַרויסגעגעבן. לידער — נישט.

אָבער אַז אַ דיכטער טראָגט אין זיך געזאַנג — נאָך דערצו אַזאַ סענסיטיווער דיכטער ווי חיים לייב פוקס, וואָס איז כולו שירה — און עס נעמט צופאַלן די שקיעה, די טעג הייבן אָן נייגן די קעפּ אַראָפּ, ווערט מען אייליקער, האַסטיקער, נישטאָ קיין צייט. און — ער האָט זיך געמוזט באַפרייען פון דער „לאַסט״, וואָס האָט געשפּאַרט אין אים במשך די יאָרן. נאָך דערצו, אַז די לידער האָבן אויסגערייפט, געוואָרן צייטיק.

חיים לייב פוקס, ווי אַן עכטער פּאָעט, קוקט־אַריין אין דער וועלט — אויך אין זיך — הערט זיך צו צו דעם ריטעם פון דער וועלט, און אַלץ ווערט ביי אים פול מיט פאַרבן און קלאַנגען — ווערט ליד: אַ קינד איז אַ ליד, אַ ווייב איז אַ ליד, אַ שטוב — אַ ליד, אויך נעמען פון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער, וועלכע זענען אַריין אין „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״, וווּ פוקס איז אַ מיטרעדאַקטאָר — זענען ביי אים לידער. „אַז יעדע זאַך וואָס צו הימלען זיך צייט — איז אַ ליד״ (ז׳ 8).

צומייסט זענען דאָס טיף־פּאָעטישע לידער, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט פילאָזאָפישע מעדיטאַציעס, אָבער נישט סתם אַבסטראַקט־סכעמאַטיש, נאָר נשמהדיק, אינטים, מענטשלעך, פלוס — געפיל פאַר וואָרט און קלאַנג. געדאַנק און געפיל זענען ביי אים אַזוי צונויפגעגאָסן, דערביי אַזוי אויפריכטיק, אַז דער לייענער דערשפירט די טיפע אויפריכטיקייט פונעם פּאָעטס געפיל אין זיין אַטמאָספערע.

פאַראַן אָבער אַ הויפּט־אַקס אויף וועלכער עס דרייען זיך זיינע לידער —

אונדזער נאַציאָנאַלער חורבן. די־אָ לידער זענען, ס׳רוב, געשריבן היים, שטורמיש און מאַכן דעם איינדרוק ווי אַ טייל פון זיי זאָלן זיין באַפרייט פון סטיליסטישע פענטעס. אַוודאי: אַז מען ווערט דערפירט צו „די ראַמפּע פון אַשוויענטשים״ (ז׳ 55), ווערן די לידער אָנגעגליט מיט פּיין און אָנקלאָג, ביזן אויסשפּייען אַ קללה פאַר די רוצחים. דערביי אָבער שפּיט דער דיכטער אויס אַ שטיק אייגן האַרץ:

שלאָף־איין מיין האַרץ, שלאָף־איין
און וואַך נישט אויף.
ווער אַ שטיין, אַ ווילדער פעלז, וואָס וואַקסט
צו הימלען אַרויף.
(ז׳ 19)

דאָס זענען נישט קיין סתם־סטיכישע אויסברוכן, נאָר זיי וואַקסן־אַרויס אָרגאַניש, פון דער ביטערער וואָר. נישט קיין חידוש, אויב אַזוי, וואָס אין די־אָ לידער באַגעגענען מיר אַזוי פיל מאָל די ווערטער: טרויער, נאַכט, טויט.

איז דאָס מאַניר? — חס־וחלילה. ווער האָט זיך דאָס ליב צו וויקלען אין טרויער? ווער טוליעט זיך דאָס צום מלאך־המוות? קיינער נישט. און אַזאַ לירישער פּאָעט ווי חיים לייב פוקס — אַוודאי נישט. אלא וואָס? סיי די נאַציאָנאַלע טראַגעדיע, און סיי זיין אייגן צעבראָכן געמיט, האָבן אים געשטעלט אין דער לאַגע פון אַן איוב, וואָס קראַצט די אייגענע ווונדן. אַ סענסיטיוו אויער דערהערט אינעם ריטעם פון די־אָ שורות דאָס פליסן פון בלוט — דעם דיכטערס בלוט.

ביי דעם אַלעם דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיינע לידער פּרעדיקן נישט אונטער־גאַנג. פאַרקערט, אַ סך פון זיי סטימולירן אויפגאַנג. זיי זענען דורכגעליכטיקט מיט אַ העלן גלויבן אינעם ציל פון פרייען מענטש:

איך גלויב נאָך אַלץ אין ציל פון פרייען מענטש,
און וויל אַזוי שוין בלייבן ביז מיין סוף.
(ז׳ 50)

כפירה און גלויבן, שאָטן און ליכט, טרויער און פרייד — אָט די אַלע עקסטרעמען גייען ביים דיכטער פּאַראַלעל. דערביי זענען זיי אַזוי קאָנסטרואירט, אַזוי קאָמפּאָנירט, אַז ער ברענגט־אַרויס, אויף אַ קינסטלערישן אופן, די צעלע ווידעראַנאַנדן, די אַלע פּראָבלעמען און שטימונגען, וואָס נורטעווען אין זיין געמיט — אין אונדזער דור.

י. פינער

„צוויי משפחות" ערשטער באַנד — 1971

אויבנאויפיק: פאַרשידענע טיפּן מיט סתירהדיקע כאַראַקטערן, האַנדלונגען, אַנונגען — באַזונדערע אָפּגעשלאָסענע וועלטן. צומאָל זענען זיי עס טאַקע, אָבער אַ טיפער אַריינבליק באַווייזט, אַז אין תוך־גענומען פאַרמאָגן זיי אַ בשותּפותדיקן שטריך: גלויבן אינעם מענטשן. דער דאָזיקער עטיש־הומאַניסטישער באַנעם איז שוין, ווייזט אויס, געוואָרן ביי פינערן אַ גענעראַליזירנדיקער מעטאָד.

י. פינער האָט אַ נטיה צו דערציילן אָן פאַרפּוצעכצער, אָן הקדמות, נאָר פראָנטאַל, דירעקט און פשוט, ווי עס קומט פאָר אין לעבן. דאָס איז אויך די סיבה וואָס ער לאָזט זיינע העלדן רעדן און אויסרעדן זיך. בלייבט דעם לייענער צוצונייגן אַן אויער צו זייערס אַ דיאַלאָג:

— מען פאָרט קיין פּאַריז...

— ווער פאָרט?

— וואָס הייסט ווער?

— יוכבד, יאָסל דעם רוצחס יידענע, די עגונה, די גאַנצע משפחה פאָרט קיין פּאַריז. יאָסל נעמט זיי אַלעמען אַראָפּ...

אַ מזל פון אַ שוסטער אַ לאַטוטניק! אויב ער נעמט אַראָפּ זיין ווייב און זיינע קינדער, האָט ער דאָך אַוודאי אין פּאַריז געמאַכט אַ סך געלט, איז ער דאָך דאָרט נתעשר געוואָרן, אַנישט, וואָס איז דאָ פּלוצלינג די בהלה?

— אַ ראיה ווי צען מאָל גאָרנישט. אין פּאַריז וואַלגערט זיך אויך נישט קיין גאָלד אויף די גאַסן, און טאָמער אַפילו יאָ, איז יאָסל נישט דער מענטש, וואָס וועט עס אויפהייבן...

— פון דעסטוועגן איז ער אין פּאַריז, נישט דו, נישט איך; פון דעסטוועגן פאָרט יוכבד קיין פּאַריז! זי פאָרט צו איר מאַן.

— ווער עס פאַרגינט איר נישט, רבונו־של־עולם... מ׳שטיינס געזאָגט... איר מזל...

הכלל: דאָס שטעטל איז געגאַנגען כאָדאָראָם מיט יוכבדס פאָרן קיין פּאַריז.

דאָס איז דער קיצור פונעם דיאַלאָג, מיט וועלכן י. פינער עפנט זיין בוך. אַזוי פּשוט, אַזוי פּלאַסטיש און אַזוי כאַראַקטעריסטיש.

אַ סך, זייער אַ סך איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן דער יידישער עמיגראַציע קיין פּאַריז אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט. מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין פול בילד, קיין פולן באַגריף פון אַלע זייערע פּראָבלעמען, פון זייער לעבן. ערשט י. פינער האָט פאַר אונדז אויפ־געהויבן דעם פאָרהאַנג, און מיר האָבן אַ מעגלעכקייט טיפער אַריינצובליקן אין זייער אויסערלעכן און אינערלעכן לעבן אין קורסיוו.

יאָ, דאָס שטעטל איז געגרעכט געווען, מחמת ס׳איז באמת נישט געווען מיט וואָס מקנא צו זיין יוכבדן: אין פּוילן האָט זי אָפּגעפּינצטערט צוזאַמען מיט אירע פינף קינדער אין אַ קעלער־שטוב, און אויך דאָ, אינעם גרויסן פּאַריז, האָט זיי דערוואַרט די זעלבע „רעזידענץ״ — אַ קעלער־שטוב, וואָס איר מאַן, יאָסל גראָסמאַן האָט קוים מיט צרות צוגעגרייט פאַר זיין משפּחה אין איינער פון די סאַמע פינצטערסטע בעלווילער געסלעך, וווהין די זון קומט קיינמאָל נישט צו. קיין גרויסע ענדערונג איז אין זייער לעבן נישט פאָרגעקומען. ווי זאָגט דער מחבר אויף זייט 24: „אַלע קעלערס אין דער גאַנצער וועלט זענען גלייך״.

אמת, איר מאַן האָט נישט געמאַכט קיין סקאַנדאַלן, נישט געשיכורט (פאַרט פּאַריז!), נאָר אין כעס איז ער תמיד געווען. צי איז ער אָבער שולדיק אין דעם? — חלילה. דאָס האָט די ביטערע נויט, דאָס שלעכטע לעבן וואָס ער האָט אַלע יאָרן, דערפירט אים צו זיין אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט — אויך אויף זיך אַליין.

דרייט זיך יוכבד אַרום אַ צעקלעמטע, אַ פאַרביטערטע און וויינט זיך אויס די אויגן אויף איר ביטער מזל. נאַ דיר פּאַריז!

אַנדערש, גאַנץ אַנדערש זייערע קינדער. זיי, די קינדער, פילן זיך דאָ ווי פיש אין וואַסער. פּאַריז נעמט זיי אַרום מיט דימענסיעס, גאַנץ אַנדערע פון זייערע קליינע יידישע שטעטלעך אין פּוילן. דאָס וועקט אין זיי נייע אימפּולסן, פרישע אַנונגען, סאָציאַלע וויזיעס, פּערספּעקטיוו — פאַר זיי עפנט זיך אַ נייע וועלט (מירן זיך שפּעטער טרעפן מיט זיי).

פון דער אַנדערער זייט באַקענט אונדז י. פינער מיט ר׳ פּנחס שטיין, וועלכער איז געקומען קיין פּאַריז כמעט אין דער זעלבער צייט מיט יאָסל גראָסמאַן, אָבער ר׳ פּנחס געהער שוין צו אַן אַנדערער קאַטעגאָריע. שוין פונעם אַוועקשטעלן פאָרן נאָמען אַ ר׳ ווערט קלאָר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ מענטש פון סאַמע זייד און אַטלעס — לויטער יחוס. זיין שלשלת היוחסין ציט זיך טאַקע גאָר הויך. אַליין אַן אייניקל פון די איזשביצער חסידים, פון די הויפּט־פירערס אין דער מלחמה צווישן קאָצק און איזשביצע, האָט ער אָבער חתונה געהאַט דווקא מיט אַ קאָצקער אייניקל.

אין אָנהייב זענען, ווי געוויינלעך, אַלע איינגעוואַנדערטע צעטומלט, פילן זיך פרעמד אין פּאַריז — וועגעטאַציע. אָבער ביסלעכווייז נעמט מען זיך אין

די הענט אַריין: איינער צום צווייטן טוליעט זיך צו, פּאַסט זיך צו, מ׳זוכט אַריין אינעם לעבן. ס׳דויערט נישט לאַנג און מען געפינט דעם טאָן, דעם ריטעם פונעם יידישן לעבן אין פּאַריז. אויךביידע משפחות — גראָסמאַן און שטיין — דערנענטערן זיך: חתונות. בריתן, קינדער, איידעמס, שנירן, אייניקלעך — צעצווייגט און צעוואַקסן.

טאַקע אַ קאָנסטעלאַציע פון פאַרשידענע מענטאַליטעטן, כאַראַקטערן, נאַטורן, אָבער ביידע זיי מיט אַ דורות־לאַנגן איינגעוואָרצלטן יידישן לעבנס־נוסח. י. פינער אידעאַליזירט נישט דעם אָדער יענעם שיכט, ער טרייבט נישט איבער און מינערט נישט, נאָר ער שילדערט זיי אין רעאַלן ליכט.

אין די ערשטע קאַפּיטלען דרייט זיך אַלץ אַרום דעם ענגן קרייז פון די צוויי משפחות, אָבער שפּעטער ווערט די אויסווירקונג פון דעם משפחה־קרייז אויסגעברייטערט און נעמט־אָן אַ שטורמישן כאַראַקטער: וויכוחים. דראַמאַטישע קאָנפליקטן צווישן עלטערן און קינדער — קאָליזיעס צווישן דורות.

פּנחס שטיין און יאָסל גראָסמאַן, די רעפּרעזענטאַנטן פונעם אַלטן דור, קלאַמערן זיך אין טיף־פאַרוואָרצלטע טראַדיציעס און ווילן איינפלאַנצן דאָ, אין פּאַריז, דעם אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער פון פּוילן — שטייט אָבער הירשקע, דער רעוואָלוציאָנער (גראָסמאַנס זון) און בת־שבע, די סטודענטקע (שטיינס טאָכטער), די רעפּרעזענטאַנטן פונעם יינגן דור — אין וועג. זיי, דערהויפּט הירשקע, טראָגן אין זיך אָנזאָג אויף דעם נייעם מאָרגן. געראַנגל פון קעגנ־זעצלעכע כוחות.

פון אַ ריי געשעענישן און האַנדלונגען פילט זיך אַרויס אַ פאַרבאָרגענער דעטערמענירונגס־כוח, וואָס לאָזט נישט דעם מענטשן אַרויסגיין פון זיך, פון דער אימאַנענטער באַשערטקייט.

י. פינער פירט אונדז אַריין אין דער געדיכטעניש פון פּאַריזער בעלוויל־און „פּלעצל״־אַטמאָספער, ווו מיר באַקענען זיך מיטן לעבן פון די ערשטע יידישע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן דאָרט, אין די ערשטע יאָרן, נישט געלעקט קיין האָניק: מ׳האָרעוועט פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט, מ׳יאָגט אַרויס פון זיך די קישקעס, אַבי דערגרייכן צו עפּעס. נאָך ערגער איז אין קריזיס־צייט: אַרבעטסלאָזיקייט, פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ, נישטאָ צו באַצאָלן פאַרן האָטעל — שלאָפט מען אויפן גאַס, אָדער ביי אַ חבר. די טעג ווערן אויסגעפילט מיט אַרומדרייען זיך שלינג־און־שלאַנג איבער די טוכלע הייף, איבער די קאַפּע־הייזער, איבער די הילף־אינסטיטוציעס — די גרויקייט, די ביטערע נויט שרייט־אַרויס פון זיי. נישט אַלץ פינקלט אין פּאַריז, ווי זיי האָבן עס זיך פאָרגעשטעלט אין זייער דמיון.

דער מחבר, זעט מען, קען גוט די געשיכטע פון פּאַריז און האָט ליב פּאַריז — אין אַלע ליכט־און שאָטן־זייטן. דאָס ווערט קלאָר פון אַלע קאַפּיטלען, דער עיקר פון זיין שילדערן דעם מאָנפּאַרנאַס מיט אַזאַ פּלאַסטישער פּאַרטיפקייט

און מאַלערישער לופטיקייט, אַז מיר ווערן אַריבערגעטראָגן אויפן מאָנפּאַרנאַס, און מיר באַקענען זיך דאָרט מיט דער פּאַרביקער און צעשטורעמטער באָהעמע־סביבה, מיט די אמתע קינסטלער, וועלכע זענען באַהויכט מיט אידייען, מיט זוכונגען און געראַנגלען; אויך מיט די פּסיידאָ־קינסטלער, וועלכע פּאַראַדירן מיט אויסערלעכע עפעקטן, וואָס דאַרפן פאַרשטעלן די אינערלעכע קינסטלע־רישע פּוסטקייט.

ס׳האָט זיך דאָ צונויפגעטראָפן אימפּרעסיוויער רעאַליזם מיט אידילישער ראָמאַנטיזם. סיי ווי: מאָנפּאַרנאַס איז אַ פאַרביק קאַפּיטל — נוסח מאָנפּאַרנאַס, נוסח פּאַריז.

י. פינער האָט ליב זיינע העלדן. מכל שכן — די פּאָזיטיווע. אַז ער שילדערט מענטשן — אַזוי די פּאָזיטיווע ווי די נעגאַטיווע האָט ער ליב אַריינצודרינגען אין זייערע געפילן, צו דערגרונטעווען זיך צו זייערע נשמות. און אויב עס דוכט זיך אים, אַז ער האָט עפּעס דורכגעלאָזן, אַז דער געשילדערטער טיפּ איז נישט גענוג קלאָר, גייט ער אַוועק אויף דיגרעסיעס, כדי זיך אומצוקערן צו אים אין אַ פּאַסיקן מאָמענט און מוסיף זיין נאָך אַ שטריך, נאָך אַ פאַרב, אַבי דער מענטש, וואָס מיר וועלן זיך שפּעטער טרעפן מיט אים — זאָל אַרויסקומען קלאָר, אַדעקוואַט. דערפאַר דינאַמישע בילדער, דערפאַר לעבעדיקע געשטאַלטן — מענטשן פון אינעווייניק.

י. פינער באַרירט, זעט מען, תוכיקע פּראָבלעמען וואָס צווינגען צו פאַר־טראַכטן זיך. און נישט בלויז באַשרייבט ער זיי, נאָר ער מיט זיך אויסצושיילן דעם קערן, צו דערגרונטעווען זיך צום מהות פון זיי. און וואָס דער עיקר: ער נעמט שטעלונג צו זיי. און דאָס איז דאָך דער רודימענט פון יעדן שרייבער. אַ פּשיטא — פון אַ פּראָגרעסיוון שרייבער.

נישטאָ קיין געשעעניש — סיי אַ דירעקטע און סיי אַ שייכותדיקע — אין, אָדער אַרום דעם יידישן לעבן אין פּאַריז, וואָס זאָל נישט באַקומען אַן אָפּ־שפּיגלונג אינעם בוך. אָט גייט פאַרביי דער יידישער זייגערמאַכער שלום שוואַרצבאַרד, וועלכער דערשיסט דעם בלוט־דורשטיקן אַטאַמאַן פּעטליוראַ; הערשל גרינשפּאַן, וועלכער דערשיסט דעם דייטשן דיפּלאָמאַט אין דער דייטשי־שער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז — שאָסן וואָס האָבן אָפּגעהילכט אין דער ברייטער וועלט. ביישפּיל: דרייפוס־אַפערע, וואָס האָט אַרויסגעצויגן אויף דער אויבערפלאַך די כל מיני רעאַקציאָנערן מיט פינצטערע העצעס קעגן יידן, אַז ס׳האָט שיער נישט דערפירט צו ערנסטע געשעענישן.

נישט צופעליק, מיינען מיר, האָט פינער אַריינגעפלאָכטן די אַלע מאָמענטן, עפּיזאָדן און געשעענישן אין זיין בוך. ער האָט דאָס געטאָן בכוונה, כדי צו געבן דעם ריטעם, די מראה פון יענער צייט — פון דער ווירקלעכקייט דאָרט. אַנדערש וואָלט דאָס בילד פון יידישן לעבן אין פראַנקרייך נישט געווען גאַנץ. ליבע און ערטאָיק פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין פינערס בוך. דער ער־און־

זי־מאָטיוו שנירלט זיך איבער אַ סך בלעטער. און נישט איין ליבע ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט, נאָר אַ סך: ערנסטע און לייכטע, וואָס איך וואָלט אָנגערופן פלירטן נוסח פּאַריז.

אַנדערש בת־שבע שטיין און אירע צוויי געליבטע — שלמה פינקעלשטיין און הירשקע גראָסמאַן. זי, בת־שבע, ווערט געטריבן נישט אַזוי פון תאווה, ווי פון עפּעס אַן אינערלעכן אומרו. זי איז פול מיט גרעניגלעך און סתירותדיקע געפילן. זי בענקט נאָך ליבע, און אַז זי דערגרייכט — שטויסט זי זי אָפּ. פון עקסטאַז ביז אַנטוישונג איז ביי איר נישט קיין ווייטער מהלך. יאָרן ווי זי גייט אַרום מיט שלמהן, אָבער צווישן יאָ און ניין, ביי אַ ליאַדע מיספאַרשטייעניש, גייט זי אַריבער וווינען מיט הירשקען. זי נעמט אַלץ לייכט — פּאַריזעריש. מען לעגאַליזירט דאָס אונטערן באַקוועמען נאָמען: פרייע מענטשן — פרייע ליבע. אויב אַזוי, איז קיין חידוש נישט, וואָס נאָכן אָפּוווינען מיט הירשקען אַ געוויסע צייט, איז זי צוריק אַריבער צו שלמהן, מיט וועמען זי האָט געשטעלט אַ חופּה, און געהאַט מיט אים אַ קינד. אויך הירשקע האָט חתונה געהאַט מיט זיין פראַנצויזישער חברטע, זשאַנעט. וואָלט דאָך אַלץ געווען גוט — טריצט אָבער דאָס לעבן אַן אייביקן להכעיס, און דער גורל שטעלט זיי אונטער אַ פיסל. מירן צו דעם שפּעטער צוקומען.

בעצם איז דער טעמפּאָ פון אַזאַ דריי־עק־ליבע, ריכטיקער: דראַמע — אַ האַסטיקער, אַ שטורמישער. און אַזוי האָט זי געדאַרפט געשריבן ווערן. נישט אַזוי פינער, וועלכער איילט זיך נישט, נאָר באַוועגט די דראַמע אין אַ געלאַסענעם ריטעם. מיר פאַרצייכענען דאָס לשבח, מחמת דאָס גיט אונדז אַ מעגלעכקייט מיטצוגיין פוסטריט זייערע אַלע האַנדלונגען און אַריינצופילן זיך אין זייערע געפילן, אין זייער לעבן.

דעמאָנסטראַציעס אין פּאַריז איז נישט קיין נייעס. אָבער אַזוי ווי דער פּאָלי־טישער מצב האָט זיך געהאַט ביז גאָר פאַרשאַרפט, האָט דאָס אַרויסגערופן אַ ריזיקע פאָלקס־פראָנט־מאַניפעסטאַציע, וואָס אַזאַ האָט פּאַריז שוין לאַנג נישט געזען. וועגן דעם — אמר ר׳ י. פינער:

„דער ים ברויזט, שטורעמט, זינגט, בייזערט זיך. איין געדאַנק, איין ווילן, איין האַרץ, איין געפיל. עס דוכט זיך, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין כוח אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין אין שטאַנד זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם דאָזיקן אָרגאַ־ניזירטן ווילן־אויסברוך פון גאַנץ פּאַריז; נישט פאַראַן קיין מאַכט אין ערגעץ נישט, וואָס זאָל קאָנען אָפּשטעלן דעם אַנטשלאָסענעם טראָט פון די צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס מאַרשירן פון פּלאַס דע לאַ רעפּובליק צום פּלאַס דע נאַסיאָן, פאַרביי דער באַסטיליע".

אין דער־אַ דעמאָנסטראַציע האָבן זיך צונויפגעטראָפן הירשקע מיט בת־שבען. זיי מאַרשירן האַנט אין האַנט צעשטראַלטע, עקזאַלטירטע, און זייערע הערצער קלאַפּן מיט דעם זעלבן ריטעם. קאָן דען זיין עפּעס מער דערהויבנס?

אָבער גראָד ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזוכט, זיך געפֿינען און ענדלעך פֿאַרשטאַנען — פֿאַלן ביידע פֿון רעאַקציאָנער־פּראָוואָקאַטאָרישע קוילן. דאָס לעבן האָט זיי געהאַט צעשיידט, דער טויט, — פֿאַראייניקט. איראָניע, אָדער קיסמעט, וואָס כאַפּט דעם ריח פֿון אַ ראָמעאָ און יוליאַ־קלימאַקס. די אוניווערסאַלע וועלט־ליטעראַטור איז פֿול מיט ענלעכע דראַמאַטיש־פּאַטאַליסטישע מאָטיוון.

אויפֿן פֿאָן פֿון די ביטערע ידיעות וועגן די דייטשע רציחות, האָבן די יידישע פּליטים אין פּאַריז פֿאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן. אַלץ פֿאַרשפּילט. אָבער גענוג די ידיעה וועגן בירגער־קריג וואָס האָט זיך צעפֿלאַקערט אין שפּאַניע, אַז די מאַסע זאָל אַנגעצונדן ווערן מיט רעבעל, מיט קאַמף אַזוי, אַז זיי לאָזן אַלץ שטיין — ווי מאַרוסיע אין לאַוורעניעווס „דער איין און פֿערציק־סטער" — און שטעלן זיך אין די רייען פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע.

אַזוי ר׳ פּנחסעס זון ד״ר זשאַק, אַזוי דער סטודענט יאָזע לאַנגע צוזאַמען מיט זיין געליבטע זשאַנעט, וועלכע זעען אין די שפּאַנישע געשעענישן אַ המשך פֿון דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דייטשלאַנד און — אַלע זיי פֿאַרן־אָפּ אויפֿן פֿראָנט, זיך קעגנשטעלן פֿראַנקאָס פֿאַשיסטישע אַפּעטיטן.

י. פּינער ברענגט דאָ אַרויס אין העלסטן ליכט די מענטשלעכע דערהויבנקייט, די עטישע און מאָראַלישע כוחות, וואָס האָבן געשפּאַרט פֿון אינעווייניק — סינאָנימען פֿון אַ גערעכטער וועלט.

ביים סוף דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן דוד ספּאַרדס באַלערנדיקע הקדמה, וואָס העלפֿט־צו פֿונאַנדערקלייבן זיך אין אַ סך פּראָבלעמען וואָס י. פּינער באַרירט אין זיין בוך.

„צוויי משפּחות" צווייטער באַנד — 1976

אינעם צווייטן באַנד פֿירט דער מחבר אַריין פֿרישע מענטשן, אַנדערע סיטואַציעס, אָבער אַ סענסיטיוו אויער כאַפּט דאָ אויף דעם המשך פֿונעם ערשטן באַנד. מיטן אונטערשייד וואָס דאָ הענגט נישט בלויז אין לופֿטן דער געשפּענסט פֿון מלחמה, נאָר דאָס אומפֿאַרמיידלעכע איז געקומען — די וועלט איז שוין אַריינגעצויגן אינעם בלוטיקן קאַראַהאָד. אייראָפּע צאַפּלט זיך אין קאָנוווּלסיעס.

אין פּאַריז הייבט זיך עס אָן פּאַמעלעך, רואיק, אָבער אין פּינערס אופֿן פֿון שרייבן, פֿון זיינע סובטעלע רמזים, כאַפּט דער לייענער אויף, אַז ערגעץ־ווו, פֿאַרבאָרגן, פּליסט אַ קליינער שטילער קוואַל, וואָס וועט זיך באַלד צערוישן מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז ער וועט אַריבערשטראָמען די שלוזן און אַלץ פֿאַרפּלייצן.

בולט קומט דאָס צום אויסדרוק אין די צוויי פֿאַרליבטע דניאל און שאַרלאָט

— פון די צוויי משפּחות גראָסמאַן און שטיין. שאַרלאָט פּאָרט אַנפירן מיט אַ קינדער־קאָלאָניע אין קאַרנאַק, און דניאל קומט צו איר אויף עטלעכע טעג. אידיליע אין בעסטן, אין העכסטן זין. רייסן זיך אָבער אַריין מלחמה־טענער, וואָס רויבן־צו ביי ביידע פּאַרליבטע די רו. די שרעק באַזעצט זיך אין זיי. מען וויל זיך פאַרשפּילן אין שאַך — ס׳קלעפּט זיך נישט. און דאָ — מאָביליזאַציע.

פּאַריז פיבערט. מען באַשולדיקט יעדן פאַרדעכטיקן אין שפּיאָנאַזש (באַקאַנטע בילדער אין פּוילן) אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַטאַוויסטישע שנאה, בלבולים, געפעלשטע מאַכערייקעס, מען דערמאָנט זיך אין די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון״ — מען האָט פיינט דעם ייד אינסטינקטיוו אָן אַ סיבה. די מלחמה האָט ענג פאַרצויגן דעם שטריק אַרום דעם יידישן האַלדז.

דער היטלער־חורבן האָט געבראַכט אַ פרישן שטראָם פון יידישע פּליטים קיין פּאַריז, וואָס ווערט דערוויל אַ מקלט פאַר די אויסגעוואָרצלטע; פאַר די וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דער ברענענדיקער ערד, ווו געלאָזן הינטער זיך חורבן און פאַרוויסטונג. צווישן זיי — האַנס בוימאַן, וואָס איז ביז צו דער רייכסטאַג־שׂרפה, געווען פּראָפעסאָר פון דייטשישער געשיכטע אויפן בער־לינער אוניווערסיטעט, און געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות צו יידן. פאַר אים איז דאָס ממש אַ שאָק און ער פרעגט הארבע קשיות. פאַר אים איז דאָס אַ צו שווערער פּראָבלעם, אַ צו האַרטע נוס איינצובייסן. ער פּרוּווט איבערשאַצן ווערטן, אָבער אַלץ איז אויסגערונען ווי אַ לאַגל אָן אַ דנאָ. און ווען עס געלינגט אים יאָ צוצוקומען צו אַן אויסגאַנג־פּונקט, איז עס אויף אַ רגע, און דעמאָלט טראַכט ער: וואָס פאַרא ווערט האָט די שפּראַך פון געטע און שילער; די גאַנצע דייטשישע ליטעראַטור און קולטור, אַנטקעגן היטלערן וואָס האָט אויס־געטאָן די מאַסקעס, אויב נישט פון אַלע, איז פון די מערסטע דייטשן — אַריינגערעכנט די גרעסטע שרייבערס, פילאָזאָפן, דיכטערס, מוזיקערס און אַנדערע אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן נישט בלויז מיטגעהאָלפן, נאָר אַליין פּלאַנירט, פּאַכמעניש און פּרעציז, דעם פעלקער־מאָרד. דייטשער „זשעני״! בוימאַן הערט נישט אויף צו טראַכטן וועגן דעם. נישט וויל ער פאַרמאָגט אַ האַמלעטישע נאַטור, וואָס האָט ליב צו גריבלען זיך אין סתם־עפּעס מטושטשע פילאָזאָפיעס — האַנס בוימאַן וויל געפינען אַ זין אין דעם אומזין, ריכטיקער: וואַנזין.

צי מיינט דאָס רעזיגנאַציע? מיינט דאָס כלו כל הקצין? — חלילה. י. פינער, דער טיפער הומאַניסט און בעל־בטחון גלייבט אין דער וועלט און אין מענטש. ער געהער צו די געבענטשטע אָפּטימיסטן, וואָס גלייבט אַז ס׳מוז אַנדערש ווערן, ס׳מוז בעסער ווערן. נישט קיין חידוש, וואָס דער מחבר געפינט־אויס און ציט־אַרויס דאָס דערהויבענע, דאָס גייסטיקע פון זיין העלד האַנס בוימאַן, וואָס איז זיך מתייחד מיט זיין נשמה, מיט זיין אינערלעכער וועלט און — ס׳וואַכן־אויף ביי אים נייע אַנונגען, נייע געפילן, וואָס דערפירן אים צו יידישקייט, צו דער יידישער געשיכטע און שפּראַך — אַ זאַך וואָס איז אים,

ווי מיר ווייסן, געווען לחלוטין פרעמד. און גראַד אין זיין יידישקייט לייטערט ער זיך. דאָ געפינט ער די פּאַנאַצעע — דערלייזונג.

דער פינצטערער אַריינמאַרש פון די דייטשן קיין פּאַריז, האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך כלערליי עקלדיקע קאַלאַבאַראַנטן, פראַנצויזישע תפיסות, אַזוי פיל אינטערנירונגס־לאַגערן, צווישן זיי: אין פּיטיוויע, אין באָן־לאַראָלאַנד; אַ לאַגער וווּ מען האָט אַריינגעפּאַקט 160 יידן אין איין באַראַק, דאָ — ווישי־רעגירונג, פּעטען, קסאַוויע וואַלאַ און פיל אנדערע שלעק. ניין, נישטאָ פאַר די פאַרפאָלגטע און געיאָגטע יידן ווו צו אַנטלויפן, ווו אויסצובאַהאַלטן זיך — כאָטש טו זיך אָן אַ מעשה. יידישער קיסמעט.

אַרום און אַרום — טערפּקע, טראַגישע געשעענישן, איבערלעבונגען און סיטואַציעס, וואָס נעמען־אַרום די פּאַריזער יידן אין אַ שטאַרקן קלעם וואָס הילט זיי אין פינצטערניש. אָבער אויך דאָ, דווקא פון דער טיפסטער שטאָק־פינצטערניש, גראַד ווען אַלץ זעט־אויס צו זיין אויסוועגלאָז, געפינט י. פינער אויס ליכט־פונקטן, וואָס צעטרייבן די חשכות, און דער פאַרנעפּלטער האָריזאָנט נעמט זיך לייטערן. דער לייענער דערכעט־אָפּ און ער ווערט אָנגעפילט מיט אַ העלן גלויבן, אַז נישט אַלץ איז פאַרשפּילט — אַז ס'וועט זיין גוט.

געציילטע ליכט־פונקטן איז כדאַי אַרויסצוברענגען: שאַרלאָט, וואָס איז געוואָרן, אַ דאַנק איר מסירת־נפש, אַן אַדרעס פאַר טויזנטער אינטערנירטע יידן; ד״ר זשאַק שטיין וואָס האָט געפירט אַ קאַמף מיט די פראַנצויזישע דאָקטוירים, אַז מען זאָל דעם, אָדער יענעם אַריינגעמען אין דער אינפערמעריע פאַר כראָניש־קראַנקע, וווּ עס האָט זיך געפונען — אין געהיים — דער גענעראַל־שטאָב פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג; דאָס פראַנצויזישע פאַרפאָלק לעלאָנג, וועלכע ראַטעווען אַרויס פון די פּאָליצייאישע נעגל אין וועלדאַראָם זייערע יידישע שילער דודל און חנהלע; דאָס אָנטאָן פון די פראַנצויזישע שול־קינדער דעם מגן־דוד — דעם געלן רונד — כדי צו אידענטיפיצירן זיך מיט די יידן, און ווי אַ פּראָטעסט קעגן די דייטשן, און נאָך אַזעלכע ליכט־פונקטן, וואָס שלענגלען זיך איבערן בוך. י. פינער שרייבט וועגן דעם, אַז די פראַנצויזיש־יידישע פאַרברידערונג איז „דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ געוויסע צאָל פראַנצויזן, וואָס זענען געווען באַקאַנט ווי אַנטיסעמיטן פון דרייפוסעס צייטן אָן, האָבן אָפּן גענומען זיך חברן מיט יידן״ (זייט 355).

י. פינער שילדערט די עפּאָפּעע פון מענטש און צייט. שוין פון די געבראַכטע ליכט־פונקטן, אַנטפּלעקן זיך אַלע אַטריבוטן פון דעם מחברס אַנדערשקייט, אַלע עלעמענטן פון זיין קינסטלערישער אייגנאַרט — פון זיין העלן, בטחונדיקן יאָ. פון דעם ווערט קלאָר, אַז דער מחבר ברענגט־אַרויס אין העלסטן ליכט די מענטשלעכע דערהויבונג, די עטישע און מאָראַלישע כוחות, וואָס האָבן געשפּאַרט פון אינעווייניק — סינאָנימען פון אַ גערעכטער וועלט.

אין ביידע בענד „צווי משפחות״ פלעכט י. פינער אַ פאָדעם מיט אַ פאָדעם,

און פון דעם־אָ קינסטלערישן געפלעכט פון כלערליי דעטאַלן, אַנטפּלעקט זיך אַן עקזאַקט בילד פון יידישן און נישט־יידישן לעבן אין פּאַריז בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָט דאָס פּאַנאָראַמישע בילד פון יענעם לעבן, רופט־אַרויס ביים לייענער געפילן, רעפלעקסן און אימפּולסן. דאָס עדותט פון אַ גוטן דערציילער, וואָס ווייסט ווי צו אוטיליזירן און אַנטפּלעקן די געדאַנקען פון זיינע העלדן.

נאָך עפּעס: אין די פּאַסצינירטע בילדער, געמאָלן אויף אַ ברייטער, מ׳קאָן זאָגן: היסטאָרישער קאַנווע, געפינען מיר אַ רייכן שלל פון צונויפגעזאַמלטע געשעענישן, פּלוס דעם מחברס טיפן אַריינבליק אין זיי — געזען דורך דער פּריזמע פון אַ שרייבער, וואָס האָט אַ סך קאַפּיטלען אויף דער אייגענער הויט אָפּגעפילט. און מען דאַרף דאָ זאָגן, אַז זיין רעסטאַווירן און אַריינבליקן אינעם נישט־וויטן עבר, איז אַ פאַרלאָזלעכער — מ׳קאָן זיך סומך זיין אויף אים, מחמת אַלע זיינע קאָנטעמפּלאַציעס און אויספירן זענען באַזירט אויף ראיות און פאַקטן. דערפאַר אָפּן אָן משל און אָן נמשל — ווי די זאַך איז.

זיין אופן שרייבן איז, בכן, אַ געוועב פון רעאַליזם. דאָס פאָדערט אַ לאַנגן, אַ קינסטלערישן אָטעם. פינער פאַרמאָגט דעם דאָזיקן אָטעם. דערביי איז ער נישט קיין פּזרן, ער צעטרעגנצלט נישט קיין סתם־רייד, ער איז שפּאָרזאַם, צומאָל קאַרג — צמצום. ער דערציילט דאָס סאַמע וויכטיקסטע, דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע. זיין גאַנץ שאַפן איז אַ שטרעבן צו אַנטפּלעקן דאָס פאַרבאַהאַלטענע, די אינערלעכע שיינקייטן, איידלקייטן און מאָראַלישע דערהויבנקייטן, וואָס ער דערזעט ביים פּשוטן מענטשן. נישט קיין חידוש, אויב אַזוי, די סנאָפּעס ליכט וואָס ער וואַרפט אויף זיי.

פאַר אַ געניט אויג איז נישט שווער צו דערזען, אַז אין דער גענעאַלאָגיע פון די צוויי משפּחות, האָט דער מחבר אַריינגעוועבט אַ סך שטריכן צו זיין אייגענער ביאָגראַפיע. שוין יוכבד שטיין, די גוטע יידישע מאַמע, וואָס פאַרדעקט מיט אירע מאַמישע הענט אַלע עוולות, דערמאָנט אין יוכבד שטיינמאַן, וועלכע דערשיינט אין זיין בוך „נאָוועלן" א.נ. „און איין צינגל פון דער וואָגשאָל האָט איבערגעוויגן" — דערמאָנט אין ווונדערלעכן פּאָרטרעט פון י. פינערס מאַמע.

לשבח דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז אַפילו אין די ביאָגראַפישע שטריכן וויזט דער מחבר נישט אָן אויף זיך, און דאָס, ווייל ער וויל מ׳זאָל דערזען דעם אַרום, דעם כלל — די וועלט.

אַ סך פּראָבלעמען, בילדער און געשטאַלטן, וואָס גייען פאַרביי די „צוויי משפּחות" קריצן זיך איין אין זכרון און לאָזן זיך נישט פאַרגעסן.

וועדליק אונדזער קוק־ווינקל, דאַרף נאָך קומען אַ דריטער באַנד, וואָס זאָל אַרומנעמען פאַריז — די וועלט — ווי זי האָט זיך געשטאַלטיקט אויף צומאָרגנס נאָך דער מלחמה. לאָמיר האָפן, אַז ס׳וועט דעם מחבר סטייען קינסטלערישע כוחות און — מיר וועלן האָבן אַן אינטערעסאַנטע טרילאָגיע, סיי פון אַ ליטעראַרישן און סיי פון אַ געשיכטלעכן ווערט.

יעקב פרידמאַן

„פּאַסטעכער אין ישראל" — 1953

אויסערלעך מאַכט דאָס בוך אַן איינדרוק ווי אַ סידורל פאַר תלמוד־תורה־ייִנגלעך — אַ משונה־בלאַ־קאַליריקער טאָוול מיט „גאָלד"־געליישטע אותיות, וואָס אַלץ צוזאַמען שיילט־זיך־אָפּ פונעם שוואַרצן רוקן נאָך איידער נעמסט עס אין האַנט אַריין.

דער אויסערלעכער אויסזען נאַרט נישט אײַנגאַנצן, ווײַל ווען מען עפנט־אויף דאָס בוך און מען נעמט לייענען ס'ערשטע ליד, הערט מען אויף לייענען און מ'הייבט אָן צוזאַמען מיטן מחבר דאַווענען — טאַקע ווי אין אַ סידורל. צומאָל: מיטן סקאַרבאָוון צאינה־וראינה־נוסח פון אונדזערע גאָטספאַרכטיקע באָבעס — אין ליכטיקן גן־עדן זאָלן זיי זיין.

ווי אַ פרומער ייד הייבט יעקב פרידמאַן אָן פון פאַרנטיקן דאַווענען, פון מה טובו, ווו דער פּאַסטעך בעט ביים באַשאַפער אַ ביסל גענאָד:

„זיי גוט צו מיר, גאָט,
כ'בעט נישט קיין סך:
איך וויל פילן דיין ליבשאַפט
רוט אויף מיין דאַך.

אַן ענלעך געבעט האָט דער פּאָעט, ווען ער שטעלט זיך פאַר גאָט ברוך־הוא מתפלל זיין:

„...אַזוי געוויינט איך, האַר, אַצינדער
לייטזעליקייט טאָן בעטן פאַר מיין שירה,
פאַר געזאַנג פון מיין האַרצן,
פאַר מיין יידיש ליד וואָס גאַרט:
ס'זאָל טאָן רוען אויף דעם
דער הייליקער חן,

די גענאָדיקע פּראַכט
פון דוד דעם פּאַסטעכס
גאָלדענער האַרץ,
וואָס טוט זינגען צו כביכול
און זיין אייביק געווערק".
(„באַוויליק צו מיין ליד")

און אַז דער פּאָעטישער חן רוט אויף פרידמאַנס שירה — זאָגן עדות דערויף אַ סך לידער זיינע אינעם בוך.

יעקב פרידמאַן, וועמען ס'איז „דער סוד פון ספרים נישט פאַרבאָרגן" איז אַ טיפער מאמין אינעם מענטשן, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלקים. מענטש, נאַטור — אַלץ שאַלט, זינגט און קוואַלט. באַשיימפּערלעך פילט ער, דער דיכטער, ווי אַ „הייליקע שטילעניש טריפט אויף דער ערד" און זיין האַרץ איז פול מיט אהבה צו אַלץ און אַלעמען. אויף אַלעם זאָגט ער כי טוב. ווייל... „אין מינדסטן טויעלע קען זיך שפּיגלען די זון (אגב, דערמאָנען די־אָ ענלעכע שורות אין די לידער פון אומגעקומענעם דיכטער חיים סעמיאַטיצקי).

פאַראַן אָבער ביים פּאָעט אַ צייט ווען ס'קומט אָן „די בלאָע שעה פון שטילקייט און מחשבות" און דעמאָלט זוכט ער די אַנטפּלעקונג, „דעם קערן... דאָס בראשיתדיק תוכיקע", און דעמאָלט לאָזט ער פאַלן — דורכן מויל פון זיין זיידן — האַרב־פּלפּולדיקע ווערטער: „טיף די הלכה, ווי אַ ים איז זי טיף, און פאַרפּלאָנטערט דיינע דרכים, באַשעפער" („אין געטאָ צו מנחה"). אין אַ צווייט ליד — „דער קאָצקער" — לייגט דער דיכטער אַריין אינעם קאָצקערס מויל אַזעלכע מחשבות:

„...די השגחה, אַ ציגיינער, הייסט דעם בער זיך טאַנצן שטעלן...
דאַרף ער טאַנצן דער בער... נו טאַנץ איך קאָצקער צדיק,
אַ פאַרשוויצטער בער מיט אַ סויבלענעם ספּאָדיק.
טאַנצט דער בער, און טאַנצנדיק טוט ער דרינגען:
גוואַלד! די בערישע נאַרעס טוען משונהדיק שטינקען..."

מען וואָלט געקאָנט אָנווייזן אויף נאָך און נאָך אַזעלכע שורות, פול מיט וואַקל און ספקות, וואָס דערמאָנען אין „די בלאָנדזשענישן פון אברהם־איציע דער קירזשנער" (פישל שניאורסאָן). אמת, נישט אַזעלכע מהרהדיקע, אפּיקורסישע ווי ביי שניאורסאָנען, אָבער פּלפּול... ספקות... פּלאָנטער... געראַנגל און סתירות — יאָ.

אַ סך לידער פרידמאַנס זענען פול מיט רמזים און נישט־דערזאָגטע רייד. פאַראַן אָנוווּנקען וואָס ער אַליין, דער דיכטער, באַנעמט זיי נאָך נישט אינגאַנצן, אָבער עפּעס נעמט אויפקוואַלן אין אים דאָס האַרץ דערפון. די־אָ נישט פאַרענ־

דיקטע לידער, וואָס ווערן ביי אים ווי אָפּגעהאַקט אין מיטן, האָבן אָבער אַ גרויסע מעלה, וואָס זיי הייבן ערשט אָן צו לעבן אין דער פאַנטאַזיע פונעם לייענער, וועלכער ווערט אָנגערעגט פון דער קראַפט, וואָס איז געשפּאַנט אינעם ליד.

אַ חוץ די השפּעות — דערהויפּט: פּרץ, לייוויק און מאַנגער — וואָס לאָזן זיך מערקן אין פרידמאַנס לידער, האָט אויך דער דיכטער אַ נאָש־געטאָן פונעם יידישן פאָלקס־אוצר, וואָס איז אַ דאַנקבאַרער קוואַל פאַר קינסטלערישער אינספּי־ראַציע. („אַ חלום אין קפּריסין". „ביים ירדן" און אַנדערע).

וואָס שייך פאָרעם, קאָמפּאָזיציע און סטרוקטור — האָט י. פרידמאַן אַ סך דערגרייכט. זיין פערז איז אָנגעגאָסן מיט בילדלעכקייט, מיט וויזיע. פאַרמאָגט אַ גלאַטע, קאָרעקטע שפּראַך.

יצחק קאַהאַן

„פונקען און פלאַמען" — 1964

דעם יידישן לייענער איז דער נאָמען יצחק קאַהאַן ביז איצט כמעט ווי אומבאַקאַנט געווען. ערשט מיטן אַרויסגעבן זיין בכורהש בוך, „פונקען און פלאַמען" איז ער באַקאַנט געוואָרן ווי אַן עסייאיסט.

פון מחברס התנצלות ווערן מיר געוווירר, אַז דאָס בוך איז לכתחילה געווען פאַרטראַכט אויף דריי אָפּטיילונגען, אָבער צוליב געוויסע סיבות איז עס דערשינען אין צוויי טיילן. דער ערשטער טייל איז געבויט אויף ביבלישע און היסטאָרישע מאָטיוון, ווי: טאָמאַס מאַנס „יוסף און זיינע ברידער", לעאָ פויכטוואַנגערס „יאָזעפוס פלאַוויוס" און אַנדערע היסטאָרישע ראָמאַנען; דער צווייטער טייל נעמט־אַרום מאָנאָגראַפּיעס און עסייען וועגן באָריס פּאַסטערנאַק, וואַלטער ראַטענוי, ערנעסט העמינגוועי, בענדזשאַמין ד'איזראַעלי (לאָרד ביקאָנספּילד), סטעפאַן צווייג און בערנאַרד שאָו. דאָס זענען נאָר די הויפּט־קעפּלעך. פאַקטיש נעמט יעדע טעמע אַרום אַ סך פּראָבלעמען פון סאָציאַל־עטישן און פּאָליטישן לעבן, אויך אַ ריי פּראָפיל־צייכענונגען פון פיל פען־פאַרשטייער.

אין זיין פּרעאַמבל צום בוך זאָגט דער מחבר, אַז עטלעכע פון די־אָ אָפּהאַנד־לונגען זענען געווען טעמעס פון זיינע פאָרלעזונגען — אין אויסטראַליע — ביי געלעגנהייטן פון אָפּצייכענען אַ יאָרצייט אָדער אַ געבוירנטאָג פון אַ ריי שרייבער, ווי: לייוויק, דובנאָוו און העמינגוועי.

אַ סך אַרבעטן מאַכן טאַקע דעם איינדרוק ווי לעקציעס וועגן דעם אָדער יענעם שרייבער, וועגן דעם אָדער יענעם פּראָבלעם; לעקציעס, וועלכע רופן־אַרויס ביים לייענער געפילן, רעפלעקסן און אימפּולסן. דאָס עדות פון אַ גוטן לעקטאָר, וועלכער ווייסט ווי צו אוטיליזירן און אַנטפּלעקן די געדאַנקען פון גרויסע שרייבער און דענקער. שוין די־אָ לעקציעס — אָדער ווי דער מחבר רופט זיי אַן פאָרלעזונגען — האָבן אין זיך קערנער פון חקירה — פון עסיי.

וואָס מער מען לייענט זיך אַריין אין זיינע אַרבעטן דערזעט מען, אַז דער מחבר וואָרצלט טיף אין דער יידישער געשיכטע און ליטעראַטור און קען זיך אויך גוט אויס אין הילכות וועלט־ליטעראַטור. קלאָר, אַז דאָס האָט געזאַפּטיקט

זיין קונסט־געפיל, ריכטיקער: קונסט־געמיט. פון דאַנען אויך זיין קולטיווירטער געשמאַק וואָס אָפּצוקלייבן.

אין זיינע אַרבעטן וועגן בער האָפמאַנס „יעקבס חלום" און טאָמאַס מאַנס „יוסף און זיינע ברידער", האָט יצחק קאַהאַן געגעבן אַ פּאַנאָראַמיש בילד פון די ענדערונגען, וואָס דאָס יידישע גייסטיקע לעבן האָט דורכגעמאַכט — די אַנטוויקלונג, אין איר וועלטלעכן אַספּעקט, פון דער געגעבענער עפּאָכע. אין ביידע די־אַ אַרבעטן האָט קאַהאַן רעסטאַווירט, איך וואָלט געזאָגט: אַרויס־גענומען פון שיכחה פאַרגעסענע געשעענישן, פּראָבלעמען, שרייבער, דענקער און אָפּגעפרישט זיי פאַר אונדזער זכרון.

זיין עסיי וועגן לעאָ פויכטוואַנגערס „יאָזעפוס פלאַוויוס" איז אַ פאַסצינירט בילד, וואָס איז געמאָלן אויף אַ ברייטער היסטאָרישער קאַנווע. מיר געפינען דאָ אַ רייכן שלל פון צונויפגעזאַמלטע מאַטעריאַלן, פלוס דעם מחברס אַריינבליק אין זיי — געזען דורך דער פּריזמע פון אַ היינטיקן שרייבער. אָן ספק זענען קאַהאַנס קאָנטעמפּלאַציעס און אויספירן באַזירט אויף געוויסע הנחות, ראיות און מקורות. און מען דאַרף דאָ אונטערשטרייכן, אַז זיין אַריינבליק אינעם ווייטן עבר איז אַן אָביעקטיווער, בכן: אַ פאַרלאָזלעכער. מען קאָן זיך סומך זיין אויף אים. מיר מיינען אָבער, אַז נישט גערעכט איז זיין טענה צו י. י. טרונקן, הלמאַי ער „האָט נישט געפּרווט זוכן אַ שליסל צו די פסיכישע קאָנפליקטן פון אָט דער געשיכטלעכער, טראַגישער פּערזענלעכקייט" (זייט 98).

פול מיט פּיעטעט איז געשריבן זיין אַרבעט וועגן גרויסן ייד און גרויסן היסטאָריקער, שמעון דובנאָוו. ס'איז אַ ברייט־פאַרנעמיקע אַרבעט, ווו עס הערן זיך עכאָס פונעם וווּנדערלעכן ניגון פון דער יידישער געשיכטע און פאַרגעשיכטע. אַוודאי האָבן די דרויסנדיקע טענער — די גרויסע אַנטדעקונגען פון קאָפּערניק, גאַלילעי, ניוטאָן און די כלערליי אינטעלעקטועלע רעוואָלוציעס צו יענער צייט — וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אינעם יידישן לעבן אַוועקגעשטעלט אויף די יידישע געשיכטע פאַר גרויסע און ערנסטע נסיונות. איך האָב דאָ פריער געזאָגט: עכאָס, ווייל די פולע גאַמע פון דעם שיינעם יידישן ניגון, האָט קאַהאַן נישט אַרויס־געבראַכט — הגם זיין צוגאַנג צו דער דאָזיקער אַרבעט איז דאָ נישט געווען ווי קיין קאַלטער אַנאַליטיקער, נאָר ווי אַ וואַרעמער ייד.

יצחק קאַהאַן הייבט־אָן זיין צווייטן טייל מיט אַן עסיי וועגן גרויסן שווייגער פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור — באָריס פּאַסטערנאַק. אַן אַרבעט וואָס ברענגט אַ מענגע מאַטעריאַלן און פאַקטן — אַ טייל אומבאַקאַנטע פאַרן ברייטערן לייענער — וועגן לעבן און שאַפן פון גרויסן דיכטער און זיין ביטערן גורל. קאַהאַנען איז דאָ געלונגען צו שילדערן די סביבה, אין וועלכער פּאַסטערנאַק האָט געלעבט — פריער צווישן די ריזן פון דער רוסישער ליטעראַטור, און שפּעטער אַ הערדריקטן פון סטאַלין־טעראָר. מיר ציטירן דאָ עטלעכע שורות, וואָס גיבן־איבער די אַטמאָספער, די לופט פון יענער צייט:

„אין באַריס פאַסטערנאַקס הויז אין מאָסקווע פלעגן פאָעטן זיך צוזאַמענקומען און פאָרלייענען זייערע שאַפונגען. אין אַ געוויסן פריי־מאָרגן האָט אָסיפּ מאַנדעלשטאַם פאָרגעלייענט זיינע נייע פאָעמעס, אין וועלכע עס זענען געווען איראָנישע טענער וועגן סטאַלינען. קאָן מען זיך פאָרשטעלן די טויטע שטילקייט נאָך מאַנדעלשטאַמס לייענען, ווען דער עולם איז זיך מיט טויט־שרעק פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָפנדיק אויף אַ נס... אָבער דער נס איז נישט געשען — צו סטאַלינען אין דערגאַנגען די סאַטירע, און — מאַנדעלשטאַמס גורל איז געווען אַ געחתמעטער".
(זייט 206).

שוואַכער איז זיין פּראָפּיל־צייכענונג: בערנאַרד שאָו — דער פּרעטענדענט אויף שעקספּירס טראָן. טאַקע אַ סיסטעמאַטיש־צונויפגעשטעלטע אַרבעט, ווי עס וואַקסט־אַרויס קאַהאַנס אייגנאַרטיקייט אין אויפנעמען קונסט־ווערטן. ער ווייסט אויך ווי אויפצומישן אַ בלאַט און ווי אויסצוזוכן אַ ציטאַט, כדי צו באַקרעפטיקן זיינע דעפיניציעס מיט ביישפילן און באַלייכטונגען. אָבער דאָס צופיל פאַררופן זיך אויף בר־סמכאס, די אָפטע ציטאַטן פון אויטאָראַטיווע קוועלן, באַקרעפטיקן נישט, נאָר פאַרקערט: שוואַכן־אָפּ, מחמת ס'איז שווער דורכצופירן אַ גרענעץ־ליניע צווישן ציטאַטן און אייגנס. די דאָזיקע נטיה דערפירט דעם מחבר צו זיין אַ פזרן אין ווערטער — גאָרנישט אין עסיי־שניט.

אַנדערש, גאַנץ־אַנדערש ווען יצחק קאַהאַן קומט־צו צו היינטצייטיקע פּראָבלעמען, אַ הווה־אמינא — גורלדיקע, אַ שטייגער, צו רעמאַרקס „אַ פונק פון לעבן" און „אַ צייט צו לעבן און אַ צייט צו שטאַרבן". צוויי ביכער, וואָס האָבן צו טאָן מיטן גרעסטן פאַרברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע — די פינצטערע עפּאָכע פון אונדזער טראַגעדיע.

יצחק קאַהאַן שטרייכט דאָ אונטער דאָס וועזנטלעכע אין רעמאַרקס שאַפן און ברענגט־אַרויס די גרונט־עלעמענטן, וואָס ער האָט בייגעטראָגן צו דער חורבן־ליטעראַטור.

דאָ איז קאַהאַן דירעקט, צילגעווענדט, האַלט זיך ביי דער ליניע פון חקירה און גרינטלעכן אַנאַליז; דאָ האָט ער געפונען דעם שליסל צום קינסטלער און זיינע ווערק. און וואָס דער עיקר: ער דערפירט דאָ זיינע מחשבותן און מסקנות צו אַ קלימאַקס. די דאָזיקע אַרבעט איז יצחק קאַהאַנס עסיי־לעגיטימאַציע.

ח. ש. קאַזדאַן

„פון חדר און ,שקאָלעס׳ ביז ציש״אָ״ — 1956

„פון חדר און ,שקאָלעס׳ ביז ציש״אָ״ איז אַ זאַמלונג פון היסטאָרישע עסייען, וואָס נעמען אַרום 150 יאָר קולטור־געשיכטע פון רוסלענדישן יידנטום. אין דער דאָזיקער געשיכטע, וואָס ציט זיך פון אַלכסנדר דעם ערשטן ביז די ציש״אָ־שולן אין פוילן, ברענגט דער מחבר אַרויס דעם גרויסן געראַנגל און קאַמף פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין רוסלאַנד פאַר שול, שפּראַך און קולטור.

אין דעם ערשטן קאַפּיטל שטעלט זיך דער מחבר אָפּ אויף די דריי צעטיילונגען פון פוילן, וואָס אין רעזולטאַט דערפון האָט דאָס צאַרישע רוסלאַנד באַקומען אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג און צוזאַמען מיט דעם געבירשנט פון פוילן די „יידן־פראַגע״ און באַזונדערס די יידישע בילדונגס־פראַגע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן רעפאָרמען, פּראָיעקטן און פּלענער ווי אַזוי צו פאַרענטפערן די יידן־פראַגע. צווישן אַ סך אַנדערע איז געווען אַ פּראָיעקט פונעם דעקאַבריסטישן רוסישן דיכטער דיערזשאַווין וועגן נייטן יידן אָראָפּצוּוואַרפן פון זיך די יידישע קליידונג און שרייבן אַלע געשעפטס־פּאַפּירן אויף רוסיש, פּויליש אָדער דייטש; יידישע קינדער זאָלן לערנען ביי מלמדים נישט מער ווי ביז 12 יאָר, נאָך דעם זאָל מען זיי אָפּגעבן אין קריסטלעכע שולן. ס׳האָבן אויך נישט געפעלט קיין אויפגעקומענע יידישע אינטעליגענטן, משכילים און רייכע סוחרים, וועלכע האָבן זיך משתדל געווען ביי דער מאַכט וועגן פאַרשידענע אַסימילאַטאָרישע בילדונגס־פּראָיעקטן. דאָס זענען אָבער על פּי רוב געווען אַזעלכע שתדלנים, וואָס זיי איז ווייניק אָנגעגאַנגען דער געראַנגל פונעם יידישן פאָלק, נאָר זיי האָבן דער עיקר געטראַכט וועגן זייערע אינטערעסן, וועגן בילדונג פאַר זייערע קינדער. ווייל אין דעם דיפּלאָם פון דער גימנאַזיע און אוניווערסיטעט האָבן זיי געזען דאָס זיכערע מיטל צו רעכט, און אויך אַ סגולה פאַר... פּרנסה. זיי, די אייבערשטע פון שטייסל האָבן פאַר יעדן פּרייז געשטרעבט אַז „די רוסישע געזעלשאַפט זאָל אָנערקענען כאָטש פאַר איינצלנע פאַרשטייערס פון יידנטום אין רוסלאַנד די רעכט פון האַלטן זיך פאַר און צו רופן זיך רוסן״.

מיט דאָקומענטן אין האַנט באַווייזט אונדז ח. ש. קאַזדאַן די פאַררעטערישע ראָל פון דער דעמאָלטיקער יידישער בורזשואַזיע און אינטעליגענטן, וואָס אין זייער באַגער אויסצומישן זיך מיט די רוסן, זענען זיי דערגאַנגען צו אַזאַ שפלות, אַז זיי האָבן זיך נישט באַטראַכט ווי זין פון אַ פאָלק, נאָר ווי פון עפּעס אַ שבט.

אָט ליגט פאַר אונדז אַ ביטע, וואָס אַ גרופּע יידישע צוהערער פון דער מעדיצין־כירורגישער אַקאַדעמיע האָט דערלאַנגט אין אָנהייב פון 1856 — און דאָס איז שוין געווען די צייט פון אַלכסנדר דעם צווייטן, ווען עס האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט „פרילינג", וואָס לייענט זיך אַזוי: „מיר נעמען זיך די העזה צו בעטן אונדזער פאָטערלעכע רעגירונג, זי זאָל נישט צונויפמישן אונדז... מיט דער מאַסע פון אונדזער אומגליקלעכן שבט" (זייט 67). מיט אַכט יאָר שפּעטער האָבן זיך 15 יידישע סוחרים משתדל געווען, אַז יידן זאָלן מעגן האָלטן קריסטלעכע דינערשאַפט. זיי האָבן דאָס מאָטיווירט מיט „מאָראַלישע טעמים": „ווען די קינדער וועלן פון וויג אָן האָבן אַ רוסישע גוווערנאַנטקע אָדער ביאַנע, וועלן זיי פון קליינווייז אויף זיך צופּאַסן צום ריכטיקן אַקצענט אין דער רוסישער שפּראַך, זיי זאָלן איבערנעמען אַלע רוסישע מנהגים און איינזאַפּן אין זיך די פאָלקס־לידער און דאָס פאָלקסטימלעכע, אַזוי אַז די יוגנט אונדזערע וועט שוין שפּעטער זיך אין גאַנצן באַהעפטן אין אַלץ און מיט אַלץ וואָס איז רוסיש" (זייט 68).

ת. ש. קאַזדאַן שטעלט זיך אָפּ אויפן „יידן־סטאַטוט", וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1804, וואָס דער ערשטער פּונקט לייענט זיך אַזוי: „אַלע קינדער פון יידן מעג מען אָננעמען און לערנען אָן שום אונטערשיד פון אַנדערע קינדער, אין אַלע רוסלענדער שולן, גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן".

אין פלוג גענומען האָט דאָך אַזאַ סטאַטוט, וואָס עפנט ברייט די טירן פון בילדונג פאַרן רוסישן יידנטום געדאַרפט אַרויסרופן פרייד. איז עס אָבער נישט אַזוי געווען. פאַרקערט: יידן האָבן געזען אין דעם אַ שווערע גזירה, מחמת דער דאָזיקער דעקרעט איז געווען באַגלייט מיט נייע שווערע באַגרענעצונגען פאַר יידן. לויט דעם נייעם געזעץ זענען זעכציק טויזנט יידישע משפחות — כמעט אַ האַלבער מיליאָן נפשות — געווען פאַרמשפּט אַרויסגעטריבן צו ווערן פון דאָרף. עס האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון גזירות, רדיפות און נגישות, וועלכע האָבן דערפירט די יידישע באַפעלקערונג צו הונגער און מגפות. צו די גירושים און עקאָנאָמישע רעפּרעסיעס זענען אויך צוגעקומען דעקרעטן וועגן צוואַנגס־בילדונג פאַר יידן: צוערשט די „אַלגעמיינע מלוכה־שולן" און שפּעטער — ספּעציעלע שולן פאַר יידישע קינדער אונטערן נאָמען „קאַזיאָנע שולן", וועלכע זענען אויסן געווען צו רוסיפיצירן די יידישע יוגנט.

די איינציקע וואָס האָבן אונטערגעשטיצט די „בילדונג בגוואַלד" זענען געווען די משכילים. פאַרן פּרייז פון דער־אַ „בילדונג" — אין וועלכער זיי האָבן געוואָלט זען די גייסטיקע עמאַנציפּאַציע פון די רוסישע יידן — האָבן זיי בלינד מיטגע־מאַכט די רעגירונגס־שפּיל, ד. ה. — פּאַקטיש צוגעהאָלפן דער רעגירונג אַדורכ־צופירן די רוסיפיקאַציע־פּלענער. צו דעם צוועק זענען פיל פון זיי געוואָרן לערער אין די פאַרשידענע טיפּן „שקאָלעס".

דאָס פאָלק האָט אָבער פיינט געהאַט די דאָזיקע משכילים־לערער, ווייל הינטער זייערע פּלייצעס האָט די מאַסע געפילט דעם כוח פון פאַרהאַסטן פּריסטאַוו.

און דאָס אַליין וואָס ניקאָלײַ דער שמייסער האָט געשטיצט די השכלה, איז שוין ביי די יידישע מאַסן געווען דער שטאַרקסטער אַרגומענט קעגן איר. נאָך דערצו — די השכלה האָט צוגעצויגן די יונגע זינדלעך פון די גבירים, מיט וועמען דער סאָציאַלער קאַמף איז צו יענער צייט פאַרשאַרפט געוואָרן. ס'האָט זיך, בכן, געשאַפן אַ ברייטע שער צווישן דער פאָלקס־מאַסע און די משכילים.

און דאָ האָט זיך נאָך אונטערגערוקט דער שמד, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ געוויסן טייל פון די פּעטערבורגער יידן־רעפאָרמאַטאָרן. דעם דאַזיקן שמד־אַרגומענט האָבן די אָרטאָדאָקסן געשיקט אויסגענוצט אויף צו טייטלען מיט די פינגער: אָט צו וואָס עס פירן בכלל וועלטלעכע קענטעניש...

דאָס אַלץ צוזאַמען האָט גורם געווען, אַז דער פשוטער פאָלקס־מענטש זאָל זיך באַציען מיט אומצוטרוי און חשד צו די אַלע „שקאָלעס" און צו קלאַמערן זיך מיט אַלע כוחות אינעם אַלטן לעבנסשטייגער מיט דער טראַדיציאָנעלער יידישער דערציאונג — אינעם חדר.

אין רעזולטאַט פון דעם פאָלקס־ווידערשטאַנד האָט די קאַזיאָנע שול כמעט ווי געפּוסטעוועט און סוף כל סוף געמוזט פלאַצן. דער חדר איז, אַזוי אָרום, געבליבן אויף אַ געוויסער צייט דער איינציקער לערן־אַנשטאַלט פאַר יידישע קינדער. פאַרשפּילט האָט דער חדר ערשט דאַן, ווען ער איז געקומען אין קאָנפליקט מיט יידישער וועלטלעכקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין יידישן לעבן. אַ וועלטלעכקייט, וואָס האָט געקעמפט קעגן קלער און קעגן אַסימילאַציע.

ח. ש. קאַזדאַן ברענגט אונדז דאָ אַ פּלאַסטיש בילד וועגן אַלטן חדר — זיין נעגאַטיווער און פּאָזיטיווער ראָל אינעם יידישן לעבן. אויב די משכילים האָבן געזען אינעם חדר בלויז פינצטערניש, ברענגט אונדז קאַזדאַן, דער בויער פון וועלטלעכן יידישן שול־וועזן, אַרויס אַ שטיק ליכט פון דאָרטן: פאָלקסטימ־לעכקייט און אידעאַליסטישקייט סיי פון די מלמדים און סיי פון די באַהעלפער.

אַ שטאַרקער אָנגריף — סיי דורך דער רעגירונג און סיי דורך די משכילים — איז אָנגעגאַנגען קעגן חדר. די רעגירונג האָט נאָך אַלץ נישט שלום געמאַכט מיט איר דורכפאַל מיט דער קאַזיאָנער שול און זי האָט געפּרוווט איר מזל מיט אַנדערע טיפּן „שקאָלעס": „גראַמאַטע־שולן" — אין יאָר 1864 — „אָנפאַנג־שולן", „צוגאָב־קורסן" — אַלץ שולן, וואָס האָבן געזאָלט ווערן דער אינסטרומענט פון מאַסן־רוסיפיקאַציע. די אַלע באַמיאונגען האָבן אָבער וויניק־וואָס געהאָלפן — דאָס פאָלק האָט עקשנותדיק סאַבאָטירט אויך די נייע שולן.

אויף דער יידישער גאַס האָט זיך צוביסלעך פאַרפעסטיקט אַ מיטלשטאַנד, אַ שיכט בעלי־מלאכות און קליינע סוחרים, און דאָס האָט אַרויסגערופן צום לעבן אויך אַ נייעם טיפּ נאַציאָנאַלע פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ, מיט אַן אָפן אויער צו די נויטן און שטימונגען פון דער מאַסע און מיט אַ פּאָזיטיווער באַציאונג צו ייִדיש און צו פאָלקס־דערציאונג.

די דאָזיקע באַציאונג זייערע האָט זיך אָנהייב די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט — קאָנקרעט געגומען אויסדרוקן אין גרינדן גאַנץ נייע טיפּן שולן, ווי: „שבת־שולן", „אָוונט־שולן", וווּ מען זאָל לערנען לייענען און שרייבן יידיש. די רעגירונג האָט אָבער קעגן די שולן אָנגעוואָנדן פאַרשידענע רעפּרעסיעס און שיקאַנעס ביז זי האָט זיי צוביסלעך ליקווידירט. ס'איז אָבער שוין אוממעגלעך געווען צו צעברעכן דעם אייזערנעם ווילן פון די פאָלקס־מאַסן צו לערנען אין זייער שפּראַך — יידיש.

דער מחבר ברענגט דאָ אַרויס, אין ליכט פון היסטאָרישע פאַקטן, דעם שווערן געראַנגל און די אַלע היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס יידיש־לשון האָט אַלץ אַדורכ־געמאַכט. מיר זעען, אַזוי אַרום, די אַלע שטרויכלונגען און דעם גאַנצן באַרג־אַרויף וועג, וואָס האָט געפירט פון די שבת־שולן, אָוונט־שול, חדר־מתוקן ביז די צישאָ־שולן אין פּוילן.

ח. ש. קאַזדאַן שטעלט זיך ברייט אָפּ אויפן חדר־מתוקן, וואָס איז אויפגעקומען אין סוף פון די 80־ער יאָרן דורכן יידישן מיטלשטאַנד. דער דאָזיקער רעפאָר־מירטער חדר־מתוקן איז, אין פאַרגלייך מיט דעם אַלטן חדר און תלמוד־תורה, געווען מער מאָדערן, פּראָגרעסיוו און אייראָפּעאיש. אָבער ביי די יידישע מאַסן האָט ער נישט נושא חן געווען צוליב דער אַרויפגעצוווּנגענער העברעאישער שפּראַך. דאָס פאָלק האָט זיך כסדר געוועהרט קעגן יעדער אַרויפגעצוווּנגענער שפּראַך און געקעמפט פאַר דעם, אַז אין די שולן זאָל מען לערנען אויף זייער גערעדטע לשון — יידיש.

ערשט ווען די פּיאָנערן פון „בונד" האָבן אין יאָר 1895 — געשאַפן די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" איז שוין דער גורל און די דערוואַכונג פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור געווען היסטאָריש באַשטימט.

צווישן די איינשטעלערס פאַר יידיש טרעפן מיר אויך די אַמאָליקע „שרייבער" די ערשטע לערער פון יידישער קאַליגראַפיע, ד. ה. — די, וועלכע האָבן געעפנט אין אַמאָליקן שטעטל דאָס פענצטער צו יידיש־לאַנד; אַ רייע אָנגעזעענע קולטור־טוער און שרייבער, ווי: שמעון דובנאָוו, אַברהם רייזען, י. ל. פּרץ, יעקב דינעזאָן, וולאַדימיר מעדעם, נח מישקאָווסקי, שמואל ניגער און פיל אַנדערע פּערזענלעכ־קייטן, וועלכע האָבן געהאָלפן אויסטראָגן, פאַרמירן און דערהייבן יידיש צו דער מדרגה פון אַ וועלט־שפּראַך. צו דער מדרגה פון אַ שיינער, קאָלירפולער וועלט־לעכער ליטעראַטור.

ח. ש. קאַזדאַן איז איינער פון די, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אַ סך חשיבות און ווערטן אין דער יידישער שפּראַך; ער האָט אַ סך אויסגעטראָגן און נאָך מער בייגעטראָגן צו דער פאַרווירקלעכונג פונעם רענעסאַנס פון יידישן קולטור־לעבן. דער לייענער פילט, אַז „פון חדר און 'שקאָלעס' ביז צישאָ", איז נישט געשריבן פון אַ זייטיקן, נאָר פון איינעמען וואָס האָט אַליין מיטגעמאַכט אַ שטיק פון דעם, וואָס ווערט באַשריבן אין דעם בוך.

רבקה קאָפּע

„קאָלירן און קלאַנגען" — 1967

גערווייִנלעך זענען דיכטער אין דער פּריווילעגיע פון שרײַבן מיט רמזים, אָנצוהערענישן. רבקה קאָפּע וויל נישט געניסן פון דער דאָזיקער עמאַנציפּאַציע. זי איז אימונירט פון דעם, מחמת זי וויל מען זאָל איר פאַרשטיין. ביי דעם אַלעם פאַרמאָגט זי אַזעלכע וואָרט־אויפבליצן, אַזאַ גראַציע פון וואָרט־עשירות, אַז עס שאַפט זיך דער איינדרוק ווי זי זאָל נישט פאַרמאָגן קיין וואָכעדיקע רייד, נאָר כולו יום־טובדיקע, כולו דערהויבענע. רבקה קאָפּע איז כסדר און תמיד דער־פינדעריש, אָריגינעל און סוווערען — דורכאויס אייגן שבאייגן. צו אירס אַ ליד דאַרף מען פאַרמאָגן אַ סענסיטיוו אויער. נישט בלויז אַקוסטיש, נאָר אויך וויזועל, מחמת אירס אַ ליד פאַרמאָגט אַ חוץ ריטעם אויך בילד.

עסטעטיק, געמיט, כוונה, פּלוס אהבת מענטש און אהבת ישראל — דאָס אַלץ זענען די אַטריבוטן וואָס געהערן צו רבקה קאָפּעס געפילן־וועלט. נישט פאָרמולירט, נישט אַרגומענטירט, און דאָך קאָנקרעטיזירט. אַפילו אירע לייכט־שפּילעוודיקע „בריוועלעך אין דער וועלט אַריין", זענען נישט קיין סתם־געוואָרפענע פראַזעס, אַוודאי נישט חנדל אָדער קאָקעטעריי, נאָר אין זיי, אין די בריוועלעך, איז דאָ און דאָרט פאַרטשעפּעט אַ רעיון, צומאָל אַ פילאָזאָפישער לעבנס־באַנעם, וואָס סוגערירט און אינספּירירט צו פאַרטראַכטן זיך. צי איז דאָס אַ ליד, אַ דערציילונג, אַן עסיי — אומעטום וועט איר גלייך דערפילן דעם ספּעציפישן כאַראַקטער אירן. און מיט דעם האָט זיך שוין אויסקריסטאַליזירט רבקה קאָפּעס אימאַנענטער ציל און סטיל.

ווער ס'איז באַקאַנט מיט רבקה קאָפּעס פריערדיקע צוויי לידער־ביכער, דער ווייסט, אַז זי איז אַן ערנסטע — צומאָל צו ערנסטע — דיכטערין. דערפאַר איבערראַשט איר ניי בוך „קאָלירן און קלאַנגען", וואָס איז כולו פּשטות, כולו פרייד.

רבקה קאָפּע באַוועגט זיך אין דער ספערע פון קלאַנגען און פאַרבן. און ס'איז אויך קיין חידוש נישט, ווייל די הויפּט־העלדן, ריכטיקער: די הויפּט־פיגורן אינעם בוך זענען קינדער — דער דיכטערינס אייניקלעך. ווי אַ דיכטערין פּלוס באָבע, האָט רבקה קאָפּע אויפגעכאַפּט דעם קינדס שטראַליק שמייכעלע, דעם קוים־מערקבאַרן באַוועג און מינע, דעם דין־דינסטן קלאַנג און דאָס אַלץ

אויפגעצויגן אויף אַ גלימערנדיקער קאַליע מיט לויטערע, ריינע קלאַנגען, וואָס קאָלערן זיך איבער די בלעטער פון איר בוך — גלייך אין האַרצן פונעם לייענער. איך האָב געזאָגט ריינע קלאַנגען, ווייל דעם קינדס געפּלאַפּל, געלעכטערל און געוויין ווערט נישט געלערנט, ווערט נישט אַנגעסטראָיעט לויט אַ קאַמערטאָן, נאָר קומט־אויף ספּאָנטאַן, אומגעריכט. דערפאַר נישט געפעלשט, נאָר עכט — עכטע מוזיק.

לאָמיר אַ מיש־טאָן אַ בלעטל אין איר בוך און עס וועלן ווי טויבן פון זייערע נעסטן אַרויספליען צעשיטע קלאַנגען, וואָס יעדער פון זיי האָט אַ גאַנץ אַנדערן טאָן, אַ פרישע אַנטפּלעקונג, אַ נייע קאָליר און איז אויך אַנגעקליידט מיט זעאונגען און בילדער, וואָס מאַכן די קינדער־און מאַמע־וועלט נעענטער, פאַרשטענדלעכער, מחמת שוין

...ס׳ערשטע שמייכעלע פון קינד
איז אַ צירונג
אינעם קעסטעלע פון מאַמעס האַרץ.

(זייט 14)

ווער שמועסט נאָך ווען דאָס קינד הייבט אָן רעדן, איז שוין דאָס ערשטע וואָרט מאַמע — אַ גאַנצע גאַמע. ערשט ווען דאָס קינד שטרעקט־אויס איר הענטעלע „מ׳זאָל אַריינלאָכן אַ קוש״, ווען עס „קלאַפּן ווי קלעפּערלעך / פּיסעלעך אויף טרעפּעלעך״, ווען מאַמע דערהערט דעם קלאַנג פון די ערשטע ציינדלעך — ווערט דאָך פון די אַלע קלאַנגען אַ גאַנצער אָרקעסטער — אַ סימפאָניע. ווי זאָגט די דיכטערין:

...יעדעס וואָרט פון קינד,
וואָס אין טאָג פאַרזייט —
ווערט אַ נאָטנשפּיל
און אַ לירע גרייט.

(זייט 32)

לייענט עס איבער נאָך און נאָך אַמאָל און איר וועט זען ווי פּסיכאָלאָגיש דאָס איז און ווי פּאָעטיש דאָס איז.

דער שרייבער פון די שורות, אַ זיידע פון אַ צען חדשימדיק אייניקל, ענת, איז אַ גוטער מבין אויף די דאָזיקע גיין־גאָלדענע קלאַנגען און נאָכקלאַנגען, וואָס פילן־אָן די שטוב זיינע — אַפילו מיט איר געוויין, וואָס איז מלא חן.

רבקה קאָפּע ניצט נישט קיין שטייפע, אויסגעטראַקעוועטע ווערטער אָדער גראַמען — ביי איר קומט־אויף דאָס ליד ספּאָנטאַן, מחמת זי איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער סביבה, מיט דער קינדער־וועלט, וואָס זי באַזינגט. בכן: אַן אויסדרוק

פון איר געמיט־צושטאַנד, פון אירע חושים. דערפאַר פליסט דער גראַם ביי איר קלאָר, פריי.

איר גאַנצער כוח און רייץ ליגט אויך אין דעם, וואָס זי ברענגט אַרויס די קינדער־וועלט אַזוי רעליעף, און דער עיקר אויף אַזאַ פשוטן, קלאָרן און פאַר־שטענדלעכן אופן, וואָס רעדט צום אויער און צום האַרצן פון אַלע מאַמעס, פון אַלע באַבעס. אַן אופן, וואָס שלאָגט אָן אינעם פאָלקס־טאָן.

אין פלוג באַוועגן זיך אירע לידער אויף דער ליניע פון יחידישע מאָטיוון, קלאָרער: אין אויסשליסלעך פערזענלעכע, אינדיווידועלע לידער פול מיט סענטי־מענטן, מיט ליבשאַפט. אַ שטיק אמת איז פאַראַן אין דעם, אָבער אין תוך געזומען זעט זי די קינדער, אויף וועמען „ס'בליט אַרויף אַ טרוימעלע" אין זייער כסדרדיקן שטייגן „באַרג אַרויף, אַרויף" ביז צו ווערן מענטשן, ביז צו „נייע וועלטן בויען". בכן: פאַרבונדן מיט דער וועלט — מיט דער צוקונפט.

רבקה קאָפּע איז נישט קיין עגאָאיסטן. אַנטפּלעקט, אַנטדעקט — באַהאַלט זי עס נישט פאַר זיך, נאָר טיילט זיך מיטן לייענער. זאָל ער אויך האָבן אַ הנאה פון די ליכטיקע און ציכטיקע קינדער־מעשהלעך, וואָס די גאָלדענע באַבע־העגט האָבן אויסגעשפּינט:

...פאַר גרויסע און פאַר קינדער,
אַ מעשהלע פון מעשה־לאַנד,
פאַר לעמער און פאַר רינדער".
(זייט 50)

ווי מיר זעען קען רבקה קאָפּע די פאָעטישע עברי, און האָט אַ טיפע באַציאונג צו איר שפּראַך־מעדיום. דערפאַר קולטיווירטע, גראַציעזע און מעלאָדישע שורות.

אילוסטרירט איז דאָס ביכל דורכן באַקאַנטן קינסטלער בען מיט סובטעלע צייכענונגען, וואָס פּאַסן זיך ווויל אַריין אין די „קאָלירן און קלאַנגען".

משה קנאַפּהייס

„אַ ייִנגל פון וואַרשע" — 1960

די צייט וואָס קנאַפּהייס שילדערט איז אַ דעמאָראַליזירטע, אַ צעררודערטע, אַ כאַאָטישע, אָבער גלייכצייטיק אַ הייסע, אַ שטורמישע פול מיט האָפענונגען — די צייט פון פּוילנס באַפרייאונג.

אוודאי האָבן די אָפּגעפּלאָסענע יאָרן — נאָך וואָס פאַרא יאָרן! — און דאָס געענדערטע לעבן געקאָנט אויסווישן פון זכרון געוויסע געשעענישן און סיטואַציעס פון יענעם לעבן, וואָס ער באַשרייבט. קלאָר. אָבער דאָס איז נישט חל אויף קנאַפּהייסן, וועלכער איז אַליין דאָס ייִנגל פון וואַרשע, אַליין אַ קינד פון דער דאָזיקער צייט, סביבה — מיליע, און אַזוי אַרום פון קינדוויז אָן געאָטעמט מיטן דאָזיקן לעבן. קנאַפּהייס איז, בכן, אינטים פאַרבונדן מיט דער טעמע. דערפאַר די זיכערקייט אין דעם וואָס ער באַשרייבט. אמת, יענץ לעבן, יענע וועלט עקזיסטירט מער נישט, אָבער לייענענדיק דאָס בוך האָבן מיר פאַר זיך וואַכע בילדער, די אַטמאָספער און פאַרב פון אַ רעאַלער וועלט. פון דעם פּליסט אויך אַרויס דאָס וואָס די צענטראַלע פיגור, משה מעט — לאָמיר זאָגן דער פּראָטאָטיפּ פון מחבר — איז אַ געשטאַלט פון פלייש און בלוט. אין פלוג קאָן ווער טראַכטן: אָפּאָלאָגעטיש. ווערט אָבער ביים לייענען דאָס בוך דער דאָזיקער חשד באַזייטיקט. און דאָס מחמת דעם, וואָס קנאַפּהייס שילדערט סיי די שלעכטע און סיי די גוטע זייטן, סיי דאָס מיאוסע און סיי דאָס שיינע — דעם אמת. סיי־ווי: מיר גייען מיט מיטן מחבר; מיר גייען נאָך פּוס־טריט נאָך דעם הויפּט־העלד, משה מעט, פון ערשטן טאָג אָן, ווען מיר זעען אים שפּאַנען אויף דזשיקע גאַס נאָכן אומקערן זיך פון פראָנט — אַ דעמאָביליזירטער פון דער פּוילישער אַרמיי — אין די זעלנערישע פראָנט־קליידער, ווי נאָר־וואָס פון די אָקאָפּעס אַרויס. און כאָטש די שפּורן פון די מלחמה־גרוילן האָבן זיך נאָך געפּאָלדעוועט אין צעקנייטשטן פראָנט־שינעל, איז די גאַס געלעגן אַ באַרואיקטע, אַ באַפרייטע, מחמת די שלום־בשורה האָט זיך אַריינגעריסן אומגעריכט אין די ענגע צונויפגעדרענגטע וואַרשעווער גאַסן, וואָס האָבן מיטאַמאָל אויפגעטייעט און אָפּגעזיפצט: אויס מיט דער מלחמה!

די גאַס יובלט. פּוילישע „פּאַטריאָטן", וואָס האָבן אויסגעמיטן צו גיין אויפן פראָנט „האָבן אַריינגעכלאַפּעט אין זיך גאַנצע גלעזער ,וודקע' און זיך געלאָזט מיט די שטיל־אָפּגעלעבטע געסלעך אַרויפצו צום באַלעבטן שטאָט־טייל, זיך צו לאָזן ווילגיין אין די ייִדישע קוואַרטאַלן". אויף דער ייִדישער גאַס איז

יום־טוב — ראש־השנה. יידן אין זיידענע קאַפּאָטעס און סאַמעטענע היטלען גייען צום דאַווענען. אין יידישע שטובן קאָכט מען פיש. ס׳האָט זיך גאָרנישט געענדערט. „די רייכע סטראַיען פאַררייסן די גאַס. די גאָלדענע בראַסלעטן און סיגנעטן דערציילן פון שווילטאָג. מענטשן זענען, זעט אויס, רייך געוואָרן אין דער מלחמה״. און ער, משה מעט, דאַרף ערשט אָנהייבן פון סניי... ער דערפילט אַ מאָדנע לײדיקייט אין זיך. דרייט ער זיך אַריין אין זיין היים־געסל, די טויטע ניזקע, אָבער דאָ טרעפט ער אָן די שטוב זיינע אויף אַ שלאָס און אַ רויט צעטל אויף דער טיר: היט אייך — טיפוס! ערשט איצט האָט משה מעט דערזען ווי ווייט די מלחמה האָט אַלץ באַוויזן צו גרייכן.

די הויף־פענצטער האָבן צו אים געגלאָצט פרעמד און גלייכגילטיק. אַ טערפּ־קער געדאַנק עקבערט: פאַר אָט די אַלע איז ער אויסגעלעגן אין די אָקאָפּעס, געלאָפן אין אַטאַקעס, געגאַנגען „נאַ־שטיכי״ און איצט דאַרף ער דאָ זיצן אויפן שטיגעלע פון דריטן שטאָק און נישט האָבן ווו אַריינצוגיין... זעצן מיר זיך אַזוי אויס מיט משה מעטן אויף די שטיגן און הערן זיך צו צו זיינע זכרונות וועגן זיין קינדהייט: פון זיין ערשטער ליבע צו זיין שטיפשוועסטער, צירל; וועגן זיין בעסטן חבר, וועלוול מאַגיד, וועלכער איז געפאַלן אין אַ דעצידירנדיקער שלאַכט הינטער ראַדעם; מיר גייען מיט אים קיין יאַבלאָנע, ווו מען האָט געהאַלטן די יידישע זעלנער הינטער שטעכלדראָט ווי געפאַנגענע. כלומר: נישט געהאַט קיין צוטרוי צום יידישן זעלנער, אָבער ביים גרויסן אָנגריף פון די „באַרוועסע״* ביי דער ווייסל האָט מען זיי אויף שנעל געגעבן אַ נעם־צוגויף און אַ שיק־אָפּ אויפן פראָנט. די יאַבלאָניאַקעס האָבן זיך געשלאָגן ווי די לייבן פאַר יעדן שפּאַן פּוילישער ערד — פאַר פּוילנס פרייהייט. משה מעט האָט זיך דער ערשטער אַריינגעריסן קיין ווילנע און מ׳האָט אים אין גענעראַל־שטאַב צוגעזאָגט צו באַלוינען מיט דער העכסטער אויסצייכענונג, אָבער... ער איז אַהיימגעקומען ווי אַ פּראָסטער זעלנער מיט אַ צעלעכערטן שינעל און מיט אַ נאָגנדיקן חשד אין האַרצן, אַז אין נייעם פּוילן פעלט דאָס עלעמענטאַרסטע פון דעמאָקראַטיע — יושר. נאָך מער צעטרייסלט אים די ידיעה, אַז די אויסלענדישע פּאָליאַקעלעך אין די בלויע מונדירן, די האַלערטשיקעס, וועלכע האָבן רעכט קיין פראָנט נישט געזען, לאָזן זיך ווילגיין איבער די יידישע קעפּ: שניידן בערד, וואַרפן יידן דורך די וואַגאָן־פענצטער און אַנדערע כוליגאַנישע שטיק. ער לאָזט זיך אַרויס אין גאַס פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד. ער קעמפט טאַקע ווי אַ לייב, אָבער ער איז איינער קעגן אַ סך און — דער רעגן האָט זיך אויסגעמישט מיט די געדיכטע שטראָמעלעך בלוט, משה מעטס בלוט.

די נאָר־וואָס אויפגייענדיקע זון פון פּוילנס פרייהייט, ווערט פאַרשטעלט מיט בלוט־כמאַרעס — מיט יידיש בלוט. צערונען זשעראָמסקיס וויזיע וועגן אַ

---

* „באַרוועסע״ — אַזוי האָט מען דעמאָלט גערופן די באָלשעוויקעס.

פּוילן מיט גלעזערנע פּאַלאַצן. שטאָט דער דאָזיקער אידיליע האָט זיך אָנגעהויבן געשטאַלטיקן אַזאַ פּוילן, וואָס האָט בהדרגהדיק — דורך די פּשיטיקס, אוניווערסיטעטן, באָיקאָטן, עקסצעסן — צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַר די נאַצישע קרעמאַטאָריעס.

אין משה מעטן קומט פֿאַר אַ בונט, אַ טיפֿער גערעאַנגל: ניין, נישט פֿאַר אַזאַ פּוילן האָט ער געקעמפֿט; נישט פֿאַר אַזאַ פּוילן האָבן די וועלוול מאַגידס געלייגט זייערע קעפּ. נישט כדאי געווען. און דאָס איז נישט דער איינציקער צוזאַמענשטויס משה מעטס — ער איז פֿאַרוועבט מיט אַ סך קאָליזיעס צווישן גויים און יידן. בולט און רעליעף קומט דאָס צום אויסדרוק ווען קנאַפּהייס פֿירט אונדז אַריין אין זיין „מקום". זיין, ווייל קנאַפּהייס איז געווען דער, וואָס האָט אין זיין פּאָעמע „מקום" — 1936 — אויפֿגעהויבן די פֿאַרהאַנג פֿון דער וואַרשעווער אַלטשטאָט און אונדז אַריינגעפֿירט אין די צעקרומטע געסלעך און לאַבירינטן, וואָס האָבן טיף אין די אינגעווייידן געטראָגן הפקר און סכנה. אין זיין איצטיקן בוך ווייזט אונדז דער מחבר מקומס איינוווינער ביזן גרונט פֿון זייערע נשמות און ציט אויך ארויס דעם הפקר זייערן ביזן סאמע דנאָ.

אַן געשלעגן, אַן אַרגיעס ווערט אָװעקגענומען דער אייגנטימלעכער פּרצוף פֿון מקום. ווער שמועסט זונטיק — דאָ מוז מען דאָך אויסלאָדענען די רויע קראַפֿט, וואָס מען איז געצוווּנגען צו צוימען און העמען אַ גאַנצע וואָך ביי דער אַרבעט. נישטאָ קיין סיבה, פֿאַרטשפּעט מען אַ געשלעג. דאָס זונטיקדיקע שלעגע־ריי ווערט אַ געוווינהייט, אַ באַדערפֿעניש. ווער שמועסט נאָך שלאָגן אַ יידן, דאָס איז דאָך כמעט אַ חוב. שיער נישט — אַ רעליגיעזער חוב. גענוג נאָכצופּאָלגן משה מעטן, צוזאַמען מיט זיינע פּוילישע חברים, די דריי בראַטשקעס, די ריבאַ־קעוויטשעס, וועלכע לאָזן זיך אין אַ פּוילישער אַלטשטאָטישער שענק. שוין אויפֿן וועג זאָגט פֿראַנעק: „די הענט סווענדזשען מיר אַז די כאָליערע נעמט עס..." רייד, וואָס זאָגן־אָן שטורעם. ערשט אין באַר איז טאַקע דער שטורעם אויסגעבראָכן צוליב משה מעטן. וואָס הייסט: אַ ייד זאָל קומען אין אַ ריין־פּוילישער געזעלשאַפֿט? אַ צעווילדעוועטער מענטשנקנויל האָט זיך געשלאָגן — פֿריער אין קנייפּע און שפּעטער אויפֿן גאַס — מיט פֿויסטן און מעסערס. וואָס אַמאָל האַסטי־קער, שאַרפֿער, פֿרייכנדיקע פֿאַרשוימטע מיילער פֿול מיט וואָרעם בלוט האָבן זיך צונויפֿגעמישט, אויפֿבליצן פֿון קאַלטן שטאָל, ביז... אויפֿן גאַס זענען געבליבן ליגן עטלעכע געהרגעטע — ערשט דאַן האָט די פֿוריע פֿון די מענטשלעכע ליידנשאַפֿטן נאָכגעלאָזן, זיך איינגעשטילט.

„מקום" איז פּראָטאָטיפּיש, אַ רעאַלער אויסדרוק פֿון יענעם לעבן.

משה קנאַפּהייס' קינסטלערישע אויג האָט זיך אוממיטלבאַר צו דעם אַלעם צוגעקוקט. געזען די קייט פֿון שנאה און רציחה — סימנים פֿון אַ דעגענעריר־טער אונטערגייענדיקער וועלט, סימנים פֿון שפּעטערדיקן תוהו־ובוהו.

פֿאַרוואָס משה מעט האָט זיך געלאָזן אַריינציען אין קאָכיקן שטראָם פֿון דער

האַלב־אונטערוועלט־הפקרות? — ערשטנס, האָט ער געוואָלט דערקענען דאָס לעבן. „ער האָט אומעטום געוואָלט אַריינדרינגען, אין אַלע פאַרבאָרגענע קעמערלעך און שאָטנדיקע ווינקעלעך. געוואָלט אָפּשיילן די קאָרע, ווי האַרט זי זאָל נישט זיין, אַבי זיך צו דערשלאָגן צום קערן — אַלץ איינס צי ער וועט זיין זיס אָדער טערפּקע־ביטער אויפן גומען". צווייטנס, האָט ער זיך געטוליעט צו זיינע פּוילישע חברים צוליב אַ טיפערער סיבה: „עס האָט טיף אין אים געגנורטעוועט אַ בענקשאַפט, אַ נאַגנדיק געפיל, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט קנאה, אַ געפיל פון פעסטער ערדישקייט אונטער די פיס, פילן אייגענעם באָדן, אומגעוואַקלטן, זיכערן — פריי פון ספקות און קאַמפּלעקסן..."

משה מעט איז, אַזוי אַרום, אַ צעריסענער מענטש. און נישט נאָר ער, נאָר אויך די סביבה אין וועלכער ער לעבט איז צעריסן.

די גראַוויטאַציע פון בוך איז אָבער נישט בלויז משה מעט. אין בוך גייט פאַרביי אַ פאַרבנרייכע גאַלעריע טיפּן און געשטאַלטן, וואָס יעדער פון זיי איז אַ באַזונדערע וועלט. אַלע זיי באַוועגן זיך אין אַ וועלט פון געפילן און אימפּולסן. קנאַפּהייס לעבט דאָ אויף זעאונגען, בילדער, פאַרדראָסן און כאַראַקטערן. ער שילדערט אונדז אויך די סאָציאַלע גרופּע, צו וועלכער די אַלע געהערן. דאָס אַלץ ברענגט דער מחבר פּלאַסטיש אַרויס ביז די דינסטע ניואַנסן. אַרום משה מעטן ווערט, בכן, געשאַפן וואַכע בילדער, אַטמאָספער, סביבה, אין וועלכער איר ווערט אַריינגעצויגן און אַלץ ווערט אייך היימיש, נאָענט.

די נאַטור, דער פּייזאַזש פאַרנעמט ביי קנאַפּהייסן אַ גאָר וויכטיק אָרט. און דאָס זענען נישט קיין צופעליק־אָנגעוואָרפענע מאָלערישע פלעקן, נאָר טאַקע גאַנצע בילדער — קינסטלערישע בילדער. די בעסטע פון זיי: דער פּוילישער גאָלדענער האַרבסט.

משה קנאַפּהייס קען זיך אויך גוט אומגיין מיטן וויטאַלן וואָפן פון אידיאָם — די רייכע פאַרבן־גאַמע פון וואַרשעווער ווערטלעך און אויסדרוקן. אָט די באַחנטע אידיאָמען מיניען אַזוי אויף זיין רייכער פּאַליטרע פון פאַרבן און טענער און שטרייכן אונטער די געשילדערטע אַטמאָספער.

„אַ יינגל פון וואַרשע" איז געבויט פון באַזונדערע רינגען, אָבער זיי אַלע קייטלען זיך און גיסן זיך צונויף אין אַ גאַנצקייט. און ווען מיר כאַפּן אַ בליק אויף צוריק, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ גרויס קינסטלעריש ווערק.

יעקב קענער

„קווערשניט" — 1947

ווען די היטלעריסטן האָבן געפּירט דעם היסטאָריקער פּראָפ. שמעון דובנאָוו ז"ל צום טויט, זענען זיינע לעצטע ווערטער געווען צו די אַרומיקע יידן: פאַרשרייבט אַלץ! און יידן האָבן מקיים געווען די הייליקע צוואה: אין די סאַמע שווערסטע מאָמענטן פון אונדזער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, ווען דער טויט האָט געלויערט אויף טריט און שריט, זענען נתגלה געוואָרן למד־וואָווניקעס, וואָס האָבן פאַר־שריבן, פאַרצייכנט, געזאַמלט און געשאַפן דעם אַרכיוו, וואָס זאָל דינען פאַר די קומענדיקע דורות.

אויך איצט, דריי יאָר נאָכדעם, ווי די טרעבלינקע־מאַידאַנעקער קרעמאַטאָ־ריעס האָבן אויפגעהערט רויכערן, זענען ס׳רוב יידישע פען־מענטשן אַריינגעטאָן אין דער הייליקער אַרבעט ביים פאַראייביקן די מאוימדיקע קאַטאַסטראָפע, וואָס דאַרף זיין אַ וואָרענונג לדור־דורות.

כדי אָבער צו קאָנען אויפשטעלן די יידישע געשיכטע, איז אויך נויטיק פאַרן היסטאָריקער צו האָבן מאַטעריאַלן וועגן יידישן לעבן פון פאַר דער מלחמה. אַזעלכע מאַטעריאַלן זענען ביי יידן געווען לרוב. אָבער זיי זענען, ליידער, אָוועק צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן קדושים.

איז פון וועלכע קוואַלן זאָל דער היסטאָריקער שעפן? אַז... מען דאַרף היינט זוכן מיט ליכט אַ זיידן און באָבען. דעם דאָזיקן בלויז האָבן, צום גרויסן שבח, דערפילט אַ סך פון אונדזערע שרייבער, וועלכע האָבן גענומען רעסטאַווירן פון זכרון אַלץ, וואָס קאָן האָבן אַ ווערט פאַר דער יידישער געשיכטע.

אַ וואָגיקן צושטייער האָט געגעבן יעקב קענער מיט זיין בוך: „קווערשניט".

ווי דער מחבר גיט אָן אין זיין הקדמה, האָט דאָס בוך געזאָלט זיין אַ באַשיי־דענער צושטייער צו דעם שריפטלעכן מאָנומענט, וואָס דאַרף געשטעלט ווערן, סיי דער לעצטער 50־יאָריקער תקופה בכלל, סיי דעם אונטערגעגאַנגענעם יידישן לעבנס־שטייגער בפרט.

יעקב קענער איז נישט קיין פנים חדשות אין ייִדיש־געדרוקטן וואָרט. שוין

אַ האַלבן יאָרהונדערט ווי מיר באַגעגענען זייער אָפּט זיין נאָמען אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין גאַליציע און שפּעטער אין פּוילן (שוין אין יענער צייט האָט אברהם רייזען געקרוינט קענערן מיטן „צונאָמען": „דער פּראָלעטאַרישער רעדאַקטאָר").

„קווערשניט" איז אַ בוך פון עפּיזאָדן, עסייען, געדענק־ווערטער וועגן אומגעקומענע קדושים און דער עיקר — פּערזענלעכע זכרונות, וואָס נעמען אַרום פופציק יאָר שפּרודלדיק יידיש לעבן.

אַזעלכע מעמואַרן און זכרונות געהערן, אייגנטלעך, צו די מער „שווערע" ביכער, פון דעסטוועגן ווערט „קווערשניט" געלייענט פון אָנהייב ביזן סוף ממש מיט געשפּאַנטקייט. דעם־אַ לעבעדיקן אינטערעס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען יעקב קענערס פעיאיקייט און מעטאָד ביים באַהאַנדלען פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע געשעענישן און דערשיינונגען.

דער בעל הזכרונות פון „קווערשניט" איז דער מיטשעפּער פון דער „פועלי־ציון" — פּאַרטיי, אין וועמענס רייען ער שטייט כל ימיו און דאָך איז זיין בוך ווייט פון ענג־פּאַרטייאישקייט, אַדרבא: מיט דעם גרעסטן פּיעטעט און מיט דער העכסטער געניויקייט שילדערט דער מחבר אַלע אַנדערע פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס. אַזוי אַרום דערהויבט זיך „קווערשניט" צו אַ מדרגה פון וויכטיקן קולטור־היסטאָרישן ווערט.

אַ זייער באַלערנדיק קאַפּיטל איז: „די סאָציאַלע קאַמפן ביי יידן אין גאַליציע". ס'איז דער באַגין פון די סאָציאַלע קאַמפן אויף דער שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער מחבר שילדערט דאָ מייסטעריש די קאָלאָמייער טליתים־וועבער, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר גראָשנס און געלעבט אין גרויס דחקות. און ווען די נויט איז געוואָרן שרעקלעך, נישט צום איבערהאַלטן, האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אין זייער שולעכל — וואָס איז גלייכצייטיק געווען זייער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין — און נאָכן אַרומרעדן זייער טרויעריקן מצב, האָבן זיי באַשלאָסן אַרויס אין אַ שטרייק. זיי האָבן זיך געגעבן תקיעת־כף ביים ארון־קודש, ווו עס געפינען זיך די ספרי־תורות, אַז זיי וועלן נישט צוריקגיין צו דער אַרבעט, ביז די בעלבאַטים וועלן זיי נישט נאָכגעבן די אַרויסגעשטעלטע עקאָנאָמישע פאָדערונגען.

זייער אינטערעסאַנט איז איבערגעגעבן דער בעלפער־שטרייק אין קראָקע און די עקאָנאָמישע קאַמפן פון די יידישע הויזירער, רייזנדע און האַנדלס־אַנגעשטעלטע. די שילדערונג ווי זעקס טויזנט יידישע וואַקס־אַרבעטער אין באָריסלאַוו ווערן אַרויסגעשטויסן פון דער אַרבעט דורך דער אַנטיסעמיטישער קליקע.

צו די וואַגיקסטע אַרבעטן אינעם בוך געהערן די 4־טע און 5־טע אָפּטיילונגען: „מיינע באַגעגענישן מיט די גרויסע", וואָס נעמען אַרום זכרונות, עפּיזאָדן און באַגעגענישן מיט בער באָראָכאָוו, ד"ר רינגעלבלום, לייב מלאך, ש. ר. לאַנדאַו, שלום־עליכם, פּרץ און — צו לאַנגע יאָרן — אברהם רייזען. אין די דאָזיקע קאַפּיטלעך ווייזט זיך י. קענער אַרויס ווי אַ גלענצנדיקער עסייאיסט.

דורך אַ קליינעם קוריאָז דערזעען מיר אַ גרויס געשעעניש און דורך אַ סילוועטקע וואַקסט־אויס אַ געשטאַלט.

פון גרויסן ווערט איז אויך די יזכור־אָפּטיילונג, וואָס איז אַן ערנסטער אָנרעג אויף צוצוטרעטן באַארבעטן אַן אַלוועלטלעכן יזכור־בוך, וואָס זאָל געבן אַ תיקון די זעקס מיליאָן קדושים.

יעקב קענער, איינער פון די ווייניק־איבערגעבליבענע עדות פונעם פאַר־גאַנגענעם לעבן — איך וואָלט געזאָגט: פון די לעצטע בעלי־תפילות — האָט אויף זיך גענומען די הייליקע אחריות פון פאַרצייכענען לדורות אַלץ, וואָס איז שוין מער נישטאָ. אַ הייליקע עובדא!

דער קומענדיקער היסטאָריקער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין עסטרייך און פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, וועט ווי געהעריק אָפּשאַצן יעקב קענערס וויכטיקע אַרבעט.

יעקב קענערס „קווערשניט" וועט פאַרנעמען אַ חשוב אָרט צווישן דער ערנסטער מעמואַרן־ליטעראַטור.

מ. צאַנין

„איבער שטיין און שטאָק" — 1952

ווי נאָר די היטלער־זאַוויערוכע איז אַריבער מיט איר בלוטיקן שניט איבערן ייִדישן פאָלק, איז מ. צאַנין געווען דער ערשטער און איינציקער ייִדישער שרייבער וואָס האָט געאײַלט קיין פּוילן, כּדי צו זען מיט די אייגענע אויגן דאָס אַלץ וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן מיט די ייִדן במשך די זעקס יאָר פון לאַנגן מעסער אויף דער פּוילישער ערד. מ. צאַנין האָט געוווּסט אַז אַנדערש ווען דו הערסט דערציילן, גאַנץ אַנדערש ווען דו ווערסט קאָנפראָנטירט מיט די ערטער ווו דאָס אומגליק איז געשען, און דו טרעפסט זיך אָן אויף „עדות" פון אונדזער פאָלקס־טראַגעדיע. דערפאַר איז ער געפאָרן ווי אַ מאַסקירטער ענגלישער זשורנאַליסט. דאָס, טאַקע, האָט דעם מחבר געגעבן אַ מעגלעכקייט פרײַ אַרומצופאָרן איבער הונדערט חרוב־געוואָרענע ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, און וואָס דער עיקר — צוצוקומען צו דער נשמה פון הונדערטער פּאָליאַקן וועלכע האָבן גערן געעפנט זייערע הערצער פאַרן „גוי", דעם „ענגלענדער".

איז וואָס דערציילן זיי? וועגן וואָס רעדן זיי זיך אַראָפּ פאַר אים? צי טאָרעט זיי דער געוויסן פאַר אַקטיוו צוהעלפן די דײַטשן אין זייער מאָרד? ווילן זיי אַרויסשרײַען זייער ווידוי, זייער חשבון־הנפש? אָדער אַנדערע, וועלכע האָבן „בלויז" גלײַכגילטיק זיך צוגעקוקט צו דער אַגאָניע פון די ייִדן — האָבן זיי כאָטש חרטה? — ניין, פאַרקערט, די אַטאַוויסטישע שנאה צום ייִד — שוין אין באַפרײַטן פּוילן — שפּיזלט נאָך אַלץ אין זייערע אויגן, און זיי באַהאַלטן נישט די פרייד פון פּטור ווערן פון די זשידעס. עטיק? מאָראַל? — שוין לאַנג באַנקראָטירט, שוין לאַנג אַרויס פונעם שפּראַך־לעקסיקאָן. מ'האָט אויסגעטאָן די בושה און מ'דערציילט פאַרן „גוי" מ. צאַנין שווידערלעכע „געשיכטעס" וואָס סנאָוועט די געדערים. נאָך ווייטיקלעכער — זייער דערציילן רואיק, עפּיש, צומאָל פּאַטעטיש.

מיר הערן רייד אָן גרים, אָן רעטוש. עס עקלט זייער אָפנקייט, זייער רואיק געוויסן, זייער רימען זיך מיטן האָבן אַ חלק אין דער מיצווה פון רויב און מאָרד. עס גרוילט און שווידערט ווען מיר הערן די רייד פונעם פּראָסטינער פּויער, וועלכער דערציילט וועגן פאַרביטערטע קאַמפן — צוליבן רויב־פּאַרהאַנט איבער ייִדיש פאַרמעגן — צווישן קאָסאָווער פּויערים און כלאָפּעס פון יענער זײַט בוג — מיט די פּויערים פון פּראָסטין, פון טרעבלינקע, פון וווּלקע און פון אַלע נאָענטע

דערפּער. גאַנצע וועגענער מיט טרעבלינקער אַש האָבן זיי געפירט — דערציילט דער פּראָסטינער גוי — זיי האָבן אויסגעזוכט שטיקלעך גאָלד, אָדער פאַרברענטע בריליאַנטן און שפּעטער מיט דעם אַש געמיסטיקט די פּעלדער. אָ, דאָס אַש פון טרעבלינקע — זאָגט דער פּויער פאַכמעניש — איז פאַר די פעלדער אַ ברכה.

רויב, שאַנטאַזש און מאָרד — ראַיעט איבער אַ סך בלעטער פונעם בוך. ווי נידעריק, ווי טיף, דער מין מענטש איז אַראָפּגעפאַלן, אַראָפּגעזונקען אַראָפּ... אַראָפּ! דער בר־נש, אונדזער טויזנט־יאָריקער שכן, האָט אויסגעטאָן די מאַסקע און אַנטפּלעקט זיין אמתן פּרצוף.

מיר פילן צאַנינס האַרץ, ווען ער הערט אַזעלכע רייד; מיר פילן ווי ס׳ביילן זיך ביי אים — ווי ביים לייענער — די פויסטן, און ער וויל אַרויסשיקן אַן אייביקע קללה פאַר זיי, אָבער... נישט פאַראַן אַזאַ קללה אין דער תוכחה — כאָטש שאַף אַ נייעם ״שפוך חמתך״. מוז ער פאַרשטשעמען די ציין, פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן, און הערן ביזן סוף, כדי דאָס אַלץ צו דערציילן דער וועלט.

און צאַנין איז אַ גוטער דערציילער. אָן היסטערישער פּאַטעטיק, אָן שטאַרקע טענער, אַפילו מיט ריין־פּסיכאָלאָגישע דיגרעסיעס, ברענגט דער מחבר אַרויס דעם גאַנצן שוידער, אונדזער גרויסע טראַגעדיע בימי היטלער.

„איבער שטיין און שטאָק״ האָט אַ היסטאָרישן ווערט צוליב צוויי טעמים:

ראשית, איז „דאָס בוך אַרויסגעגעבן אין די טעג, ווען פאַרשטייער פון דער ישראל־רעגירונג, פון דער יידישער אַגענטור און אַנדערע יידישע קערפּערשאַפטן האָבן זיך געזעצט צום טיש מיט די פאַרשטייער פון דער דייטשער רעגירונג וועגן אַנטשעדיקונגען פאַר אונדזערע אומגעבראַכטע זעקס מיליאָן טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער״. דאָס דאָזיקע בוך האָט, אַזוי אַרום, געצילט אַרויסצורופן די מאָראַלישע סקרופּולן ביי די יידישע פאַרשטייער נאָך זייערע נבזה׳דיקע און שפל׳דיקע דיסקוסיעס אַרום די אונטערהאַנדלונגען וועגן דער־אָ נבלה, וואָס וועט אַריין אין דער יידישער געשיכטע ווי דער גרעסטער פאַלקס־פאַראַט.

שנית, דערוויסן מיר זיך וויכטיקע „ידיעות״ וועגן אַ סך שטעטלעך, וואָס זענען כמעט אין ערגעץ — אָדער זייער ווינציק — דערמאָנט געוואָרן ביז איצט. ווער נאָך למשל, האָט, פאַרצייכנט אַ יונאָווצע, אַ קראַסניסטאַוו, סטריקאָוו, טיקטין, און נאָך און נאָך היימישע יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן נישט געהאַט די „זכיה״ באַשריבן צו ווערן. צאַנין איז כמעט דער איינציקער, וועלכער האָט אַריינגעוועבט די דאָזיקע שטעטלעך אינעם פאַנטעאָן פון דער הייליקער און געהייליקטער חורבן־ליטעראַטור.

מ. צאַנינס בוך איז, בכן, אַ גרויסער צושטייער צום דענקמאָל פון דער עפּאָכע, אין וועלכער עס איז אויסגעקומען צו לעבן און אומקומען די יידן בעת דער בלוטיקער היטלער־אָקופּאַציע אין פּוילן; אויך דער חורבן־היסטאָריקער וועט דאָ האָבן צו שעפּן וויכטיקע מאַטעריאַלן און וועט אויך דינען ווי אַ פעסטער אָנשפּאַר פאַר אַ סך יזכור־ביכער.

יעקב צעלעמענסקי

„מיטן פאַרשניטענעם פאָלק" — 1963

אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן, איז יעקב צעלעמענסקי געווען באַקאַנט ווי אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר פון די בונדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניען. ווי אַ שרייבער — נישט. קאָן זיין, אַז צעלעמענסקי גופא האָט קיינמאָל נישט געחלומט צו נעמען אַ פען אין האַנט און ווערן אַ שרייבער. אָבער — ווי איינער פון די געציילטע אוד מוצל מאש, פון די וועלכער האָט געזען זיינע נאָענטסטע און טייערסטע פירן צו דער היטלעריסטישער עקידה, און אַליין זיך געפונען אינעם עמק־הבכא, אינעם יאָמער־טאָל, וווּ ער האָט טויזנט מאָל אין טאָג געזען דעם מלאך־המוות פאַר די אויגן — אין געשטאַלט פון דייטשן, פּאָליאַקן, אוקראַינער — האָט דער שטאָף, די טעמע אים פאַרן האַלדז גענומען און אים געצוווּנגען צו פאַרפיקסירן אונדזער נאַציאָנאַלן חורבן.

און טאַקע: מי ידבר ומי יספר, אויב נישט די, וועלכע האָבן וואָס צו דערציילן, וועלכע קענען דערציילן? יעקב צעלעמענסקי האָט טאַקע דערפילט דעם דאָזיקן היסטאָרישן און מאָראַלישן אימפּעראַטיוו אין זיין בוך „מיטן פאַרשניטענעם פאָלק".

אין זיין אַריינפיר־וואָרט זאָגט דער מחבר: „צוויי צענדליקער יאָר האָבן אין מיינע אויערן געקלונגען די בקשות און מאָנונגען פון די געפייניקטע יידן: — דערצייל דער וועלט. כ'האָב געוווּסט, אַז ס'איז מיין פליכט צו דערפילן דעם לעצטן ווונטש פון די יידן, וועלכע מען האָט געפירט צום אומקום. כ'האָב עס אָבער נישט געטון. כ'האָב זיך אַליין געפרעגט: צי קאָן מען דאָס אַלץ דערציילן? צי וועט דאָס דערציילטע ווירקלעך אָפּשפּיגלען די איבערלעבונגען פון אונדזער אומגעבראַכט פאָלק? די ספקות האָבן געבונדן מיין ווילן..."

אין פלוג קאָן זיך שאַפן דער איינדרוק, אַז די צוואַנציק יאָר פון מחברס שוויגן, האָבן געקאָנט פאַרווישן, אָדער פאַרבלאַסן געוויסע געשעענישן און פאַקטן. ס'איז אָבער נישט אַזוי, פאַרקערט: פון ווייטנס, פון דיסטאַנץ זעט מען איבער־לעבונגען קלאָרער און בעסער. ווי האָט ערגעץ געזאָגט היינריך היינע: „די בעסטע מאַי־לידער, האָט ער געשריבן אין ווינטער ביים איינגעהייצטן קאַמין" (ציטירט פון זכרון). אויך היסטאָריע ווערט געשריבן נישט אויף דער הייסער

מינוט. פּראָפ. שמעון דובנאָוו'ס „געשיכטע פון יידישן פאָלק" איז דער בעסטער באַווייז.

אין מלחמה־צייט, בעת די יידישע ישובים האָבן אָנגעהויבן צאַנקען און אויסגיין אין בלוט, האָט דער גורל אַרויפגעלייגט אויף צעלעמענסקין — צוליב זיין „גוטן אויסזען" — אַ ספּעציעלע מיסיע: ווערן אַ שליח, אַ קוריער פון אונטערערדישן בונד און אַרומפאָרן ווי אַ „פּאַליאַק" איבער די זעלבע יידישע שטעט און שטעטלעך, כדי צו טראָגן פאַר זיי מאַטעריעלע הילף און קאָלפּאָרטירן אומלעגאַלע בולעטינען און צייטונגען. דאָס איז געווען אַ גרויסע טרייסט אין יענעם הערמעטיש־פאַרמאַכטן קלעם. שוין דאָס קומען אין קאָנטאַקט מיט פּאַרטיי־חברים און סתם־יידן האָט געמוטיקט און פאַרלייכטערט אַביסל.

אַ ביז גאָר שווערער וועג געווען — מען האָט תמיד געמוזט האַלטן „פּאַסאַן" און גיין חוצפּהדיק, מיט זיכערע טריט; געמוזט האָבן אַ פלינקע אָריענ־טאַציע ביי אַלע עווענטועלע פאַלן (אַ שטייגער זיין „רואיק" אַריינגיין אין אַ קירכע, צוליב די שפּיזלדיקע בליקן פון אַ שמאַלצאָווניק); ערשט דאָס באַזאָרגן זיך — און פאַר אַנדערע חברים — מיט פרישע פּעסער און אַנדערע דאָקומענטן אונטער יתרוס נעמען; דאָס אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט דער יידישער און פּוילישער אונטערגרונט; דאָס כסדרדיקע זוכן און טוישן קאָנספּיראַטיווע דירות; ערשט דאָס שלעפּן זיך איבער וועגן און שטעגן אויף באַנען ווי אַן „אַריער" — דאָס אַלץ איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן: פון אַלע זייטן חשד, לויער און סכנה — דאַמאָקלעסעס שווערד האָט כסדר געהאָנגען איבער אים. נישט איינמאָל איז אים אויסגעקומען צו שפּילן די ראָל פון אַ שטומען צוליב זיין נישט גוט באַהערשן די פּוילישע שפּראַך; נישט איינמאָל סימולירט אַז ער שלאָפט און דערביי געווען וואַך צו דעם אַרום, צו די פּאַסאַזשירנס שמועסן, וועלכע האָבן ס'רוב זיך געדרייט אַרום איין אַקס — זשידעס... מירן בלויז איבערגעבן איין שמועס פון אַ קריסטין, וואָס איז געזעסן אין באַן אויף איין באַנק מיט צעלעמענסקין:

...מיין ברודער האָט חתונה געהאַט מיט אַ זשידאָווקע, וואָס האָט זיך געשמדט, זי האָט אונדז אַנטפּלעקט אַלע זייערע סודות. זי האָט צוגעהאָלפן באַקן מצות מיט קריסטלעך בלוט".

רייד וואָס בריען ווי קראַפּעווע און קנייפּן אונדזער נשמה. ניין, נישט מיט היטלערן האָט עס זיך אָנגעהויבן: דאָס האָבן די דייטשן דורות־לאַנג געזייעט און אַריינגעטריפט טראָפּ נאָך טראָפּ דעם זאָאָלאָגיש־אַנטיסעמיטישן סם — אַזוי ביי זיך אין דייטשלאַנד, אַזוי ביי אונדזערע היימישע פּוילישע שכנים — ביז די קערנער האָבן זיך אָנגעגומען און ס'איז אויסגעשמידט געוואָרן אַזאַ אַטאַוויסטישע שנאה, אַזאַ ראַסן־האַס, אַז דער באָדן פאַר היטלערן איז געווען אַ רייפער, אַ צוגעגרייטער. אלא וואָס? — די בלוט־דורשטיקייט, דער הפקר וואָס איז יאָרן־לאַנג געלעגן פאַרטייעט טיף אין זייערע איינגעווייד, האָט אין

די היטלער־יאָרן אויפגעבראָכן און אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. אונדזערע טויזנט יאָריקע שכנים האָבן אויסגעטאָן די חרפה און אַרויס מיט זייער אמתן פּרצוף, נישט פאַרשטעלט, נאָר בפרהסיא.

יעקב צעלעמענסקי האָט אַ סענסיטיוו אויער פאַר דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע קלאַנגען, און אַן אָפן אויג פאַר אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום אים. וואָס גאָר וויכטיק: ער פאַרמאָגט אַ זעלטענעם טאַלאַנט אויפצודעקן און אַריינצופירן דעם לייענער שיער נישט אויף אַ דאָסטאָיעווסקישן אופן — אַן אופן וואָס פירט־אַריין פסיכיש אין דער חשכות־אַטמאָספער וואָס האָט געהערשט אין יענע פיינפולע יאָרן, ווען דאָס יידישע לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר.

מען דאַרף פאַרמאָגן אייזערנע נערוון און אַ האַרץ פון קיזלשטיין, ווען מען לייענט איבער דאָס אַלץ וואָס איז אַריבער איבערן יידישן קאָפּ. אַ סקרוך איבערן לייב גייט אַריבער ווען מיר הערן זיך צו צו אַ „שמועס" — אויף זייט 93 — צווישן אַ קינד און זיין פאָטער אויף זייער לעצטן וועג:

„דאָס פינף יאָריקע יינגעלע האָט אים געפרעגט: „וווּהין פירט מען אונדז, טאַטע?". און ער האָט געענטפערט: — מען פירט אונדז אויף אַן אָרט, וווּ מיר וועלן זיך אַלע לייגן שלאָפן, ווען מיר וועלן אויפשטיין, וועט זיין אַ נייע וועלט. ס'וועלן נישט זיין קיין מלחמות. קיינער וועט שוין נישט זיין פאַרזאָרגט און טרויעריק".

כלומר: אַ געמיטלעכער שמועס, אָבער — פּרוּוו זיך באַהערשן... פּרוּוו צוימען דיינע נערוון און מיש־אויף די זייט 195 וווּ צעלעמענסקי דערציילט:

„פאַר דעה צייט פון מיין זיין אין קראָקע איז מיר אויסגעקומען צו זען שוידערלעכע בילדער. איין בילד האָט זיך מיר שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון און איך זע עס נאָך ביז היינט פאַר מיינע אויגן. געווען איז עס אַ פאַרנאַכט, ווען יידישע אַרבעטער האָבן זיך אומגעקערט פון זייער אַרבעט אויף דער „אַרישער" זייט און זיך געזאַמלט ביים טויער פון געטאָ. ביי די דראָט־פאַרצוימונגען האָב איך געזען ליגן אַ יידיש קינד באַגאָסן מיט בלוט. אַרום דעם צעהאַקטן קערבן האָבן זיך געוואַלגערט ברויט, שטיקלעך פלייש און אַנדערע זאַכן, וואָס קינדער האָבן באַוויזן אַריינצושמוגלען, כדי צו דערהאַלטן דאָס לעבן פון זייערע נאָענטע. פאַר אַזאַ „חטא" האָט איצט אַ יידיש קינד באַצאָלט מיטן לעבן."

אַלץ? — ניין, דאָס זענען נאָר קליינע פעדימלעך פונעם טראַגישן געוועב „מיטן פאַרשניטענעם פאָלק". דער מחבר צעטעפּעט דעם „שטאָף" ביז אַ פאָדעם און מיר דערזעען שוידערלעכע בילדער, וואָס לייגן זיך שווער אויפן האַרצן. און דערציילן דערציילט דער מחבר דאָס אַלץ אַזוי אָפן, אַזוי קאָמפּראָמיסלאָז, וואָס צעטרייסלט אונדזערע עמאָציעס. זיין אופן פון דערציילן דעם מאָנט, אומגעריכט, קנוט האַמסונס אָפענע דערציילונגען וואָס קנייפּן די נשמה און צעשטערן די עפּישע רו ביים לייענער. און דאָס טאַקע איז דער מחבר

אויסן: דערציילן דער וועלט דעם ביטערן אמת. דאָס איז דער רודימענט פון יעדן שרייבער. ווי האָט געזאָגט ה. ליוויק: „מיט דעם וואָס מען ווערט אַ שרייבער, האָט מען זיך פֿאַראורטיילט אויף אייביק צו שטיין און שלאָגן אין גלאָק פון מענטשלעכן אומרו".

דער ביטערער גורל קאָן אויך אָפּטאָן געגנוג „שפּיצלעך". אָט דערציילט דער מחבר ווי נישט איינמאָל איז ער שיִער נישט אַריינגעפאַלן גלייך אין די הענט פון שונא צוליב... אַ באַגעגעניש אין וואַרשע אָדער אויף דער פּראָווינץ מיט אַ פּאַרטיי־חבר, וועלכער איז צוגעלאָפן צו אים מיט אַ פריידיק־איבער־ראַשטן אויסרוף: צעלעק! (אַזוי האָט מען גערופן צעלעמענסקין). אַ זאַך וואָס האָט געקאָנט קאָסטן דעם מחברס לעבן, און וואָס נאָך ערגער: זיין וויכטיקע מיסיע האָט געקאָנט דורכפאַלן. ער האָט געפילט ווי דאָס בלוט ווערט אים פאַרגליווערט, דאָס האַרץ פאַלט אים איין, אָבער ער האָט גוט געוווּסט די אחריות פון אַ בונדישן קוריער און יענעמען צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק מיט אַ פאַשאַל וואָן, און נישט זעלטן אויך „מכבד" געווען מיט אַ גראָב זידל־וואָרט, און — דער „גוי" מיט דער טעקע איז געגאַנגען שטייף מיט ווייטאָג אין האַרצן און מיט חוצפה אין די אויגן. כלומר דערציילט ער דאָס מיט אַ סטאָאישער רואיקייט, אין אמתן פילט דער לייענער אַז אין אַלע שורות פולסירט דעם מחברס שטורמיש און וואַרעם האַרץ; אַז פון די שורות וויינט־אַרויס דער מחבר.

און פונקט ווי יעקב צעלעמענסקי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין עמק־הבכא, אַזוי האָט ער זיך שפּעטער געוואָרפן מיטן גאַנצן ברען אין קאַמף קעגן די נאַציס. דאָס קומט צום אויסדרוק אינעם העראָישן און אומפאַרגלייכלעכן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אין פלוג געגומען: צי איז נאָך פאַראַן עפּעס־וואָס צוצוגעבן צו די אַלע ביכער אויף דער־אָ־טעמע? ס'איז אָבער נישט אַזוי. מיט יעדן בוך ווערן אַנטפּלעקט אַלץ נייע און נייע פאַקטן.

אַ וויכטיקע אַרבעט איז דאָס שיינע און טרויעריקע קאַפּיטל: דער פּוילישער אויפשטאַנד אין וואַרשע, אין וועלכן דער מחבר שפּילט אַ גרויסע ראָלע ביים אויספירן וויכטיקע פונקציעס. דאָס פילט אונדז אָן סיי מיט פרייד און סיי מיט טרויער. פרייד, פון דערלעבן אַ שטיקל נקמה — פונקט ווי אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד — אין די געהרגעטע, פאַרווונדעטע און אַנטוואָפנטע דייטשן. זאָל דער דייטש זיך אויך צאַפּלען אין קאַנוווּלסיעס און פילן דעם יידס טעם. נקמה? — יאָ! אָבער נקמה טרעט דאָ אַרויס ווי אַן עטישער, אַ מאָראַלישער עלעמענט. ס'איז די דראָענדיקע וואָרענונג: זכור! אַ וואָרענונג וואָס רופט צום קאַמף, אַז עס זאָל מער נישט מעגלעך ווערן אַזעלכע פאַרברעכנס פון מענטש קעגן מענטש. די פרייד האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט צוליבן פאַרראַט פון די סאָוויעטן, וועלכע האָבן גערופן צום אויפשטאַנד און געבליבן שטיין אויף יענער זייט ווייסל.

און דאָ וויקלט דער מחבר אָפּ פרישע שוידערלעכע פאַקטן: מיטן אויסברוך

פון פוילישן אויפשטאַנד, זענען די אַלע אָפּגעראַטעוועטע יידן פון די געטאָס און לאַגערן אַרויס פון די באַהעלטענישן — ווער מיט געוווער און ווער אָן געוווער — און זיך אָנגעשלאָסן אינעם קאַמף. אָבער גראַד דאָ האָט די אויסגעלאַסענע מיזאַנ־טראָפּיע, די אייביקע שנאה צום ייד, אַ בריקע געטאָן מיטן גאַנצן כוח און די גאַנצע תוכחה האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די יידנס קעפּ: מען האָט זיי ציניש דערקלערט אַלס פּאָלקס־דייטשן, אָדער שפּיאָנען און קאַלטבלוטיק ליקווידירט.

אַוודאי זענען געווען פּאָליאַקן, חסידי אומות העולם, וועלכע האָבן אין מיטן ים פון אָט דעם רשעות איינגעשטעלט זייער אייגן לעבן, כדי צו ראַטעווען יידן. און דער מחבר ברענגט זיי אַרויס אין העלסטן ליכט.

יעקב צעלעמענסקי ברענגט־אַרויס אַ סך אידעאַלע יידישע העלדן, וועלכע האָבן נישט פאַרלוירן, אויפן שוועל פון טויט, זייער מענטשלעכן פּנים און זיך אויפגעהויבן צו דער העכסטער מאָראַלישער הויך. צווישן זיי וועלן פאַרנעמען אַ חשוב אָרט די העלדן־מעשים וואָס זענען נתגלה געוואָרן ביי אַ סך פּשוטע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וועלכע מיר האָבן פריער נישט געקענט. דווקא אויפן ראַנד פון אומקום האָבן זיי אַרויסגעוויזן אומדערשראָקענע געוואַגטקייט, צומאָל הערואיק. אָט די אַלע קרישטאָל־ריינע מענטשן האָט צעלעמענסקי פאַר־אייביקט אין זיין בוך.

אַליין צוגעזען די אַגאָניע פון די יידישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן; אַליין געפילט דעם טויט פון אַלע טויטן, ביזן ווערן אַריינגעפירט קיין אוישוויץ — איז ער קיינמאָל נישט אַראָפּ פון דער קאַמפּס־אַרענע. דאָס איז אויך די סיבה, וואָס טראָץ אַלע ביטערע איבערלעבונגען און דערשיינונגען, גלייבט ער אַז ליכט וועט סוף־כל־סוף גובר זיין די פינצטערניש. דערפאַר שטראַלט־אַרויס פונעם בוך דעם מחברס טיפער גלויבן אין וועלט, מענטש — אין יידישן המשך.

„מיטן פאַרשניטענעם פאָלק" איז נישט אויסגעדמיונט, דער מחבר איז נישט קיין אויסטראַכטער, נאָר אַן אָפּהיטער. און דאָ ווייזט ער זיך אַרויס ווי אַ שרייבער מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון, וועלכער קען אויפפרישן בילדער, געשעענישן און פּאַסירונגען, וואָס זענען אין יענע אימהדיקע יאָרן אָנגעגאַנגען אין פוילן. דערביי שרייבן אַזוי קלאָר, אַז מיר פילן ווי מיר אַליין וואָלטן דאָרט געווען. דער לייענער ווערט, אַזוי אַרום, אַ מיטשאַפער צום בוך — אַריינטראַגנדיק זיין אייגענעם זיפץ, זיינע אייגענע טרערן. וועלכער ייד איז נישט אָפּגעזענקט געוואָרן פון דער היטלער־שרפה?

עס מאַכט דעם איינדרוק ווי די אַלע מענטשן, מיט וועמען דער מחבר איז געקומען אין קאָנטאַקט, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין זכרון, אין זיין האַרץ, און געפּאָדערט ער זאָל זיי דערמאָנען און נישט לאָזן פאַרגעסן. פון דעם ווערט קלאָר, אַז דאָס אויפשרייבן די מגילה „מיטן פאַרשניטענעם פאָלק" איז פאַר יעקב צעלעמענסקין געווען אַ דעטערמינירדיקער אַקט, פון וועלכן ער האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיך באַפרייען.

א. א. ראָבאַק

„די אימפּעריע יידיש" — 1958

דורך די העכער צוויי טויזנט יאָר צעשפּרייטקייט, האָט דאָס יידישע פאָלק איינגעזאַפּט אין זיך — צומאָל: פעריאָדיש איבערגענומען — פאַרשידענע השפּעות פון די אַרומיקע קולטורן און שפּראַכן. יידן האָבן גערעדט אַרמית, גריכיש, פּערסיש, אַראַביש, לאַדינאָ און נאָך פאַרשידענע שפּראַכן, אָבער קיין איינע פון זיי איז נישט אַזוי אַריינגעדרונגען אין די טיפעניש פון פאָלק; קיין איינע פון זיי האָט זיך נישט אַזוי איינגעוואָרצלט, ווי יידיש, וואָס איז געוואָרן די פאַר־שפּרייטסטע שפּראַך ביי יידן אין דער גאָרער וועלט.

כדי אונטערצושפּאַרן דעם דאָזיקן אַרויסזאָג, איז גענוג צו ברענגען דעם פאַקט, וואָס פון בערך 17 מיליאָן יידן — פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה — האָבן 11 מיליאָן גערעדט יידיש.

בכן איז נישט קיין צופאַל, וואָס יידיש איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ אין יאָר 1908, ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק.

יידיש איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט גרויסע יידיש־נאַציאָנאַלע ווערטן און איז אויסגעוואַקסן צו אַ גייסטיק־פּאָטענציעלן כוח. אָבער אין סאַמע מיט פון העכסטן באַרג־אַרויף־גאַנג האָט דער ביטערער גורל געוואָלט, אַז דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום — דער יידישיסטישער טייל פון אונדזער פאָלק זאָל אויסגעהרגעט ווערן און די הויפּט־וואָרצלען פון שאַפערישקייט אין יידיש זאָלן אונטערגעהאַקט ווערן. קנאַפּ דאָס, איז נאָך צוגעקומען די ליקווידאַציע פון יידיש הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג. אָבער אויך מיטן גרויסן נס אונדזערן — מיטן אויפקום פון מדינת־ישראל, האָט יידיש באַקומען אַ בריקע אין ריפּ אַריין; נישט בלויז וואָס די ציוניסטישע טוער האָבן אָנגעהויבן בעגירן און מינימיזירן די ראָלע פון יידיש און קולטיווירן אַן עקסטרעמען העבראַיזם, נאָר זיי האָבן ממש אויפגעהויבן אַ קאַמף קעגן יידיש.

אַ סך פאָרטלען וועגדן זיי אָן אינעם דאָזיקן קאַמף, אָבער דער עיקר האָבן זיי זיך גענומען פאַרן אַלטן מיטל: זיי האָבן אַרויסגענומען פונעם אַרסענאַל די הויפּט־פאַרזשאַווערטע פיילן — „יידיש גייט אונטער", „יידיש שטאַרבט".

אַט אין אַזאַ צייט, אין אַזאַ אַטמאָספער און ביי אַזעלכע אומשטענדן האָט אונדז פּראָפ. א. א. ראָבאַק אַנטקעגנגעשטעלט „די אימפּעריע יידיש" ווי אַ כלי־זין אויף צו ווערן זיך קעגן די כל מיני פּינצטערע נביאים.

א. א. ראָבאַק וויקלט פאַנאַנדער די לאַנגע מאַרטיראָלאָגיע־געשיכטע פון לשון־יידיש: מסירות, רדיפות, גזירות, פאַרבאָטן, אַסימילאַציע און אַנדערע אַנשי־קענישן. אָבער „נישט קוקנדיק אויף אַט די אַלע פּורעניותן, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף איר, איז זי נאָך ווייט, גאָר ווייט פון אונטערגאַנג, און כל־זמן עס וועט זיין אַ יידיש פאָלק — אַזוי האַלט איך — וועט לעבן יידיש, און וועט חלילה אונטערגיין יידיש, וועט דעמאָלט נישט זיין קיין יידיש פאָלק".

זינט מען האָט אויף דאָס ניי געלאָזן אין גאַנג די אויסגעריבענע פּלאַטע „יידיש גייט אונטער", וואַקסט גאָר די חשיבות פון יידיש און דרינגט אַריין אין די גרעסטע פּרעמד־שפּראַכיקע ענציקלאָפּעדיעס, אין די אוניווערסיטעטן. ערשט אויף דער יידישער גאַס האָט זיך דאָך יידיש גאָר צעשפּרייט איבער אַלע קאָנ־טינענטן: נייע פאַרלאַגן, צייטונגען, זשורנאַלן, נייע יונגע שרייבערישע כוחות — אַפילו אין ישראל, וווּ עברית האָט אַלע מלוכה־אַטריבוטן. אָט איז אַ יידישע טאָג־צייטונג, חודש־זשורנאַלן, „די גאָלדענע קייט", אַ יידישע נאָכמיטאָג־שול און אַ דראַמאַטישער אַנסאַמבל ביים „אַרבעטער־רינג" אין תל־אביב.

דאָס איז אָבער ווינציק, ווינציק, ווייל מצד די אָפּיציעלע מלוכהשע־ און פּאַרטיי־קרייזן הערשט נאָך אַלץ אַ נעגאַטיווע — צומאָל: דיסקרימינאַציע־איינ־שטעלונג לגבי יידיש. עס וועט אָבער מוזן קומען דערצו, אַז יידיש־לשון זאָל גלייכבאַרעכטיקט ווערן אין מדינת־ישראל.

איי די עלאָקווענטע רייד, אַז מיט עברית איז מען מער פּאַטריאָט — איז עס אויך אַ קאָנווענציאָנעלער ליגן! אסור צי איך וואָלט פאַרביטן איין, לאָמיר זאָגן, יאָסל בירשטיין, וועלכער האָט פאַרלאָזן דאָס זאַטע אויסטראַליע און געקומען אַהער זיין אַ פּאַסטעך אין אַ קיבוץ, און וועלכער שרייבט קינסטלערישע דער־ציילונגען פונעם קיבוץ־לעבן אין אַ געשמאַקן, זאַפטיקן יידיש — פאַר די, וועלכע זיצן יאָרבלאַנג אין די אויסלאַנדס מיט דער מיסיע צו פאַרשפּרייטן עברית, אָבער דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז פיל יוגנטלעכע גייען אַוועק פון יידיש און צו עברית קומען זיי נישט, נאָר ווערן געשטופּט אין די אָרעמס פון אַסימילאַציע. כ'וואָלט אויך נישט געטוישט די זאַמלהעפטן, וואָס דער קיבוץ „רמת הכובש" גיט אַרויס אין דער יידישער שפּראַך א. נ. „יומן", וועלכע פלאַנצן ליבשאַפט צו מענטש, צום קיבוץ און צו דער מדינה — פאַר דעם „המנשר העברי" פון דער „הפעולה השמית". די דאָזיקע „סעמיטישע אַקציע" באַשטייט טאַקע פון לויטער סאַברעס, אָבער זיי טרייסלען זיך אָפּ פונעם וועלט־יידנטום — אַפילו פונעם ציוניזם.

ניין, לא זו הדרך! נישט איינזייטיקייט, נישט עקסטרעמער העברעאיזם, נאָר קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג, קעגנזייטיקע צוזאַמענאַרבעט פוןביידע שפּראַכן.

אזוי און נישט אַנדערש קאָן געשטאַרקט ווערן דער פּאָטענציעלער כּוח פון יידישן פאָלק — סיי אין די תפוצות און סיי אין מדינת־ישראל.

מען מוז מודה זיין, אַז דאָס נאָכאַנאַנדיקע שפּרייטן יאוש האָט, ליידער, געהאַט אַן השפעה אויף אַ צאָל יידישיסטן. אַ טייל האָבן דאָס געטאָן מחמת שוואַכן כאַראַקטער; אַנדערע — ווייל ס׳איז דאָך באַקוועמער צו גיין מיט דער אַלקלוגסטער ליניע „ווו דער ווינט בלאָזט״; נאָך אַנדערע סתם פּחדנים, וועלכע צאַפּקעווען פאַר די העברעער נישט צו פאַרשריגן ווערן אין יידישיסטישער קראָ־מאָלע. מילא, אַ מיחוש ווי אַלע מיחושן. די טענה איז אָבער צו אַ טייל יידישע שרייבער, יידישע צייטונגען פאַר זייער סטאָאישער אייגנגעהאַלטנקייט, פאַר זייער לעבלעכער, אָדער ריכטיקער: מהיכא־תיתא־באַציאונג צו יידיש.

פון דעסטוועגן ברענגט אונדז א.א. ראָבאַק ראיה נאָך ראיה, באַוויז נאָך באַוויז — און טאַקע מיט דאָקומענטן אין האַנט — אַז ס׳איז נישטאָ קיין גרונט פאַר פּאַניק, ווייל טראָץ אַלע שלעק, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף יידיש, איז די מערכה פון מלכות־יידיש גאָרנישט אַזוי שמאָל ווי מען קלינגט אין די גלאָקן. פּראָפ. ראָבאַק ווייזט אָן אויף אַ גאָר וויכטיקן פּונקט, וואָס ווערט כּסדר פאַרזען אָדער איגנאָרירט, און דאָס איז דער גלאָבאַלער כאַראַקטער פון אונדזער שפּראַך און ליטעראַטור. דער מחבר שטעלט זיך דאָ באריכות אָפּ וועגן באַטייט פון דער יידישער אומעטומיקייט און קומט צום אויספיר, אַז ווען מען קוקט אַריין אין איין ישוב, אָדער אין איטלעכן ישוב באַזונדער, איז דאָס יידיש־בילד טונקל, „אָבער אין די ברייטע האָריזאָנטן פון אַ וועלט־שפּראַך און אַ וועלט־ליטעראַטור, איז יידיש אַ שם־דבר, וואָס דאַרף זיך גאָרנישט שעמען אַנטקעגן אַנדערע שפּראַכן און ליטעראַטורן״.

יידיש — זאָגט ראָבאַק — איז אויך געוואָרן אַ הייליקע שפּראַך. זי איז געהייליקט געוואָרן דורך קאַצענעלסאָנען, וועלכער האָט געשריבן זיין עפּאָפּיי, בעת ער האָט געזען דעם טויט פאַר די אויגן; דורך רינגעלבלומען און זיינע מיטהעלפערס, וועלכע האָבן געקליבן פּרטים פאַר דער געשיכטע וויסנדיק, אַז אין אַ ליאַדע סעקונדע קאָנען זיי ווערן דערשאָסן; דורך איציק וויטענבערגן, וועלכער האָט קומענדיק צוריק צו זיין קאָמאַנדע, געזאָגט: „איך גיי״, און איז אַוועק זיך איבערגעבן די דייטשן, כּדי מען זאָל נישט זאָגן, אַז צוליב זיין עקשנות איז חרוב געוואָרן אַ גאַנצע עדה; דורך אַ גרופּע דאָקטוירים, וועלכע האָבן אין געהיים שטודירט — אין יידיש — די ווירקונג פון הונגער וויסנדיק, אַז זייערע טעג, אָדער שעהן זענען געציילטע. מען וואָלט געקאָנט דאָס צעטל נאָך וויטער ציען, דהיינו: אַז יידיש איז געהייליקט געוואָרן דורך סוצקעווערס „געהיימשטאָט״, דורך ישעיהו שפּיגלס „מלכות געטאָ״, לייב ראָכמאַנס „אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן״, יחיאל גראָנאַטשטיינס: „איך האָב געוואָלט לעבן״, קאַצעטניקס: „דאָס הויז פון די ליאַלקעס״, ד״ר דוואָרזשעצקיס ביכער וועגן אומקום און דורך דער

גאַנצער חורבן־ליטעראַטור, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין קיין אַנדערע ליטע־ראַטורן. יידיש איז, בכן, אויך אַ הייליקע שפּראַך.

אַ סך אַקסיאָמען פרעגט־אָפּ דער מחבר. מיר וועלן בקיצור זיך אָפּשטעלן אויף צוויי פון זיי: 1) אַז אַ שפּראַך איז חשוב מחמת זי האָט אַ סך רעדערס, און 2) אַז יידיש איז די שפּראַך פון דינסטמוידן.

נומער 1: א. א. ראָבאַק ווייזט־אויף, אַז דאָס איז נישט קיין ריכטיקע מאָס. אָט ווערן אויף אַלע סקאַנדינאַווישע שפּראַכן גערעדט פון אַ 12 מיליאָן העכסטנס, איז צי זענען זיי דען נישט חשובער ווי די באַנטו־שפּראַכן פון אַפריקע אָדער אַפילו כינעזיש, וואָס ווערט גערעדט פון הונדערטער מיליאָנען כינעזער? אַנדערש איז די ליטעראַטור. נאָר אויב אַזוי „קאָן יידיש — פאַר די לעצטע 50—60 יאָר — זיך פאַרגלייכן, קוואַליטאַטיוו, מיט אַ סך אייראָפּעאישע און דרום־אַמעריקאַנישע שפּראַכן"; אויב אַזוי — „האָט יידיש ליטעראַריש געמאַכט מער פּראָגרעס, ווי וועלכע עס איז אַנדערע שפּראַך, אַפילו ענגליש".

נומער 2: שוין די געבראַכטע רשימה פון באַרימטע מענטשן, וואָס האָבן זיך דורכגעשריבן אין יידיש, באַווייזט, אַז זי איז ווייט נישט די שפּראַך פון יאַכנעס. אָט דערוויסן מיר זיך, אַז מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק האָט משה מענדעלסאָן געשריבן צו זיין כלה, פראָמעט, די טאָכטער פון אַ באַנקיר, יידישע בריוו; היינעס מוטער האָט געשריבן יידיש, קאַרל מאַרקסעס פאָטער אויך. דאָס זעלבע די ראָטשילדס, מאַקס נאָרדוי און פיל גרויסע פערזענלעכקייטן, צווישן זיי נאָבל־פּרייז לאַורעאַטן, מיניסטאָרן, פּראָפעסאָרן, פילאָזאָפן, אַקטיאָרן און טעלע־וויזיע־סטאַרס, וואָס גרויסן זיך מיט זייער קענען יידיש. איצט דער איבערגאַנג פון „גויש צו יידיש" איז דאָך גאָר אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פאַר זיך. גאָר באַזונדער — בער באָראָכאָוו און וולאַדימיר מעדעם. ס'איז באַוווּסט, אַז בער באָראָכאָוו האָט ערשט צו 26 יאָר — שוין האַבנדיק סטאַזש ווי אַ פּובליציסט אויף רוסיש — זיך אויסגעלערנט יידיש, און במשך געציילטע יאָרן צוגעטראָגן דער יידישער ליטעראַטור ממש אַן אוצר פון פאָרשונג. ס'איז אויך באַקאַנט, אַז וולאַדימיר מעדעם, וואָס איז דערצויגן געוואָרן ווי אַ פּראַוואָסלאַווער קריסט און איז געווען ווייט נישט נאָר פון יידיש נאָר אַפילו פון יידן — איז געוואָרן איינער פון די בעסטע פּובליציסטן און רעדנערס אויף יידיש.

אָט דאָס איז דער כוח פון יידיש.

עס טוט זיך אָבער נישט ווי עס רעדט זיך. געגנוג וואַסערן — און בלוט! — זענען אָפּגעפלאָסן ביז די „שפחה" — ווי די משכילים פלעגן באַטיטלען אונדזער שפּראַך — האָט אָנגעשפּאַרט אין די הויכע פענצטער. איבערמענטשלעכע כוחות און אידעאַליזם — שטייגער, מאָראַלישע אימפּעראַטיוון, נאַציאָנאַלע אַקטיוויטעטן און אַנדערע גייסטיקע אַטריבוטן — זענען אַריינגעלייגט געוואָרן, ביז יידיש איז פון שוסטער־געסל אַרויס אויף די ברייטע שליאַכן פון אַ וועלט־שפּראַך, פון אַ וועלט־ליטעראַטור.

דאָס אַרטיקל „פון גוייש צו יידיש" — געדרוקט אויף די זייטן 165—168 — איז אַזוי פאַרכאַפּנדיק — און איך וואָלט געזאָגט: קלערוואָיאַנטיש — אָנגעשריבן, אַז מיר זענען גרייט מוחל צו זיין דעם טעכנישן פאַרזען פון איבערדרוקן דאָס זעלביקע אַרטיקל אויף די זייטן 323—325.

אין זיינע קלאָרע פּאָלעמיקס ברענגט ראָבאַק אָן אַ שיעור באַגרינדעטע ראיות, און פאַקטן — ראַיעלע ווי דער טאָג. דאָך בין איך נישט גרייט אָנצונעמען ראָבאַקס פאָרמע צו שרייבן העבּרעאיש אָן אַן ע — עברעיש (ביי ראָבאַקן: עבּרעאיש). איך דערמאָן זיך נישט, אַז אויף מיינע פאָלקלאָר־עקספּעדיציעס — פאַר דער מלחמה — איבער די פּוילישע שטעט און שטעטלעך זאָל איך האָבן געהערט: עברעיש. ראָבאַקס מאָטיוו, אַז דער ה איז שווער אַרויסצורעדן, איז אויך נישט אָנצונעמען. מיט וואָס איז שווערער אַרויסצורעדן העברעאיש ווי, לאָמיר זאָגן, העבּלעווען? אויב ווידער זיך לאָזן פירן לויטן פאָנעטישן קלאַנג פון עפּעס אַ שטעטעלע — קאָן דאָס אונדז צו ווייט פאַרפירן. עס וואָלט דאַן אויסגעקומען צו שרייבן: אַק, אָלץ, און (האַק, האָלץ, הון) אָדער פאַרקערט: האַרבעט (שטאָט: אַרבעט). ניין, איך בין נישט גרייט צופּאַטאַקעווען ראָבאַקן.

אלא וואָס? די דאָזיקע פּאָלעמיק איז די איינציקע גרינע קאַרש, וועלכע מ׳קאָן לאָזן שטיין, און בעסער רייסן די רייפע שוואַרצע קאַרשעלעך, וואָס געפינען זיך אַזוי פיל אינעם שיינעם, וווּנדערלעכן פּרדס „די אימפּעריע יידיש".

די אימפּעריע יידיש האָט נישט געקאָנט שטעלן קיין בעסערן אַדוואָקאַט, קיין דרייסטערן קעמפער און קיין טיפערן בעל־מאמין, ווי ס׳איז א. א. ראָבאַק.

דוד ראָדין

„יונג און ייִנגער" — 1970

אַ סך וואָגיקע קינדער־שרייבער האָט די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט, אָבער נאָך אונדזער נאַציאָנאַלן חורבן, אין וועלכן ס'איז אומגעבראַכט געוואָרן 6 מיליאָן יידן, צווישן זיי אַ מיליאָן קינדער — צוזאַמען מיט זייערע וווּנדערלעכע לערער — איז דער הויפּטקוואַל איינגעטרוקנט געוואָרן.

דערפאַר די גרויסע פרייד מיט יעדן ניי־דערשינענעם קינדער־בוך, נאָך דערצו אַ גוט בוך ווי עס איז דוד ראָדינס „יונג און ייִנגער", און נאָך דערצו היינט, ווען — ווי דער מחבר זאָגט אין דער הקדמה צום בוך:

„יונג און ייִנגער" קומט־אַרויס אויף דער יידישער גאַס אין אַ צייט, ווען מ'לייגט צו אַ פעדער צום נאָז פון דער יידישער שפּראַך און מ'וואַרט — אייניקע מיט אומגעדולד — אַז ס'זאָל שוין אויפהערן אָטעמען".

דוד ראָדין האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן אַכט ביכער, וועלכע האָבן שטאַרק נושא חן געווען ביי די קינדער — און קינדער זענען די בעסטע מבינים. אָבער פון צוויי ביכער זיינע — „ווינקאָווינקאַלע" און „די דריי באַרימער" — האָבן זיי געלעקט די פינגער. שוין די צוויי ביכער האָבן ראָדינען אַוועקגעשטעלט ווי איינעם פון די רעפּרעזענטאַנטן פון די יידישע קינדער־שרייבער.

אַ סך יידישע קינדער, דערהויפּט אין אַמעריקע, האָבן זיך דערצויגן אויף דוד ראָדינס מייסטערהאַפטע און צוגעפּאַסטע לידער. איך זאָג צוגעפּאַסטע, מחמת ראָדין איז גוט באַהאַוונט אין דער קינדער־מלוכה — ער איז אַן ערודיט אויף דעם געביט און ווייסט וואָס צו דערלאַנגען די קינדער, וואָס ס'איז פאַר זיי גוט און נוצלעך.

זיינע לידער אינעם איצטיקן בוך „יונג און ייִנגער" זענען אָנגעקליידט מיט בילדער, זעאונגען און פאַנטאַזיעס. נישט פון פינגער־אויסגעזויגענע פאַנטאַזיעס וועגן פּרינצן און בת־מלכהעס, אָדער אַנדערע נישט־געשטויגענע פּוסטע אילוזיעס, וועלכע רופן־אַרויס קראַנקע האַלוצינאַציעס ביים קינד, נאָר עכטע, לויטערע לידער, וואָס ברייטערן־אויס ביים קינד דעם תחום פון איידעלע געפילן, פון עסטעטישן געשמאַק.

דוד ראָדינס לידער פירן אַריין די קינדער אין אַ וועלט פון ליבשאַפט —

ליבשאַפט צו דער יידישער שפּראַך, צום מענטשן, צו אַרבעט, נאַטור, פלאַנצן, שטוב־חיות — צו אַלעם, וואָס רינגלט זיי אַרום. בכן: פון אַ דערציערישן און עטישן ווערט.

אַ ריי לידער זיינע פאַרמאָגן אַ רייכע סקאַלע פון פאַרבן און קלאַנגען; ווונדערלעכע וואָרט־שפּילן, גראַמאַטישע כללים, געניטע איבונגען אין וואָקאַלן און קאָנסאָנאַנטן — אַ דאַנקבאַרע לעקטור פאַר לערער.

איצט: שפּילערייען, קאַטאָוועסן, ציילענישן, רעטעניש, שאַראַדעס, וואָס אַלע זיי שאַרפן און שלייפן דעם קינדס מוח. און וואָס נאָך וויכטיק: איבער אַלע זיינע לידער, אָדער מעשהלעך אין גראַמען — מיט אָדער אָן אַ מוסר־השכל — שנירלט זיך אַ דינער הומאָר. אויך דאָס איז צום געמיט פון קינד.

אויך דאָס ווענדן זיך צום פאָלקס־ווערטל, אָדער צום פאָלקס־טאָן — אַ שטייגער: „רעב קוטע", „זינגט דער טאַטע", אָדער: „זעלדע־קאַפּעלדע", „מיידעלע, מיידעלע", „דאָס ליד פון דעם וואַלד־העקער" — ווי צו אַ קוואַל פאַר אַספּיראַציע, דינט ראָדינען גוט צו, מחמת דאָ צעפּעכערט זיך דער דיכטער מיט אַלע פּאָעטישע חנען און זאַפטן — צו נאַשן פון זייער בעקטאַר.

דוד ראָדין איבערראַשט מיט זיין רייכער, פיל־פאַרביקער טעמאַטיק און מיט זיינע אומגעריכטע גראַמען, וועלכע פליסן ביי אים פריי און האָבן אויך אַ זין, אַן אינהאַלט.

ווי אַ געניטער פּעדאַגאָג און פּסיכאָלאָג קען ער גוט דעם קינדס געמיט, סביבה און לשון. דערפאַר מעסט ער און וועגט יעדעס וואָרט, יעדן קלאַנג, יעדער שורה און מיט דעם געפינט ער דעם שליסל צום קינדס נשמה — עס דערגייט צום קינד.

מלך ראַוויטש

צו זיין באַזוך אין ישראל — אין יאָר 1954

דאָס איז געווען מיט אַ בערך פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק. ווי איצט דערמאָן איך זיך אין דער אָנגעגליטער דיסקוסיע וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אַרום ראַוויטשעס אַ פּאָעמע אין די „וואַרשעווער שריפטן" אונטערן נאָמען: „דאָס געזאַנג פון האַס און ליבע צום יידישן פאָלק". אויך מיין ווייניקייט האָט דעמאָלט צוגעוואָרפן אַ קינעלע צום פלאַקער. טענות פון רעכטס און לינקס. טענות, אַז ראַוויטש שטראָפט און רייסט אַרונטער די זעלבסטאיינרעדעניש פון יידישן פאָלק; אַז ראַוויטש זידלט און שעלט זיין פאָלק; אַז ראַוויטש...

ווער קאָן דען געדענקען אַלע טענות? אָבער איינס געדענק איך יאָ אויף זיכער: אַלע אָן אויסנאַם האָבן געפילט אונטער זיינע זידל־ און שטראָף־ווערטער אַ וואַרעם יידיש האַרץ, וואָס ווייטיקט און בלוטיקט פאַר דער גרויער און אַנאַר־מאַלער יידישער ווירקלעכקייט; אַלע האָבן געפילט אין זיינע האַרבע און צאַרנדיקע רייד אַ האַרץ, וואָס טריפט מיט ליבע און גלויבן, אַז זיין פאָלק וועט מוזן ווערן מיט פעלקער גליין.

דאָס איז אָבער נישט זיין איינציקער אַרויסרוף. אָבי נאָר פאַרן אמת — איז ער גרייט צו קריגן מיט אַ וועלט. דאָס איז באַזונדערס געקומען צום אויס־דרוק אין דער הקדמה צו זיין פּאָעמען־בוך: „די פיר זייטן פון מיין וועלט". אַוודאי וואָלט מען היינט געקאָנט אָפּפרעגן אַ סך דורך אים צו יענער צייט אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען און מיינונגען. אויך דער דיכטער אַליין וואָלט זיי היינט קאָרעגירט (דערהויפּט בנוגע זיין מאַיעסטעט, דעם לייענער). אָבער מען מוז מודה זיין, אַז ראַוויטשעס אני־מאמין פון יענער הקדמה איז געבליבן — די גרויסע ליבע צום מענטש. ווי זאָגט דאָרט דער דיכטער: „די ליבע האָט זיך סיי ווי נישט אויסגעלאָשן קיינמאָל. און ליבע קען אייביק און אומגעריכט ברענגען ניי לעבן".

ראַוויטש פילט ווייל אַפּ די טעמפּע סביבה און אומגיינציקע צייט — די צייט פון אַטאָם־באָמבע־טעכניק; ראַוויטש זעט און פילט ווייל, אַז אונדזער דור איז אויסגעליידיקט, אַנעמיש, צעטומלט און פאַרלוירן. אָבער גראָד — און

דווקא! — דערפֿאַר קומט ער צום אויספֿיר, אַז אויף אונדזער דור ייִדישע שרײַבער איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן די גרויסע אחריות פֿון שאַפֿן.

דער דיכטער פֿאַרשט־אויס די גרונטן פֿון אונדזער לעבן, שטעלט־אָן זײַן בליק אויף ישׂראל, אויף דעם לאַנד, „ווו זײַן גאַנצער מהות האָט זיך צעגליט מיט אַ ממש אַטאָוויסטישער ליבע־לײַדנשאַפֿט". און דאָך — און דעריבער — קומט ער צום אויספֿיר, אַז די מעטראָפּאָליע פֿון ייִדישקייט, פֿון ייִדיש שאַפֿן וועט זײַן נאָר אין אַמעריקע. ווײַל: „דאָס טל־ענדיקע פֿלעמל פֿון ייִדישקייט איז אַלעמאָל דאָרט, וווּ עס איז דאָ דער גרעסטער כמות־ייִד. און — אַקסיאָם — וואָס מער כמות, אַלץ מער איכות. און דעריבער איז דער גראַוויטאַציע־פּונקט פֿון ייִד־גורל הײַנט נישט ערגעץ אַנדערשוווּ צו זוכן, ווי נאָר אויפֿן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, דער פֿיזישער היים פֿון העכער אַ העלפֿט פֿון אונדזער פֿאָלק".

אַז מען זאָל פֿרעגן: מיט וועלכן ווערק האָט זיך מלך ראַוויטש קונה־שם געווען? וועל איך ענטפֿערן מיט אַ צוריק־פֿראַגע: מיט וועלכן נישט? — מיט „שפּינאָזע", מיט „נאַקעטע לידער", „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפֿטן", „בלוט אויף דער פֿאָן", „די פֿיר זײַטן פֿון מײַן וועלט", „מײַן לעקסיקאָן", „אײַנעמס ייִדישע מחשבות", מיט...

גיי רעכן אויס, אַז אין אַלע ווערק זײַנע איז פֿאַראַן אַ טיף־פֿאַרטראַכטער אַרײַנבליק אין אַלמענטשלעכע וועלט־פּראָבלעמען — אין מענטשלעכן לעבן; אַז אַלע ווערק שפּרודלען מיט גײַסטיקער ענערגיע, מיט אַ ליריש־פֿילאָזאָפֿישן הויך. עטיק, פֿילאָזאָפֿיע, טעאָסאָפֿיע, קאָסמאָס, אוניווערס — דאָס איז די אַקס, די גלגלים אַרום וועלכע עס דרייען זיך די ווערק פֿון דעם פֿאַר עקסעלאַנס־דיכטער.

ראַוויטש איז איינער פֿון אונדזערע אָריגינעלסטע דענקער און דיכטער. אָריגינעל אין טראַכטן, אין סטיל, נוסח, און אַפֿילו אין וואָרט־שפּיל, אין וואָרט־שאַפֿונג. נישט זעלטן טוט אַ בליץ־אויף אַ נײַ וואָרט וואָס דער דיכטער אַליין האָט עס אויסגעשמידט אין זײַן אייגענער שפּראַך־קוזניע.

בכלל האָט ראַוויטש ליב צו פֿאָרשן און עקספּערימענטירן. נישטאָ קיין פֿאָרעם אין דער דיכטונג, וואָס ער זאָל נישט האָבן אויספּרובירט. זײַנע טיפֿע ידיעות אין דער פֿערזן־קונסט איז אים בײַגעשטאַנען, אַז ער זאָל גובר זײַן אַלע פֿאָרמען. דאָס האָט אָבער געבראַכט דערצו, אַז נישט אַלע לידער זײַנע זענען געווען צוגענגלעך פֿאַרן פּשוטן לייענער. און דאָס האָט דעם דיכטער אַרויסגעפֿירט אויפֿן רעיון צו שרײַבן פּשוט און קלאָר, כּדי פֿאַרשטאַנען צו ווערן פֿון אַלע לייענער. דאָס לעצט־דערשינענע בוך, „די קרוינונג פֿון אַ יונגן ייִדישן דיכטער אין אַמעריקע" איז טאַקע געשריבן מיט אַזאַ וווּנדערלעכער קלאָרקייט, אַז אַפֿילו פֿאַר דעם לייענער וואָס האָט נישט קיין פֿריערדיקע צוגרייטונג, איז דאָס בוך קלאָר ווי אַ קוואַליק וואַסער.

שוין מיט אַ דרײַ צענדליק יאָר צוריק איז ראַוויטש געווען אַ שם־דבר. אַ קלייניקייט: „כאַלאַסטרע", „פֿאָלקס־צײַטונג", „ליטעראַרישע בלעטער", סעק־

רעטאָר פון טלאָמאַצקע 13, פאַרלעזונגען, דיסקוסיעס, רייזעס איבער דער פּוילישער פּראָווינץ, באַשולדיקונגען אין נאָמען פון הונדערט שטעטלעך, וועלט־רייזעס — ס׳האָט געקאָכט! ראַוויטש איז אַזוי אַרום אויסגעוואַקסן צו אַ מורה־דרך פאַר אַ סך יינגע שרייבער און לייענער. ראַוויטש האָט אָבער נישט ליב יוצא צו זיין מיט בלויז לערנען יענעמען, נאָר ער פּראַקטיצירט זיינע אַלע לערעס, מאָראַלן, אויף זיך אַליין. ער הייבט אָן ביי זיך. וועגעטאַריאַניזם — ביי זיך; עטיק — ביי זיך; טאָלעראַנטקייט, חברישקייט — ביי זיך. אַלץ ביי זיך. אָט דאָס אַלץ האָט נישט דערלאָזן צו קיין דיסטאַנץ צווישן אים און זיינע יינגערע חברים; צווישן אים און דעם לייענער.

ראַוויטש איז אַ שטאַרקער קעגנער פון צעשפּליטערונג אינעם יידישן לעבן. ממילא איז ער דער גרעסטער אָנהענגער פון יעדער מין פאַראייניקונג. ראַוויטש האָט אָבער ליב תכלית. מיר האָבן דאָס געזען אין יאָר 1927 בעת עס איז געוואָרפן געוואָרן די לאָזונג וועגן אַ יידישן שרייבער־קאָנגרעס. און הגם ראַוויטש גופא האָט זיך צו יענער צייט באַטיטלט ווי דער כמעט „קלאַסישער טרומייטערער פון פאַראייניקונג״, האָט ער דעמאָלט געענטפערט: פאַראייניקונג — יאָ! אָבער... וואָס האָבן מיר צו פאַרלירן און וואָס צו געווינען?

ביידע די־אַ מעלות ראַוויטשעס: סיי זיין תכלית־זוכעריי און סיי זיין שטרעבן צו אַ פאַראייניקונג פון פאַרשידענע ווירקנדיקע פאַקטאָרן אינעם יידישן לעבן, וועלן אפשר איצט, מיט זיין קומען קיין ישראל ווי געהעריק אויסגענוצט ווערן. אין דער ערשטער ריי — דורך דער היגער ליטעראַרישער וועלט.

מנוחה ראַם

„יונג און ייִנגער‟ — 1970

שוין מיט איר ערשטן בוך „ווייטער פון טראַקט‟ — דערשינען אין פּאַריז, אין יאָר 1961 — האָט מנוחה ראַם זיך לעגיטימירט ווי אַ צייטיקע און קרעפטיקע דערציילערין אַזוי, אַז מיר האָבן נישט באַמערקט איר רייפן, איר ווערן, נאָר איר זיין.

„אַרום דער ווערבע‟ איז איר דריט בוך, וואָס איז אַ קאָמפּילאַציע פון דריי הויפּט־קאַפּיטלען: „מעשיות פון אונטער דער ווערבע‟, „ביים חרובן שלאָס‟ און „פון מעשהלעך אַ מעשה‟. כלומר: דריי באַזונדערע קאַפּיטלען, אָבער אין תוך גענומען שפּיגלען זיי אָפּ דעם נעכטן־און־ היינט־געוועב — די ייִדישעווירקלעכקייט.

אויבנאויפיק זעט־אויס דאָס ערשטע קאַפּיטל צו זיין אַן אידיליע, מחמת אַלץ ווערט דאָ דערציילט אונטער, אָדער אַרום דער ווערבע — דעם איינציקן בוים אין שטעטל. וואָס קאָן נאָך זיין געמיטלעכער? שלווהדיקער? איז אָבער וייט נישט אַזוי, מחמת אויפן פּאָן פון דער ביטערער נויט וואָס האָט געהערשט אין די אַמאָליקע ייִדיש־ליטווישע שטעטלעך, פּירט די מחברין אַרויס אָן אַ שיעור טיפן, בילדער און געשעענישן. דאָ ווערט דערציילט וועגן דער ביטערער דאָליע פון די סטאָליאַרעס, זאַמדפּירער, סאַדאָווניקעס, וועלכע ווערן אויסגעריסן ביי זייערע פּרנסות, וועגן אַ קיילעכדיקן יתום, וואָס וואַקסט־אויס צו אַ באַוווּסטזיניקן רעוואָלוציאָנער, וועלכער זעט די איינציקע צוקונפט „דאָרטן‟ — אין ראַטן־פּאַרבאַנד, אָבער ווען זיין חלום ווערט מקויים, ווערט ער פיזיש ליקווידירט.

אמת, אונטער דער ווערבע ווערן אויך געטראָגן פּאָטשטן, מ׳ריכט־אָפּ פון טויטע און פון לעבעדיקע — דאָס גאַנצע שטעטל ווערט געטראָגן אויפן צונג. אָבער אויך דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די איינוווינער פון די קליינע שטעטלעך, ווו דער לאַנגווייל האָט געפּרעסן און מ׳האָט געזוכט פון אונטער דער ערד־אַרויס עפּעס אַ רכילותל, אַבי צו צעטרענצלען די צייט, צו פאַרטרייבן דעם נודניק — דאָס איז געווען די פּאַנאָראַמע פון ייִדישן שטעטל.

אַ דאַנק דער מחברינס שטיין מן־הצד, איר נישט אַריינמישן זיך מיט

אירע קאָמענטאַרן, נאָר לאָזן רעדן חוהן און אַנדערע העלדן אָפּן, פּריי, האָבן מיר נישט־רעטושירטע בילדער, אַ פול בילד פון יענעם לעבן.

מנוחה ראַם פאַרמאָגט אַ פּלאַסטישע און דראַמאַטישע שילדערונגס־קראַפט. זי קוקט־אַריין אין די פאַרבאָרגנסטע נשמה־ווינקלען פון אירע העלדן און דערזעט די טיפע וווּנדן דאָרט. דאָס קענטיקט זיך בכל מקום. דער עיקר לאָזט זיך דאָס פילן אין דער טעמאַטיק פון דער נישט־ווייטער טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט, אַ שטייגער „אין שמאָלן געסל״, ווו עס ווערט אַרויסגעבראַכט אַזאַ שוידער, אַזאַ גרויל, אַזש ס׳ציפט ביים האַרצן. בקיצור איז דער סוזשעט אַזאַ:

אין די שטאָק־פינצטערע היטלער־יאָרן האָט דינה פאַרלוירן אייגענע און נאָענטע און איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גהינום. נאָך דער מלחמה באַקומט זי אַ וויזע פון איר מאַמעס אַ חברטע אויף צו פאָרן קיין פּאַריז. דאָרט באַקענט זי זיך מיט זיאַמע פיין — אויך פון די געציילטע אוד מוצל מאש. ער זוכט איר נאָענטקייט, אָבער דינה האַלט זיך אין שאָטן און מיידט־אויס געזעלשאַפט. זי וויל נישט און קאָן נישט אָנהייבן פונסניי. פאַר איר איז די וועלט אונטערגעגאַנגען. זי ווערט צעפרעסן פון פיין און אומעט. נאָך לאַנגע אינערלעכע געראַנגלען האָט זיי די גורל־געמיינשאַפט צונויפגעפּירט. ס׳העלפט אָבער נישט. זי דרייט זיך אַרום ווי אַ נישט־דאַיקע. חלום און וואָר מישן זיך — זי איז געפאַנגען אין קלעם פון נעכטן. מען פילט עפּעס אַ פּאַטום הענגט איבער איר קאָפּ. מיר ווערן פול מיט אומרו און אונדזערע הערצער קלאַפן אין אוניסאָן מיט מיט אַלע אירע איבערלעבענישן. מיר באַגלייטן און היטן אירע טריט ביז... ביז זי שפּרינגט־אַרויס דורכן פענצטער.

ווי מיר זעען האָט דאָ מנוחה ראַם אַרויסגעבראַכט אָן שטאַרקע טענער, צומאָל מיט פסיכאָלאָגישע דיגרעסיעס, דעם גאַנצן שוידער פון יענער צייט, אַ שוידער וואָס דריקט ווי בליי. דאָ שטעקט קינסטלערישער כוח. דאָך עקבערט דאָ אַ פראַגע: צי איז דער לעצטער אַקאָרד, דער שוידערלעכער עפּילאָג — זעלבסטמאָרד, געווען אומפאַרמיידלעך? צי איז טאַקע די אויפגאַבע פון קונסט צו וויזן רעזיגנאַציע, אונטערגאַנג? אָבער באַלד שפּאַרן ענטפערס, וואָס ווילן באַקומען אַ באַרעכטיקונג. ערשטנס, איז דאָס דערפירן דינהן צו זעלבסטמאָרד דער מחברינס פּרעראָגאַטיוו; צווייטנס, קאָן די געשיכטע, לײַדער, אַ סך אַזעלכע פאַלן וועגן געררודפטע יידן האָבן, בימי היטלער, געזוכט אַלע מיטלען צו דער־האַלטן דאָס פיצל לעבן, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ האָר. אָבער ערשט נאָכדעם ווי די געפאַר איז אַריבער — האָבן זיי פאַרלוירן דעם אינטערעס צום לעבן און געזוכט עס צו פטרן.

סיי ווי האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ טיף־פסיכאָלאָגישן מאָמענט. מען מוז אָבער פעסטשטעלן, אַז די כוונה פון דער מחברין איז דאָ אַ קלאָרע: נישט פאַרגעסן יענע יאָרן. נישט אָפּשוואַכן דעם נאַציאָנאַלן זכרון. בכן: עטישע און נאַציאָנאַלע פונקציע. דאָס איז דער רודימענט פון יעדן יידישן שרייבער.

אין אַ ריי דערציילונגען אירע פּערלט אַן איינגעהאַלטענער און פאַרשטעלטער הומאָר — אין שניט פון די גוטע דערציילער. מיר מיינען דאָ די לאַנג־אַטעמדיקע דערציילונג „ביים חרובן שלאָס". דאָ פּראַלט זיך אויף פאַר מנוחה ראַם טיר און טויער און עס עפנט זיך פאַר איר אַ פרישער, אַ שפּרודלדיקער קוואַל. דאָ איז זי ביי זיך אין שטוב — פּאַריז. מיר טרעפן זיך דאָ צונויף מיט פאַרשידענע נאַטורן, כאַראַקטערן און נשמות: לאַזאַר, רוישטיין און בערט, וועלכע נעמען דאָס לעבן לייכט, דינאַמיש, מיט הומאָר — נוסח פּאַריז. דאָ ווערן דערציילט מעשיות וועגן חרובן שלאָס, אַז האַר און נעגל שטעלן זיך קאַפּויער, אָבער זיי ווערן אָפּגעשטופּט אין אַ זייט פון דעם שטילן געזאַנג, די שטילע ליבע, וואָס הייבט זיך אָן וועבן צווישן לאַזאַרן און בערטן. בערט איז אַ שטיק רעטעניש, די גאַס רעדט־אויס אויף איר כל דבר אסור, אָבער זי פאַנגט אונדז מיט אירע הייסע געפילן צו ליבן און געליבט צו ווערן. מען פילט דאָס אין יעדן מורמל און קלאַנג אירן — אַפילו אין די נישט־אַרויס־געבראַכטע — אין איר איינגעהאַלטענעם אָטעם. די ליידנשאַפט שרייט־אַרויס פון איר. זי איז אָבער געבוגן שטאַרק, געבוגן שטאָלץ צו צוימען אירע ווייבלעכע פאַרלאַנגען נאָך צערטלעכקייטן, נאָך ליבע.

מנוחה ראַם האָט אַ נטיה אַריינצופלעכטן אין אירס אַ דערציילונג זייטיקע עפּיזאָדן און פאַרשוינען, אַ שטייגער: די קלאַשאַרן, מאַטראַסן, פישער, די איטאַליענערין מיט איר מאַן, וועלכע האָבן נישט קיין דירעקטע שייכות צו דער אויבנגעבראַכטער עצם־דערציילונג. אָבער אויך זיי, די עפּיזאָדישע פיגורן זענען געשילדערט אַזוי רעליעף, אַז מען דערזעט לעבעדיקע מענטשן מיט זייערע כאַראַקטערן, גורלות, שוואַכקייטן און דערהויבנקייט אַזוי, אַז זיי העלפן־צו צו דערפילן די סביבה, די לופט — צו דער גאַנצקייט פון דער דערציילונג.

דערפאַר רעדן אירע דערציילונגען צו אונדזער געמיט. אַן איבעריקער באַווייז, אַז די געניסער פון קונסט פאַרטראָגן נישט קיין אַבסטראַקציעס קיין סתם־האַנדלונגען, נאָר קאָנקרעטע, רעאַלע איבערלעבונגען און בילדער.

מנוחה ראַם באַוועגט זיך אין אַ וועלט פון געפילן און אימפּולסן. אַזוי אומעטום. נאָך מער אינעם לעצטן גוט־קאָנסטרואירטן קאַפּיטל: „פון מעשה־לעך אַ מעשה". די מחברין ברענגט דאָ אַרויס דעם קאַזאַכסטאַנער סטעפּ, דעם דאָרטיקן פייזאַזש און די מענטשן דאָרט מיט אַזאַ מאַלערישער קראַפט, און מיט אַזאַ עלעגישן חן, אַז מיר האָבן פאַר זיך קלאָרע, וואַכע בילדער.

אידיליע? — ווי! דער סטעפּ קאָכט — ס'איז מלחמה צייט. די מחברין פירט אונדז אַריין צו אַ דאָרטיקער איינוווינערין, מאַרוסיע, וועלכע האַלט ביי זיך אין כאַטע צוויי אויסגעוואָרצלטע יידישע נפשות; די קליינע איטעלען מיט איר מאַמען, לאה, וועמענס מאַן געפינט זיך אויפן רוסישן פראָנט. אויך מאַרוסיעס זון, וואָלאָדיע איז אויפן פראָנט. ווידער גורל־געמיינשאַפט.

„די מומע מאַרוסיע איז שוין נישט יונג. אירע שיטערע, גלייכע האָר זענען גרוי. כמעט שטענדיק גייט זי באָרוועס. זי שטעלט פעסט די טריט. אירע שוואַרצע, פאַרהאַרטעוועטע פיאַטעס קלאַפּן ווי זוילן. שטאַרק איז זי ווי אַ מאַן" (זייט 233).

אויסערלעך נאָר איז מומע מאַרוסיע שטאַרק ווי אַ מאַן, אָבער אינערלעך — גייט איר איבער ס'האַרץ. זי איז די גוטסקייט אַליין. איז פול מיט שטימונגען, פאַרשפּילט איטעלען — אויך זיך — מיט מעשהלעך. אַמאָל וועגן אַ צוויבער־בלימל „וורע" אונטער וועלכן ס'געפינט זיך אַ קאַרליקל. און אַז מ'האָט גליק מ'געפינט דאָס בלימל, איז גענוג עס אַנצורירן און דער גוטער קאַרליק באַווייזט זיך. „דעמאָלט, איטעטשקאַ, דאַרף מען זיך נישט פאַרטומלען, נאָר בעטן נישט מער ווי איין זאַך. „ווילסטו אַ פּאַלאַץ, קען גלייך פאַר דיינע אויגן אויסוואַקסן אַ שיינער, רייכער פּאַלאַץ, ווילסטו אַן אַנדער זאַך, טאָ בעט עס. זיי זיכער דו וועסט עס האָבן" (246). אַמאָל ווידער דערציילט מאַרוסיע וועגן איר זון, וואָלאָדיע, וועלכער איז אויפן פראָנט, וווּ מען שלאָגט זיך, מען הרגעט זיך ערגער ווי די ווילדע חיות.

איטעלע פאַרשטייט נישט גענוי, וואָס אַזוינס מען מיינט אַ פראָנט, אָבער זי „ווייסט נאָר, אַז מחמת דעם פראָנט זענען זיי דאָ און נישט אין דער היים. אַז וווּ זענען די זיידעס און די באָבעס איצטער? דער פעטער יאָסל? די מומע באַסיעלע. זי האָט עס שוין אַ סך מאָל געפרעגט דער מאַמען, ווייס זי אויך נישט. אַמאָל האָט זי געוווּסט. איצטער, אַז זי פרעגט, פאַרלויפן דער מאַמעס אויגן מיט טרערן" (244).

— מומע מאַרוסיע — בעט זיך איטעלע — שרייב וואָלאָדיען ער זאָל שוין ענדיקן די מלחמה.

מאַרוסיע קוקט טרויעריק פאַר זיך, ווי זי זאָל נישט הערן.

— ציגד שוין אַן דאָס לעמפּל, מומע מאַרוסיע, איך האָב מורא.

— פאַר וועמען?

— פאַר דער מלחמה.

איטעלע טראַכט כסדר פונעם בלימעלע „וורע" און דעם גוטן קאַרליק. אָבער נישט כדי צו בעטן אַ שיינעם, רייכן פּאַלאַץ. זי ווייסט שוין וואָס זי וועט אים בעטן — עס זאָל שוין אויפהערן די מלחמה. מער גאָרנישט.

מיט שטיל־געדעמפטע טענער ברענגט דאָ מנוחה ראַם אַרויס דעם גאַנצן גרויל און אומזין פון מלחמות. טענער, וואָס ווערן נישט מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט און פאַרשטומט, נאָר וויברירן לאַנג אין די אויערן, נאָך מער — אין האַרצן. ס'איז אַ דערציילונג, וואָס צעשטערט די עפּישע רו פונעם לייענער און צווינגט נאָכצוטראַכטן.

יוסף רובינשטיינס חורבן־טרילאָגיע

„מגילת רוסלאַנד" — 1960

דריי דיכטער האָבן — אין צייט־אָפּשניט צווישן די צוויי לעצטע וועלט־שחיטות — איבערראַשט מיט זייער פּאָעטישן גלי: יוסף רובינשטיין, אלחנן וואָגלער און דער אומגעבראַכטער חיים סעמיאַטיצקי. אַלע דריי האָבן, ווייזט אויס, דערפילט זיך איינזאַם אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט פון אומרעכט און צביעות און אויפגעפּראַלט טירן און פענצטער אין אַ נייער וועלט־אַריין. וואָגלער האָט גענומען פּערזאָניפיצירן די ווילנער ווינטער־ און זומער־פּייזאַזשן: טייכן, פעלדער, סעדער, טראַקטן („צוויי בעריאָזעס ביים טראַקט"); דער פרומער סעמיאַטיצקי האָט אומעטום און אין אַלצדינג — אַפילו אין אַ טראָפּן טוי — געזען גאָט („טראָפּנס טוי") און יוסף רובינשטיין האָט אַ שפּיל־געטאָן מיט שטיללעבנס: קראַוואַטן, זאָקן, קאָרסעטן, שעלקעס, העמדער, מאַנעקינס — זיי אַלע פירן ראָמאַנסן ביים לבנה־שיין. ווען דען? אַז בייטאָג מוזן זיי זיך אויפפירן סטאַטעטשנע צוליב די צופיל נייגעריקע אויגן, וועלכע האַלטן אין איין גאַפּיען אין די שויבנפענצטער („מאָדעלן").

אין פלוג: באַזונדערע טעמאַטיקס. אָבער אין תוך גענומען פאַרמאָגן זיי אַ נאָענטע קרובהשאַפט, איין גרונטשטריך: מעטאַפאָרן, אַלעגאָריעס. ס׳איז, בכן, נישט קיין צופאַל וואָס יעדער פון זיי איז דעמאָלט פּרעמירט געוואָרן דורכן יידישן פּען־קלוב אין וואַרשע מיט דעם י. ל. פּרץ־פּרייז.

שוין מיט זיין בוך „מאָדעלן" האָט יוסף רובינשטיין אַריינגעבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען ניי הן טעמאַטיש והן גראַציע פון וואָרט־שפּיל, פּלוס אָריגינעלע עלעמענטן: סימבאָליזם, אימאַזשי־ניזם און סורעאַליזם. כלומר זענען די לידער געווען צוגעבונדן צו איין אָרט — וואַרשע, אָבער ס׳איז געווען צו פילן, אַז זיי גייען וויט אַריבער גרענעצן, אָרט און צייט. זיינע מאָדעלן־לידער האָט מען נישט בלויז געהערט נאָר אויך געזען. „מאָדעלן" איז צו אונדזער גרויסן אומגליק, געווען סיי די פּרעלודיע און סיי דעם דיכטערס געזעגענען זיך מיטן ווונדערלעכן יידישן וואַרשע.

די לעצטע מלחמה־זאַוויערוכע האָט רובינשטיינען פאַרטראָגן קיין ראַטנ־פאַרבאַנד, ווו ער האָט זיך באַגעגנט מיט די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער און

קינסטלער. זיין וואַכער חוש האָט גאָר שנעל דערפילט, אַז די מענטשן דאָרט לעבן אין שאָטן פון שטענדיקער שרעק, און זיין סענסיטיוו אויער האָט אויפֿגעכאַפּט דעם טיפן זיפץ זייערן. מיט צער און ווייטאָג האָט ער זיך צוגעקוקט צום דערשטיקטן און צאַנקענדיקן יידישן לעבן דאָרט און גענומען ביי זיך טיף אין האַרצן צונויפֿלייגן וואָרט מיט וואָרט, שורה מיט שורה, בילד מיט בילד — „מגילת רוסלאַנד". אויף רובינשטיינען איז אַזוי אַרום אויסגעפֿאַלן דער גורל צו ווערן דער מקונן פון יידישן חורבן אין סאָוויעטנלאַנד.

דער שטאָט ביאַליסטאָק, וואָס האָט אַזוי פריינדלעך אויפֿגענומען די יידישע פּליטים און געטיילט זיך מיט זיי מיט אַלץ וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט — ווידמעט יוסף רובינשטיין דעם ערשטן טייל פון זיין בוך. כלומרשט יובלט די שטאָט מיט פּענער און מיט מאַרשן — אַ נייע וועלט! אין דער אמתן — צאַפּלען זיך ביאַליסטאָקס איינוווינער אין קאָנוולסיע: אין די פּחד־נעכט טראָגט זיך אַ פֿאַרשטיקטער און דערשטיקטער געוויין פון מענער, פרויען און קינדער, וואָס מען פירט צום באַן, פֿאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר.

דעם דיכטערס בלוט און געהער ווערט אויפֿגעצאַפּלט פון זייער ווײ־געשריי, און דאָ — שווייג! פּלאַץ און שווייג! טאָרסט גאָרנישט זאָגן, אַפילו נישט וואָס היטלער טוט־אָפּ אין פּוילן — ס'איז דער היטלער־סטאַלין פּאַקט!

אַ גאָר ביטערע אַנטוישונג לעבט דער דיכטער איבער ווען ס'איז קיין ביאַליסטאָק אַראָפּגעקומען אַ בריגאַדע יידישע שרייבער פון קיעוו — שפּעטער פון מאָסקווע — און ס'האָט אַ גרילץ־געטאָן דער ליגן אין זייערע לידער, וואָס אַלע זיי האָבן זיך אָנגעהויבן און אויסגעלאָזט מיטן זעלבן פּזמון: ווי שיין, ווי קלוג ס'איז סטאַלינס וואָרט; סטאַלין איז גרויס, מעכטיק — קיין גרעסערער נישטאָ!

וואָרגן אין האַלדז די דאָזיקע חניפה־לידער, שטעכט אין אויג דער פֿאַרפּירערישער בלאָסק פון די לענין־אָרדנס און דער דיכטער טראַכט:

וואָס טוט זיך דאָ? ווער נאַרט דאָ אָפּ? איז ווער משוגע דאָ?

עס איז אָבער נישט שווער אויסצוגעפֿינען די סיבה — דער ליגן און פֿאַרשוועכונג נעמט זיך פונעם אַכזריותדיקן אַלטערנאַטיוו: מיטמאַכן די פּאַיאַצישע שפּיל, אָדער — אַ קויל אין קאָפּ —

זי זינגט — זינג אויך! און שטייסטו אָפּ — איז קריגסטו גלייך אַ קויל!

אין רעזולטאַט פון דער־אַ ברירה האָט זיך די וועלט פֿאַרשטעלט, לעבט פֿאַרקערט, רעדט פֿאַרקערט, מאַכט זיך משוגע —

איז גייסטו אויך אַרום פֿאַרשטעלט און מאַכסט זיך אויך משוגע:
ס'איז סטאַלין קלוג, ס'איז סטאַלין גרויס! זיין בליק באַשיינט, באַשיינט!
נאָר הינטער ווענט מיט זיך אַליין, מיט אויגן נאַריש־קלוגע
דאָרט זיצט דער דיכטער אין דער נאַכט און לאַכט פון זיך און וויינט!

דעם פֿולשטענדיקן בראָך — גייסטיקן און פיזישן — דערזעט דער פּאָעט

ערשט אין מאָסקווע „אין בערגלסאָנס שטוב" (אַזוי הייסט דער צווייטער טייל). אין דער־אָ שטוב האָט יוסף רובינשטיין פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט און צוגעהערט זיך און צוגעקוקט זיך פון דער נאָענט צו דוד בערגלסאָנען און צו אַלע שרייבער און קינסטלער, וועלכע זענען דאָרט אַריינגעקומען.

קומענדיק אין באַרירונג מיט אָט דער נייער סביבה, נייעם פּייזאַזש און געשעענישן, ווערט דעם דיכטערס שפּירונג־וועלט באַרייכערט, זיין אופן פון אַריינבליקן אין דערשיינונגען אויסגעבריטערט און פאַרטיפטער. די דאָזיקע אַקסעסואַרן און פּאָטענציעלע קינסטלערישע מעגלעכקייטן מאַניפעסטירט רובינשטיין אינעם דערמאָנטן קאַפּיטל.

דורך די קנאַפּע פּערציק זייטן האָט זיך דעם פּאָעט איינגעגעבן איבער־צוגעבן די געדיכטע פּחד־אַטמאָספער וואָס איז געהאַנגען דאָרט, און אויך דעם גאַנצן צער, דעם גאַנצן גרויל, וואָס האָט אַרומגעהילט אָט די מענטשן מיט זייער אַרומדרייען זיך צעברעקלטע, צעשטויבטע, פאַרשלאָסענע אין זיך.

דרייט זיך אַרום בערגלסאָן אַ שווייגער, אַ נישט־דאָיקער — שיִער נישט ווי זיין העלדין מירל. דער אונטערשיד וואָס אים, בערגלסאָנען גייט נאָך די שרעק פון די נעפּ־יאָרן — יעזשאָווס שאָטן. די־אָ אומרואיקע רעיונות נעסטן אַזוי טיף אין האַרצן, אַז מען האָט מורא פאַר די אייגענע פיר ווענט, פאַרן אייגענעם שאָטן, מורא, אַז „דער ווינט זאָל נישט מסרן" („דער קרעמל" 190).

אין אָנבליק פון דער־אָ שרעק שפּרינגט מען קדוש פאַר סטאַלינען, פאַלט מען כורעים צום פאָטער פון די פעלקער. דאָס זעלבע מאַרקיש, גאָדינער, עפּשטיין, קושנירעוו, אויסלענדער, פרומקין, קוויטקאָ — אַלע.

שווער צו זאָגן, אַז דאָס זאָל האָבן געווען אַ פּועל־יוצא פון געהאַרכזאַמען און פּאַסיוון כאַראַקטער. נאָך שווערער, ווען די דאָזיקע וואַנזין־שפּיל האָט מיט־געמאַכט אַזאַ ברויזנדיקע און בונטאַרישע נאַטור ווי מאַרקיש. אלא וואָס? — דעם מקור דאַרף מען זוכן אין די תנאים דאָרט — אין די גרויזאַמע און הפקרדיקע באַדינגונגען אינעם סאָוויעטנלאַנד:

דו לעבסט אין אַ לאַנד וווּ מען קען דיך שטיל דערמאָרדן —
און קיינער זאָל קיין פּיפּס נישט טאָן, נישט וויסן זאָל די וועלט.
(זייט 35)

זוכט מען פאַרשידענע תחבולות ווי צו ראַטעווען זיך — באַדיי מיט אַ ליד וועגן געניאַלן סטאַלין. אפשר וועט דאָס אימוניזירן פון דער ענקאַוועדע־נעץ. אָבער אינעווייניק? — אינעווייניק פּיקט אַ וואָרעם, וואָס פרעסט די נשמה. דערציילט אונדז דאָך יוסף רובינשטיין אין זיין הקדמה, אַז די דאָזיקע יידן האָבן „געלעבט און געאָטעמט מיט באַהאַלטענע יידישע בענקשאַפטן און האָבן זייערע פאַרבאָרגענע יידישע געפילן געטראָגן דורך אַ טונקעלער, רוצחישער וועלט, וואָס האָט געלויערט צו פאַרצוקן זיי ביי יעדער געלעגנהייט".

הייסט עס, אַז זיי האָבן — טראָץ די אַלע שטורעמס און געוויטערס — געטראָגן אַ טיפע נאָסטאַלגיע צו אַ יידיש לעבן. גענוג אָנצווייזן אויף דעם אַכציק־יאָריקן רוסיפיצירטן פּראָפעסאָר, וואָס ווייסט גאָרנישט פון יידן און בעט זיך ביי רובינשטיינען, ער זאָל אים לערנען די יידישע אותיות:

נאָך איצט זע איך זיין פּנים אַלץ, כ׳קען איצט זיין קול נאָך הערן,
ווי כ׳לערן אים פון „איינ־קייט" צו זאָגן אַלף... בית...
ער חזרט איבער אות נאָך אות — זיין פּנים נאַס פון טרערן.
זיי טריפן אויך אויף מיין געזיכט, זיי טריפן, פאַלן הייס...
(„דער פּראָפעסאָר", זייט 137)

„מגילת רוסלאַנד" דעקט־אויף אייטערדיקע ווונדן און רייסט־אָראָפּ דעם שלייער פון אַ סך אומקלאָרקייטן. אָט הערן מיר אַ געשריי, וואָס פּאָרטויבט די אויערן. שלוכצט דער נסתר ביים געזעגענען זיך מיט רובינשטיינען:

— איר פאָרט אַהין — טאָ שרייט, טאָ שרייט!... זאָל אייער שטימע מאָנען!...
און זאָל די וועלט דערוויסן זיך ווי אונדזער בראָך איז גרויס!...
(„אַ שמועס אין דער נאַכט", זייט 236)

פון דעם איז ניכּר, אַז די טעמע האָט דער דיכטער פאַרן האַלדז גענומען און געמאָנט אַ תּיקון. מיטן אָנשרייבן „מגילת רוסלאַנד" האָט רובינשטיין דערפילט די צוואה פון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד. גענוג צוצוהערן זיך צו די צוויי סטאַקאַטאָ־איבערחזרונגען „טאָ שרייט, טאָ שרייט!..." און דער אַליאַרם־געשריי וועט אייך שוין נישט אָפּלאָזן. נאָכמער: דער לייענער פילט ווויל, אַז ביים שרייבן „מגילת רוסלאַנד" האָט דער פּאָעט געהאַט פאַר זיך אַ מיסיע, אַ שליחות. דאָס לאָזט זיך שטאַרק פילן אינעם קאַפּיטל „מאָסקווע", דערהויפּט אינעם ציקל „טרעטיאַקאָווסקאַיאַ גאַלעריאַ". דאָ מאַניפעסטירט רובינ־שטיין דינאַמישן שוווּנג, וואָס דערהויבט זיי, די לידער, ביז פּאַטאָס און עקסטאַז. אין זיי גייט־אויף דאָס צאַרישע און דאָס היינטיקע רוסלאַנד, וואָס אין תּוך גענומען קייטלען זיי זיך ווי רינגען פון איין קייט — די לאַנגע שקלאַפן־קייט איבער די טייגעס און טונדרעס. קאַטאָרגע־קייטן, לאַגער־קייטן — דער זעלבער קלאַנג. צוליב נאָך „עפּעס" טוליען זיך ביידע רוסלאַנדס: איוואַן גראָזני האָט דערמאָרדעט 1 זון — זיין אייגענעם זון, סטאַלין האָט צוגעשטעלט אַ סך נולן צום ציפער 1 און דאָס — די בעסטע זין פון רוסלאַנד.

יוסף רובינשטיין האָט אויפגעכאַפּט דעם דאָזיקן איבעררוף פון דורות און צוזאַמען מיט דעם — די טיפע בענקשאַפט פונעם רוסישן פאָלק נאָך גאולה:

און פון גראָזנין ביז אַקטיאַבער שרייט די בענקשאַפט נאָך גאולה:

בכן אַ קלאָרע מיסיע: אויסשמידן דורך „מגילת רוסלאַנד", אַ שווערד, וואָס זאָל קעמפן פאַר הומאַניזם, פאַר פרייהייט — פאַר אַ גערעכטער וועלט.

„חורבן פוילן" — 1964

נאָכן היטלער־שניט וואָס איז אַריבער איבערן יידישן קאָפּ, קערט זיך רובינשטיין צוריק קיין פוילן. אָבער דאָס איז שוין אַ פוילן מיט אויסגעדרייכערטע יידישע גאַסן און מיט אַ חרוב יידיש לעבן — פיזיש און גייסטיק.

אין אָנבליק פון דער־אַ שוידערלעכער ווירקלעכקייט, נעמען אויף זיך די רעשטלעך צוריקגעקומענע יידישע שרייבער און קולטור־טוער די גרויסע אחריות פאַר אויפהיטן דאָס געדעכעניש פון פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן און פאַר קאָנטינואירן דעם המשך — דעם קיום־האומה. ווערט געשאַפן די יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע, פרעסע, טעאַטער, שולן וכדומה.

פולסירט אַ יידיש לעבן, אָבער נישט אויף לאַנג, מחמת אויפן פּאַן פון דער פּאַרטייעטער און אָפענער אַטאַוויסטישער שנאה צום ייד, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין קעלצער פּאָגראָם, האָט מען ערשט דערזען, אַז מען האָט זיך גענאַרט, אַז מען האָט געלעבט אין אַ מיראַזש.

יוסף רובינשטיין קוקט זיך אוממיטלבאַר צו צו אַלעם און דערזעט, אַז אויך דאָס נייע פוילן איז פול מיט שנאה, לויער און רציחה — סימנים פון שפּעטערדיקן עקזאָדוס פון די יידן אין פוילן. דער דיכטער קומט צום אויספיר:

מען דאַרף אַוועק, נישט בלייבן דאָ! וואָס גיכער אַלץ אַנטרינען
אַנטלויפן פון דער ערד וואָס גרוילט מיט יידיש־בלוט און שרעק.
איז גיי איך אום און טראַכט און קען קיין אָרט זיך נישט געפינען —
מיר נאָגט, פאַרפאָלגט נאָר איין געדאַנק: וואָס שנעלער גיי אַוועק!

(„חורבן פוילן", זייט 145)

ווי קאָן אָבער דער סענסיטיווער דיכטער אַוועק און נישט געזעגענען זיך מיטן פּרץ־אוהל. פאָרט ער, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידישע פּען־מענטשן פון טלאָמאַצקע 13 קיין וואַרשע לייגן אַ קראַנץ בלומען:

מיר לייגן דעמאָלט בלומען דאָרט און איך אַ יונגער דיכטער
בין איינער פון די לייגער אויך. איך רייד ביים מאָנומענט.
אַרום מיר שרייבער ביי די טרעפּ. איך זע נאָר געזיכטער,
איך פיל דעם קראַנץ ווי איצט נאָך אין די ציטערדיקע הענט.

(דאָרט, זייט 144)

מיט וואָס פאַראַ הארץ דער דיכטער איז אַוועק פון פוילן, קאָן מען משער זיין ווען ער זאָגט:

...אַז ס׳ליגט מיין מאַמע ערגעץ־ווו דאָ אויף דיין ערד פאַרשניטן,
אַז אַלע שטעטלעך שטייען איצט אָן יידן ליידיק, וויסט.
אָ, גאָט! ווער וועט מיין טאַטנס קבר אין דעם שטעטל היטן,
אַ פויער וועט פאַראַקערן, פאַרשיטן אים מיט מיסט...

(דאָרט, 125)

זיין אַנטלויפן איז אָבער נישט בלויז צו געפינען אַ זיכערן מקלט — אויך דאָס! — נאָר צוליב אַ העכערן ציל, וואָס די געשיכטע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט: פאַרגעדענק און פאַרשרייב! און יוסף רובינשטיין, דער טיפער ליריקער און עפיקער האָט דער געשיכטע טריי אָפּגעצאָלט דעם פאָעטישן צינז אין זיין צווייטן בוך „חורבן פוילן״, וואָס שליסט־אָפּ דאָס וווּנדערלעכע און טרויעריקע קאַפּיטל פון יידישן לעבן אויף דער פוילישער ערד...

„יציאת אייראָפּע״ — 1970

אין זיין דריטן בוך „יציאת אייראָפּע״ טרעפן מיר דעם פאָעט אויף זיין נייעם נע־ונד איבער אייראָפּע. מיר טרעפן אים, בעיקר, אין באַנען און אויף שיפן אַ פאַרטיפטן אין מחשבותן וועגן די אַלע חורבן־יאָרן. פאַר זיינע אויגן גייען פאַרביי די אַלע דראַמעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף דער יידישער בינע — דעם יידישן לעבן. פון פוילן איז ער טאַקע אַנטרינען, אָבער אים עקבערט אַ פראַגע: וואָס האָט אים געטריבן פון דאָרט? צי נאָר דער חורבן, אָדער די מורא פון:

ניט דאַרפן נאָך אַמאָל אַדורכלעבן די פיין און מאַטער
פון נעכט פון ביאַליסטאָקער, מאָסקווער, אַלמאַ־אַטער

(זייט, 32)

און אַז ער וועט שוין יאָ געפינען אַן עיר־מקלט, אַ זיכער אָרט — צי וועט דאָס זיין די פאַנאַצעע פאַר זיין צעבראָכן געמיט? אויף זייט 117 פרעגט דער פאָעט: „צי וועל איך אין דער רואיקייט אַ ביסל רו געפינען?״

און טאַקע: צי קען אַ מענטש אַנטלויפן פון זיין טרויער? פון זיך? אַז... איבערן גאַנצן וועג באַגלייטן אים קאָשמאַרן, חלומות, זעאונגען — דער נעכטן שווימט־אויף. מילא, איבערגעבן די געפילן פון אַ יידישן דיכטער ביי די גרענעצן פון דייטשלאַנד, נויטיקט זיך נישט היינט אין קיין עקספּאָזיציע. אָבער

אויך ביי די גרענעצן פון פּאַריז, בעלגיע הערט ער אין רעדער־קלאַפּ, פון באַן — קרעכצן און ווייטע געוויינען. אויף זייט 163 זאָגט דער פּאָעט:

איך הער זיך צו — איר יעדער צוק — איר יעדער סאָפּע
דערמאָנט מיר אָן אַ וויטן, לאַנג־פאַרגעסענעם געוויין.
מיר דאַכט — דאָס קרעכצט דורך איר די נאַכטיקע איראָפּע,
אַ שלאָפלאָזע ווי איך אַליין.

נאָך פיינלעכער און נאָגנדיקער דערפילט רובינשטיין דעם צער, ווען ער קומט־צו צו שוועדן און זעט דורכן וואַגאָן־פענצטער אַ שטילע, געמיטלעכע וועלט: ס'איז זונטיק. גאַנצע משפחות גייען אין קירך אַריין, צעשטיפטע פּאַרלעך גליטשן זיך, קינדער שפּילן זיך — כולו שלווה.

דעם דיכטערס סענסיטיווע געפילן, ריכטיקער: זיין צעבראָכן געמיט קאָן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַלע זיי זענען אין די נעכט רואיקע געשלאָפן, ווען ער איז אין טויט־שרעק דורך דער וועלט געלאָפן; ווען די קוימענס האָבן געריכערט אין מיידאַנעק, זענען זיי דאָ געזעסן זאָרגלאָזע און געטרונקען וויין. עס קומט אים פאַר ווי זיי רייצן זיך מיט אים, און אין זיין בלוט גייט־אויף אַ טראַציק געשריי: פאַרוואָס האָבן זיי געשוויגן? פאַרוואָס האָבן זיי נישט געלאָזן הערן די שטים פון געוויסן? און ער וויל:

אַרויסשרייען דעם ווי דעם אוראַלטן, דעם יידישן,
אַז ס'זאָל די קלאָרע ווייסקייט דאָ זיך אויפרייסן, פאַרחידושן.

(זייט, 113)

אָבער באַלד פאַרטרייבט ער דעם דאָזיקן געדאַנק, מחמת ער ווייסט, אַז גראָד דאָס שוועדן־לאַנד, מיט אירע חסידי אומות העולם, האָט ברייט געעפנט אירע טויערן פאַר די שארית־הפליטה.

אלא וואָס? — דער סם פון קנאה טאָטשעט אין אים ווי אַ וואָרעם. ער איז קראַנק, דער וויטאָג גליט:

נישט מיינע איז דיין שטילקייט און דיין פרייד —
זיי, מוחל, שוועדן, מיר פאַר מיינע קנאה־רייד...

(זייט, 123)

דאָס דאָזיקע עפּישע ליד, וואָס ציט זיך איבער 15 זייטן, איז סיי פּסיכאָלאָגיש פאַרטיפט און סיי פאַרמאָגט עס אַ סך עפּעמערישע עלעמענטן. לייען איבער דאָס ליד, ווי אַלע זיינע לידער, פאַמעלעך, פאַמעלעך, נישט פאַרהיפּער קיין שורה, קיין וואָרט, ווייל אַלע זיי זענען דורכגעקאָכט אינעם בלוט פונעם מחבר.

אין זיי לאָזט זיך פילן דעם פּאַטעס השתּפכות־הנפש — דערפּאַר גרייכן זיי אין סאַמע פילבאַרסטן אָרט — אין הארץ.

יוסף רובינשטיין שפּיגלט־אָפּ אין זיינע לידער אַ סך גורלדיקע פּראָבלעמען, וואָס די חורבן־צייט האָט אַרויסגערופן. אָט איז אַ ליד „מעפּילים־שיפן", אין וועלכן דער דיכטער לעבט־אויף געפילן, פאַרדראָסן — אייטערדיקע ווונדן.

נישט איינעמען פון אונדז ליגט נאָך טיף אין די ביינער יענע טעג, ווען מ'האָט געזוכט עפּעס אַ ווינקל, אַ מקלט פאַר די רעשטלעך אָפּגעראַטעוועטע יידן. אָבער ווו זוכן? ווו פאַראַנקערן? — אַז די גאַנצע וועלט איז געווען אַ שטייג פאַר יידן. בלויז געציילטע מדינות האָבן באַוויליקט צו געבן אַ טראַנזיט־מקלט — די מערסטע גרענעצן זענען געווען פאַרמאַכט פאַר די מעפּילים־שיפן, וועלכע זענען געטריבן געוואָרן פון ברעג צו ברעג ווי שפּענדלעך אויף די צעשטורעמטע וואַסערן. פון אַלע זייטן לויער. בלויז די פינצטערע נאַכט איז געווען פריינטלעך צו די, וועלכע האָבן געהאַט הינטער זיך טרעבלינקע, הונגער, שרעק און יסורים. טוט ער תּפילה, דער דיכטער:

זאָל די נאַכט זיין פינצטער, זאָל דער אָפּגרונט זידן!
העלף זיי, ווילדער שטורעם, מיט דיין בייזער מאַכט!
אויף די אַלטע ימען שווימען, יונגע יידן —
פיר זיי צו דעם מאָרגן דורך דער בלינדער נאַכט.

ווי מיר זעען עכאָט אין אַלע זיינע לידער דעם דיכטערס אינערלעכער שטורעם, די קלאַנגען און נאָכקלאַנגען פון די פּיינפולע טעג און נעכט, וואָס וועלן שוין:

פאַרקניפּן אַלע מאָרגנס מיט מיין היינט...

מיינט דאָס יאוש? חלילה! אמת דאָ און דאָרט רייסט זיך ביים דיכטער אַרויס אַ זיפץ — און ווי קאָן אַנדערש זיין? — איז דאָס דער זיפץ פון אונדזער דור. זיין ציל איז: די שטילקייט אויפברעכן! אין זיין פיקסירן אונדזער נאַציאָנאַלן חורבן, אויף זיין נישט דאָגמאַטישן שטייגער פון נישט בלויז פאַרצייכענען, אָדער שילדערן, נאָר אויפדעקן די מאָראַלישע שפלות פון די געשילדערטע סביבות, און פאַרדאָרבנקייט פון דער צייט — איז פאַראַן אָנקלאָג, מאָנונג: ער מאָנט דעם פעלקס־חשבון פון דער וועלט.

יעקב צבי שאַרגעל

„טויערן אין די בערג" — 1975

צווישן די פּיאָנערן פון יידישן ליד אין ארץ־ישראל ליכטיקט דער נאָמען יעקב צבי שאַרגעל. אַ בליק צו יענע ענטוזיאַסטן ווערט מען געריַרט פון דער טיפער ליבע, עקשנות און מסירת־נפש, וואָס זיי האָבן דאָ אַרויסגעוויזן ביים איינפלאַנצן און באַלעבן דאָס יידישע ליד אין היגן פאַרהאַרטעוועטן און פיינט־לעכן אַרום צו יידיש. צו דעם האָט זיך געפאָדערט גייסטיקע און פּאָעטישע גבורה, פּלוס — אחריות פאַרן יידישן וואָרט.

אין די־אָ שטורמיש־בטחונדיקע טעג איז יעקב צבי שאַרגעל געשטאַנען אַ צעשטראַלטער, פול מיט יוגנטלעכן אימפּעט, עקסטאַז און מרידה. מרידה, מחמת גלייך אין זיין בראשית האָט ער אָנגעהויבן רעבעלירן קעגן איינגעשטעלטן טראַפּאַרעט, דעם אויסגעטראָטענעם וועג, און געגומען אויספּרובירן, עקספּערי־מענטירן און זוכן נייעם בוי־ און בינד־זאַץ, נייע ריטמען און נייע אויסדרוק־מיטלען. דאָס מיינט: געראַנגל און פאַרמעסט מיטן דרך־המלך אינעם יידישן ליד, מיינט — שניידן אַ נייעם וועג, אַ וועג וואָס האָט געפירט זיינע לופטיק־דופטיקע לידער צו זיינע געלייטערטע און פאַרטיפטע ביכער „אין בלויען ליכט", „פון ווײ און גלויבן", „זוניקע שוועלן" ביז אים דערפירט צום כוחותדיקן פאַרמעסט: „טויערן אין די בערג" וואָס איז דעם פּאָעטס קאָנפראָנטאַציע און מאַניפעסטאַציע פון שפּראַך, בילד, טאָן, פאַרב און דיכטערישן גלי.

מירן זיך אָביסל אָפּשטעלן ביי זיינע „טויערן אין די בערג" — דעם דיכטערס גאַנג אויף די וועגן און שטעגן פון חומש, וואָס דער רבי זיינער האָט אים געפירט אויף באַרגיקע טרעפּ מיט טויערן, טירן און גענג. אַוודאי האָט דער קומענדיקער דיכטער דעמאָלט, אין חדר, מער געפילט, מער פאַנ־טאַזירט, ווי פאַרשטאַנען. אָבער קומענדיק מיט יאָרן שפּעטער אין לאַנד אַריין, קומט אים דאָס אַלץ פאַר באַקאַנט: דער באַרג איז דער זעלבער, דער הימל איז דער זעלבער:

...כ׳וואָלט שווערן:
דאָס האָט ער באַצוואונגען מיין זען און מיין הערן...

גיי איך און גיי אַריין אין די טויערן —
אַנטקעגן דעם מלכות פון שטערן.

(ז׳ 7)

קלעטערנדיק אַזוי דורך טויערן אין די בערג צום סאַמע אָלימפּ, צו די בלויע הויכקייטן, צו די שטערן, פאַרזעט נישט דער סענסיטיוועד דיכטער די ווירקלעכקייט, די וואָר פון אונדזער צעשוינדטענעם דור. פאַר אים איז קלאָר, אַז „די שטערן זענען ווייט און די טויערן אין בערג זענען אָפן און פאַרפירן״. פון דעם ווערט קלאָר, אַז שאַרגעל גייט נישט פאַזע דעם לעבן, נאָר באַגלייט עס, העלפט עס פורעמען. דערפאַר זענען אַלע זיינע חושים וואַך און ער פרווט בשבע עיניים מעסטן זייער ווייט, זייער טיף. אָבער ווו נעמען אַזאַ אַלאַרם־קאָמפּאַס?

...איז גוט וואָס עס פירט מיך אַ רויטע לבנה —
אַ לאַמטער אין דער מידברדיקער נאַכט.
ווייל איך בין שוין וואַך, און איך גיי נישט אַליין. —
דאָס באַגלייט מיך ס׳געוויין פון געבליבענע אין וועג
און דער לאַנגאַניקער חלום.

(דאָרט)

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים דאָזיקן ליד מחמת אַ באַשטימטן טעם: דאָ שנירלט זיך דער מאָטאָ, לפחות — אינסיגניע, וואָס איז פאַרן פאָעט זיין נשמה־ציטער, און פאַר אונדז — דער שליסל צו די ווייטערדיקע לידער זיינע.

בעצם לעגיטימירט זיך דאָ שאַרגעל ווי אַ מאַנאַליט, וואָס שפּילט מיט פאַרבן פון רעגנבויגן. קלאָר אַז אין זיינע יחידישע לידער פירט דער דיכטער אַריין אינדיווידועלע מאָטיוון אָבער אויך אין זיי געפינט זיך אַ קינסטלערישע לייזונג פון אַלגעמיין־מענטשלעכע פּראָבלעמען. זיין שאַפונגס־וועלט איז ווי אַ ספּרוזשינע, ווי אַ קרייז: פון זיך, דורך דער וועלט, צוריק צו זיך. ער הייבט אונדז אויף צו זיך, צום מלכות פון די שטערן און כאַפּט אונדז אַריין אין זיין פּאַטאָס, אין זיין אומרו — "דאָס באַגלייט מיך ס׳געוויין פון געבליבענע אין וועג״.

נישט קיין חידוש וואָס אין אַ ריי לידער וויקלט זיך דער פאָעט אין שטימונגען, זכרונות וואָס פלאָנטערן זיך אין טרויעריקע רעמיניסצענצן פון זיין היים. ער וויל „אַ פּלי טאָן קיין דאָרטן״. ווי קאָן דען אַנדערש זיין, אַז פון זיין ליד „זינגט־אַרויס זיין טאַטע, דער געשאָכטענער ייד״ (ז׳ 14). אָט דאָס אַלץ וואָס ס׳איז געשען דאָרטן, ווו „דער שליאַך איז פאַרגאָסן מיט געוויין״ רייסט־אויף זיין זכרון און ער לייענט פון דאָרט „אַרויס ווי פון אַן אויפגעמאַכטן ספר״. ממש צו שטוינען ווי ס׳איז אים געלונגען אויפצוהיטן דורך אַלע שטורעמס און בייזע געוויטערס, וואָס זענען אַריבער איבערן יידישן לעבן, אַזאַ ליד ווי „שטיינער פון דערמאָנונג״ (ז 16). אינעם דאָזיקן ליד זע איך שאַרגעלן שטיין

ביים עמוד ווי אַ פּאַרכטיקער בעל־תּפילה, וואָס זינגט־אויס (ריכטיקער: דאַוונט־אויס) מיט דבֿיקות זיינע תּפילות, און מיר, די מתפּללים, זאָגן־נאָך זיין שירה וואָרט ביי וואָרט. נישט איינמאָל, נאָר „אַהין און אַהער און קעריק". ס'איז אַ ליד וואָס רירט־אָן אונדזער אַלעמענס געפילן־וועלט. דער דיכטער טרעט דאָ, בכן, אַריבער די גרענעצן פון פּערזענלעכן און צייטלעכן. דערפאַר טראָגן די־אַ לידער אַן אַלגעמיינעם, און אוניווערסאַלן כאַראַקטער.

אין תּוך געגומען איז יעקב צבֿי שאַרגעל אַ טיפער ליריקער מיט אַן אַ שיעור וואַרעמקייט און ליבע צום מענטשן, צום היגן פּייזאַזש און צום לאַנד. אָבער אַ סענסיטיוו אויער הערט אין אַ ריי לידער זיינע אומרו און שטורעם. לידער וואָס פאַרטראָגן נישט קיין דיפוזיע. דערפאַר איז ער ביז גאָר קאָנצענטרירט, איינגע־האַלטן. געגנוג פאַר אים איין וואָרט, איין שורה, אַפילו בלויז אַ רמז, אָבער אַזאַ וואָס גיט אַ ראַפּטעמדיקן אויפלויכט ווי אַ בליץ. ער רירט־אָן קוים אַ געפיל, אָבער אַזוי, אַז אַלץ אין אונדז רירט זיך.

אַזוי שנירלען זיך אין זיינע לידער צוויי עלעמענטן: ליריק און פּאַטאָס. אָט איז היימבענקשאַפט, נאָסטאַלגיע, און דאָ ריס צום אַלוועלטלעכן, צום אַלמענטש־לעכן; אַמאָל לויפיקער און אַמאָל געצאַמטער ריטעם; אַמאָל סימבאָלישע און אַמאָל רעאַליסטישע לידער; אַמאָל יחידישע און אַמאָל עולמשע פּראָבלעמען. ניבי — צוויי באַזונדערע פּאָליוסן. אָבער אין אמתן מיינט דאָס נישט אַוועקגעשטעלט אַ גדר. פאַרקערט, דאָס איז אַ וויכטיקער קאָמפּאָנענט אין זיין שאַפן. שאַרגעל דער פּאָעט האָט דאָ פאַרצויגן, ריכטיקער: פאַרוואָרפן אַ פאַרבינדונגס־ליניע, אַ בריק וואָס פאַרבינדטביידע עלעמענטן אין איין קינסטלערישן יש.

אין פלוג געהער יעקב צבֿי שאַרגעל נישט צו די לייכטע פּאָעטן, וועלכע מ'קען אין איין אָפּהאַנדלונג אויסשעפּן און דעפינירן; כלומר לאָזט ער זיך נישט גלייך דערקענען, וואָרעם אַמאָל גייען זיינע שורות געמיטלעכע, בייגעוודיקע און טיילמאָל האַרטע ווי קיזלשטיין; אַמאָל ווירקט זיינס אַ ליד שטורמיש ווי אַ טומלדיקער אָרקעסטער־רויש, אַמאָל שטיל ווי אַ קול פון אַ פלייטס פאַרגיין. איז צו וועלכער שול, צו וועלכער פאַרעם צורעכענען שאַרגעלס ליד?

אַזוי — כלומר. אין דער אמתן איז ביי אים אינהאַלט און פאָרעם נישט צעטיילבאַר אַזוי, אַז שאַרגעל ווי אַן עכטער דיכטער לאָזט זיך דערקענען אין איין ליד, אַפילו אין איין שורה. דערפאַר איז זיינס אַ ליד פול מיט פּאַטעטישן אויפרודער און עקספּרעסיע; איז אָנגעלאָדן מיט וואָג און ווערט — עס פאַרמאָגט אַ קלאַסישע גאַנצקייט: קלאָר און פאַרענדיקט.

י. צ. שאַרגעל פאַרמאָגט אַ גרויסע עשירות פון שפּאָגל־נייע ווערטער, צומאָל — אַליין פאַרטראַכטע. דאָס נעמט נישט אַוועק די קלאָרקייט און פאַרשטענדלעכקייט די עכטקייט פון טאָן. דער בעסטער באַווייז — דאָ און דאָרט פערלט זיך אַ שורה פון אַ פאָלקס־ליד, וואָס ניגונט אין אים. אַ סימן, אַז דער פאָלקס־פערז האָט געגערט זיין מוזע, למשל: „שבת, יום־טובֿ און ראש חודש" (ז' 324), „צי געדענקסטו, אַז דו האָסט מיר צוגעזאָגט?" א. אַ. (ז' 96).

צו שאַרגעלס דיכטערישע רעסורסן געהער אויך דאָס, וואָס ער באַהערשט וויל די מעטריק־דיסציפּלין, די גאַנצע קלאַוויאַטור פון פּאָעטישע פאָרמען און ריטמען. אָט די ברייטע גאַמע, זיין ברייטער אָטעם, האָט אָנגעגאָסן זיין סטיל מיט קראַפט און פאַרב. דערפאַר אַזוי קאָנסטרואירט, אַזוי אָרקעסטרירט ווי ער וויל. נישט קיין חידוש וואָס הער לייענער ווערט פאַרכאַפּט פון דער שיינער מוזיק אין זיינע לידער.

מירן אויסברייטערן דעם געדאַנק: זיין בקיאות אין מאָרפאָלאָגיע און אין פאָנאָלאָגיע (אָפּגעשמועסט פון דאַקטיל, יאַמב, אַנאַפּעסט, טראָכיי — די פּאָעטישע עברי וואָס יעדער דיכטער מוז קענען, מוז אין דעם זיין קלאָר ווי וואַסער) גיט אים ברייטע מעגלעכקייט אַריינצופירן — ווו מען דאַרף — אַליטעראַציעס (ז"ז 42, 49, 95) און אויך אַנזשאַמבעמאַנס (דאָס אַריבערטראָגן דעם גראַם אויף דעם ערשטן וואָרט פון דער קומענדיקער שורה) לדוגמא:

...ווען איך בין מיט דיר אַהער געגאַנגען?
פאַרגאַנגען איז די צייט, אוי, אַזוי, ווייט ווייט (ז' 45)

דער אַנזשאַמבעמאַן נעמט אַפשר אַוועק די זינגעוודיקייט פונעם ליד, פאַרדאָס גיט ער טיילמאָל צו אַן עקזאַלטירטע שטימונג. אגב האָב איך באַמערקט ביי שאַרגעלן אַזעלכע צוויי שורות (אויף זייט 27):

זעקס טעג אין דער וואָך.
דערנאָך,

צוויי שורות ווו עס טרעפן זיך צונויף צוויי פאָרמען — אַנזשאַמבעמאַן און בפירושע מאָרפאָלאָגיע (אַ שורה וואָס באַשטייט פון איין וואָרט). מען וואָלט נאָך באַדאַרפט אָנווייזן אויף די נאָזאַלע גראַמען ביי שאַרגעלן, אָבער דאָס וואָלט מיטגעשלעפּט מיט זיך אַ צו ברייטע אַרבעט.

מיר איז נישט באַקאַנט אין וועלכע שפּראַך־אַקאַדעמיעס, אָדער ליטעראַרישע שולן, יעקב צבי שאַרגעל האָט שטודירט. אָבער איינס ווייס איך יאָ: זיין ליבע און קולט פאַרן יידישן ליד, פון איין זייט, און זיין טענטאַטיווער מעטאָד פון אויספּרובירן אַלע פערזן־מאָסן, אויספּרובירן דעם קלאַנגען־סיסטעם (פאָנאָלאָגיע) האָט דערפירט זיין ליד צו דעם הויך־קולטיווירטן פערז, וואָס איז ביי אים קאָרעקט, נאַטירלעך, לעגיטים — דער גראַם איז ביי אים ניי און קרעפטיק.

קאָן זיין, אַז דאָ האָט אפשר — אַוודאי! — צוגעהאָלפן זיין ראַפינירטער און פיינער חוש פאַר שפּראַך און קלאַנג, וואָס שאַפט אַ וווּנדערלעכע צונויפשמעל־צונג פון בילד און מוזיק. נאָר גיכער — זיכער! — מיינען מיר, האָט צוגעשפּילט זיין פיין־פילעוודיק האַרץ, וואָס איז דער בעסטער מוזיקאַלישער מכשיר, דער בעסטער קאַמערטאָן לויט וועלכן ער סטראָיעט אָן זיינע געזאַנגען. געזאַנגען וואָס פליסן פון דער טיף — פון אַ לויטערן קוואַל.

נישט בלויז ניגון האָבן מיר דאָ — הגם שוין דאָס אַליין איז דער בעסטער

סימן־היכר פון אַ פּאָעטישן געמיט — נאָר טיף־רירנדיקע לידער, וועלכע קומען־אויף ממעמקים און צייכענען זיך אויס הן מיט זייער קלאָרקייט פון זען און פילן, והן מיט דעם אויסגעאײדלטן פערז. דאָס זענען, בכן, לידער געבויט אויף אַן אינערלעכער מוזיק, וואָס וויברירט איבער אַלע זיינע שורות. קיין חידוש נישט, מחמת דער דיכטער קלויבט־אויס צום טאָן נייע רייד:

...קלויב איך אויס צו אָט דעם טאָן נייע רייד. (ז 17)

צומאָל:

„רייד נאָך נישט גערעדטע", (ז' 18)

דאָ וואָלט כדאי געווען אָנצווייזן אויף זיינע נאַטור־בילדער, וועלכע פאַרנעמען ביים פּאָעט אַ גאָר וויכטיק אָרט. אָנגעזאָפּט מיט דער היגער לאַנדשאַפט, מיט די היגע געוויקסן, איז ער בכוח צו מאָלן פּאַוועדיקע בילדער, וואָס זענען אַן עסטעטישער גענוס פאַרן אויג און אויער. טיילמאָל דוכט זיך, אַז שאַרגעל שרייבט נישט מיט אַ פעדער אויף פּאַפּיר, נאָר מאָלט מיט פאַרבן, מחמת אין די־אָ פּייזאַזש־און נאַטור־בילדער, געמיינט: לידער, גיט זיך דער פּאָעט אַ צעשפּיל מיט אַזעלכע גראַציעזע ליכט־און שאָטן־עפעקטן, מיט אַזאַ פּיגמענטאַציע, וואָס נאָר אַ גרויסער מאָלער קען זיי אַרויסברענגען אויפן לייוונט. זעסט דאָס לאַנד אין דער שענסטער, אין דער רייכסטער און נאַטירלעכסטער פאַרבן־גאַמע. אלא וואָס? ביי י. צ. שאַרגעלן איז די נאַטור אַ שפּרונג־ברעט צום מענטש און וועלט, ווייל די נאַטור לעבט ביי אים אַ מענטשלעך לעבן. דער דיכטער פאַרשטייט סיי דעם דומם און סיי די שטומע באַשעפענישן, צו וועמען ער טראָגט אַריבער זיין וואַרעם געפיל.

אַוודאי וואָלט זיך געניטיקט צו ציטירן עטלעכע לידער פון דעם סאָרט, אָבער איך האַלט פאַר אַ גרויסער עוולה אַרויסצוכאַפּן בלויז עטלעכע שורות, פון אַ גאַנצן געוועב, פון אַ גאַנץ ליד, וואָס אַנטוויקלט זיך ערשט אין די ווייטער־דיקע שורות צום קלימאַקס.

דאָך קען איך זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם יצר־הרע — אפשר יצר־טוב? — פון נישט אַרויסכאַפּן דריי שורות, וואָס ווייזן אויף דעם דיכטערס גרויסער פריינדשאַפט צום מענטש:

אויב וועסט רופן מיך צו פריינדשאַפט באַנייטער,
וועל איך לאַדן מיינע קעמלען ערב טאָג
און וועל יאָגן מיט מתנות דיר אַנטקעגן. (ז' 85)

דאָס איז ביי שאַרגעלן נישט קיין סתם אַרויסגעהאָנגענע רעקלאַמע שילד — דאָס איז פּאָעטישער און מאָראַלישער אימפּעראַטיוו, און דאָס דאַרף זיין דער

רודימענט פון יעדן קינסטלער, מחמת ווען קינסטלער און מענטש גייען באַנאַנד איז עס שלמות.

אין לעצטן סך־הכל: „טויערן אין די בערג" האָב איך שוין געלייענט עטלעכע מאָל „אַהין, און אַהער, און קעריק" און געקוויקט זיך. איצט האָט מיך דער רויש פון זיינע ווירטואָזע קלאַנגען און ווידער־קלאַנגען אויפסניי פאַרכאַפּט. דער בעסטער סימן, אַז זיינע לידער האַלטן־אויס די פּראָבע פון פיין־ליד (עלעהיי — פיין־גאָלד).

ס׳איז יעקב צבי שאַרגעלס גבורה.

ד״ר אליהו שולמאַן

„די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור״ — 1971

ד״ר אליהו שולמאַן איז אַ באַקאַנטער ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסט. ער איז דער מחבר פון אַ ריי ערנסטע מאָנאָגראַפיעס און געשיכטע־ביכער. צווישן זיי: „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור״, „יונג ווילנע״ און „ישראל צינבערג״. האָט אויך אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער אין ענגליש און אַ בראָשור אין עברית א. נ. „סוגיות בתולדות ספרות יידיש״, דערשינען אין תל־אביב. איז אויך דער רעדאַקטאָר פון „וועקער״ און פראָפעסאָר אין יידישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק.

אליהו שולמאַן רעכנט זיך ווי אַ טיפער קענער פון דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור. אין דעם איצטיקן בוך גייען אַריין די אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט במשך די לעצטע צוויי צענדליגג יאָר, ביי פאַר־שידענע געלעגנהייטן אין אַ ריי זאַמלביכער, זשורנאַלן און צייטונגען.

די סאָוויעטיש־יידישע ליטעראַטור איז, אייגנטלעך, אַ גוט־באַקאַנטע טעמע, וועלכע איז שוין באַהאַנדלט געוואָרן פון אַלע מעגלעכע אַספּעקטן און קוקווינקלען. דאָך, אַז איר לייענט שולמאַנס בוך אַנטפּלעקן זיך פאַר אייך גאַנץ נייע ווינקלען. און דאָס מחמת אין משך די אַלע יאָרן, זינט דער רעוואָלוציע, באַגלייט דער מחבר דעם יידישן שרייבער דאָרט, זיין גאַנג אין דער ליטעראַטור און זיין מערכה.

עס איז באמת דערפרייענדיק דעם מחברס פלייס און פאַרנעם אויף דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג, צו וועלכער ער גייט צו מיט קינסט־לערישע און עטישע מאָסן. און וואָס וויכטיק: ער מיט זיך צו זיין אָביעקטיוו ווי מעגלעך, און איז עס טאַקע.

דאָס ערשטע קאַפּיטל נעמט אַרום די תקופה 1918—1948 — אפשר די וויכטיקסטע תקופה פון יידיש ליטעראַרישן שאַפן אין ראַטנפאַרבאַנד: דעם אויפבלי, דעם באַרג־אַרויף, און אויך דעם בין־השמשות, די שקיעה.

אין די אויערן פון אונדזער דור קלינגען נאָך וואַכיק די ראַשיק־רוישיקע קלאַנגען אין דער רוסישער ליטעראַטור, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָנשטאָט דממה־דקה — קולות וברקים: מאַשין, טראַקטאָר, טורבינע, הוראַ! דאַלאָי מיטן אַלטן! ס׳האָט אַ שפּאַר־געטאָן אַן אויפגעשטורעמטע סטיכיע.

אויך אין דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך אַריינגעריסן דער אומרו פון

צייט און לעבן. אָבער ביי דער גאַנצער שיכרות און פאַרכליניעטקייט האָבן ס׳רוב יידישע שרייבער נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ, נישט אַריינגעלאָזן זיך — ווי דער אולטראַ־ראַפינירטער פאַר־עקסעלאַנס־דיכטער, סערגיי יעסענין — אין די שענקען „אָפּזיצן ביזן גרויען טאָג אַריין, דעקלאַמירן פאַר פּראָסטיטוטקעס און זשליאַקען ספּירט מיט כוליגאַנעס״. זיי, די יידישע שרייבער זענען געווען מער איינגעהאַלטן און געפּרוּווט האַמעווען דעם נערוועזן כאַאָס; זיי האָבן געזוכט אַ זין, אַ קינסטלעריש׳ן אויסדרוק פאַר דעם — זיי האָבן אויף אַן אמת געזעען אין די פייערן פון דער רעוואָלוציע אויפגיין אַ נייע, פרייע וועלט. צו אָט די פייערן האָבן זיך שפּעטער געצויגן דוד בערגלסאָן, דער נסתר, פּרץ מאַרקיש, מאַקס עריק, לייב קוויטקאָ און משה קולבאַק, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין אויסלאַנד.

פון ד״ר שולמאַנס גרינטלעכע אַרבעטן, באַזירט אויף אָפיציעלע מאַטעריאַלן, פּובליקאַציעס און ביבליאָגראַפישע ידיעות איז צו זען, אַז דער אָנהייב האָט נישט אַנטוישט, אַז די פייערן האָבן נישט פאַרפּירט. פאַרקערט, ס׳האָט אַ שימער געטאָן אַ בלענדיק ליכט, וואָס האָט אָנגעפילט מיט גלויבן און האָפענונג: אַ נעץ פון יידישע שולן, לערער־סעמינאַרן, וויסנשאַפטלעכע־און פאַרש־אינסטיטוטן, ביבליאָטעקן, פאַרלאַגן, ביכער, זשורנאַלן, צייטונגען, טעאַטער — דער באַרג־אַרויף־ריס פון יידישן קולטור־לעבן.

פאַר יידישע שרייבער עפענען זיך ברייטע מעגלעכקייטן. די דאָזיקע פרייע ברייטקייט, די פרייהייט פון יידישן וואָרט, נעמט אַרום די יידישע שרייבער מיט נייע דימענסיעס, נייע אימפּולסן — אויפקום פון נייעם קינסטלערישן באַנעם. אַ באַנעם וואָס האָט געמיינט: רעמאָדעלירן דאָס יידישע לעבן און איבערבויען די ליטעראַטור אויף נייע יסודות, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די נייע סביבה, די נייעווירקלעכקייט. אַ סך אַלטע פאַרמען האָט מען צעשטערט אין יענע צערודערטע און פיבערדיקע טעג פון זוכענישן און בלאָנדזשענישן, פון עליות און ירידות, ביז ס׳האָט זיך אויסגעפאָרמירט אַ נייע, מאָדערנע יידישע ליטעראַטור.

ראַטנפאַרבאַנד האָט דעמאָלט פאַרמאָגט אַ גרויסע פּלעיאַדע פון באַרימטע יידישע דיכטער, פּראָזאַאיקער, דראַמאַטורגן און קריטיקער. נישט קיין חידוש, וואָס אין יענע יאָרן זענען דאָרט דערשינען וויכטיקע, קערנדיקע ווערק פון אַ באַזונדערן קלימאַט און מראה. הגם אַ סך פון זיי האָבן געטראָגן דעם חותם פון דער צייט, זענען זיי אָבער אין זייער אימאַנענטקייט געווען אונטערגעשפּאַרט דורך יידישע טיף־עטישע ווערטן, אין שניט פון דער יידישער ליטעראַטור־טראַדיציע.

די סאָוויעטיש־יידישע ליטעראַטור — ווייזט אָן ד״ר אליהו שולמאַן — האָט אין די ערשטע נאָך־רעוואָלוציע־יאָרן דערגרייכט צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז משה ליטוואַקאָוו, דער באַקאַנטער ליטעראַטור־קריטיקער — שפּעטער: דער פּוסק אחרון — האָט געהאַלטן, אַז „די יידישע ליטעראַטור האַלט ביים ווערן די ליטעראַטור פון גאַנצן פאָלק, אַז זי ווערט אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, וואָס דריקט אויס דעם פאָלקס האָפענונגען און אידעאַלן״ (זייט 20). ער האָט געמיינט,

אַז די „יידישע ליטעראַטור וועט דערגרייכן אוניווערסאַליזם, טאַקע דורך דעם וואָס זי וועט זיין טיף יידיש" (דאָרט).

נאָכפאָלגנדיק מיט אייפער די שאַפונגען פון די יידישע שרייבער, שטעלט זיך אליהו שולמאַן אָפּ אויף די בלוטיקע יאָרן, 1918—1921, ווען אין קיעוו איז אָנגעגאַנגען אַ ברייט־פאַרצווייגטע ליטעראַרישע טעטיקייט: ס'זענען דערשינען טיפע ווערק פון א. קושנירעוו, ליפע רעזניק, ש. ראָסין, לייב קוויטקאָ, דוד האָפשטיין, פּרץ מאַרקיש, דער נסתר, דוד בערגלסאָן. זייערע ווערק — הן די פּאָעזיע והן די פּראָזע — „זענען געווען אַדורכגעדרונגען מיט טראַגישן פּאַטאָס, מיט טיפן ווייטיק און צער צוליב די בלוטיקע פּאָגראָמען אין אוקראַינע".

אַ ברייטע אויספירלעכע אַרבעט שטעלט מיט זיך פאָר שולמאַנס עסיי וועגן ליטעראַריש־קינסטלערישן חודש־זשורנאַל, דער „שטראָם" וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1922—1924 אין מאָסקווע. „שטראָם" האָט ממשיך געווען די קלאַסישע טראַדיציע פון דער יידישער ליטעראַטור און געזאָלט — לויטן פּראָגראַם — ווערן אַ טריבונע פאַר די בעסטע יידישע שרייבער, דיכטער און קינסטלער פון מאָסקווע, קיעוו, וואַרשע, בערלין, ניו־יאָרק, ווונדערלעכער אָנזאָג און צוזאָג.

די „זיבן גוטע יאָר" פון גרויסע האָפענונגען — און גרויסע שאַפונגען! — האָבן, ליידער, לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, מחמת שוין אין יוני 1925 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס שטעלט פעסט, אַז „סיי די רעגירונג, סיי די פּאַרטיי האָבן אַ רעכט צו מישן זיך אין אַלע ליטעראַטור־ענינים". די רעזאָלוציע האָט באַשטעטיקט, אַז די פּראָלעטאַרישע שרייבער האָבן די היסטאָרישע רעכט צו דאָמינירן די ליטעראַטור — און אַז אַלע מעגלעכע הילף זאָל געגעבן ווערן צו זיי (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — ג.וו.).

די יידישע ליטעראַטור ווערט ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָלעטאַרישער סאָוועטישער ליטעראַטור. קלאָרער: אין אַ סעקטאָר פון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער ליטעראַטור. „שטראָם" איז, אַזוי אַרום, געווען דער לעצטער אויפפלאַקער, די לעצטע מאַניפעסטאַציע פון דער פרייער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד, און די יידישע שרייבער מוזן שוין גיין מיטן פּאָליטישן שטראָם.

ערשט נאָך היטלערס אָנפאַל אויף רוסלאַנד אין יוני 1941, האָט סטאַלין געגעבן די שרייבער אַ ביסל פרייהייט. דאָס האָט גורם געווען צו אַ גרויסן אויפבלי אין דער יידישער ליטעראַטור — ס'זענען דעמאָלט דערשינען אַ ריי טיף־יידישע מאָנומענטאַלע ווערק פון די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער דאָרט.

אָבער אויך צו די דאָזיקע „זיבן גוטע יאָר" האָט געקומען אַ סוף נאָך זשדאַנאָווס רעדע אין יאָר 1946, ווען מען האָט „די ליטעראַטור צוריק פאַרקערעוועט אויף די אַלטע פאַרזשאַווערטע רעלסן. עס האָבן זיך באַוויזן נייע קריטיקער־קאָמיסאַרן, וואָס האָבן געגנישטערט און געזוכט אין דער יידישער ליטעראַטור באַהאַלטענע נאַציאָנאַלע מאָטיוון" (זייט 29).

מורא האָבנדיק צו שרייבן עפּעס, וואָס קען נישט שטימען מיטן סאָוועטישן

קאָנפאָרמיזם; מורא פאַר דער סכנה פון אַריינפאַלן אין אומחן ערגעץ־ווו — פּאַסן זיך ס׳רוב יידישע שרייבער צו צו דער נייער אָריענטאַציע און שרייבן לויט די כללים פון דער גענעראַל־ליניע. ביי אַזאַ זיגזאַגישן צופּאַסן זיך צו דער ליניע, קאָן שוין, פאַרשטייט זיך, נישט געשאַפן ווערן קיין גרויסע ווערק, אָפּגערעדט — פון טיף יידישע ווערטן.

משה ליטוואַקאָווס וויזיע, אַז „די יידישע ליטעראַטור וועט דערגרייכן אוניווערסאַליזם, טאַקע דורך דעם וואָס זי וועט זיין טיף יידיש״ — איז, ליידער, נישט מקויים געוואָרן, פאַרקערט: דער תהום צווישן דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור און דער ליטעראַטור אין די אַזוי גערופענע פרייע לענדער איז, בימי סטאַלין, געוואָרן מער פאַרטיפט. פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער.

אַז מען ווייסט נישט מה יולד יום, דרייט מען זיך אַרום צעקלעמטע, דער טרויער פרעסט, גריזשעט און — מ׳זינגט לויב־געזאַנגען פאַרן פאָטער פון די פעלקער. ווער וויל דאָס שטעקן די פינגער צווישן טיר? געווען אָבער אויך יידישע שרייבער, וואָס האָבן דורכגעפלאָכטן זייערע לויב־געזאַנגען מיט אינווערסיעס, אַלוזיעס — זייער צאָרן און פּראָטעסט.

אליהו שולמאַנס אַנטוויקלטער חוש אַרויסצופישן דאָס פאַרבאָרגענע, וואָס ליגט באַהאַלטן צווישן די שורות — טוט דאָ אויף וווּנדער: דורך די דינסטע רמזים, פּאַראַבאַלן, אַנטפּלעקט ער פאַר אונדז סיי דעם קינסטלערס נשמה און סיי דאָס רעבעלירנדיקע, דאָס פּאָזיטיווע אין זיין שאַפונג. אַ וויכטיקע פונקציע אין קריטיק.

צום שבח פון מחבר מוז דאָ אויך געזאָגט ווערן, אַז ער פאַרמאָגט די געבענטשטע פעאיקייט פון מסביר זיין די סביבה, די אַטמאָספער, אין וועלכער די יידישע שרייבער האָבן דאָרט געלעבט. דערפאַר פאַדערט ער מער איינזעעניש פאַר די שרייבער, וועלכע זענען געווען געצוווּנגען צו שרייבן ווי מען האָט זיי דיקטירט. ער איז אַפילו מלמד זכות אויף די, וועלכע האָבן אין שאָטן פון טויט־אַנגסט זיך איינגעבראָכן. ער ווייסט, אַז נישט זיי זענען שולדיק, נאָר שולדיק איז די מאַכט, וואָס האָט דאָס אַלץ קאָדיפיצירט און געשאַפן דערמיט אַן אַטמאָספער פון פאַרדאַרבנקייט און מסירה. קעגן זיי טרעט שולמאַן אַרויס מיט דער גאַנצער שאַרף.

„מען דאַרף זיך גיכער וווּנדערן — שרייבט שולמאַן — וואָס אין דער הערשנדיקער טעראָר־אַטמאָספערע זענען צווישן 800 יידישע שרייבער נישט געווען מער ווי אַ פּאָר מוסרים. אַלע, וואָס משפטן איצט די סאָוויעטישע יידישע שרייבער, האָבן דאָס געמעגט פאַרשטיין״ (זייט 15). שולמאַן האַלט, ווייזט אויס, פון „אל תדין את חברך, עד שתגיע למקומו״.

ווי אַ רויטער פאָדעם ציט זיך איבערן בוך דער סטאַלין־מאָרד איבער די יידישע שרייבער. און ווי קאָן מען, ווי מעג מען, און צי לאָזט זיך איבערהיפּן דאָס דאָזיקע פינצטערע קאַפּיטל? קאָן מען דאָס אויסמעקן פון יידישן פאָלקס־זכרון? אלא וואָס? — אליהו שולמאַן איז צו סענסיטיוו צו דער דאָזיקער שוידער־

לעכער טראַגעדיע, אַז ער זאָל זיך באַנוצן מיט סתם זידל־ווערטער. דאָס וואָלט געווען אומווערדיק, פּחיתות־הכבוד פֿאַר די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער.

דער עיקר־ציל וואָס שולמאַן האָט זיך געשטעלט אינעם בוך איז: געבן דעם פולן פּאָרטרעט פון דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור. און דאָס, מיינען מיר, האָט זיך אים פולשטענדיק איינגעגעבן. איינגעגעבן, ווייל אים איז געלונגען אויסצוגעפינען און אַרויסהויבן דאָס ליטעראַרישע עשירות — די וויטאַלע פּאָטענצן, די עסטעטישע ווערטן אין די שאַפונגען פון די יידישע שרייבער דאָרט. ער שפּיגלט זיך אין זייערע שאַפונגען און צווינגט דעם לייענער צו האָבן באַציאונג צו די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער. אַ וויכטיקע עובדא.

בנימין שלעווין

„ליפע קאַמאַשנמאַכער" — 1969

צווישן דער פּלעיאַדע קאַלירפולע און קרעפטיקע פּראָזאַאיקער, וואָס דאָס יידישע פּוילן האָט אַרויסגעגעבן אין צייט־אָפּשניט צווישן ביידע וועלט־מלחמות, פאַרנעמט בנימין שלעווין אַן אייגנאַרטיקן אָרט.

געקומען איז ער שטיל און באַשיידן — און אַזאַ איז ער פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג — מיט אַ בוך דערציילונגען אונטערן נאָמען „צווישן ווענט" (דערשינען אין וואַרשע, אין יאָר 1933) וואָס האָט אַ בלענד־געטאָן מיט העלן אָפּטימיזם. פון זינט דעמאָלט האָט שלעווין אַרויסגעגעבן קרוב צו צוואַנציק פּראָזע־ביכער, וועלכע פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

ליפע קאַמאַשנמאַכער איז אַ היסטאָרישער ראָמאַן, וואָס נעמט אַרום די נייע תקופה אינעם יידישן לעבן: דעם סוף פון 19־טן יאָרהונדערט ביז נאָענט צו דער צווייטער וועלט־מלחמה.

בנימין שלעווין גיט אונדז אַ פול בילד פון די אַלע פּאַרטייען, וואָס האָבן געווירקט אין די־אָ יאָרן. בעיקר פון „בונד", וועלכער האָט מיטגעריסן גרויסע מאַסן, מחמת זיי האָבן דערפילט אין דער דאָזיקער פּאַרטיי דעם פּאָטענציעלן טרעגער פונעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. דער מחבר ברענגט דאָ אַרויס אַ פאַרביק קאַפּיטל פונעם בונדישן בראשית: געהיימע זיצונגען, קאָנפערענצן, וויכוחים, ספקות, אַרעסטן, פאַרשיקונגען, מסירת־נפש — וווּנדערלעכע פּיאָנערן פון „בונד".

פון דער אַנדערער זייט: אַנטיסעמיטיזם, אַטאַוויסטישע שנאה, פּאָגראָמען, דרייפוס־פּראָצעס און אַנדערע טרויעריקע באַגלייט־דערשיינונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן צום לעבן אַ נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישן — ציוניסטישן שטראָם.

אויך דאָ ברענגט דער מחבר אַרויס די אידעאַלע טרוימער פון אַן אייגענער היים; אויך דאָ לעבט ער אויף זייערע וויכוחים, פּלענער, קאָנגרעסן — די בונטע פּאַנאָראַמע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ביידע די־אָ שטראָמען האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך מאָראַלישע און עטישע ווערטן אין יידישן לעבן. בנימין שלעווין האָט, אַזוי אַרום, געגעבן אַ קינסטלערישן תיקון די גרויסע עפּאָפּעע פון דעם העראָאישן נעכטן.

ליפּע קאַמאַשנמאַכער, דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן, איז געצייכנט אויף אַ ברייטע סאָציאַלע קאַנווע. דער מחבר באַקענט אונדז מיט אים אין די סוף 90־ער יאָרן און לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון אים איבער זיין גאַנצן וועג, וואָס איז פול מיט דערהויבנקייט, מסירת־נפש און קאַמף. שלעווין גייט נאָך פוסטריט ליפּעס גערדאַנקען־גאַנג און לאָזט אויף אים רוען אַזאַ ליכט, אַז ער ווערט אונדז נאָענט פאַר זיין מענטשלעכקייט, פאַר זיין געוויסנהאַפטער, ערלעכער נשמה.

די ברויזנדיקע צייט, דעמאָלט, האָט אַרויסגעצויגן פאַרבאָרגענע כוחות, וואָס האָבן זיך געריסן צו אַן אַנדער לעבן, צו אַ לעבן פון יושר און פרייהייט. אויך ביי טייבעטשקען, די טאָכטער פון בריסקער גביר, לייבל זיידמאַן, האָט אויפגעוואַכט דער פרילינג. נישט בלויז אין קאָפּ, נאָר אין הארצן, אין אירע געפילן איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש.

ליפּע, דער בונדיסט געפינט אין טייבעטשקען אַ גוטע פאַרטנערין פאַר דער קאָנספּיראַטיווער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. אָבער אַרבעטנדיק צוזאַמען און זייענדיק אויסגעשטעלט אויף פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער מאַכט, הייבט זיך אָן וועבן צווישן זיי אַ טיפע ליבע. און הגם מיר פילן דעם שטורעם אין זייערע הערצער, איז אָבער די גאַנצע ליבע זייערע געשריבן דיסקרעט, אַזוי נישט דערזאָגט, אַז דעם לייענער קומט אויס אַליין זיך צו דערקלערן אַ סך דערשיינונגען. מיר דערמאָנען דאָס לשבח, ווייל דער מחבר, זעט מען, האָט צוטרוי צום לייענער.

ווען מיר קוקן זיך גוט צו צו טייבעטשקען, דערזעט מען, אַז זי איז ווייט נישט ענלעך צו דוד בערגלסאָנס מירל, וואָרעם להיפּך צו מירלען, וועלכע געפינט נישט קיין זין אין לעבן; אירע טעג און נעכט זענען אויסגעפילט מיט אַפּאַטיע, מיט פּראָווען התבודדות — שטייט שלעווינס צעפּיעשטשעטע, רייכע טייבעטשקע מיט ביידע פיס אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

בנימין שלעווין האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געטובלט אין דער אַטמאָספער פון יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין כמעט אַלע זיינע שאַפונגען. אויך אינעם איצטיקן בוך. בעיקר קענטיקט זיך דאָס ווען ער קומט־צו צו די צוואַנציקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט.

דאָ ווערט זיין קינסטלערישער אָטעם האַסטיקער, שטורמישער, הייסער. און דאָס מחמת דער מחבר אַליין איז בלב ונפש געווען אַריינגעטאָן אין דעם לעבן, וואָס ער באַשרייבט, אָדער געווען אַן עד ראיה פון יענער תקופה. זיין איצטיק בוך איז, בכן, נישט קיין אויסערלעך־סכעמאַטישער אויסדרוק, נאָר אַן אינערלעכער נשמה־אַרויסברענג. דערפאַר זיין טיפער צוגאַנג צו אידייען און פּראָבלעמען, זיין אינעווייניקסטער צוגאַנג צו זיינע העלדן — אויך פון קעגנערישע פּאַרטייען — מיט וועלכע ער פילט זיך היימיש, אייגן, מחמת אַלע זיי וואַקסן־אַרויס פון איין סביבה, פון איין מיליע — אַלע זיי האָבן געשפּינען ראָזע חלומות און ערלעך געגלייבט אין דער מעגלעכקייט איבערצובויען די וועלט.

צו די סאַמע פאַרביקסטע און פּלאַסטיש־פּאַרטיפטע קאַפּיטלען געהערן טאַקע די, וואָס קוואַלן־אַרויס פון אייגענעם זכרון. דאָ האָבן מיר וואַכע, קלאָרע בילדער

ווי דאָס אַלץ וואָלט פֿאַר אונדזערע אויגן פֿאַרגעקומען, און מיר אַליין געפֿינען זיך אין מיט פֿון אָט די געשעענישן.

מיר מיינען דאָ דאָס שטורמישע קאַפּיטל פֿון די יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1917, ווען די קאָמוניסטישע השפּעה האָט זיך געלאָזן שטאַרק פֿילן אויף דער יידישער גאַס אין פּוילן, באַזונדערס ביי דער יוגנט, צווישן וועלכע עס האָט אויך געהערט בנימין שלעווין.

דער מחבר גיט אונדז דאָ אַ רעליעף־בילד פֿון יענע קאָכיקע יאָרן, ווען פֿון איין זייט האָט צירקולירט אַ זאַפֿטיק יידיש קולטור־לעבן, און פֿון דער צווייטער זייט האָט דאָס פּאָליטישע לעבן אַ האַסטיקן קער געגעבן אויף לינקס אין די ענגע, שמאָלע געסלעך, וועלכע זענען געווען אויפֿגערודערט, צעכוואַליעט: פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, נצחונות — די העכסטע אויסשטראַלונג פֿון די אַרבעטער־באַוועגונגען.

די פֿריידיקע שטימונג האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, ווייל ס׳האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אַנדערע ווינטן, וואָס האָבן מיט זיך געבראַכט דראַמאַטישע קאַליזיעס: ברודער־קאַמפֿן, ווילקירלעכע איבערפֿאַלן אויף אַרבעטער־טוער — אַ פֿאַרמעסט צו צעברעכן די סאָציאַליסטישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען.

קלאָר אַז די דאָזיקע ווינטן זענען געקומען פֿונעם לאַנד פֿון דער רעוואָלוציע, וווּ מ׳האָט, אונטער סטאַלינס דיקטאַט, אָנגעהויבן ליקווידירן דעם „בונד", „פּועלי־ציון" און אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אונטער די טראָפּאַרעטע באַשולדיקונגען: „קאָנטררעוואָלוציאָנערן", „אַגענטן פֿון פֿאַשיזם" און אַנדערע באַקאַנטע עפּיטעטן.

בנימין שלעווין שטעלט דאָ אַוועק די געדיכטע פּחד־אַטמאָספֿער אין רוסלאַנד, וואָס איז אַרויסגעדרונגען פֿונעם אכזריותדיקן אַלטערנאַטיוו: ליקווידירן די אייגענע באַוועגונגען, אָדער מיטמאַכן די שפּיל. זענען אַ טייל זיך צעלאָפֿן, צעפֿאָרן און געבליבן ביי זייערע אַלטע אידעאָלאָגיעס; געווען אָבער אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק. אויך טייבעטשקע, וועלכע איז געווען אַזוי פֿאַרשיכורט פֿון דער רעוואָלוציע, אַז זי האָט אויף אַן אמת געגלייבט, אַז עס ווערט געבוירן אַ נייע, פֿרייע וועלט. צווישן איר און ליפֿען שטעלט זיך אַ וואַנט. זיי ווערן גייסטיק און אידייאיש דערווייטערט צווישן זיך.

אויך דאָ לאָזט אונדז דער מחבר פֿילן זייערע טיף־דראַמאַטישע נשמה־איבער־לעבונגען. אַזוי ליפֿעס, און נאָך מער טייבעטשקעס, מחמת זי, וואָס האָט איר גאַנץ לעבן געשטרעקט פֿאַר דער רעוואָלוציע, ווערט שפּעטער צעריבן אונטער די רעדער פֿון דער רעוואָלוציע: ווערט אַרעסטירט, וואַלגערט זיך מיט געשוואָלענע פֿיס אין טורמעס, און גייט־אויס אין אַ לאַגער. פֿריקרע רעמיניסצענצן.

אַ סך בלעטלעך פֿון דעם־אָ קאַפּיטל, וואָס ליגט נאָך טיף אין זכרון ביי די עדות פֿון יענער צייט, מאַכן דעם איינדרוק פֿון אַ שטיקל ווידוי פֿאַר די לאַיבוד־אַוועקגעגאַנגענע כוחות, וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן מיט דער גרויסער

האָפענונג, וואָס איז זיך צערונען. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, פילט מען, איז געשריבן דורך דער פּריזמע פון אַ צעבראָכן געמיט.

אויפריכטיקייט — דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע מעלות אין ליטעראַטור. בנימין שלעווין איז איינער פון די אויפריכטיקסטע אין דער פּראָזע. דערפאַר וויכט ער פון דעם פאַלשן פּאַטאָס, פון די הויך־קלינגעוודיקע טענער, וואָס נאַרן־אָפּ, פאַרבלענדן. זיין פּראָזע וואַקסט־אַרויס פונעם אָנפּלייץ פון זיין אייגן געמיט און האַרץ. דער לייענער פילט טאַקע דאָס לויטערע, נאָכמער — צעשטו־רעמטע געמיט פונעם מחבר, ווען מען מיר געפינען, אגב, אין אַ סך קאַפּיטלען. ביי דעם אַלעם פילט זיך די געמיטלעכקייט פון דער עפּיש־דערציילערישער פאָרעם. און וואָס גאָר וויכטיק: כמעט איבערן גאַנצן בוך שטראַלט־אַרויס דעם מחברס העלער גלויבן אינעם מענטשן.

די אַקס פונעם בוך דרייט זיך איבער אַ סך ערטער, אַ סך שטעט. אָבער דוועגן וואָס פאַראַ אָרט, וועגן וואָס פאַראַ שטאָט ער זאָל נישט שרייבן, איז עס תמיד מיט אַ זייטן־בליק אויף בריסק. אויך נישט קיין חידוש, מחמת ליפּע, טייבעטשקע און אויך דער מחבר גופא שטאַמען פון דער דאָזיקער שטאָט, וואָס האָט אַריינגעשריבן אַ סך גאָלדענע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

ליפּע קאַמאַשנמאַכער — ווי אַ סך אַנדערע העלדן שלעווינס — זענען נישט קיין אויסגעטראַכטע געשטאַלטן, נאָר לעבעדיקע מענטשן, וואָס לאָזן זיך דער־קענען. מיר קענען זיי — צי ער רופט זיי יאָ, אָדער נישט אָן ביי די ריכטיקע נעמען. דאָס אַליין עדותט פון אַ גוטן און קרעפטיקן דערציילער.

בנימין שלעווין פאַרמאָגט אַ זאַפטיקע, רייכע שפּראַך און אַ פיינעם סטיל. מיט אַ באַזונדערער פּשטות, וואָס איז דערהויבן ביז קלאַסישקייט, דריקט ער אויס די געדאַנקען און וויכוחים פון זיינע העלדן. נאָכמער, מען פילט דעם אַרום, דעם פּולס וואָס שלאָגט דאָרט אַזוי, אַז אויסער דעם זאַכלעכן, צומאָל קאָמפּליצירטן אינהאַלט פונעם בוך, איז אויך פאַראַן דער ספּעציפישער קלימאַט, די מראה פון דער געשילדערטער צייט.

מיט זיין איצטיקן בוך האָט שלעווין אַרויסגענומען פון דער שכחה זאַכן, וועלכע זענען געלעגן פאַרשטופּט אין זכרון אָדער אין די אַרכיוון. וואָס פאַראַ גוואַלדיקע אָנשטרענגונג האָט זיך געפאָדערט אַרויסצובאַקומען דעם מאַטעריאַל.

איז גוט וואָס דער שטויב פון צייט האָט נישט געהאַט קיין שליטה אויפן בוך.

ב. שעפנער

„נאָוואָליפּיע 7" — 1955

אין דער וועלט־ליטעראַטור פאַרנעמט די סאַטירע — אַזוי די סאָציאַל־פּאָלי־טישע ווי די קאָמיש־אַפּלאַכערישע — אַ גאַר חשוב אָרט. ווי אַ ביישפּיל קאָן דינען סערוואַנטעסעס דאָן קיכאָט, וואָס איז איינע פון די גרעסטע סאַטירעס אין דער וועלט־ליטעראַטור, און גלייכצייטיק דאָס גרעסטע מייסטער־ווערק פון הומאָר.

אויך די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט איר אייגענעם סערוואַנטעס, איר אייגענעם זאַשטשענקאָ — שלום עליכם. איז אָבער אין די לעצטע יאָרן ביי אונדז יידן ווי פאַרשטומט געוואָרן הער דאָזיקער קלוגער און איידעלער זשאַנער, דער וויטאַלער וואָפן פון סאַטירע, הומאָר, גראָטעסק, שאַרזש און בורלעסק. און ווי קען היינט אַ ייד שמייכלען, ווען פון איין זייט גייט אים כסדר נאָך דער גרויסער נאַציאָנאַלער אומגליק און פון דער צווייטער זייט — אַ נערוועזע אַטאָם־באָמבע־אַטמאָספער. דאַרף טאַקע היינט אַ יידישער הומאָר־שרייבער פאַרמאָגן אַן איבערנאַטירלעכן כוח אויף צו קענען אין דער־אָ צייט אַרויסרופן אַ שמייכל ביים לייענער. אַזאַ כוח פאַרמאָגט ב. שעפנער, וועמען מיר געדענקען גוט פון נאָוואָליפּיע 7.

פאַרן יידישן אַרבעטער־לייענער איז, ביזן היטלער־חורבן, נאָוואָליפּיע 7 געווען אַ פּאָפּולערער אַדרעס. אין דעם הויז האָט זיך געפונען די רעדאַקציע „פאָלקס־צייטונג"; אין דעם הויז האָבן געשאַפן און געווירקט די הערויאישע און ליכטיקע געשטאַלטן: וולאַדימיר מעדעם, בייניש מיכאַלעוויטש, יוסף כמורנער, וויקטאָר שולמאַן, הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער און נאָך אַנדערע גרויסע פּערזענלעכקייטן פון „בונד". אידעיש האָט מען יאָ, אָדער נישט געקאָנט מסכים זיין מיט זיי, אָבער אַלע, אַפילו די גרעסטע אידעישע קעגנער האָבן געוווסט, אַז די דאָזיקע געשטאַלטן האָבן נישט בלויז אַריינגעבלאָזן מוט און גלויבן אינעם, צו יענער צייט אָרעם שבאָרעם יידישן לעבן אין פּוילן, נייערט — באַרייכערט און אויפגעהויבן דאָס יידישע לעבן.

פון די געציילטע אָפּגעראַטעוועטע האַלעוועשקעס, וואָס זענען פאַרבליבן פון נאָוואָליפּיע 7, איז ב. שעפנער, וועלכער איז געווען דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער מיט די דאָזיקע וווּנדערלעכע טרוימער און קעמפער פאַר אַ נייעם וועלט־סדר.

יאַרנלאַנג מיט זיי ביי איין טיש געזעסן און צוזאַמען מיט זיי געוועבט און געשפּינען די גרויסע וויזיע פון מאָרגן. ב. שעפנער איז, בכן, נישט נאָר אַ זייטיקער עדות פון דעם גרויסן שעפערישן אָנשטרענג, נאָר אַליין אַ מיטבאַטיי־ליקטער, אַליין אַ וואַגיקן צושטייער געגעבן צו יענעם לעבן, וואָס האָט געהאַט אַ זין און אַ ציל. און זיצנדיק אַזוי ביי איין טיש מיט זיי האָט ער געהאַט די בעסטע מעגלעכקייט צו אָבסערווירן און דערקענען די אַלע מענטשן פון דער נאָענט. אין זיין בוך „נאָוואַליפּיע 7" לענט זיך טאַקע דער מחבר אָן אויף פּערזענלעכע אָבסערוואַציעס און זכרונות.

דאָס בוך טיילט זיך אויף דריי טיילן: „נאָוואַליפּיע 7" (זכרונות), „אייגענע און נאָענטע" (עסייען) און „אָפּקלאַנגען פון דאָרטן" (עפּיזאָדן און פעליעטאָנען). אין פלוג דריי באַזונדערע קאַפּיטלעך, וואָס האָבן נישט קיין שייכות איינס מיטן אַנדערן, אין דער אמתן אָבער קייטלען זיי זיך דירעקט, אָדער ציען זיך אומדירעקט פון דאָרטן — פון נאָוואַליפּיע 7.

אין דעם ערשטן טייל פירט דער מחבר פאַרביי פאַר אונדזערע אויגן די אַלע מענטשן, וואָס האָבן געליכטיקט אויף נאָוואַליפּיע 7. ב. שעפנער פאַרמאָגט די געבענטשטע פעאיקייט פון קענען טרעפלעך אויסשיילן פּערזענלעכקייטן, סביבות, שיכטן און אַטמאָספער. די שילדערונגען פון איינצל־געשטאַלטן און זייערע כאַראַק־טערן זענען לעבעדיק, ברויזנדיק און אינטערעסאַנט. דערהויפּט לאָזט זיך מערקן דעם מחברס ליריש־אויפפלאַקערישע באַגייסטערונג פאַר אַן אידייע, וואָס ברענגט גליק דער מענטשהייט. ב. שעפנער פירט אַריין דעם לייענער אין דער וווּנדער־לעכער, ריכטיקער: ספּעציפישער אַטמאָספער, וואָס די דאָזיקע מענטשן האָבן באַוויזן צו שאַפן.

אַליין אַ גרויסער קינסטלער און אַליין, ווי געזאָגט, אַ מיטבאַטייליקטער אין אַ מיטגעשטאַלטיקער פון יענעם לעבן, מאָלט אונדז דער מחבר באַגלייך מיט דעם מענטשלעכן געראַנגל און מענטשלעכע איבערלעבונגען, אויך די סאָציאַלע סביבה און די פּאָליטישע אומשטענדן פון יענער צייט.

אין זיינע זכרונות פלעגט ב. שעפנער אַדורך כלומרשט קליינע עפּיזאָדן, זיי וואַרפן אָבער אַ העלן שיין אויף די קרישטאָל־ריינע כאַראַקטערן פון די דאָזיקע געבענטשטע עקשנים, וועלכע זענען געווען געקניפּט און געבונדן מיט איין גרויסע אידייע — טיפע ליבע צו וועלט און מענטש (אַ שטייגער: דאָס אויפהערן רויכערן פון ערליכן און צו לאַנגע יאָר — שעפנערן צוליבן שלעכטן געזונט פון זייער דריטן טיש־חבר, יוסף כמורנער). אַ ים פון טיפער אהבה בין אדם לחברו שפּאַרט אויך פון אַ סך אַנדערע קאַפּיטלעך.

ב. שעפנער פאַרמאָגט די הויפּט־מעלות פון אַ זכרונות־שרייבער: אַ פענאָ־מענאַלן זכרון און זעלטענער תפיסה. אַ דאַנק די־אַ געבענטשטע מעלות איז דער ערשטער טייל פונעם בוך, „נאָוואַליפּיע 7" אַרויסגעקומען אַזוי רעליעף און קלאָר, אַז אין אונדזערע געמיטער נעמט פיבערן און אויפגיין אַ נאָגנדיקער נאָסטאַלגיע.

מיט גרויס ערודיציע איז געשריבן דער צווייטער טייל: „אייגענע און נאָענטע". דאָס זענען קורצע עסייען וועגן ב. יאושזאָן, שלמה מענדעלסאָן, דער טונקעלער, ז. סעגאַלאָוויטש, איציק מאַנגער און צביון. אין זיינע עסייען טוט דאָ און דאָרט אַ בליאַסק אַ שאַרפער געדאַנק, אַ טרעפלעכע דעפיניציע. ב. שעפּנער אַנטפּלעקט, דער עיקר, דאָס אינטימע לעבן פונעם באַהאַנדלטן שרייבער, מחמת פריער פאַר אַלעם זעט ער דעם מענטש. שעפּנערס תביעת־עין דערזעט תמיד עפּעס אַזוינס, וואָס וואַרפט אַ ניי ליכט אויפן שרייבער. וויפל, אַ שטייגער, איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן אונדזער גרויסן מאָדערנעם ליריקער, דעם צעזונגענעם ציגיינער־פּאָעט, איציק מאַנגער. דוכט זיך: וואָס איז נאָך פאַראַן עפּעס צוצוגעבן? פון דעסט־וועגן וואַרפט שעפּנער אַ פרישן סנאָפּ ליכט אויף מאַנגערס פּראָפיל.

פול מיט עספּרי און שאַרפזין איז געשריבן דער דריטער טייל. ס׳רוב זענען דאָס איבערלעבונגען, עפּיזאָדן, סיטואַציעס — אָפּקלאַנגען און ווידערקלאַנגען פון דאָרטן. דאָ פּילט זיך דער מחבר ביי זיך אינדערהיים. ס׳איז זיין אייגנטלעכער זשאַנער — הומאָר און סאַטירע. אין די מערסטע פון זיי קענטיקט זיך אַרויס די סאָציאַל־פאַרשאַרפטע סאַטירע; ווו נישט ווו אַ טיפער סאַרקאַסטישער שמייכל — הגם אַ סך קאַפּיטלעך, וואָס טראָגן דעם וואָס זיי זענען געשריבן פון אַ הומאָריסט, לייענען זיי זיך מיט טרערן אין די אויגן („איינזאַמע יידן", „איר צוואַנציקסטער געבוירן־טאָג" און אַנדערע). אָבער דאָס איז שוין אַ רעזולטאַט פון אונדזער ספּעציפישער לאַגע. און שולדיק דערין איז אויך אַ „קאַפּעטשקע" די וועלט, וואָס האָט אויפגעהערט שמייכלען...

שוואַכער — כלומר — איז „דאָס קנעפּל" און „אַ צעבראָכן גלאָז". וואָלט נאָר די טראַגעדיע באַשטאַנען אין פאַרמאָגן איין גלאָז, אָדער אין פאַרלירן אין דער דאָזיקער בלוטיקער זאַווערוכע אַ... קנעפּל — מילא, וואָלט מען ווי־ס׳איז אַדורכגעקומען; וואָלט דאָס געווען אַ האַלבע צרה. דער תירוץ וואָלט געווען: מלחמה. און אין יעדער מלחמה־צייט, ווייסט מען דאָך, גילט נישט קיין באַן טאָן. דאָס אומגליק באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס אין דער מלחמה איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. דאַקעגן, די קנעפּלעך קאָלערן זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג ערגעץ־ווו אַרום און נישט איינער הייבט זיי אויף, מיינענדיק אַז ס׳איז אַ מטבע און וואַרפט זיי שפּעטער, אַן אַנטוישטער אַוועק — ווי דאָס האָט געטאָן דער מאַן אויף אַ ניו־יאָרקער אונטערערד־באַן־סטאַציע. דאָס זענען קלייניקייטן. און דער מחבר ווייסט עס וווּל. והא ראיה: ער אַליין באַצייכנט זיי מיטן נאָמען „קלייניקייטן", אלא וואָס? ב. שעפּנער שטעלט־אָן זיין ליכטיק־סאַטירישן רעפלעקטאָר אויף די דאָזיקע קנעפּלעך, גלעזער, צעריסענע הויזן... און פון די דאָזיקע קלייניקייטן וואַקסט־אַרויס די מענטשלעכע אומבאַהאָלפנקייט, זייער פאַרלוירנקייט אין אַנבליק פון ניי געשאַפענע סיטואַציעס, וואָס די צייט רוקט אַרויס. דאָס איז שעפּנערס כוח.

דאָס בוך ענדיקט זיך מיט אַ זייער רירנדיק און זייער דערהויבן קאַפּיטל: „די מעקסיקאַנערין" און — „מיין טאַטע". דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז אָנגעהויבט

מיט האַרציקייט און ליבשאַפט פאַר דעם אָרעמען, געפאַלענעם און פאַרשעמטן מענטשן. סיי פון דער מעקסיקאַנעריך, וועלכע נעמט אַהיים צו זיך אַן עלנד בלינד מיידעלע און סיי פון מחברס פאָטער, וועלכער פלעגט יעדן שבת אַהיימברענגען דווקא אַזאַ אורח, וואָס קיינער וואָלט אים איבער דער שוועל נישט געלאָזן — שטראַלט־אַרויס די מענטשלעכע גוטסקייט, דאָס מענטשלעכע ליכט. זייער סימבאָליש וואָס דאָס בוך ענדיקט זיך טאַקע מיטן וואָרט ליכט.

„נאָוואָליפּיע 7" טראָגט דעם פיינעם ריח, דעם גוטן אַראָמאַט פון דעם שפּרודלדיקן יידישן לעבן, וואָס איז נאָך קוים נעכטן געווען און — פאַרשוווּנדן. איז טאַקע גוט, וואָס ב. שעפנער האָט פאַרפיקסירט דאָס דאָזיקע לעבן פאַר דער יידישער געשיכטע.

ישעיהו שפּיגל

צו זיין עולה זיין אין ישראל

„ניי וועלט" — 1951

ברייט און טיף האָט זיך דאָס גרויסע פאָלקס־אומגליק פונאַנדערגעלייגט אינעם דיכטערס האַרץ. געהערט דאָך ישעיהו שפּיגל צו די געציילטע וואָס האָבן אַליין אויף דער אייגענער הויט אָפּגעפּילט די גרוילִיקע היטלער־יאָרן; אַליין דערפילט — ווי שפּיגל זאָגט אין זיין לידער־בוך „און געוואָרן איז ליכט": דעם טויט פון אַלע טויטן; די פּיין פון אַלע פּיינען און דעם וועג צו אַלע תהומען.

ווי אַ שוואָם האָט שפּיגל אין זיך איינגעזאַפּט די שרעקלעכע קאַשמאַר־יאָרן אין לאָדזשער געטאָ־שטייג און שפּעטער, נאָך דער באַפרייאונג, גענומען אויפּ־וויקלען פאַר אונדז די בלוטיקע מגילה פון מלכות געטאָ.

דאָס רוב דערציילונגען זיינע זענען טיף־לירישע. אָבער גראָד אין די שטילע שילדערונגען שטעקט טיפער פּראָטעסט און אויפרייס־כוח; גראָד די קול דממה דקה־נאָוועלן קלינגען ווי אַן אייביקער „זש'אַקיוז" און דעקן אויף דעם קין־צייכן פון דייטשן פאָלק.

אין זיין ערשטער נאָוועלע „ערד" (אין בוך „מלכות געטאָ") שילדערט אונדז י. שפּיגל די ערשטע מלחמה־טעג אין אַ פּויליש דאָרף, וואָס איז אַנטלאָפן קיין וואַרשע מחמת מורא פאַרן אָנקומען פון די דייטשן. בלויז איינער איז געבליבן: דער ייד יאָסי־בער, וואָס איז דאָ איינגעזעסן געווען שוין פון דורות. דאָס דערפל איז געבליבן ליידיק און אויפן זאַמדיקן שאָסיי שטייט אַ הייפל פאָלקס־דייטשן, וואָס טראָגן אויף זייערע שפּיציקע אַקסלען יעגער־ביקסלעך און וואַרטן איצט אָפּ דאָס קומען פון זייערע. דערוויילע, אָבער, פאַר היימלעכקייט וועגן, נעמען זיי אַריין יאָסי־בערן אינמיטן און —

„...זיי נעמען אַרויס פון די כאַלעוועס דינע, לאַנגע באַגנעטלעך און זעצן זיי אַרויף אויף די ביקסלעך. מיט די שפּיצן פון די באַגנעטלעך קיצלען זיי די באָר־וועסע פיס פונעם ייד. יאָסי־בער הויבט אָן שפּרינגען פון איין פוס אויף צווייטן. אויפן לינקן פוס האָט זיך באַוויזן אַ דין שנירעלע בלוט" און — „דאָס קופּקעלע מענטשן קייכט אין אַ שדים־געלעכטער".

יאָסי־בער האָט אַזוי לאַנג געטאַנצט ביז... זיין ווייב דאָבע האָט אים אין צוויי טעג אַרום אונטער אַ בערגל געפונען.

דאָס איז געווען די אוווערטורע צום גרויזאַמען טייוול־שפּיל פון די פעלקער־מערדער — די דייטשן.

אין זיינע וויטערדיקע דערציילונגען זענען די דייטשן כמעט ווי נישטאָ. ער שיילט אַרויס באַזונדערע טיפּן יידן און שילדערט זיי אין קלעם פונעם ברוינעם אומגליק.

שפּיגלס קינסטלערישע אויג און דיכטערישע אינטואיציע דרינגט אַריין אין די סאַמע טיפענישן פון נשמה און האַרץ פון זיינע העלדן. ער צעגראָבט און ברענגט אַרויס די אינערלעכסטע געפילן, וואָס ליגן פאַרטייעט אינעם מענטשן; ער פאַרהוילט אויך נישט פאַר אונדז די גראָבע חושים, וואָס האָבן אין אים געדרימלט טיף און די צייט האָט זיי אַרויסגערופן פון באַהעלטעניש.

די יידן פון מלכות געטאָ גיט שפּיגל אָן רעטוש, אָן אָרנאַמענטיק, און דערפאַר — עכט בית... אומהיימלעכקייט.

שפּיגל דעקט אויף אַ סך אייטערדיקע וווּנדן, וואָס שניידן אונדזער נשמה ביז קראַמפּהאַפטער וויטאָג.

ווען מיר לייענען דאָס בלוטיקע קאַפּיטל „די גילדענע יויך" — אין זיין בוך „מענטשן אין תהום" — ביילן מיר די פּויסטן און שיקן אָן אייביקע קללה פאַר די, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט אַזאַ לעבן; קעגן די, וואָס האָבן דערפירט פּיוּוישן צו ווערן אַן אויסוווּרף; קעגן די, וואָס האָבןביילען דערפירט צום אָפּגרונט פאַרן פּרייז פון אַ ביסל יויך פאַר איר הונגעריק טעכטערל חוהלע; קעגן די, וואָס האָבן דערפירט דערצו, אַז אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע זאָלן אַ גאַנצע נאַכט — אַ נאַכט פאַר אַ קינדער־אַקציע — זיך אַמפּערן אין יסורים מיט דער דעה ווען פון זייערע צוויי טייערע קינדער אָפּצוגעבן די דייטשן:

„— ווי קען איך אָפּגעבן בערלען, גזלן... קוים דריי יאָר... ווער וועט זיך אויף אים אומקוקן? ער קען זיך אַליין די הייזלעך נישט אָנטאָן... די שיכלעך...

— טאָ אפשר גיטעלען? זי איז דאָך שוין אַ דערוואַקסענע... מענטשן וועלן קענען האָבן פון איר אַ נוץ... זעקס יאָר אַ מיידעלע וועט דאָך נישט פאַרפאַלן ווערן...

— כ'וועל זיי ביידע אָפּשחטן היינט ביינאַכט, הערסט? כ'וועל זיי אָפּשחטן איידער זיי אָוועקגעבן דעם דייטש... אָפּשחטן וועל איך זיי...".

גרענעצלאָזער צער, פּיין, יסורים, טויט־אַנגסט און פּייניקנדיקער הונגער האָט געהערשט אין געטאָ־קלעם. נישטאָ קיין שרעקלעכערער טויט, ווי דאָס אויסגיין פון הונגער. נישט אומזיסט זאָגט מען: „די שווערד פון ברויט איז ערגער ווי די שווערד פון טויט". אָבער אויך די נאַטור האָט, פּונקט ווי דער הונגער, אכזריותדיק זיך אַראָפּגעלאָזן איבערן געטאָ. פראָסט, ווינט, שניי, זון, שטערן, לבנה, הימל — אַלץ, אַלץ האָט צוגעשפּילט: „די וואָלקנס איבערן געטאָ האָבן זיך צונויפגעקנוילט אויף איין אָרט און אָנגעהויבן שפּינען לויזע קרעפּ־טיכער", „די זון אין געטאָ איז תמיד אַ טרויעריקע", „די נעכט אין געטאָ זענען ווי אינדרויסן", „ערגעץ קעגנאיבער איז געבליבן הענגען אַ שטיק שוואַרצלעכע רויטקייט, ווי אַ פאַרזעצט שטיק בלוט, פון דער זון, וואָס איז נישט לאַנג דאָ אונטערגעגאַנגען", „ערגעץ

אויף די צפון־פליינען הינטער די דראָטן האָט זיך דער זעלבער ווינט שפּעטער צעהוליעט מיט אַ פּראָסטיק לאַכן און געכיכיקעט ווי אַ נישט־גוטער".

אַ באַזונדער קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פֿאָר שפּיגלס אַריינדרינגען און שילדערן די געפילן־וועלט פונעם קינד אין די בלוטיקע געטאָ־יאָרן. „ברויט" און „בליעכץ" וועלן זיכער לאַנג באַשעפטיקן דעם קינדער־פּסיכאָלאָג. פון ביידע עכט־קינסט־לערישע דערציילונגען זעען מיר, ווי די גרויסע טראַגעדיע האָט צעטרייסלט דעם קינדס נשמה, אַז עס איז, ווי מען זאָגט, איבער נאַכט אַלט געוואָרן און אָנגעהויבן אַנען און באַנעמען, וואָס עס קומט פֿאָר מיטן פֿאָלק. קינדערשע הערצלעך האָבן, ווייזט אויס, מערער געפילט ווי פֿאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פֿאָר אַרום זיי.

אָבער אויך די הויז־חיות אינעם געטאָ — פערד, קי, ציגן און הינט, האָבן גיך דערפילט דעם גרויסן בראָך: קי זענען געוואָרן טרויעריק, ציגן — דערשראָקן און הינט האָבן זיך געלאָזן שטויסן מיטן דייטשס שטיוול און צומאָל קיין ביל נישט געטאָן אויפן דייטש. „עפּעס אַ פלוצימדיקע געליימקייט און אָנמאַכט האָט אין זיי אָפּגעטויט זייער הינטישן כעס און מרידה" („ניקי", זייט 21).

אין דער־אָ בלוטיקער זאַווערוכע, אינעם דאָזיקן תהום פון טראַגישע איבער־לעבונגען, דערזעט אָבער דער גרויסער קינסטלער דאָס געדעמפטע ליכט, וואָס רייסט זיך אַדורך דאָ און דאָרט.

י. שפּיגל שילדערט אונדז אַ פֿאַרוויאַנעט לעבן פון אַ מיידל, זעלדע, וואָס האָט געהאַלטן נאָענט פֿאַרן חופּה־טאָג, אָבער דער דייטש איז פלוצים אַריין אין שטעטל און דער חתן אירער איז ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און — „עס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַן אכזריותדיקער ווינטער מיט טעג בלאָ־אָנגעלאָפּענע און גע־שוואָלענע פון הונגער. אין די קליינע שמאָלע געסלעך יאָגן זיך ווי רוחות די דריי טויט־וועגעלעך, וואָס קלויבן פון די שטובן די פֿאַרפרוירענע און געשטאָר־בענע". פון הינטערן וואַנט האָט זיך פלוצים דערהערט אַן אומאויפהערלעך געשריי. זעלדע איז אַריין און געזען ווי אויף אַ ביסל שטרוי איז עמעצער געלעגן אין געשווילעכץ מיט אַ געל, איינגעפֿאַלן פּנים. די אויגן זענען נאָר געווען גרויסע און ברענענדיקע. זעלדעס צאַנקענדיק לעבן האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן אויפטייען און אין איר איינגעפֿאַלן האַרצן האָט אויפגעבליט דער פרילינג — די ליבשאַפט צום קראַנקן לייבושלען:

„...זי וואָלט אַוועקגעגעבן דאָס ביסל וואַרעמקייט פון אונטער איר האַרץ, אַבי אים שטעלן אויף די פיס. אירע מיידלשע גלוסטונגען, וואָס זענען ביסלעכוויַז אויסגעגאַנגען אינעם שווערן צעבראָכענעם לעבן, האָבן פון ערגעץ־ווו, פון אַ ביסל נאָך טליענדיקן וואַרעמען אַש, געוואָרפן אַ טייענדיקע וואַרעמקייט אויף דער געלער הויט פון איר ברוסט." („ליכט פון אָפּגרונט").

אויך אין זיין צווייטן קינסטלערישן בוך — „מענטשן אין תהום" — טרעפן מיר אָן אויף מענטשן, וואָס די ביטערע צייט האָט זיי אַזוי דערדריקט און צו־זאַמענגעבראָכן, אַז ס'איז שוין, דאַכט זיך, נישט געבליבן קיין פּיצל אָרט פֿאַר שענערע געפילן אין זייערע צעפּייניקטע הערצער — דערזעט אָבער שפּיגל דאָ

און דאָרט אַ ליכטיקן שטראַל, וואָס וועקט בטחון אין אַן אויפגייענדיקן לעבן. צו די־אָ נאָוועלן געהערט: „ניקי״ און „מאַכעלע״. „ניקי״ איז אַ פּאַרטיפּטע פּסי־כאָלאָגישע שילדערונג, ווו דער מחבר וואַשט־אָפּ די ווונד פון שטויב און ווייזט דער וועלט איר לויטערקייט.

שפּיגל האָט אויפגעכאַפּט דעם ריטעם פונעם געטאָ־דופק און פאַרפיקסירט אויף אַן עכט־קינסטלערישן אופן די דינסטע ניואַנסן פון דער געפילן־וועלט, אַטמאָספער און געמיט פון די געטאָ־איינוווינער אַזוי, אַז מיר דערפילן דעם געטאָ־ריח; מיר דערפילן אין יעדער נאָוועלע זיינער, שטיקער פערזענלעך לעבן פונעם מחבר.

ווען מיר לייענען שפּיגלען האָבן מיר דעם איינדרוק, אַז זיינע דערציילונגען זענען נישט געשריבן אויף פּאַפּיר, נאָר אויף פּאַרמעט ווי אַ מגילה. יאָ, שפּיגל האָט אָנגעשריבן לדורות אַ הייליקע מגילה, וואָס מען קען נישט לייענען אָן הייליקן ציטער אין האַרצן.

באַשטייערערס-אַבאָנעמענטן:

אַנטווערפּן, בעלגיע

אַפּעלבוים הענעך
באַרינקאַ און קינדער
גוטפרוינד מאַרקוס
גרין מישעל
האַבערקאָרן אַלבערט
האַבערקאָרן זשול
זיסקינד דוד
טרעשאַנסקי דוד
לאַפּאַ אברהם
לוביטש אברהם
לעהרער ישראל
לעמפּעל מישעל
לייזער אפרים
מילעט יעקב
סאָבעל פּנחס
עקשטיין האַרי
פּאָלאַק א. פּ.
פּסח גבריאל
פּאַפּערבוך יהושפט
פּרעזעראָוויטש אפרים
פוקס עמעריך
קאַץ דוד
קאַץ זשאָזע
קאָרן דוד
קאָרנרייך איזי
רייטער ווילי
רינגער שלמה
שולץ אברהם
שטיינבערג מאָריס
שיינפעלד מאַרטין
שיינפעלד מיכאַל

בריסל, בעלגיע

אַבענד ש.
בורשטין יוסף
בינדער עלעק
גאָטאיינער מאַקס
דאָברושקעס א.
ווילליגער שייע
לאַנדמאַן וואָלף און העלען
לאַנדמאַן הענרי
לאַנדמאַן אַרמאַנד
מאַרקאָווסקי זשאַק
ניימאַן יוסף
קנאָבלאָך מ. י.
שבתזאָן

ישראל

גאָלדבערג חוה
נוסל יעקב און הדסה

מעלבורן, אויסטראַליע

„ראַדאָמער צענטער"
אורבינדער יצחק און חנה
אורבינדער יעקב און לאה
בענעט שמואל
האַנדעלסמאַן ס.
הענדעל נ.
טענענבוים ס.
עלפאַנד יהושע
קאָרמאַן לעס
קאָרמאַן מאָטל

פּאַריז

ראַדאָמער סאָסיעטע
באָרעט
גרובמאַן
וויסבערג פאַני
וועקסעלמאַן
מילשטיין באַלטשע
סינדעל
פונק ישכר
פרידמאַן לעאָן

פלאָרידאַ, אַמעריקע

אָפּאָלעק הענרי און לענאַ
הובערמאַן חיים און חנה
זיגלבוים ישראל און עליס
פערשקאָ חיים און שרה
פראַנק עלזע

משה קנאַפּהייס

סאָנעט פאַר גבריאל ווייסמאַן

צו זיין יובל יאָרן שאַפערישקייט

איך זוך דעם סאַמע נאָנטן וועג צום וואָרט אין דיר
דורך היילגענג, קעלערן, פאַרבאָרגענישן, טיפן.
דאָס פאָלקוואָרט אינעם פאָלקמויל הערט נישט אויף צו טריפן
מיט האָניק און מיט מילך בײַ איטלעכן באַריר.

דער פאָלקלאָר־קלײַבער איז געגליכן צו דער בין,
זיי טוען ביידע זייער אַרבעט בגילופין.
ווי קינדער פלאַטערן אַרום זיי זאַרגלאָז, שטיפן
און ווייסן נישט פון אָט דער מי דעם טיפן זין.

איך שטיי פון ווײַטן, כ׳קוק זיך צו און אָבסערוויר
ווי ס׳וואַקסן אָן די האָניקפלאַסטן פון דײַן וואָרט
און ס׳איז אַ שאָד מיר יעדער טראָפּן וואָס כ׳פאַרליר.

פון גורל איז באַשטימט פאַר איטלעכן זײַן אָרט
און ס׳הויכע קול און ס׳שטילע תפילה־וואָרט דערשפּירט
דעם זעלבן טעם פון קוואַליקן געטראַנק אין קוואָרט.

(בוענאָס־איירעס, אויגוסט 10, 1977)

א ספּעציעלן דאַנק
מיינע ליבע פריינד

סאָפי און **יעקב לעוו**

אין בריסל, בעלגיע

פאַר זייער מי און צייט,
וואָס זיי האָבן אָוועקגעגעבן
בכדי מיין בוך זאָל אַרויס
אויף דער ליכטיקער שיין.

א באַזונדערן דאַנק

דעם דרוקער־פּערסאָנאַל

פון דפוס „אורלי״ —

פאַר זייער שטיין אויף דער וואַך,

אַז מיין בוך זאָל אויסגעפּירט ווערן

פּינקטלעך — בשלמות.

מיט מיין באַשטייערונג פאַרן ביכער־פאָנד, וויל איך פאַראייביקן דעם נאָמען
פון מיין אומפאַרגעסלעכער מוטער

ר י ב ה

און מיין שוועסטער

א ס ת ר

וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די נאַצישע לאַגערן,

און דעם נאָמען פון מיין ליבן פאָטער

שמחה ווייס

...ינער פון די אוד מוצל מאש, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין ניי סאַנץ (פּוילן)
דעם 10.11.1892 און געשטאָרבן אין בריסל דעם 10.11.1956.

זון: **מנחם**

שנור: **דעניס**

בריסל